STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06382

# NOKHN MABL

Lili Berger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאָכן מבול

לילי בערגער

לילי בערגער

# נאָכן מבול

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1967

LILI BERGER

# PO POTOPIE

Red. D. SFARD
רעד. ד. ספֿאַרד
Okładkę projektował: D. GRACZ
הילע פּראָיעקטירט: ד. גראַטש

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch” Warszawa Nowogrodzka 5

Nakład 2.200 egz. Druk ukończono w czerwcu 1967. Ark. druk. 15,5.
Ark. wyd. 12. Papier druk. sat. kl. III. 61 × 86, 90 g.
Pras. Zakł. Graf. RSW „Prasa”, Al. Jerozolimskie 125. Zam. 210. T-93

## I

דעם גאַנצן זומער האָבן מענטשן מיט בענקעניש געוואַרט אויף אַ ביסל זון, געהאָפט אויף אַ שטיקל בלויען הימל. די מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע האָט אפילו פאָרויסגעזאָגט אַ סעזאָן פון רעגנס און געוויטערס, נאָר מאַלע וואָס די מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע זאָגט. נישט איינמאָל איז זי זיך טועה. פאַראַיאָרן האָט זי צוגעזאָגט אַ שיין וועטער און נישט געטראָפן. צום בעסטן טרעפן צו די אייגענע ביינער, אַז זיי הייבן אָן צוברעכן, מעג מען זיי גלייבן, מער ווי דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע.

דאָס מאָל האָט זי אָבער יאָ געטראָפן. די זון איז געוואָרן אַ זעלטענער גאַסט אויפן הימל. האָט זי זיך שוין יאָ באַוויזן, האָט זי לאַנג נישט אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ מיט די קנוילן גרויע וואָלקנס, וואָס האָבן ווי צערייצטע היות געדרייט זיך ווילד מיט אויפגעריסענע מיילער, דראָענדיק איינצושלינגען יעטוועדן שטראַל אירן. ווי גיך זיי פאַריאָגן זי, די זון, הייבט אָן פון זייערע שוואַרצע, צעפראַלטע פיסקעס צו גיסן, ווי פון צעבערס. דער הימל אַן אָנגעכמורעטער, אַ פאַרוויינטער, לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק צו דער ערד און שטעקט אָן די מענטשן מיט זיין מעלאַנכאָליע.

„אַ משוגענער זומער“, האָבן מענטשן געזאָגט, „משוגענע וועטערס“, אַלץ גייט אַרויס פון די רעלסן, דער זומער איז מער קיין זומער נישט, דער ווינטער קיין ווינטער. און אַלץ צוליב יענע זאַכן. ווער ווייסט וואָס זיי וועלן נאָך אָנמאַכן מיט די אַלע עקספּערימענטן. איידער זיי וועלן דערפירן צו אַ גרויס אומגליק, צעדרייען זיי דערווייל דעם קלימאַט.

צי צוליב דער־אָט צעדרייעניש, אָדער צוליב עפּעס אַ קאַפּריז פון דער נאַטור, איז אין מיטן האַרבסט געוואָרן זומער, אַלץ הייסט זומער, ברע-

נענדיקע היצן. די פֿאַרשפּעטיקטע זון האָט זיך אַן אײַל געטאָן אָפּצוגעבן איר חוב. אַ צעשטראַלטע שפּאַצירט זי זיך איבערן אויסגעלייטערטן, בלויען הימל און גליט מיט אַן עכט־זומערדיקן גלי. די נאַסע, אָנגעוואַרעמטע ערד וואַרפֿט אַרויס נײַע שפּראָצונגען; ביימער, אויף וועלכע דער האַרבסט האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרמאָסטן אָפּצופֿליקן פֿון זיי די בלעטער, הויבן אָן אַרויסגעבן פֿרישע קנאָספּן. צווישן די פֿריצײַטיק פֿאַרוועלקטע גראָזן ווערן געבוירן צאַרטע גרעזעלעך און בלימעלעך.

דער גרויסער שפּיטאָל־פּאַרק, וואָס ליגט ווײַטלעך פֿון שטאָטישן הוהאַ, שמעקט מיט פֿרילינג. די ביימער און בלומען־בייטן גלײַכן צוריק אויס זייערע רוקנס. די שורות הײַזער און צעוואָרפֿענע ווילעס טרוקענען זיך אויף דער זון נאָך די זומערדיקע רעגנס. און זי, די זון, קאַרגט נישט, באַגיסט דעם שפּיטאָל־שטח מיט אַ שפּע שטראַלנדיקער וואַרעמקייט און פֿאַרבעט די פּאַציענטן אויף אַ שפּאַציר.

דער אַנשטאַלט פֿאַר פּסיכיש־ און נערוון־קראַנקע איז אַן אָפּגעשלאָסענע מלוכה, אַ וועלט מיט אייגענע געזעצן, אינסטיטוציעס און פֿאַרשידענע שיכטן בירגער, יעדער שיכט איז אונטערגעוואָרפֿן אַן אַנדער געזעץ, יעדער שיכט האָט אויך זײַנע באַזונדערע פּריווילעגיעס.

ווײַט פֿון דער הויפּט־געבײַדע און פֿון דער ברייטער אַלייע, טיף אין פּאַרק אויף רעכטס, ליגט הינטער אַ שורה איינשטאָקיקע הײַזער אַן אַרומגעצוימטער שטח, ווי אַן איזאָלירטער גאָרטן. דאָס גראָז צעטראָטן, די סטעזשקעס צווישן די שיטערע ביימער זיגזאַגיקע, אויסגעטראָטענע מיט נערוועזע, נישט קאָאָרדינירטע טריט. דאָ און דאָרט אין שאָטן פֿון אַ בוים, אַ שטיינערנע באַנק, וואָס דערוואַרט זיך זעלטן אויף אַ גאַסט. די שפּאַצירנדיקע פּאַציענטן האָבן נישט ליב צו זיצן, זיי טראָגט און יאָגט אַן אומרו, אַן אומקלאָרער באַגער, אַ פֿאַרנעפּלטער פֿאַרלאַנג, אַנגסט און שרעק, וואָס האָבן זיך פֿאַרקליבן אין זייערע פֿאַרטונקלטע מוחות און צעקלעמטע הערצער.

די אומגעריכטע, זומערדיקע זון האָט זיי איצט אַהער צוזאַמענגעבראַכט. איינע זענען אַרויס אין די צעשפּיליעטע שפּיטאָל־כאַלאַטן, אַנדערע נאָרמאַל געקליידט, איינע שפּאַנען מיט גיכע טריט, רעדן הויך, זשעסטיקולירן, אַנדערע שלעפּן זיך פּאַמעלעך, פּלאָנטערן מיט די פֿיס נערוועז, רעדן פֿלעגמאַטיש אָדער שווײַגן, שטעלן זיך אָפּ, קוקן מיט צע־

שטרייטע, אומהיימלעכע אויגן. אויף אַלעמענס געזיכטער איז אָבער אויסגעשפּרייט פֿאַרלוירנקייט, אומזיכערקייט, אומצופֿרידנקייט, אומצוטרוי, פֿאַרדרוס אָדער סאַרקאַזם. ביי איייניקע פּאַציענטן זענען די האָר אויפֿן קאָפּ צעשויבערט, ווי זיי וואָלטן זיי נערוועז געקעמט מיט די פֿינגער.

אַ הויכער, דאַרער מאַנספּאַרשוין פֿון אַן אומבאַשטימטער עלטער, וואַרפֿט זיך מער פֿון אַנדערע אין די אויגן. ראשית מיט זיין וווקס — אַ לאַנגער ווי אַ פֿלאָקן. ער שפּאַצירט מיט די הענט אין די קעשענעס, דאָס פּנים ערנסט, געשפּאַנט, קענטיק אין מוח פּלאָנטערן זיך געדאַנקען. פֿון מאָל צו מאָל הויבט ער אָן שפּאַנען נערוועז, ווי דער פּלאָנטער פֿון געדאַנקען וואָלט אים אונטערגעיאָגט. פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ צווייטן פּאַרשוין, וואָס שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. עפּעס דריקט יענעם שטאַרק אויפֿן האַרץ, די משפּחה האָט נישט לאַנג צוריק אים געבראַכט אַהער, ער קאָן דאָס נישט מוחל זיין און קאָן אויך נישט שלום מאַכן מיט זיין נייער רעזידענץ. דער הויכער, ווי אַ לאַנגער פֿלאָקן, זעט נישט יענעמס שווער געמיט, אים ליגט אויך עפּעס אויפֿן האַרץ, וואָס ער דאַרף אַרויסוואַרפֿן פֿון זיך, ער שיסט אויס:

— אַ וועלט, אַ וועלט, זינט די וועלט איז אַ וועלט, איז נאָך אַזאַ וועלט נישט געווען, אַ משוגענע וועלט. אַלע משוגע, און ווילן מיר איינרעדן, אַז איך אויך. זיי מיינען, איך וועל זיך לאָזן, זאָל איך נאָר באַקומען מיין דיפּלאָם, אָן אַ דיפּלאָם קאָן מען הײַנט נישט לעבן, זאָל איך נאָר פֿאַרענדיקן, כ׳וועל זיי ווייזן!

דער נישט לאַנג געקומענער, אַ נידעריק פּאַרשוינדל מיט גליענדיקע אויגן און אַראָפּגעלאָזענער אונטערשטער ליפּ, וואָס צוקט אָונטער, קריכט אים אַריין אין די רייד:

— וואָס ווילן זיי פֿון מיר, זאָגט איר מיר, וואָס ווילן זיי פֿון מיר?

ער נעמט דעם לאַנגן אָן פֿאַר דער פּאָלע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל נישט אַנטלויפֿן, זוכט ביי אים אַן אָנשפּאַר, אַ באַשייד:

— זאָגט איר אַליין, איך בין שולדיק, וואָס כ׳קאָן נישט שלאָפֿן? האָבן אַ טענה צו מיר, באשר בכן איך רעד ביינאַכט. אַז איר וועט נישט שלאָפֿן וועט איר נישט רעדן? פֿאַרוואָס האָבן זיי מיך געבראַכט אַהער? משוגע זאָגן זיי, איך רעד צו זיך אַליין. צו וועמען דען זאָל איך רעדן? מע וויל מיך דען הערן? מע זאָל מיך הערן, הייס איך אַלע ראַקעטעס און אַטאָם־באָמבעס אַרייַנוואַרפֿן אין ים, אַ כּפּרה די פֿיש, אָן פֿיש קאָן

מען לעבן, נאָר מע וויל מיך נישט אויסהערן, רעד איך צו זיך. איר ווילט מיך אויסהערן? ניין? איז נישט, איר מיינט אויך כ'בין משוגע, האָב איך גישט וואָס מיט אייך צו רעדן.

אַן אויפגעבראַכטער צעלייגט ער אומגעלומפּערט די הענט אין אַן אומבאַהאָלפּענעם זשעסט, מעסט אָפּ זיין שכן מיט ווילדע אויגן און פאַרלאָזט אים אַ בייזער.

דער דאַרער פאַרשוין, הויך און טרוקן ווי אַ פלאָקן, קוקט מיט צעטראָגענע אויגן אין דער ווייט. דער מאָנאָלאָג פון דעם בעל־דרשן האָט לחלוטין צו זיין מוח נישט געטראָפן, ער איז באַהערשט פון אַן אידעע פיקס, אין קאָפּ דרייען זיך זיגזאַגיק נישט קאָאָרדינירטע געדאַנקען. ערשט אַ געפּאַקט מענטשל מיט אַ גוטמוטיקן אויסזען רייסט אים אַרויס פון זיין פאַרטראַכטקייט. דאָס מענטשל מיט אַן אָנגעבלאָזן, פאַרפלאַמט פּנים טשעפּעט זיך צו אַלע מאָל צו אַן אַנדער רימל און לייגט אַוועק די זעלבע דרשה:

— כ'זאָג אייך, זיי וועלן די וועלט חרוב מאַכן, אַז מע וועט זיי לאָזן וועלן זיי אַלץ אומברענגען, מיך, אייך, אייך אויכעט. איר ווילט וויסן ווי אַזוי? לאָזט אייך דינען, קיינער ווייסט נישט, איך ווייס, איך וועל אייך אויסזאָגן דעם גאַנצן סוד, לאָזט אייך דינען, כ'וועל אייך...

דער דאַרער פאַרשוין, הויך ווי אַ פלאָקן, רייסט זיך אויף מיט רוגזה:

— לאָזט מיך אָפּ, כ'וויל נישט וויסן, כ'האָב מיינע אייגענע דאגות! כ'דאַרף מאַכן אַ דיפּלאָם, איר פאַרשטייט? אַ דיפּלאָם, צו מיינע דערפינדונגען.

דער קאָפּ איז אים איינגעשפּאַנט אין איין זאַך, ער טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט, איצט רוט נישט ביי אים דער מוח, אין קאַמער רוען אויך די הענט נישט, ער מוז צייכענען מאַשינען, בריקן, הייזער, און זען ס'ווערט אים דערעסן, נעמט ער זיך צו מאָלן מיט וואַסער־פאַרב ביימער, טייכן, בערג, אַלץ אין הייס־וואַרעמע קאָלירן. ווי גיך עס פאַרבעסערט זיך ביי אים, הערט ער אויף צו מאָלן. צוויי מאָל האָט ער שוין געהאַט פאַרלאָזט דעם אַנשטאַלט און דעמלט אינגאַנצן פאַרלאָזט אויך דאָס מאָלן, נישט גענומען קיין פּענדזל אין האַנט, פּונקט ווי ער האָט פריער דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. אין די לאַנגע, רעגנדיקע טעג האָט ער פאַרנוצט אַן אַ שיעור פּאַפּיר. דאָ אויפן שפּאַציר זענען אים באַפאַלן זיינע טראַכטעניש, דער־אָ האָט אים געשטערט און אויפגעבראַכט.

ער לאָזט זיך גיין גיך פאַר זיך, שפּאַנט דורך די גאַנצע לענג ביז ער קומט צו צו דער פאַרצוימונג, וואָס פאַרהאַלט אים. זיינע צעשטרייטע בליקן האָבן זיך מיטאַמאָל קאָנצענטרירט. אַנטקעגן אים, פון דער צווייטער זייט פאַרצוימונג, קומען אָן צוויי פרויען, זיי שלעפּן זיך מיט פּאַמעלעכע טריט. אַ מיטליאָריקע, פלעגמאַטישע פרוי מיט אַ צעגאָסן פּנים האַלט זיך אָן אין איר באַגלייטערין, וואָס שטעלט שנעלער די טריט. זי איז יונג, אין איר אָפּגעצערט, ווייבלעך פּנים ברענען צוויי שוואַרצע אויגן, זיי זעען נישט, די צעטראָגענע אויגן, ווי עס האָבן זיך אין איר איינגעגעסן די בליקן פון יענעם, וואָס פון דער צווייטער זייט פאַרצוימונג. די עלטערע פּאַציענטקע האַלט זי ביים אָרעם, רעדט אַריין אין איר און גיט צו פאַרשטיין:

— מ׳זאָגט מ׳דאַרף זיך איינוויקלען אין ווייסע לייַלעכער, אין נאַסע, גוט זיך אַרומוויקלען, ס׳פּנים אויך, דעם גאַנצן קאָפּ, פון קאָפּ ביז די פיס. נאָר ווו נעמט מען לייַלעכער? מע קריגט נישט, מענטשן האָבן אַלץ אויסגעקויפט, ליידיקע געוועלבער געבליבן, אַלץ צעכאַפּט, אַ צעכאַפּעניש געוואָרן, כ׳בין אויך געלאָפן קויפן, האָבן זיי מיך געכאַפּט, געיאָגט, געכאַפּט און געבראַכט צופירן אַהער. ווי מיינט איר מ׳וועט אונדז דאָ געבן נאַסע לייַלעכער?

איר באַגלייטערין ענטפערט מיט היץ:

— כ׳האָב זיי אין דר׳ערד, כ׳וועל דאָ נישט בלייבן, מיין מאַן האָט מיר צוגעזאָגט, ביי אונדז איז אַ טיפער קעלער, און שפּייז, כ׳האָב איינגעקויפט רייז, צוקער, מעל, צוואַנציק קילאָ, פופציק קילאָ, הונדערט קילאָ, אַז מ׳האָט צו עסן, האָט מען זיי אין דר׳ערד, זאָלן זיי פירן מלחמה, איך זיץ מיר מיט מיין מאַן אין קעלער, כ׳וועל נישט לאָזן אים גיין זיך שלאָגן.

דער הויכער פאַרשוין פאַרלירט דאָס געדולד, רייסט זיך אָפּ פון דער פאַרצוימונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון די רייד, וואָס זיינע אויערן האָבן אָקאָרשט אויפגעכאַפּט, ער שפּאַנט נערוועז פאַזע דער פאַרצוימונג ביז זיין בליק פאַלט ווידער אויף עפּעס, וואָס פאַרהאַלט אים. אין ווינקל אויף אַ באַנק זיצן עטלעכע פּאַציענטקעס. אַ פרוי מיט אַ גאָר יונגן אויסזען, מיט אַ קאָפּ געדיכטע, צעפּאַטלטע האָר, וואָס פאַלן אַראָפּ אין בויגנס איבערן פּנים, באַקלאָגט זיך הויך אויפן קול:

— אַזאַ זאַך מיר אָפּגעטאָן, נישט געלאָזט מיר פאַרענדיקן, אַרויסגענומען מיר פון האַנט. אַ מענטש טוט אַ גלייכע זאַך, טויג נישט. נאָר זיי אויף צעפּיקעניש! כ׳האָב אַרויסגעטרענט פון מיין פוטערנעם מאַנטל

ביידע ערמל, צוויי היטלען געמאַכט, איינס פאַר מיר, איינס פאַר מיין יינגל, אַז זיי וועלן שיטן מיט באָמבעס, זאָל דער קאָפ זיין גוט פאַרדעקט. דאָס ערשטע איז דער קאָפ, אָן אַ קאָפ איז מען אוים מענטש, מיט אַ פוטערנעם היטל איז דער קאָפ באַוואָרנט, האָבן זיי געזאָגט — נישט אַנדערש כ'בין אַראָפ פון זינען, אַלץ צוליב מיין שוויגער, אַ מכשפה! כ'וועל איר ווייזן, זי האָט מיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט, איך פון זינען אַראָפ! אַזאַ מכשפה!

איר שכנטע קייכט פון געלעכטער, אויף איר פנים איז שטענדיק צעגאָסן אַ נערוועזער, שגעונדיקער שמייכל, זי דאַרף נישט קיין סך אויסצופלאַצן, איצט קייקלט עם זיך דאָס געלעכטער ווילד, אומהיימלעך, דער בויך טרייסלט זיך ביי איר. אַ קליינינקע, צאַרטע פרוי מיט אַ מעלאַנכאָליש־אומעטיק פנים רוקט זיך אָפ פון איר, דאָס געלעכטער שרעקט זי, אין אירע אָרעמס טוליעט זי אַ גרויסע שמאַטע־ליאַלקע, וויגט זי איין שוויגנדיק, דאָס געלעכטער וועט אויפוועקן איר קינד, ס'דאַרף שלאָפן, דער דאָקטער האָט געמאַכט אַן איינשפריצונג, פון דעמלט שלאָפט איר קינד, מ'טאָר עס נישט וועקן, זי מוז זיך אָפרוקן. באַלד איז אָבער יענערס געלעכטער איבערגעגאַנגען אין אַ שלוכצן, אָנגעהויבן גרילצן שוואַכער און שוואַכער, ווי ס'וואָלט דאָרט אויסגעפעלט אָטעם. אַן אויסגעדאַרטע פרוי מיט אַ פאַרחושכט פנים, די לעצטע אויף דער באַנק, וואָס איז ביז איצט פאַרטאָן געווען אין זיך גופא, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די רייד פון די אַנדערע, האָט זיך אָפגערופן:

— זיי וועלן נאָך צעשטערן די בית־עולמס, ס'וועט נישט זיין וווּ צו לייגן די דערהרגעטע, כ'וויים נישט ווו מ'וועט אַלע באַגראָבן.

דער הויכער מאַנסביל, אָנגעשפאַרט אין בוים נישט ווייט פון דער אָפצוימונג, זעט אוים, ווי ער וואָלט צוגעגויגט אַן אויער צו דער פלאַפלעריי. מיטאַמאָל רייסט ער זיך אָפ פון אָרט, ווי ס'וואָלט אים עפעס שטאַרק אַ ביס געטאָן און לאָזט זיך גיין צוריק, צוערשט מיט גיכע טריט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, דערנאָך פאַמעלעכער, מורמלענדיק עפעס ביז צו זיך. ס'פאַרשטעלט אים דעם וועג אַ רירעוודיק, דראָבנע פאַרשוינדל מיט אַ גרויסן קאָפ אויף אַ דינעם, לאַנגן האַלדז, אויפן שפיץ קאָפ א"ז ביי אים אַ קיילעכדיקער לבנה־פליך איינגעראַמט אין שטרויענע האָר. ער שמייכלט תמעוואַטע, און אַז ער רעדט, גייען ביי אים די אויגן־דעקלעך אַרויף און אַראָפ, פון מויל גאַוועדט דעמלט און טייל ווערטער ווערן צעקוועטשט צווישן די ציין:

— ר'שפּאַצירט? איך אויכעט, ס'געזונט, פאַר ד'נערוון, ד'דאָקטער זאָגט, אַז מ'שפּאַצירט בייטאָג, שלאָפט מ'ביינאַכט.

דער הויכער פאַרשוין איז אַרויס פון די כלים, דאָס פּנים ווערט רויט, די אויגן צינדן זיך אָן, ווי אַלע און אַלץ וואָלטן אים דערווידערט, איצט האָט ער געפונען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען, נישט אַזוי מיט אים, ווי מיטן דאָקטער, מיטן ווייב:

— אַ ליגנט! אַ ליגנט! כ'זאָל שפּאַצירן פון פרי ביז נאַכט העלפט נישט, דער דאָקטער טראַכט אויס, מיין ווייבס דאָקטער זאָגט כ'זאָל נישט שטו־דירן, נישט מאַכן קיין דערפינדונגען, קיין ביכער אויך נישט, קיין צייטונ־גען אויך נישט, מ'קאָן, זאָגט ער, לעבן אָן דעם, כ'זאָל לאָזן אַלץ פאַלן, מיין ווייב דאָס זעלבע, אַ דאָקטער האַלט מיטן ווייב, זי מ'טאָר נישט, ער מ'טאָר נישט, אַ ווייב, אַ דאָקטער — איין צרה.

אַ פאַרבייגייענדיקער פּאַציענט אין אַ שפּיטאָל־כאַלאַט שאַרט זיך צו צו זיי און חזרט איבער מיט אַ לצנישער אויפגעלייגטקייט:

— אַ ווייב אַ דאָקטער, אַ דאָקטער אַ ווייב, איין צרה.

דאָס רימל פאַרגרעסערט זיך, עטלעכע פאַרבייגייענדיקע פּאַציענטן שטעלן זיך אָפּ, גלאָצן מיט די אויגן. דער הויכער פאַרשוין, לאַנג און טרוקן ווי אַ פלאָקן, פאַרטראָגט נישט, אַ סברה, קיין געזעלשאַפט, ער טראָגט זיך אָפּ מיט אַ ביטול־גרימאַסע אויפן פּנים. דאָס בינטל פּאַ־ציענטן צעשיט זיך אַ ביסל, ווי אַ בינטל רימער פון וועלכן ס'פאַלט אַרויס איין ריט — די גרעסטע. די פאַנאַנדערגעשיטע צעגייען זיך נישט, זיי האָבן אַ באַדערפעניש זיך אויסצורעדן, אַרויסצווואַרפן פון זייערע פינצטערע געמיטער און פאַרנעפּלטע מוחות די אַנונגען, וואָס נאָגן און דריקן דאָרט. אַ שלאַנקער, יונגער מענטש, מיט אַן אָנגעכמורעט פּנים און אומהיימלעך גלאַנציקע אויגן ווענדט זיך מיט אַ שווערער ערנסטקייט צו זיין שכן:

— נישטאָ קיין יושר, קיין פיצל יושר, אָט אויף אַזוי פיל נישט — ווייזט ער אויפן שפּיץ־פינגער — כ'זאָג ס'איז נישטאָ און פאַרטיק, כ'בין גערעכט צי נישט?

דער געפרעגטער וואַרפט אַרויס אַן אַנדערע פראַגע, ווי יענעמס ווערטער וואָלטן נישט דערגאַנגען צו זיין מוח:

— ווי מיינט איר, ס'וועט זיין מלחמה?

— מלחמה, יאָ, נאָר קיין יושר נישט, נישטאָ און פאַרטיק!

ס׳מישט זיך אַריין אַ דריטער, אַ מיטליאָריקער מענטש, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען דערלעבן הינטער אַ בוים און געלאָזן זיך צוגע־הערט, פּלוצלונג שפּרינגט ער צו און הייבט אָן פּיבערדיק איבערצייגן, ווי מען וואָלט אים נישט געוואָלט גלייבן:

— איך זאָג ס׳וועט זיין מלחמה! איר גלייבט נישט? טאָ אדרבא, זאָגט מיר, וואָס וועלן זיי מאַכן מיט די באָמבעס און ראַקעטעס? ס׳איז דאָ באָמבעס, וועט זיין מלחמה, כ׳קאָן שווערן, ס׳וועט זיין, איך האָב מורא איינצושלאָפן, איך ליג און וואַרט, אַ באָמבע פאַלט אַראָפּ און איך שלאָף, נישטאָ וועז אַראָפּצולויפן אין קעלער. איר האָט דען נישט מורא? איר ווילט מיר איינרעדן, אַז נישט, הע, מ׳קאָן זיך אויף אַזאַ אָנשטעל, נו, איר האָט מורא צי נישט?

אייניקע שאָקלען מיט די קעפּ, אַנדערע שווייגן, די פּנימער פאַרגלי־ווערט, די ליפּן פאַרביסן, די בליקן פאַרטראָגן ערגעץ־ווו. דער בעל־דרשן רייסט איבער דאָס שווייגן, ווי אַ זייגער:

— האַ, איר זעט, כ׳זאָג נישט קיין ליגן, מיין ווייב גלייבט מיר נישט, אַן איינרעדעניש זאָגט זי, דער דאָקטער זאָגט ס׳איז אַזאַ קרענק, זי — אַן איינרעדעניש, אַלע מענטשן, זאָגט זי, האָבן מורא פאַר מלחמה און אַרבעטן, זענען נישט קראַנק, אַז נישט וואָלט מען זיי אַלע געדאַרפט פירן אין קליניקעס. דו ביסט געזונט ווי אַ פערד, נאָר נעמסט זיך אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ, זאָגט זי. פרעג איך פאַרוואָס זי שלעפּט זיך אַרום ביינאַכט? אַ באָמבע קאָן איר אַראָפּפאַלן אויפן קאָפּ. זאָגט זי — דאָס משוגעת איז דיך שוין באַפאַלן. פרעג איך: ביסט אַ געטריי ווייב, יאָ, צי נישט? נעמט זי איין אַ שטומעניש און ענטפערט נישט, נו, פרעג איך אייך, ס׳וועט זיין מלחמה, צי נישט?

דער שלאַנקער יונגערמאַן מיטן פאַרמרהשחורהדיקט פּנים פירט אוים פלעגמאַטיש:

— מלחמה, יאָ, נאָר קיין יושר נישט, נישטאָ קיין...

ס׳איז צו צו אים דער „גאָלער“ מיט רעש און געפּילדער און נישט געלאָזט אים פאַרענדיקן. דער „גאָלער“ — אַזוי רופן אים די וועכטער — האָט נישט קיין איין הערעלע אויפן קאָפּ, אָבער זיין צעכראַסטעטער ברוסטקאַסטן און די אָרעמס זענען געדיכט באַדעקט מיט דראָטענע האָר, וואָס גיט צו זיין פאַרצאָרנט, מעלאַנכאָליש פּנים רוגזה; עס פאַרפאָלגט אים אַ מיסטעריעזער געוויש, וואָס שרויפּט זיך אַריין אין זיין מוח. ער איז אויף אַלע אויפגעבראַכט פאַרוואָס זיי העלפן אים נישט בייקומען

זיין שונא, ער הערט אומעטום דעם זעלבן וואָיעדיקן רויש, וואָס צעלעבערט אים דעם קאָפּ. ביז איצט איז ער געזעסן אַליין אויף אַ דערנעבנדיקער באַנק, און, ווי געווייגלעך, האָט עס אים מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן, ער האָט זיך געלאָזט הענטום־פּענדום ביז ער איז צוגעפאַלן צום רימל, ער פאַלט שטענדיק אומגעריכט צו צו עמעצן מיטן זעלבן פּזמון, וואָס גיסט זיך אַרויס פון זיין צעהיצט מויל:

— פאַרוואָס שווייגט מען? פאַרוואָס לאָזט מען? ס'רוישט אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצן טאָג, דאָס הויז טרייסלט זיך, מ'דאַרף שרייבן אַ פּעטיציע צום פּרעזידענט, אַלע צוזאַמען, אַלע, איר ווילט נישט? וועל איך אַליין!

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט זיך נאָך געהיצט און געמאַטערט מיטן רויש, ווען נישט אליהו הנביאס שליח. ער איז דאָ אַן אַלטער תושב, אַלע קענען אים און אַלע האָבן אים גערן צו הערן, ער באַרואיקט די געמיטער, ער פאַרברענגט די נעכט מיט אליהו הנביא און דעם נביאס ווערטער רעדן פון אים אַרויס, ווי אַ דיבוק. ער איז איצט אָנגעקומען צו דער ריכטיקער צייט, געוואָגדן זיך פריער צום „גאָלן“, דערנאָך צו די אַנדערע:

— ס'דערנענטערט זיך דער סוף פון דיינע לײַדן! זייט ווייסן איר אויך, ס'דערנענטערן זיך משיחס צייטן, היינט בייַנאַכט איז אליהו ווידער געקומען צו מיר, ער פרעגט, צי ס'איז גענוג צרות אויף דער וועלט, כ'האָב אים אַלץ דערציילט, אַלץ! די זון איז בייטאָג פאַרלאָשן געוואָרן און פייערדיקע וואָלקנס זענען געגאַנגען פון דער ערד, שוואַרצע וואָלקנס זענען געפלויגן איבערן הימל, אין די וואָלקנס האָבן געצויגן מחנות שוואַרצע רייטער מיט שווערדן, זיי האָבן געשניטן אויף רעכטס און לינקס, אויף לינקס און רעכטס, גענומען אויף די שפּיזן קליינע קינדער, בלוט האָט גערונען פון די ביימער, די ערד האָט געציטערט, געשפּאָלטן זיך און איינגעשלונגען מענטשן לעבעדיקערהייט, שריפות האָבן אויסגעבראָכן און קיינער האָט נישט געלאָשן. כ'האָב דערציילט אליהון אַלץ, וואָס כ'האָב געזען, האָט ער געזאָגט חבלי משיח איז דאָס געווען, איצט מוז קומען די גאולה, די וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן, ער וואַרט, משיח, די רשעים זאָלן פאַרטיליקט ווערן, מענטשן זאָלן תשובה טאָן, די וועלט איז נאָך אָנגעפילט מיט רשעות, אַלע רשעים זענען נאָך נישט פאַרטיליקט, צוליב זיי קאָן ער נאָך נישט קומען, אליהו גרייט שוין צו די גאולה, ער וועט קומען מיר אָנזאָגן דעם טאָג, אַלע מענטשן וועלן ברידער זיין, דרעסירטע הינט וועלן ווערן שעפּסעלעך, וועלן נישט בייסן, כ'האָב אים געוויזן, אליהון,

ווי די הינט האָבן געריסן פון מיר שטיקער, די רשעים האָבן זיי אָנגעריוצט, זייער סוף דערגעענטערט זיך, די גאַנצע וועלט וועט...

ער האָט דערפילט אויף זיין אַקסל די שווערע האַנט פון וועכטער און זיך אומגעדרייט מיט אַן אָפן מויל. דער וועכטער האָט שוין עטלעכע מאָל גערופן, נאָר ווער ווייסט צי זיינע רופן זענען דערגאַנגען צו זייערע אויערן, צי זיי האָבן אָנגעקלאַפט אין די מוחות, אין וועלכע ס'האָבן געווירבלט אַגונגען, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קנוילן.

די זון, אַ פייערדיקע, ווי אַ ברענענדיקער באַל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק אויפן האָריזאָנט, אָט־אָט הייבט זי אָן איינזינקען. פאַרנאַכטיקע שאָטנס קריכן שוין אַרום צווישן די ביימער. דער הייסער סוף־סעפּטעמבער־טאָג קילט זיך שנעל אָפּ, אַ האַרבסטיק קיל ווינטל הייבט אָן פלאַטערן אין דער לופט, איבערשושקען זיך מיט די בלעטער, דער בין־השמשות האָט דעם גאָרטן געטראָפן אַ ליידיקן און שטילן.

# II

די קראַנקן־שוועסטער אַננאַ האָט אויפֿגעמאַכט די טיר און פֿאַרהאַלטן זיך אויפֿן שוועל. אין צימער איז געווען פֿינצטער, ס'האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַן אומהיימלעכער שטילקייט. די שוועסטער האָט אומרויִק אַרייַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער האַלב־אָפֿענער טיר און גערופֿן:

— אַמנעזיטיס? אַמנעזיטיס, איר שלאָפֿט?

פֿון גרויסן, פֿינצטערן צימער איז נישט דערגאַנגען קיין שאָרך, ס'האָט נאָר אָפּגעהילכט אַננאַס שטימע. זי האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל גערופֿן, קיין ענטפֿער איז ווייטער נישט געקומען.

די קראַנקן־שוועסטער האָט שאָרנדיק מיט דער האַנט איבער דער וואַנט אָפּגעפֿונען דאָס עלעקטרישע קנעפּל, אָנגעדריקט און אַרייַן אין באַלויכטענעם צימער. ביים טישל, וואָס אינמיטן דער גרויסער קאַמער איז אַמנעזיטיס געזעסן צוזאַמענגעדרענגט, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די צוזאַמענגעלייגטע הענט. דער קאָפּ אייַנגענורעט, דער קערפּער אייַנגעקאָרטשעט האָט זי אויסגעזען, ווי זי וואָלט אַ פֿאַרגליווערטע צוזאַמענגעוואַקסן מיטן טישל. די האַנט, וואָס האָט זי אַ שטאַרקן שאָקל געטאָן ביים אַקסל, האָט זי אַרויסגעריסן פֿון עפּעס אַ הינערפּלעט. זי האָט פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פֿאַרגלייזטע אויגן אָנגעהויבן קוקן אַרום זיך, ווי זי וואָלט פֿון אַ קאָשמאַרן שלאָף זיך אויפֿגעכאַפּט און נישט געוווּסט וווּ זי געפֿינט זיך. אויף איר בלאַס, איידל פּנים האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אומעט און צער, אירע געדיכטע, גרויע האָר זענען געווען צעשויבערט, דער שפּיטאָל־כאַלאַט צעשפּיליעט, קוקנדיק שטאַר פֿאַר זיך, האָט זי צומאָל נישט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ צו דער שוועסטער.

די שוועסטער אננאַ האָט זי שוין געזען אין פאַרשידענע צושטאַנדן, נאָר נישט אין אַזעלכן, זי האָט געקוקט אויף איר מיט אַן אויסבאַהאַלטענער איבעררעשונג, און מיט נישט געוויינלעכער, איינגעהאַלטענער שטרענגקייט צוגעשטאַנען צו איר מיט פראַגן:

— וואָס איז מיט אייך? איר שלאָפט ביים טיש?

די קראַנקע פרוי, אַ צעטראָגענע, נאָך אַלץ אַ נישט דאָאיקע האָט געמאַכט אַן אָנשטרענג צו ענטפערן, זי האָט פּלעגמאַטיש אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, באַוועגט מיט די ליפּן, לסוף אַרויסגעוואָרפן עטלעכע ווערטער:

— ניין, נישט געשלאָפן, אַזוי נאָר.

— וואָס טוט איר אין דער פינצטער?

— גאָרנישט.

זי האָט שטיל צוגעגעבן, ווי צו זיך אַליין:

— כ'טראַכט.

— איר טראַכט?! אין דער פינצטער? אין דער פינצטער שלאָפט מען. און וואָס איז דאָס פאַראַ זיצן אַזוי אין דער פינצטער איינגעהויקערט ביים טישל? ווען איר וואָלט כאָטש ליכטיק געמאַכט.

אויפן צאַרטן פּנים פון דער קראַנקער האָט זיך באַוויזן אַ משונהדיקע גרימאַסע, אַ געמיש פון אומעט און איראָניע, זי האָט זיך אומגעלומפּערט אַ באַוועג געטאָן:

— אַלצאיינס, ליכטיק, פינצטער.

זי האָט געקוקט זייטיק, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסמיידן די שטרענגע בליקן פון דער שוועסטער, מעכאַניש צוגעטראָגן די האַנט צום שטערן און געוויזן, ווי זיך צו פאַרענטפערן:

— ביי מיר דאָ שטענדיק פינצטער.

די קראַנקן־שוועסטער אננאַ האָט נישט קיין טבע זיך צו צאַצקען מיט אַ פּאַציענט, אפילו מיט אַזעלכער, קיין קאַפּריזן האָט זי אויך נישט ליב. שוין וואָלט זי אויסגעזעזן, ווען זי וואָלט זיך איבערגענומען מיט די שטימונגען פון אַ פּאַציענטקע, זי טוט וואָס צו איר געהערט און ווייטער גייט איר נישט אָן. זי וואָלט זיך בכלל אַנדערש באַגאַנגען אין אַ סך פאַלן, מען דאַרף אַמאָל אַ שטאַרקע האַנט. מען וואָלט ווייניקער צרות געהאַט, און פאַר זיי וואָלט אויך בעסער געווען.

קיין צרות, ווי מיט אַנדערע, האָט זי אפילו נישט געהאַט מיט דער, נאָר גיי פאַרשטיי וואָס אַזעלכער קאָן איינפאַלן. אַ שטרייק געמאַכט היינט. אפשר טוט זי ספּעציעל אויף צו להכעיס? אַ קינדער־ווידער געוואָרן, דאָ

עכט זי נישט, דאָ ענטפערט זי נישט, מ'וואָלט געדאַרפט זי לאָזן זיך אויסהונגערן, מע צאַצקעט זיך צופיל מיט איר!

דאָרט ווו אַן אַנדער שוועסטער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, שיקט מע צו אַנגאַן. די פּאַציענטקעס האָבן מורא פאַר איר, נישט זי זאָל האָבן אַ שלעכט האַרץ, נאָר אַזאַ האַרטער כאַראַקטער, דאָס לעבן האָט זי נישט געבאַליעוועט, נישט באַגאַנגען זיך מיט איר מילד און זי קאָן אויך מילד נישט זיין. שוין איר אויסזען צווינגט אויף די פּאַציענטקעס זי צו פאָלגן. אַ הויכע, אַ בריוט-פלייציקע, געבויט ווי אַ מאַנסביל, מיט אַ בריוט פּנים, וואָס די גראָבע קיילעכדיקע בריל-גלעזלעך מאַכן נאָך בריוטער. צוליב איר קורצזיכטיקייט מוז זי צונייגן די באַברילטע אויגן צום פּאַציענט, וואָס מאַכט זי שטרענגער.

מיט דער אַמנעזטים איז זי זיך באַגאַנגען שטענדיק אַנדערש ווי מיט אַלע אַנדערע, אַזוי איז געווען פאַראָרדנט. איצט אָבער איז זי געגאַנגען אַהער אָנצוואַרפן איר די גייטיקע דיסציפּלין. פלוצלונג האָט ביי דער שוועסטער אַנגאַ אין האַרץ עפּעס אַ צאַפּל געטאָן. דער קראַנקערס אויסזען און דערנאָך אירע זייטיקע בליקן האָבן זי דורכגענומען, אָנגערירט ערגעץ טיף אַ סטרונע. מיט איר מוז מען פאָרט אַנדעריש, פאָרט אַ ספּעציעלער פאַל. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין מיט איר צערטלעך און היימיש, וואָס איז איר נישט לייכט אָנגעקומען. אפשר וועט זיך איר מיט גוטן איינגעבן אַרויסצושלאָגן פון איר די היינטיקע עקשנות, די נאַכלעסיקייט.

— איר האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזן, היינט נישט געגעסן, נישט שפּאַצירט, נישט גוט אַזוי, אַזאַ שיין וועטער היינט געווען און איר — אַ גאַנצן טאָג דאָ, זיצט דעם קאָפּ איינגענורעט און טראַכט. וועגן וואָס טראַכט איר אַזוי אין דער פינצטער?

די ווייכע שטראָף-רייד האָבן זי אַ ביסל אַרויסגעפירט פון דער פאַרגליווערונג. איר דאַרער קערפּער האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט אָפּגעטרייסלט פון זיך די נישט-דאַאיקייט. אויפן געזיכט צייכנט זיך אָן אַן אָנשטרענג, ווי זי וואָלט פאַר זיך אַליין געזוכט אַ תשובה אויף אַ האַרבער שאלה, זי וויל נישט אַזוי יענער ענטפערן, ווי זיך גופא, דורך די ליפּן זיפּן זיך דורך ווערטער שטילע, אָנגעלאָדענע מיט אומעט:

— וועגן וואָס כ'טראַכט? כ'טראַכט... וועגן זיך, וועגן...

זי האָט אָפּגעהאַקט. די שוועסטער אַננאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר און געקוקט אויף איר דורך די ברילן מיט זאָרגפולע אויגן, מיט אַזאַ מיטלייד, וואָס געשעט זעלטן ווען ביי איר. זעלטן ווען איילט זי זיך נישט, איצט זיצט זי לעבן איר אַזוי נאָענט, אַז ס'פילט זיך די וואַרעמקייט פון איר לייביקן קערפּער. זי האָט קוים באַוויזן אויסצורעדן עטלעכע פראַגן, ווי די קראַנקע האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אין פאַרצווייפלונג:

— כ'וויים נישט! כ'קאָן נישט! ס'קומט גאָרנישט! כ'ברעך מיר דעם קאָפּ און ס'קומט גאָרנישט.

אויף איר פּנים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואָלקן, ס'ווערט נאָך אויסגעצערטער דאָס פאַרוואָלקנטע פּנים. די אויגן ווערן פייכט, זי וויל זיי אויסבאַהאַלטן און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

זעלטן ווען איז די שוועסטער אַננאַ אַזוי איבערגענומען מיט אַן אויסברוך פון אַ פּאַציענט. אָהאָ, זי קען זיי גוט, דווקא אין אַזעלכע פאַלן פאָדערט זיך שטרענגקייט, אַ האַרבע דיסציפּלין. איצט האָט זיך איר כאַראַקטער אָפּגעטאָן פון איר, זי זוכט צו לינדערן דער קראַנקערס צאָרן, רעדט צו איר מיט אַזאַ מילדקייט, וואָס איז איר פרעמד, פּרוווט איר צוצוטרעפן:

— איר פילט זיך היינט שלעכט, האַ? געהאַט עפּעס אַן אומאָנגענעמלעכקייט? אפשר דער פוס? ס'טוט וויי?

די קראַנקע דרייט מיטן קאָפּ, אין דער ברייט, ניין, די שוועסטער האָט נישט געטראָפן, נישט דאָס, נאָר באַלד הייבט זי אָן פּלאָנטערן מיט דער צונג:

— דער פוס, יאָ, ניין, אַן אַנדער זאַך, ס'איז עפּעס... כ'וויים נישט.

— אַלץ צוליב דעם, וואָס איר עסט נישט, פאַרוואָס נישט גענומען דעם אָנגעטברויט? דערפאַר פילט איר זיך אַזוי שלעכט. און אַז מען עסט נישט, קאָן מען דערנאָך ביינאַכט נישט שלאָפן.

דאָס מעסטל איז געווען איבערגעבאַפּט, די ווערטער האָבן זי אַ בים געטאָן.

— עסן און שלאָפן, עסן און שלאָפן, כ'וויל נישט, דערעסן געוואָרן, כ'וויל נישט מער!

די היציקייט קילט זיך שנעל אָפּ, די פריערדיקע דערשלאָגנקייט קומט צוריק. זי איז איצט נישט קיין פּאַסיווע די דערשלאָגנקייט, זי

וויברירט. דער צער אויפן פנים ווערט אינטענסיווער, די קראַנקע הייבט אָן שטאַמלען:

— כ׳וויל, כ׳וויל וויסן, כ׳וויל זוכן, כ׳וויל גיין...

אַנגאַ אַ דערשטוינטע רייסט איר איבער:

— גיין? וווהין? וו ווילט איר גיין?

די קראַנקע צעלייגט מיט פאַרצווייפלונג די הענט:

— כ׳ווייס נישט, ערגעץ אַרויסגיין.

זי האָט צוגעטראָגן די האַנט צום שטערן, באַלד צוריק זי אַראָפּ־געלאָזט אין אָנמאַכט און ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, אָנגע־הויבן זיך באַקלאָגן:

— ד״ר שטערן קומט נישט מער. אַ גאַנצן טאָג אַליין, אַ גאַנצע נאַכט... געבטן אויך נישט, פאַרוואָס נישט געקומען היינט? ד״ר שטערן וואָלט מיר געלאָזט, זי וואָלט מיר...

דער שוועסטער אַנגאַ האָט עס אַ שטאָך געטאָן. דאָס האָט יענע זי אַזוי צעפּיעשטשעט. האָט זיך צעלייגט דאָ ווי ביי איר טאַטן אין ווייגאָרטן, אַ סמאַרקאַטע, און די דאָקטוירים בייגן זיך פאַר איר, אַ שיין פּנימל מיט אַ זים שמייכעלע. זי, אַנגאַ, אַרבעט שוין דאָ 16 יאָר, די גאַנצע יוגנט דאָ געלאָזן, די אַרבעט, די נאַכט־דיזשורן האָבן זי אויפּ־געפּרעסן, און וואָס? אַזאַ אייגע קומט און באַלד אַ גאַנצער קנאַקער. זי פילט, אַז יענע טרויט איר די קראַנקע נישט אָן, קיינמאָל מיט איר זיך נישט באַראַטן, נישט אויסגעפרעגט אפילו, די קרוין וואָלט איר אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. וואָלט זי נישט געווען אַזאַ שמעלקע מיטן פּראָפעסאָר, וואָלט זי זיך נישט געלאָזט בלאָזן אין דער קאַשע. ס׳וווּנ־דערט איר, וואָס אפילו אַזאַ מענטש, ווי דער פּראָפעסאָר, נאָר אַזוי איז שוין אין לעבן, אַ שיין פּנימל, דאָס איז דער עיקר. ווען נישט ער, וואָלט זי געוווסט וואָס זי האָט צו טאָן!

קוקנדיק אָבער אויף דער קראַנקער, אויף דער דערדריקטער שוויי־געניש, וואָס איז זי ווידער באַפאַלן, האָט אַנגאַ אַראָפּגעשלונגען איר פאַרדרוס, אויפגעצוווּנגען זיך אַ מילדן טאָן און געזאָגט:

— גו, גוט, כ׳וועל בעטן ד״ר שטערן צו אייך אַרייַנגיין, זי דאַרף שוין זיין, נאָר דערווייל לייגט אייך צו אין בעט, איר זענט מיד, כ׳וועל בעטן אייך ברענגען עפּעס עסן.

די קראַנקע האָט אויפסניי אויסגעבראָכן:

— מ׳דאַרף נישט! ברענגט נישט! כ׳וועל נישט עסן!

— נו, גוט, גוט, איר זענט היינט זייער קאַפּריזנע, איר ווייסט אַליין נישט וואָס אירווילט — האָט די שוועסטער זי מילד אויסגעשטראָפּט און פאַרלאָזט האָס צימער.

אַמנעזטים איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, ווי ס'וואָלט איר שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון שטול. דאָס צימער איז גרויס און פּוסט און אומעטיק, און אַזוי ענג איז איר דאָ. זי קוקט זיך אַרום מיט צעשראָקענע אויגן, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט. דער עמעצער איז ערגעץ? נאָר ווער איז דער עמעצער און וווּ איז ער? די פיס זענען ווי קלעצער, אַז זי זיצט אַ גאַנצן טאָג, ווערן זיי נאָך שווערער, נאָר זיי ווילן גיין די פיס.

זי האָט אָנגעהויבן מיט שווערע, לאַנגזאַמע טריט צו שפּאַנען איבערן גרויסן, לערן צימער. די אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט, דאָס מויל האַלב אָפן.

מיטאַמאָל בלייבט זי שטיין, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל. בלויז די אויגן לויפן אין די אויגן־לעכער הין און צוריק, און די ליפּן ציטערן:

— וואָס כ'וויל? זי זאָגט כ'ווייס נישט, גיין, כ'ווייס נישט וואָס כ'וויל, און איך ווייס נישט ווער איך בין. איך ווייס נישט, זי ווייסט נישט, קיינער ווייסט נישט. איך? ווער? ווער בין איך? פון וואַנען? פאַרוואָס?

זי קוקט שטאַר פאַר זיך און רופט שטיל, ווי זי וואָלט האָרט עמעצן געזען און הילף געבעטן:

— כ'וויל אַרויס פון דאַנען, ערגעץ גיין, כ'מוז, כ'וועל זוכן, כ'וועל...

דעם שטילן מאָנאָלאָג האָט איבערגעריסן ד״ר עוואַ שטערן.

# III

אַז צו עוואַ שטערן דערגייען שלעכטע ידיעות וועגן דער אַמנעזטים, געפינט זי שטענדיק אַ מיטל זיך צו באַפרייען פון דער וויכטיקסטער אַרבעט און קומט צו לויפן צו דער קראַנקער. ווי אַ מעדיקער קאָן זי איר נישט פיל העלפן, ווי אַן אויפזעערין — זייער אַ סך.

די 24־יאָריקע עוואַ איז נאָך אַ קנאַפער דאָקטער, זי האָט מיט 5 חדשים צוריק פאַרענדיקט אירע דיפּלאָם־עקזאַמענס, אָבער שוין אַ יאָר צייט ווי זי מאַכט איר סטאַזש אין אַנשטאַלט. ס'האָט איר צוגעגליקט ווי זעלטן ווער — זי מאַכט איר סטאַזש אונטער דער אויפזיכט פון פּראָפעסאָר אַנדריטש. אַדאַנק אים איז זי אויך אָנגעקומען אין אַנשטאַלט. זי איז פון לאַנג געווען אַן אַריינגייערין צו די אַנדריטשעס, פון קינדהייט אָן געחברט זיך מיט זייער אַדאָפּטירטן זון, און זאָפיע אַנדריטש האָט זי ליב, דאָס לעבן.

גלייך ווי זי איז אָנגעקומען אין אַנשטאַלט האָט פּראָפעסאָר אַנדריטש זי פאַרבעטן אין זיין קאַבינעט און פאָרגעלייגט די אויפזיכט איבער זיין לאַנגיאָריקער פּאַציענטקע. עוואַ איז געווען אין זיבעטן הימל, אַזוי פיל איר אָנטרויען; און אַדאַם אינטערעסירט זיך דאָך מיט דעם געביט, שרייבט אַן אַרבעט איבער אַמנעזיע און רעדט זי שטאַרק צו זיך צו פאַראינטערעסירן דערמיט.

זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די פּאַציענטקע וועט איר ווערן אַזוי נאָענט צום האַרץ און אַזויפיל צייט פאַרנעמען. צי דערפאַר ווייל די קראַנקע האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו איר און זי ליב באַקומען, צי אפשר ווייל זי, עוואַ, האָט אויך קיינעם נישט, קיין שום משפּחה. זינט

אַדאָס איז אַוועקגעפֿאָרן, פֿילט זי זיך פֿאַראייניזאַמט. די קראַנקע דאַרף האָבן איר הילף, איר פֿריינדשאַפֿט, אָבער זי נייטיקט זיך אויך אין עפּעס אַ נאָענט באַשעפֿעניש. אַ שטיקל צייט האָט עוואַ געהאָדעוועט ביי זיך אין צימער אַ קאַץ. ביי איר שילערין אין שטוב האָט די קאַץ געבוירן דריי קעצעלעך, איינס פֿון זיי, אַ ווייס מיט שוואַרצע לאַטקעלעך, האָט זי באַקומען אַ מתּנה. ס'איז איר היימלעכער געוואָרן מיטן קעצישן באַשעפֿעניש, וואָס איז געשלאָפֿן צופֿוסנס ביי איר אין בעט. זי האָט זיך אָבער דערנאָך געמוזט שיידן דערמיט, אין צימער איז געקומען אַ סטודענטין, וואָס פֿאַרטראָגט נישט קיין קאַץ. זי האָט איר געפּרווט אויפֿווייזן, אַז יעדע שטוב־חיה מאַכט די שטוב וואַרעמער, היימלעכער, בפֿרט אַ קעצעלע, מ'קאָן עס נעמען אויפֿן שויס, אין די אָרעמס, אַ גלעט טאָן, און סתּם אַ ליב באַשעפֿעניש. ס'האָט נישט געהאָלפֿן, יענע האָט געטענהט, זי האָט גלייכע רעכט צו פֿילן זיך ביי זיך אין צימער, און זי פֿאַרטראָגט נישט קיין קאַץ, ס'שפּילט איר אויף די נערוון.

עוואַ האָט מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ דאָס קעצל געמוזט צוריק אָפּגעבן. די נייע לאָקאַטאָרין איז אין גיכן אויך אַוועק, זי האָט געפֿונען אַ בעסער צימער, קיין אַנדערער בעלן זיך איינצוקוואַרטירן מיט איר אין דער קליינער קאַמער, וווּ די זון קוקט קיינמאָל נישט אַריין, האָט זיך אַזוי שנעל נישט געוויזן, נאָר דאָס קעצל האָט זי שוין נישט צוריקגענומען, כאָטש אַ בענקשאַפֿט האָט שטענדיק גענאָגט, ווען זי איז געבליבן אַליין צווישן די פֿיר ענגע ווענט. זי האָט מורא געהאַט איינצישטעלן, ס'קאָן ווידער קומען אַזעלכע, וואָס וועט דרייען מיט דער נאָז. ס'לוינט נישט. טאַקע היימלעכער, אָבער פֿאָרט אַ שטום באַשעפֿעניש.

די אַמנעזיעס האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויספֿילן ביי עוואַן אַ ליידיק אָרט. זי האָט זיך מיט איר באַפֿריינדעט, ווי מיט אַן עלטערער, קראַנקער פֿרוי איבער וועלכער זי וואַכט. שמועסנדיק מיט איר און אויספֿורעגנדיק זי, פֿלעגט עוואַ טיילמאָל פֿאַרגעסן, אַז זי איז אַזעלכע, אין איר דערציילן פֿאַרשידענע זאַכן וועגן זיך גופֿא.

אַ שלאַנקע, אַ צאַרטע, מיט אַ שמאָל קינדעריש פּנים, מיט בלאָנדע, יידענע האָר און ברוינע וואַרעמע אויגן, האָט עוואַ אויסגעזען כמעט נאַיוו. אין דער אמתן האָט זי פֿאַרמאָגט אַ סך לעבנס־דערפֿאַרונגען און געהאַט שוין פֿאַרזוכט פֿון קאַלטס און וואַרעמס. די מלחמה האָט פֿון דער קליינער עוואַ געמאַכט אַ דערוואַקסענע. זי האָט זיך אויסגעלערנט אַליין צו טאָרעווען אַ וועג פֿאַר זיך, צו נעמען אַ שווערע משׂא אויף זיך

און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי טראָגט זי לייכט, כאָטש זי האָט זיך אונטערגעבראָכן אונטער איר. מ׳האָט וועגן איר געזאָגט, אַז זי נעמט אַלץ פון דער גוטער זייט, מיט אַ שמייכל, מיט אַ געלעכטער. עוואַ האָט געלאַכט אַזוי נאַטירלעך, ווי זי האָט געאָטעמט. דאָס איז נישט געווען קיין אָנשטעל. אין יתומים־הויז, אין שול, האָט מען זי גערופן „די לאַכערקע“. זי האָט אויך געלאַכט, ווען ס׳האָט זיך איר שטאַרק געגלוסט וויינען, און ס׳האָט זיך איר אָפטמאָל געגלוסט.

מען האָט זי ליב געהאַט. זי האָט צוגעצויגן צו זיך, ווי אַ בלום בינען. אפילו דעם שווייגנדיקן, מרה־שחורהדיקן אַדאַמען, וואָס קיין שום זאַך איז נישט בכוח געווען אַרויסצורופן ביי אים אַ שמייכל און קיין שום מיידל האָט זיך נישט איינגעגעבן אים צו געווינען, האָט זי די ערשטע געמאַכט אַ ביסל לעבעדיקער, איינגעבראָכן זיין גלייכגילטיקייט און זיין אומצוטרוי. איר אָנשטעקנדיקער געלעכטער פלעגט אין יתומים־הויז אַרויסרופן אפילו ביי אַדאַמען אַ שמייכל. שפּעטער האָט ער שטופּנווייז אָנגעהויבן אויפטייען אונטער די וואַרעמע שטראַלן פון עוואַס ליבע.

עוואַ איז צוגעפאַלן צום האַרץ פון זאָפיע אַנדריטש. פון צווישן אַלע אַדאַמס קאָלעגן, וואָס פלעגן אַריינקומען צו די אַנדריטשעס, האָט זאָפיע אין דעם יונגן מיידל געזען דעם בעסטן פאַרבינדעטן אירן „איבערצומאַכן“ דעם אַדאָפּטירטן זון. דעם פראָפּעסאָרס פרוי פלעגט זי בעטן קומער אָפטער. נישט איינמאָל האָט די דערפאַרענע פּעדאַגאָגין אויף פיר אויגן פאַרפירט מיט עוואַן אַ שמועס וועגן זון, צופעליק, אָט אַזוי זיך איז צו רייד געקומען וועגן אַדאַמען, וועגן זיין בייגונג צו איינזאַמקייט, צו פאַרשליסן זיך אין זיין אייגענער וועלט, צו וועלכער ס׳איז אַזוי שווער געווען צו האָבן אַ צוטריט, זי האָט פאַרשטאַנען, זאָפיע אַנדריטש, אַז נאָר דאָס־אָ מיידל קאָן אים אַרויסרייסן פון זיין איזאָלאַציע, אין וועלכער ער פאַרמאַכט זיך.

עוואַן האָט זאָפיעס באַציונג אי געפרייט, אי זשענירט. זי האָט זיך אויסגעהיט נישט צו קומען צו אָפט צו די אַנדריטשעס, און פאַרט פלעגט זי צייטנווייז זיך ווענדן צו זאָפיען נאָך אַן עצה, באַראַטן זיך מיט איר וועגן אַ לעקטור אָדער אַן ענלעכן ענין. אַז אַדאַם איז אַוועקגעפאָרן האָט זיך דער פאָדים איבערגעריסן.

עוואַ האָט זיך קרעמפּירט סתּם צו קומען צו די אַנדריטשעס. איר האָט זיך געדאַכט, אַז איר ליבע צו אַדאַמען קאָן מען אַראָפּלייענען פון איר געזיכט. וואָס אינטימער זי האָט זיך געפילט געבונדן מיט

אַראַמען, אַלץ מער האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן מיט איר גרויסער ליבע. און פאָרט האָט זי אַ יאָר פאַרן ענדיקן דעם פאַקולטעט באַשלאָסן צו גיין זיך פאַרטרויען און גלייכצייטיק זיך באַראַטן מיט זאָפיען וועגן איר ספּעציאַליזאַציע, זי וואָלט געוואָלט זיך ווידמען דער פּסיכיאַטריע און עס גייט אין איר סטאַזש.

זאָפיע אַנדריטש האָט זי שטאַרק צוגערעדט דערצו, דערמוטיקט. מיט אַראַמען איז זי נישט געווען זיכער, געהאַט צומאָל קרענקונג, זי האָט נישט געגלייבט ער זאָל זיין פּאַסיק דערצו, ס'האָט איר געדאַכט, אַז ס'האָט מער געווירקט דער אויטאָריטעט פון איר מאַן, ווי זיין אייגענע נייגונג. מיט זיין פלעגמאַטישקייט און פאַרמאַכטקייט צו אַזאַ באַרוף! אָבער זי, עוואַ, איז ווי אָפּגעמאָסטן דערצו. וועגן איר סטאַזש זאָל זי נישט זאָרגן, צום בעסטן אין פּראָפעסאָרס אַנשטאַלט, פאַר איר אַ גרויס געווינס, און דער אַנשטאַלט וועט אויך געווינען.

פּראָפעסאָר אַנדריטש איז לייכט איינגעגאַנגען אויפן פאָרשלאַג פון זיין פרוי. יאָ, די יונגע סטודענטין זעט אויס צו האָבן די נייטיקע קוואַליטעטן דערצו, וועט אויך קאָנען זיין אַ גוטע געהילף אין זיין שווערן שטרייט, וואָס שטייט אים נאָך פאָר מיט דער מיסטעריעזער פּאַציענטקע. זי וועט טויגן צו איר; אַ מילד, אַ ענערגיש, וועט לייכט קאָנען אָנוואַרפן די נייטיקע דיסציפּלין, די קראַנקע זאָל נישט פילן קיין דרוק, וועט דער עיקר קאָנען אָבסערווירן אירע רעאַקציעס.

זיי האָבן זיך נישט טועה געווען, די יונגע, התלהבותדיקע סטאַזשיסטקע און די אומגליקלעכע פרוי מיטן אויסזען פון אַ קראַנקער זקנה, האָבן זיך זייער גוט געפּאַסט איינע פאַר דער אַנדערער, ממש אַ טעפּל מיט אַ שטערצל. עוואַס אויטאָריטעט איז געוואַקסן, ד"ר שטערן איז גושא חן געווען ביי די דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך מיט דער קראַנקער פאַרנומען לאַנגע יאָרן. מער ווי ביי אַלע האָט זי גושא חן געווען ביי איר ערשטער פּאַציענטקע, זי, די אומגליקלעכע, האָט אין עוואַן געזען נישט דעם פּראָפעסאָרס „אַן אויג", נאָר אַ דאָקטער אַ פריינד, וואָס לינדערט אירע ווייטיקן, פאַרטרייבנדיק פון איר די איינזאַמקייט.

# IV

ווען עווא איז אַריין צו אַמנעזטיס, האָט זי דורכגענומען אַ ציטער. אַ פאַנטאָם! אַ פאַרטראָגענע ערגעץ־וווּ איז זי געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און נישט באַמערקט איר אַריינקומען. אַז עווא האָט זיך דערנעענטערט צו איר און די קראַנקע האָט זי דערזען, האָט זי אויסגעשטעלט אויף איר ברייט צעעפנטע אויגן. זיי זענען געווען אויסטערליש טרוקן די אויגן, נאָר זיי האָבן געוויינט אָן טרערן. דאָס אָפענע מויל האָט זיך באַוועגט קאָנוולסיוו, ווי ס'וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט. באַלד האָט דאָס פּנים זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן און די גרימאַסע איז איבערגעגאַנגען אין אַ בלאַס־בלאַסן שמייכל, אַ סימן די קראַנקע האָט זיך דערפרייט, זי הייבט אָן קומען צו זיך.

עווא ווייסט ווי זיך צו באַגיין מיט איר, זי קאָן ענדערן אַ שטימונג ביי דער קראַנקער, מיט געמיטלעכקייט, מיט אַ שמייכל גיט זיך איר דאָס שטענדיק איין, איצט אָבער מוז זי זיך אָנטאָן אַ כּוח ס'זאָל אַרומקומען נאַטירלעך, היימיש:

— איר פרייט זיך גאָרנישט מיט מיר? איך האָב שוין געבענקט נאָך אייך, נאָך היינט קיין גוט מאָרגן אייך נישט געזאָגט, איז גוט אָוונט און גוט מאָרגן!

אַמנעזטיס האָט אַ ווײַלע נאָך געקוקט אַ שווייגנדיקע, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דערנאָך, ווי זי וואָלט עס געטאָן מיט אָנשטרענגונג, אַרויסגעשטאַמלט:

— גוט מאָרגן, דאָקטער.

— איצט זאָגט מען שוין גוט אָוונט, כ'האָב זיך פאַרשפּעטיקט, נעכטן אויך בלויז אַריינגעשמעקט.

דער קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט איז צוריק אָנגעבונדן געוואָרן. אַמנעזטים האָט אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן:

— געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף אייך, דאָקטער, אַזוי לאַנג געיאַרט, געמיינט איר וועט שוין נישט קומען, איר וועט שוין קיינמאָל נישט קומען, איר אויך נישט, איך וועל ווידער זיין שטענדיק אַליין, געמיינט...

— אַזוי שלעכט טראַכט איר וועגן מיר? איך זאָל אייך פאַרלאָזן? קיינמאָל נישט. אָבער עס געשעט אַמאָל מ'קאָן נישט, כ'האָב אייך געדאַרפט האָס פריער זאָגן, נאָר כ'האָב אין דער לעצטער מינוט באַקומען אַ פרייען טאָג.

אַמנעזטים האָט נישט געענטפערט. וואָס האָט זי אָנגענומען צעדרטלעד פאַר דער האַנט, אַוועקגעזעצט זי אַנטקעגן זיך און זיך פאַרענטפערט: זי איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען, געמוזט דערליידיקן אַ סך זאַכן, זי ווייסט, זי פאַרנאַכלעסיקט זי די לעצטע טעג, וועט פאַרנומען זיין איבערמאָרגן אין אָוונט, געטווישט אויף היינט דעם נאַכט-דיזשור.

אַמנעזטיסעס פּנים האָט זיך אַנטשפּאַנט, זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַ צייכן זי פאַרשטייט, דערנאָך זיך אָפּגערופן:

— גוט צו זיין פאַרנומען, נאָר מיר איז אַזוי שלעכט, אַז איר קומט נישט.

וואָס, אַ צעשמייכלטע, אַן אויפגעלייגטע וויל זי אָפּרייסן פון אירע געדאַנקען, ברענגען זי צו אַן אַנדערער ווירקלעכקייט, צו איר אייגענער. זי איז איצט גליקלעך, אַז מאַם קומט צוריק, זי האָט ממש אַ באַדערפעניש צו דערציילן דערוועגן. זי וואָלט צוגעגאַנגען צו אַ בוים, אים אַרומגענומען און איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אָנגעזאָגט די בשורה. מיט איר וואָלט זי נאָך אַנדערש געוואָלט טיילן איר פרייד, אפשר וועט אַ טראָפּן פון איר אייגן גליק אַ טריף טאָן אויף דער אומגליקלעכער. ס'איז איר שוין נישט איינמאָל געלונגען, דערציילנדיק עפּעס, זי אויפצומונטערן, צו דערפרייען אַ ביסל.

אַמנעזטים האָט אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און געפרעגט:

— ווער איז דער, וואָס קומט צופאָרן?

וואָס האָט ווייטער דערציילט, פונקט ווי פאַר איר וואָלט געזעסן אַן עלטערע פריינדין. דערציילן דאַרף זי דאָך איר סיי ווי עפּעס, אָבסערווירן;

ווי אַזוי זי אַסאָציאירט געשעענישן, ווי אַזוי זי בינדט אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט.

אַמנעזוטים האָט זיך צוגעהערט מיט אַ צוגעצויגטן אויער און מיט נייגיר, ווי אַלעמאָל ווען עוואַ דערציילט איר וועגן זיך גופא, ווי זי וואָלט געוואָלט, נישט האָבנדיק קיין אייגן באַוווסטזיניק לעבן, אָנטיילנעמען אין איר, עוואַס, לעבן. צוהערנדיק האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ס'באַדייט שטענדיק, אַז זי פאַרשטייט. ס'האָט אויסגעזען, ווי די פריערדיקע צעטראָגנקייט זאָל האָבן פאַרשוואונדן. מיטאַמאָל איז זי ווי פריער געבליבן אומבאַוועגלעך, זי האָט זיך פאַרטראַכט און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף איין פונקט. עוואַ האָט באַמערקט, ווי אַ מוסקול אויף איר געזיכט האָט אַ צוק געטאָן. באַלד דערנאָך האָבן די אויגן אָנגעהויבן לויפן אין די אויגן־לעכער, ווי עפּעס וואָלט זי צוריק אויפגערודערט. זי האָט געווענדט דאָס פּנים צו עוואַן, אויסגעשטעלט אויף איר פרעגנדיקע אויגן און אויפגעמאַכט דאָס מויל, ווי אַ פיש אויף דער יבשה.

די סעקונדן האָבן זיך געצויגן לאַנג. עוואַ האָט זיך דאָס מאָל פאַרלוירן, זי האָט אויך פאַרלוירן דעם פאָדים פון די רייד. אומגעריכטערהייט פאַר זיך אַליין האָט זי איר געמאַכט אַ פאָרוורף:

— איר עסט נישט, זענט אָפּגעשוואַכט, פאַר אייער נישט דערעסן...

זי האָט אָפּגעהאַקט, לייכט זיך אָנגעבויגן צו איר און אָנגעהויבן אויספרעגן, מיט זאָרג, צערטלעך, ווי אַ מאַמע פרעגט אויס אַ קראַנק קינד:

— וואָס איז אייך היינט? טוט אייך עפּעס וויי?

אַמנעזוטים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אירע טיף־איינגעגראָבענע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ טרערן־נעפּל, זי האָט צוריקבאַקומען דאָס לשון און געוויזן מיט דער האַנט אויפן האַרץ:

— דאָקטער עוואַ, דאָ טוט וויי, ס'האַרץ וויינט, ס'פרעגט כסדר, ס'וויל וויסן: ווער בין איך? איר זענט דאָקטער עוואַ שטערן? איך ווער? זאָגט מיר, ווער?

עוואַ זוכט זי צו באַרויקן, ס'קומט נישט אַרויס דאָס, וואָס זי וואָלט געוואָלט:

— איר זענט, איר זענט אַ... אַ קראַנקע פרוי, אָבער צו וואָס פּייניקט איר זיך מיט אַזעלכע זאַכן? וואָס איר זענט? אַ מענטש זענט איר!

— אַ מענטש! אַ מענטש אָן אַ זכרון, אָן גאָרנישט.

עוואַ וויל פאַרבעסערן, זי איז נישט צוגעגרייט געווען אויף דעם אַלעמען, ס'קומט איר איצט גאָרנישט אין קאָפּ, זי קאָן זי נאָר טרייסטן:

— ער וועט נאָך צוריקקומען, אייער זכרון, דער פּראָפעסאָר האָפט, ער איז זיכער, אייך איז אַלע מאָל בעסער, איר זענט דאָך געווען זייער קראַנק, איצט זענט איר אויף אַ גוטן וועג, נאָר איר מוזט אָפּהיטן די פאָרשריפטן, עסן צו דער צייט, אָפּרוען, אַרויסגיין אויף דער לופט, שפּאַצירן יעדן טאָג, איר מוזט האָבן באַוועגונג, איר האָט זיך די לעצטע טעג אָפּגעלאָזט, אַ קראַנקער מוז אַליין זיך צוהיטן, מוז אַליין זיך באַרואיקן, איר מוזט...

צום ערשטן מאָל זינט זיי קענען זיך האָט אַמנעזטים איר איבערגעריסן, אויסגעשריגן מיט אַ געדריקטער שטים:

— כ'וויל נישט! כ'קאָן נישט מער!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אומהדיקע אויגן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר איר אייגענער שטים. דערשראָקן אויף אַן אמת האָט זיך עוואַ. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. אַמנעזטים האָט אויסגעצויגן צו איר די הענט, ווי אַ קינד צו אַ מאַמע. זי האָט אָנגעהויבן רעדן געלאַסענער, ווי זי וואָלט זיך באַזיניקט, אַז איר פריערדיקער אויסברוך האָט איבערגעשראָקן. די אויגן זענען געוואָרן טרוקן, די טרערן זענען איצט געווען אין האַלדז, זי האָט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים זיך געבעטן:

— דאָקטער עוואַ, לאָזט מיך דאָ נישט, אַזוי ענג דאָ, ס'שטיקט מיך, כ'וויל אַרויס פון דאַנען, דאָקטער, איך קאָן נישט מער.

עוואַ האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, געקוקט אויף איר אומבאַהאָלפן, אָבער מיט ליבשאַפט. ביידע האָבן זיי אַ ווײַלע געשוויגן. אַמנעזטים האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט אויסגעפאָרשט צי קיינער הערט נישט אונטער און פאַרגעזעצט, מיט שוועריקייט אַרויסגעזאָגט די ווערטער:

— לאָזט מיך אַרויס, כ'וויל ערגעץ גיין, ערגעץ ווייט, כ'וויל גיין זוכן, מײַנע פיס ווילן גיין, מײַנע הענט ווילן עפּעס טאָן, איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיי, פרעמדע הענט, כ'וויל געפינען מײַנע... כ'וויל... כ'וויל גיין זוכן.

עוואַ, אַ דערשטוינטע, אַ באַאומרואיקטע האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח, געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי דאָס אַליץ פריים זי און געפרווט זי איבערצייגן:

— דאָס איז זייער גוט; אַז איר רייסט זיך שוין צו אַרבעט, איז זייער גוט, פריער האָט איר דאָך גאָרנישט געקאָנט טאָן, היינט רוימט

איר שוין אַליין דאָס צימער, איר גייט, הייבט שוין אָן צו לייענען צוביסלעך, ס'גייט לאַנגזאַם, אָבער אַלע מאָל בעסער. נאָר איר מוזט האָבן געדולד. איך וועל רעדן מיטן פּראָפעסאָר, דער פּראָפעסאָר זאָרגט זייער אַ סך וועגן אייך, זייער אַ גוטער פֿאַר אייך.

אַמנעזטים האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— אַלע פֿאַר מיר גוטע, נאָר מיר איז אַזוי שלעכט, אַזוי אומעטיק, מיר איז... כ'בין אַזוי...

שווער געווען צו וויסן, צי ס'פֿעלן איר אויס ווערטער, צי זי האָט מורא די ווערטער פֿאַרן מויל אַרויסצוברענגען. אויף איר געזיכט האָט זיך אָנגעצייכנט אַן אָנשטרענג, זי האָט אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן אַ פֿאַרטראַכטע און גלייכצייטיק אַן אויפֿגערודערטע, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן ווי אין האַלוצינאַציע:

— אַז איך בין אַליין רוקן זיך די ווענט צוזאַמען, זיי דריקן מיך פֿון אַלע זייטן, ווילן מיך צעקוועטשן, מע רייסט שטיקער פֿון מיין לייב, דער סוף איז אויך, פֿאַלט מיר אַראָפּ אויפֿן קאָפּ, צעפּלעט מיר דעם מוח.

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים קאָפּ:

— אוי, דער קאָפּ, דאָקטער עווא, כ'קאָן נישט מער אַזוי, כ'מוז ערגעץ אַרויסגיין.

— איר דאַרפֿט גיין אין גאָרטן, איר זענט היינט נישט אַרויסגעגאַנגען, נעכטן אויך נישט.

אַמנעזטים האָט אָנגעהויבן רעדן מיט פֿיבער:

— ניין, ניין, נישט דאָרטן, נישט מיט זיי, ערגעץ אַנדערש. מיינע פֿיס ווילן גיין זוכן, ווייט פֿון דאַנען, מיינע אויגן ווילן קוקן ווייט, דאָ איז ענג, פֿינצטער, זי הענגט די פֿינצטערניש איבערן... איבערן סופֿיט, זי וויל מיך פֿאַרדעקן, איינשלינגען, כ'וויל אַנטלויפֿן פֿון דער פֿינצטערניש, אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, כ'וויל גיין זוכן...

עווא האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק און דאָך געפֿרעגט מיט איבערראַשונג און דערשטוינונג:

— וווּ גיין? וועמען ווילט איר זוכן? דערמאָנט זיך, איך וועל גיין מיט אייך, וווּ איר ווילט.

אַמנעזטים האָט אַ ציטער געטאָן, האָט אָנגעהאָנגען אויף איר אַ פּאָר אומעטיקע, צעטראָגענע אויגן און מיט פֿאַרצווייפֿלונג גענומען שטאַמלען:

— כ׳ווייס נישט וווהין, קאָן זיך נישט דערמאָנען, פֿאַרלוירן אינגאַנצן דעם זכרון, אַ מענטש אָן אַ זכרון, כ׳געדענק גאָרנישט, כ׳ווייס גאָרנישט, אַלץ פֿאַרגעסן, ס׳קומט נישט צוריק.

דער אויסברוך, די אָקאָרשט דורכגעלעבטע עמאָציעס, דער אָנשטרענג פֿון מוח האָבן אויסגעליידיקט די קאַרגע כוחות פֿון צעקאַליעטשעטן גוף. די קראַנקע האָט אין אָנמאַכט אַראָפּגעלאָזט די הענט, פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן אָנהאַלט פֿון שטול דעם ווייסן קאָפּ, ווי זי וואָלט פֿאַרחלשט געוועזן. די האָר האָבן זיך נאָך מער צעפּאַטלט, די אויגן־דעקלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, די ליפּן פֿאַרטריקנט, פֿאַרברענט, ווי פֿון עפּעס אַן אינערלעכן פֿלאַם, דאָס געזיכט האָט זיך פֿאַרצויגן מיט אַן אומגעהויערן צער.

# V

עוואַ שטערן איז שטאַרק פֿאַרדאַגהט. אַליין איז אונטערגעקומען מיט איין מאָל, זי פֿאַלט ממש אויפֿן פּנים, נישט געריכט זיך ס'זאָל אַזוי געשען, כאָטש נעם צערייס זיך. זי וואָלט געדאַרפֿט האָבן אַ מעת־לעת פֿון 48 שעה, אָדער פֿיר הענט, און ווער ווייסט צי זי וואָלט זיך אַפֿילו דעמאָלט מיט דעם אַלעמען פֿאַר אַמאָל אַן עצה געגעבן. זי האָט אַפֿילו נישט געהאַט קיין צייט דעם בריוו אַוועקצושיקן. פֿאַרן אָפּגעבן מוז זי כאָטש נאָך איינמאָל איבערקוקן די צוגעגרייטע פֿאַרן פּראָפֿעסאָר אַרבעט, פֿאַרצייכנט זיך אַריינצופֿירן אייניקע אויסבעסערונגען, אָבער ווען? אַליין געלאָזט אויף דער לעצטער מינוט, זי מוז נאָך גיין איינמאָל צו דער שניידערקע אָנפּאַסן דאָס קלייד, דערנאָך אָפּנעמען, צום פֿריזירער וואָלט זי אויך געדאַרפֿט זיך אַריינכאַפּן, זי האָט נישט באַשטעלט קיין ראַנדעוו, וועט שוין אויסקומען צו פֿאַרלירן אַ 2—3 שעה. אפשר דאָס אָפּלייגן? אָבער אויף ווען? און איצט איז די פֿריזור וויכטיקער, ווי דאָס קלייד. אפשר בעסער אָפּלייגן די שניידערקע? אָבער אַז אַדאַם וועט שוין דאָ זיין, מוז זי פֿאַר אים אויך האָבן אַ ביסל פֿרייע צייט. אָ, דאָס צימער ברענגען אין אָרדענונג, אַ חרפּה, אויב ער וועט אַהער אַריינפֿאַלן, אַ באַזאַר האָבן זיי דאָ אָנגעמאַכט. ווען וועט זי דאָס אַליין באַווייזן צו מאַכן? און דאָ האָסטו דיר די צרות מיט דער אַמנעזטים, פּונקט איצט! וואָס פֿאַראַ מזל! זי האָט נישט געקאָנט פֿאָרויסזען ער זאָל קומען מיט דריי וואָכן פֿריער, און נאָך ווייניקער האָט זי זיך געריכט אויף אַזעלכע צרות מיט דער קראַנקער. צי האָט זי נישט גענומען אויף זיך צופֿיל? טיילמאָל באַפֿאַלט זי אַ פּחד, אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, און סתם צופֿיל אויף

מיינע פּלייצעס, די לעקציע נאָך נישט אָפּגעזאָגט, נאָר דאָס אַלץ איז נישט קיין פאַרענטפערונג. פאַרנאַכלעסיקט זי האָב איך פאָרט. נישט דערלאָזבאַר. ווען די אַננאַ וואָלט דאָס געוווּסט, זי האָט אַזוי אויך אַ צאָן אויף מיר.

וואָס מער עוואַ טראַכט וועגן איר פּאַציענטקע, אַלץ גרעסערע פאָרוואָרפן מאַכט זי זיך. פריער האָט זי אַלע אירע אָבסערוואַציעס גלייך קאָמוניקירט דעם פּראָפעסאָר. די ערשטע צייט האָט זי געשריבן לאַנגע באַריכטן, דערנאָך זיך צוגעוווינט צו פאַרצייכענען קורץ, און אַז עפּעס האָט איר אויסגעזען אויפפאַלנדיק, האָט זי זיך געלאָזט צום פּראָפעסאָר, פאַר איר האָט ער שטענדיק צייט.

פאַרוואָס האָט זי באַלד נעכטן נישט צוווויסן געגעבן? צו שפּעט געווען, זי האָט אָבער געדאַרפט געדענקען, אַז היינט קומט ער נישט, זי האָט געדאַרפט אָנקלינגען. וואָס האָט זי אָפּגעטאָן? נישט מוחל צו זיין זיך! איצט מוז זי וואַרטן ביז מאָרגן פרי, דורכשלאָפן די נאַכט וועט זי זיכער, געגעבן איר אַלץ וואָס נייטיק, נאָך גוט וואָס זי האָט זיך באַראַטן מיט דער קראַנקערס אַמאָליקן דאָקטער. די נאַכט בלויז, מאָרגן דאַרף סיי ווי דער פּראָפעסאָר זי באַטראַכטן, אָבער דאָס איז נישט קיין אויסרייד, האָט פאָרט נישט אינפאָרמירט. אוי, ס'זאָל שוין דורכגיין די נאַכט, זי וועט פרוון זיך פאַרענטפערן... מיט וואָס...?

אירע געדאַנקען טראָגן זיך איבער צו אַדאַמען, צו זייער ערשטער באַגעגעניש. זי ווערט אומרואיק. זי ווייסט אפילו נישט צי ער האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע אַהיים, זיי האָבן זיך דאָך אויך נישט געריכט. ער זאָל נאָר נישט האָבן פאַרגעסן, אים דאַרף מען אַזעלכע זאַכן דערמאָנען, נאָר איצט האָט זי נישט קיין רעכט צו מאַכן אַנדערע פאָרוווּרפן. און פאַרוואָס זאָל זי אים חושד זיין? נאָך גוט וואָס זי האָט נישט אָפּגעשיקט דעם בריוו, געוואָלט נאָך אָפּשיקן אויף עקספּרעס, שיין וואָלט עס אויסגעזען, ער דאָ און דער בריוו דאָרט. פאַרוואָס האָט זי נישט אָפּגעשיקט גלייך ווי זי האָט אָנגעשריבן? צי נאָר צוליב מאַנגל אין צייט? זי ווייסט נישט. צי באַדויערט זי? אויך דאָס ווייסט זי נישט.

עוואַ איז זעלטן ווען אַזוי וואַקלדיק און צעטראָגן. מ'האָט איר איינגערעדט, אַז אַ באַשלוס אָנצונעמען קומט איר נישט אָן שווער. צוליב אַדאַמען האָט מען איר געמאַכט אַזאַ רענאָמע. אַז אַדאַם האָט זיך געדאַרפט אויף עפּעס דעצידירן, האָט ער זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט דער

דעה, ביז עווא האָט אים אַ זאָג געטאָן: באַשלאָסן און פאַרטיק! דאָס איז געווען אים אַרויסצוהעלפן, אָבער ווען זי גופא דאַרף...

זי גופא האָט אָפט אַליין געדאַרפט עמעצער זאָל איר אַן עצה געבן, בפרט די לעצטע צייט. צענדליקער מאָל האָט זי זיך איבערגעלייגט די זעלבע זאַך. אָנצושרייבן דעם בריוו האָט זי זיך אויך לאַנג נישט געקאָנט דעצידירן. געקליבן זיך, געקליבן, און אַז שוין אָנגעשריבן, איז ער געלעגן אַזוי לאַנג אין בייטל ביז ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אדאַם קומט עטלעכע וואָכן פריער.

און אפשר בעסער אַזוי? ווער ווייסט וואָס ס'האָט זיך אין זיין כאַראַקטער געענדערט און וואָס געבליבן, ווי געווען. אַלנפאַלס זענען זיי ביידע אַנדערע כאַראַקטערן, נעמען אַנדערש אויף עמאָציעס. וואָס איז ביי אים דאָס שטאַרקסטע געפיל? ביי איר — ליבע, ביי אים מסתמא נאָך היינט נייגיר, וויל אַלץ דערגיין מיטן שכל, ווי מע פלעגט זאָגן וועגן אים. צי וועט זיין אַרבעט, זיינע פאָרשונגען נישט פאַרשטעלן דאָס געפיל צו איר?

זי ווייסט, ער האָט זי ליב. צי וועלן זיינע פאַראינטערעסירונגען, אויב ער וועט זיך אַזוי אַריינטאָן מיט לייב און לעבן, נישט פאַרבלאָסן זיין ליבע צו איר? פאַרוואָס זאָל זי אָבער אַזוי טראַכטן? צי איינס מיז דען שטערן דעם צווייטן? אַ מענטש איז נאָר דעמלט פולקאָם, ווען ביידע... פאַרוואָס האָט זי די אַלע יאָרן זיך נישט איבערגעשריבן מיט אים אַזוי, ווי זי וואָלט מיט אים איצט זיך דורכגערעדט? פאַרוואָס נישט אָנגעשריבן אַזאַ בריוו, וואָס ליגט ביי איר אין בייטל אַ סך פריער? מסתמא צוליב זיינע לאַקאָנישע בריוו, מ'קאָן זאָגן טרוקענע, שטענדיק וועגן פאַקולטעט, קליניק, אַמנעזיע, סכיזאָפרעניע און אַזוי כסדר. זי האָט אים אָבער נישט געדאַרפט נעמען דאָס פאַר אומגוט, האָט זיך געדאַרפט פאַרשטעלן, אַז אַ מענטש קאָן זיך נישט ענדערן אינגאַנצן אין עטלעכע יאָר. און אַז זי דערמאָנט זיך ווי ער איז אַמאָל פאַרשלאָסן געווען אין זיך! אים איז נאָך היינט אויך זיכער נישט לייכט צו זאָגן דאָס, וואָס ער פילט. צי געדענקט זי נישט, ווי ער פלעגט איר שטענדיק אַרויסווייזן זיינע געפילן, אָבער קיינמאָל נישט פעיק געווען צו רעדן דערוועגן? זי האָט אים פון לאַנג שוין געדאַרפט העלפן. איך האָב געדאַרפט פריער אַ טראַכט טאָן דערוועגן, נישט אין דער לעצטער מינוט. דאָס־אָ אויך אין דער לעצטער מינוט, איצט מיט דעם־אָ פאַרלירן צייט, ווען

ס׳וואָלט נישט געווען זיין מתנה, ער דאַרף דאָס זען אויף מיר, און ס׳וועט פּאַסן צום נייעם קלייד.

עווא איז געזעסן ביים קליינעם ביוראָ־טישל און אויפגעצויגן אויף אַ ניל־פאָדים קרעלן; דאָס לעמפּל מיטן העלן אַבאַזשור האָט זי אי־בערגעדעקט מיטן טונקעלן שאַל, ביידע מיטלאָקאַטאַרקעס שלאָפן שוין. זי מוז אָבער דאָס נאָך היינט מאַכן, אַלע דריי שנירלעך האָבן זיך אי־בערגעריסן. זי האָט גיך מאַניפּולירט מיט די פינגער און נאָך גיכער זיי־נען געלאָפן די געדאַנקען אין מוח. ווען האָט זי צייט זיך אָוועקצוזעצן פאַרנעמען מיט אַזאַ זאַך? אָדער באַטראַכטן דאָס אַלץ צוזאַמען? כאָטש גוט, וואָס אַדאַמס מתנה וועט זיין אָנצוטאָן. שיך האָט זי זיך געזאָלט קויפן און אויך נישט באַוויזן, נאָר דאָס ערגסטע איז דער נישט אָוועק־געשיקטער בריוו. כמעט צוויי וואָכן ווי ער ליגט ביי איר אין בייטל.

ס׳האָט זי פּלוצלונג אָנגעבאַפּט אַ חשק איבערצולייענען דעם בריוו. דער קאָנווערט איז נאָך אפילו נישט פאַרקלעפּט. צי געדענקט זי נאָך וואָס זי האָט געשריבן? ס׳איז איר דעמלט באַפאַלן אַ משונהדיקע בענקשאַפט, און ווער ווייסט וואָס פאַראַ נאַרישקייטן זי האָט גע־קאָנט אָנשרייבן. זי האָט אויסגעלייגט די ראָזע בייגעלעך און גע־לייענט:

„טייערער אַדאַם, מיין איינציקער,

מיין איצטיקער בריוו איז אַ פאַרשפּעטיקטער, געקליבן זיך שוין פון לאַנג דיר צו שרייבן וועגן דעם, כ׳ווייס אַליין נישט פאַרוואָס כ׳האָב אָפּגעלייגט, דעם אמת געזאָגט, האָב איך געוואַרט איך זאָל דאַרפן ענט־פערן אויף דיינעם אַזאַ בריוו. איך מאַך דיר נישט קיין פאַרוואָרפן, איך קען דיך גוט, מיין שווייגנדיקער פּרינץ. מוזן מיר זיך טוישן מיט ד ראָלן — איך וועל איצט זיין דער פּרינץ־ריטער און דו די פאַרכישופטע פּרינצעסין, וועלכע מ׳דאַרף מיטן אָטעם פון הייסער ליבע אויפוועקן פון שלאָף. זיי נישט בייז, איך באַמי מיך דיך צו פאַרשטיין, ביסט מיר אַזוי נאָענט, טייל־מאָל דוכט מיר, אַז איך הער קלאַפּן דיין האַרץ, און דאָך דוכט מיר כסדר, אַז דיין האַרץ איז נאָך אַלץ אַ פאַרשלאָסנס, אפילו פאַר מיר. ס׳קלעמט מיך, ס׳טוט מיר וויי. אָפטמאָל האָב איך צו זיך אַליין טענות — אפשר בין איך שולדיק? אפשר האָב איך דיך נישט גענוג דערנענטערט, זאָלסט מיר קאָנען זאָגן צערטלעכע ווערטער? זיי זענען מיר אַזוי נייטיק, ווי לופט צו עטעמען, כ׳האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויף זיי און קאָן זיך נישט דערוואַרטן.

צי ווייסטו, טייערער, וואָס דו ביסט פאַר מיר? מען האַלט מיך פאַר אַן ענערגישע, אַ שטאַרקע. איך בין דאָס אפשר. נאָר דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב דיך. דו האָסט מיר שטענדיק געגעבן כוח. צי געדענקסטו די ערשטע צייט אין יתומים־הויז? ווען מ'האָט דיך געבראַכט צו פירן, בין איך שוין געווען אַן „אַלטע“ פענסיאָנאַרקע, געווען אויסגעקאָכט מיט אַלעמען, בייטאָג אַרומגערודערט, געלאַכט, אַ גאַנצע בריה געווען, ביינאַכט אָבער פלעג איך שטילערהייט וויינען, כ'האָב איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן מ'זאָל נישט הערן ווי איך כליפּע. אַז כ'בין איינגעשלאָפן פלעגט זיך מיר שטענדיק חלומען מיין מאַמע, זי האָט מיר געקעמט די האָר און געפלאָכטן זיי אין צעפּ. געדענקסט מיינע צעפּ? כ'פלעג מיך אויפכאַפּן און דערמאָנען זיך, אַז מיין מאַמע וועט מיר שוין קיינמאָל די האָר נישט קעמען, כ'האָב נישט קיין מאַמע, כ'האָב קיינעם נישט, געבליבן איינע אַליין. מ'זאָגט קינדער פאַרגעסן זייער גיך; נישט אמת, כ'האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן. ווייסט פאַרוואָס כ'האָב זיך איינגעעקשנט מ'זאָל מיר אָפּשערן די צעפּ? ס'זאָל זיך מיר נישט חלומען, ווי די מאַמע פלעגט זיי, מיינע צעפּ האָבן מיר געמאַכט וויינען, בענקען; כ'האָב געבענקט נאָך דער מאַמען. ווען דו ביסט אָנגעקומען אין קינדער־הויז, בין איך צען יאָר אַלט געווען און געוווסט, אַז איך האָב קיינעם נישט פון דער משפּחה. ביסלעכווייז האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז כ'בין נישט געבליבן אַליין. ביסט נישט אַלט געווען קיין גאַנצע 12 יאָר, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ביסט שוין אַ דערוואַקסענער בחור. צי געדענקסטו וואָס פאַראַ ווילדע בריאה ביסט געווען? דיין גרויסן כפּעציאַליטעט איז געווען שווייגן. האָסט נישט געלאַכט אפילו ווען אַלע האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער. פאַרוואָס האָב איך דיך ליבער באַקומען פון אַלע אַנדערע קינדער? אַזאַ אָנגעכמורעטער, ערנסטער, געהאַלטן זיך אין אַ זייט. כ'האָב געהאַט אונטערגעהערט די פאַרוואַלטערין, מיר און דיר איז קיינער נישט געבליבן פון דער משפּחה. כ'ווייס נישט ווי אַזוי דיינע עלטערן זענען אומגעקומען, האָסט קיינמאָל נישט געוואָלט ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגן, נאָר איך האָב נישט איינמאָל אין חלום געזען, ווי מען פירט אַרויס מיין מאַמע צוזאַמען מיט דיינער, מען שטופּט זיי אַריין אין אַ שמוציקן בהמה־וואַגאָן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. ווייסט דאָך, כ'האָב דיר דערציילט, אַז מיר חלומט זיך שטענדיק, נאָר כ'האָב דיר נישט געזאָגט, אַז שטענדיק, ווען כ'האָב געזען אין חלום מיין מאַמע, האָב איך געזען אויך דיינע. אפשר זענען זיי טאַקע צוזאַמען געווען אין

אוישוויץ, אָדער מאַידאַנעק? אפשר איז מיין מאַמע צוזאַמען מיט דיינער געגאַנגען צום טויט? אַזוי האָב איך דעמלט געטראַכט. צי האָט אפשר דאָס אונדז פון קינדהייט אָן אַזוי דערנענטערט? צי אויך דאָס? צי ווייסטו ווען כ'האָב זיך אויפגעהערט צו פילן איינע אַליין אויף דער וועלט? געדענקסט, ווי איך האָב זיך אַראָפגעקייקלט פון די טרעפ? אַלע זענען געשטאַנען און געקייכט פון געלעכטער, דו ביסט צוגעלאָפן און אָן אַ וואָרט צו זאָגן מיך אויפגעהויבן, דערנאָך בין איך געווען עטלעכע טעג אין בעט, דער פוס אין גיפס, ס'איז געווען זומער, געדענקסט? פלעגסט יעדן טאָג צוקומען צום אָפענעם פענצטער, אַריינשטעקן דעם קאָפּ, שטיין און שווייגן, כ'האָב געדאַרפט דיך ציען פאַר דער צונג זאָלסט עפּעס ערציילן, נאָר מיר איז גוט געווען אפילו מיט דיין שווייגן. ווען מ'האָט יך אַדאָפּטירט און האָסט פאַרלאָזן דאָס הויז, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס הויז איז פוסט געוואָרן, כ'האָב זיך קיין אָרט נישט געקאָנט עפינען.

פאַרוואָס איך דערצייל דאָס איצט אין אַ בריוו? איך ווייס אַליין נישט, ס'האָט זיך מיר פלוצלונג דערמאָנט און איך האָב אַ באַדערפעניש צו רעדן מיט דיר, צו דערציילן דאָס, וואָס דו ווייסט נישט וועגן מיר. דו ווייסט זיכער נישט וואָס דאָס 11—12-יעריקע אָנגעכמורעטע, שווייגנדיקע יינגל איז געווען פאַרן קליינעם, כלומרשט שטיפערישן יידל. היינט זענען מיר דערוואַקסענע — מיר דוכט זיך, כ'בין שטענדיק געווען אַ דערוואַקסענע — יאָ, היינט זענען מיר אמתע דערוואַקסענע, אַר איך דאַרף דיך נאָך מער האָבן, ווי דעמלט. איינציקער מיינער, כ'האָב די אַלע יאָרן נישט געוואָלט אַזוי שרייבן, האָסט געדאַרפט אַרבעטן, אַרבעטן רואיק, און דער עיקר האָב איך געוואַרט דו זאָלסט מיר דערמאָנען וועגן אונדזער ערשטער פריינדשאַפט, וועגן מער ווי פריינדשאַפט. פאַרוואָס זאָל איך אויסבאַהאַלטן? כ'האָב געוואַרט זאָלסט מיר זאָגן מער, ווי דו האָסט מיר געזאָגט אין דיינע בריוו, געוואַרט און געהאָפט, אַז דער אויסגעבענקטער בריוו וועט נאָך קומען. כ'וויל זאָלסט וויסן, פאַר מיר זענען די עטלעכע יאָר געווען זייער לאַנגע, כ'האָב פון אָנהייב געציילט די טעג, די וואָכן, די חדשים, דערנאָך אָנגעהויבן חשבינען — שוין אַ יאָר ווייניקער, שוין נאָר עטלעכע חדשים צו וואַרטן אויף דיר. ווי וואָלט איך אַנדערש אויסגעהאַלטן? כ'האָב זיך אויך אויסגעטרוימט אַ וועלט, אַ פיקציע: אין די פרייע שעהן האָבן מיר צוזאַמען שפּאַצירט, האַלטנדיק זיך ביי די הענט. כ'האָב זיך געטוליעט צו דיר

און געפילט דיינע ליפן אויף מיינע. זיי לעכצן, בענקען נאָך דיינע קושן, אַלץ אין מיר בענקט נאָך דיינע צערטלעכקייטן. טייערסטער, איך בענק אַזוי נאָך דיר. דער טאָג, וואָס איז פֿאַר מיר שטענדיק צו קורץ, ציט זיך לאַנג, ווען איך דערמאָן זיך וויפֿל טעג מיר וועלן נאָך צעשיידט זיין. ווען איך בלייב אַליין אין די אָוונטן — מיינע צוויי סובלאָקאַטאָרקעס קומען שפּעט, פֿאַרוואָס איך בין זיי זייער דאַנקבאַר — טרוים איך, אַז מיר זענען צוזאַמען. כ׳האָב זיך אויסגעחלומט אַ חלום אויף דער וואָך, ס׳העלפֿט מיר ביישטיין אונדזער צעשיידונג. אפֿילו ביי טאָג, אין דער שטענדיקער אייַלעניש נאָגט די בענקשאַפֿט. און צי ווייסטו ווי אַזוי אַ מענטש קאָן איינזאַם זיין צווישן מענטשן? קיינער וואָלט מיר דאָס זיכער נישט חושד געווען, מיין פּנים זאָגט דאָס נישט אויס, מיין פּנים נאַרט אָפּ. דיך, מיין טייערער, וויל איך נישט אָפּנאַרן, איך בין נישט אַזאַ, ווי איך זע אויס. כ׳האָב זיך שטענדיק גענייטיקט אין אַן אָנשפּאַר, און זינט דו ביסט נישטאָ, נאָך מער. ערשט נאָך דיין אַוועקפֿאָרן האָב איך זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ רעכענונג וואָס דו ביסט פֿאַר מיר. זעסטו וואָס פֿאַראַ סענטימענטאַל „פּאַרצייטיק“ מיידל איך בין, יעדנפֿאַלס נישט אַזאַ רואיקע און שטאַרקע, ווי מען מיינט.

אויסגעטרוימטער, שווייגנדיקער פֿרינט מיינער, אַנדערע אַזעלכע מיידלעך, ווי איך, ראַמען איין קליינע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון זייערע געליבטע און טראָגן זיי אויפֿן האַרץ. דיין בילד איז שטענדיק אינעווייניק, אין האַרץ גופֿא, אין דמיון. איך זע אי דאָס קליינע, אומעטיקע יינגל, וואָס טראָגט מיר אונטער אַ ביכל שווייגנדיקערהייט, אי דעם דערוואַקסענעם בחור, שוין נישט קיין אָנגעכמורעטער, אָבער אַזאַ ערנסטער נאָך, ס׳פּאַסט גאָרנישט צו אַזעלכע גרויסע, בלויע אויגן. פּלוצלונג כאַפּט מיך אָן אַ באַגער צו קושן אַזוי לאַנג די בלויע, פֿאַרחלומטע אויגן ביז איך פֿאַריאָג די ערנסטקייט, זי פֿאַרשווינדט צוזאַמען מיט מיין איינזאַמקייט. אָפּטמאָל שטעק איך אַריין מיינע פֿינגער אין דיינע געדיכטע ברוינע האָר, צעפּאַטל זיי אַזוי, אַז דו לאַכסט זיך פֿאַנאַנדער. זעסט, ווי מיר האָבן זיך איינגעטיילט? דו ברוינע האָר און בלויע אויגן, איך בלאָנדע האָר און ברוינע אויגן. אַדאַם טייערער, איך וואַרט זאָלסט קומען צו פֿליען און נעמען מיך אונטער דיינע שטאַרקע פֿליגלען, אפֿשר וועסטו מיר אַמאָל אַ נעסט אויסבויען און מיט לידער איינוויגן. דער „ער“ זינגט דאָך צו דער „זי“ אין דער נעסט. מיר וועלן צוזאַמען זינגען!

האָסט דאָך געהאַט געזאָגט, אַז איך זינג זייער שיין, כ׳וועל דיך אויך אויסלערנען.

ליבסטער, איך באַגער דיך מיט אַלע פיבערן פון מיין האַרץ, איך וואַרט אויף דיר מיט בענקשאַפט און שעם מיך פאַר מיין פלאַפלעריי. צוזאַמען מיט דער פלאַפלעריי שיק איך דיר אַ סך הייסע קושן — דיינע אויף שטענדיק“.

## VI

דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן, דער ווינט האָט געריסן די פענצטער, די ביימער פאַרן פענצטער האָבן זיך געטרייסלט, געבויגן, געקרעכצט. אָפּגעפליקטע צווייגן און בלעטער זענען געפלויגן און זיך געדרייט אין דער לופטן, מיט גרויס מי און מאַטערניש צוגעפאַלן צו דער ערד, דער ווינט האָט זיי געיאָגט הין און צוריק, דער רעגן געשמיסן מיט נאַסע ריטער.

נאָך הייסע, צעגליטע טעג איז געקומען אַן עבט זומערדיקער שטורעם מיט בליצן, דונערן און אַ גאָס רעגן. — אַ וועלט־איבערקערעניש, אַזעלכעס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען — האָט געזאָגט דער אַלטער וועכטער יוזעף און געלאָפן פאַרמאַכן אומעטום די טירן.

פּראָפעסאָר יאַנוש אַנדרימש האָט נאָך באַוויזן צו פאַרלאָזן דער קראַנקערס צימער איידער דער שטורעם האָט זיך צעווילדעוועט. עוואַ שטערן האָט דערנאָך געמוזט דורכלויפן די לאַנגע אַלייע אין גאַלאָפּ, זייערשטע גראָבע טראָפּנס האָבן זי אָנגעיאָגט, זי איז אַריין אין דער גרויסער געביידע מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם. נאָכן וויזיט ביי דער אַמנעזטיס האָט דער פּראָפעסאָר זי פאַרבעטן צו זיך. איצט זיצט ער ביים ביוראָטיש אין זיין קאַבינעט און הערט אויס די יונגע סטאַזשיסטקע. ער אָבסערווירט איר פּנים, קוקט איר אין די אויגן, פּונקט ווי זי גופא וואָלט זיינע אַ פּאַציענטקע געווען. עוואַ האָט די לעצטע טעג געהאַט גענוג סיבות צו זיין צעשטריט, דערנערווירט, דערצו האָט זיך איר נאָך גע-

דוכט, אַז דאָס וואָיען פון ווינט און דאָס קנאַלן פון דונער פאַרטויבן איר שטים און זי האָט געערדט העכער, ווי געוויינלעך:

— הער פּראָפעסאָר, כ'האָב זי נאָך קיינמאָל אַזאַ נישט געזען, שטענדיק אַזאַ מילדע און לעצטנס אַזוי אויפגערעגט, כ'וואָלט געזאָגט דערשיטערט, טיילמאָל רעדט זי, ווי אין האַלוצינאַציע, נאָר מ'זאָל זי אַרויסלאָזן, כ'זאָל אַרויסגיין ערגעץ מיט איר. היינט איגדערפרי האָב איך איר איינגערעדט אַרויסצוגיין אין גאָרטן, קיינער שפּאַצירט נאָך דעמלט נישט, כ'האָב זי אָבסערווירט. זי איז צו צו דער צווייטער פאַרצוימונג, דערנאָך צום פאַרקאַן, געקוקט אין דער ווייט אַזוי אויסטערליש, דערנאָך אָנגעהויבן גיין לענגאויס דעם פּאַרק, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אָדער געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען. כ'האָב פּשוט מורא זי לאָזן אַליין, זי זאָל עפּעס נישט אָפּטאָן. טיילמאָל רעד איך צו איר און זי הערט נישט, פאַרקוקט זיך אין עפּעס, פּלוצלונג הייבט זי אָן זיך באַקלאָגן, זי זעט דעמלט אויס אויסטערליש אומרואיק.

— זייט קודם כל איר רואיק.. זי וועט אַליין גאָרנישט אונטערנעמען, מיט אייך יאָ. מ'וועט פּרוּוון פון מאָל צו מאָל איר ענדערן די סביבה, ערגעץ אויסערן אַנשטאַלט, לאָמיר אָננעמען... אַריינפירן זי אין אַ נאָרמאַלער שטוב, געבן איר עפּעס אַ באַשעפטיקונג. כ'וויל זען, ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן ביי אַנדערע, לאָמיר אָננעמען, נאָרמאַלע באַדינגונגען. איר וועט דאַרפן פון צייט צו צייט זי באַגלייטן, איר וועט מוזן איר ווידמען מער צייט. מ'וועט זיך באַמיען אייך באַפרייען פון אַן אַנדער אַרבעט. דערווייל דאָס, וואָס כ'האָב פאַרשריבן, מ'וועט זען. אָבסערווירט אירע רעאַקציעס.

ס'איז איר געקומען אויפן זינען די טעלעגראַמע און זי האָט אומבאַרעכנטערהייט אַ זאָג געטאָן:

— הער פּראָפעסאָר, באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אַדאַמען...

זי האָט גלייך חרטה געהאַט, אָפּגעהאַקט און זיך פאַררויטלט. דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעכאַפּט איר פאַרלעגנהייט:

— אָ, גוט וואָס איר האָט דערמאָנט, מיר פאַרבעטן אייך לכבוד דעם גאַסט. דאָס געהערט צו מיין פרוי, נאָר איך פּערזענלעך אויך. וואָס שייך דער אַמנעזטים, ווייסט איר דערווייל וואָס איר האָט צו טאָן. פּאַסט מער אויף אויף איר, מיר וועלן אייך געבן דערויף מער פרייע צייט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ס'האָט געהייסן, אַז דער שמועס איז פאַרענדיקט.

אַ הויכער, אַ גלייכער נאָך פאַר זיין עלטער, האָט ער איצט אויסגעזען העכער, ווי געוויינלעך. איבער זיין נאָבל, לענגלעך פּנים, הייבט זיך אויף אַ ברייטער, קלוגער שטערן. ער איז איצט מער, ווי אַלע מאָל, באַדעקט מיט קנייטשן דער שטערן, אַזוי ווי די נייע זאָרג וואָלט זיי טיפער איינגעשניטן. אויך דאָס פּנים זעט אויס ערנסטער, ווי שטענדיק, מעלאַנכאָליש פאַרטראַכט. עוואַן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ווייסע האָר אויפן קאָפּ זענען זינט די עטלעכע טעג, וואָס זי האָט אים נישט געזען, ווייסער געוואָרן. זי איז געווען צעקלעמט. צי האָט זי מיט איר פאַרנאַכלעסיקונגען אים נישט צוגעשפּאָרט נייע זאָרגן?

דער פּראָפעסאָר האָט דאָס מאָל אויף עוואַס פאַרנייגן זיך, בלויז אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דער שטורעם אין דרויסן האָט זיך איינגעשטילט, דער רעגן אָבער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. געדיכטע, דינע טראָפּנס האָבן איצט עקשנותדיק געראָנען פון הימל, זיי נעמען זיך אָפּ פאַר די הייסע, טרוקענע טעג. פּראָפעסאָר אַנדריטש איז געשטאַנען ביים פאַרמאַכטן פענצטער, געקוקט צום גאָרטן, אָבער געזען האָט ער עפּעס אַנדערש, אין מוח איז דורכגעלאָפן אַ פילם געשעענישן. דעמלט איז אויך געגאַנגען אַ רעגן, אַ קאַלטער, אַ פרי פרילינגדיקער. שוין איבער 17 יאָר, ס'האָט זיך פאַרגעדענקט, ווי ס'וואָלט נעכטן געווען: דער ערשטער טאָג אַפּריל, אַ טריבער, גרויער טאָג. פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן רעגענען, ווי די וואָלקנס וואָלטן זיך אָפּגעריסן, אומעטום טיפע, ברודיקע קאַלוזשעס. די ערד האָט נישט געוואָלט איינזאַפּן אין זיך, נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן אויסטריקענען. פון וואַסער צי פון בלוט?

די „פּראָוויזאָרישע קאָמיסיע צו פאָרשן די פאַרברעכנס" איז באַשטאַנען פון עטלעכע אָפיציעלע פּערזאָנען, פון צוויי שרייבער, דריי דאָקטוירים, ער דער הויפּט=עקספּערט. די ידיעה וועגן „וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" איז דערגאַנגען שנעל. דאָס מלחמה=פייער האָט נאָך געפלאַקערט, די פראָנטן זענען מיט יעדן טאָג בלויז געווען אָפּגערוקט ווייטער. מ'האָט אָבער נישט געטאָרט אָפּלייגן; זיי האָבן אויך צוויסן געגעבן וועגן „לעבעדיקן מת". ס'האָט זיך ווער געוויצלט, אַז ס'קאָן אויסזען אויף אַ פּרימאַ אַפּרילים. ער האָט שוין געטראָפן דעם „לעבעדיקן מת" אין אַ שפּיטאָל=בעטל, אונטער דער אויפזיכט פון עטלעכע דאָקטוירים.

אַ הויכער, געמויערטער פאַרקאַן. אַ זייטיק אייזערן טירל, דער הויפּט=אַריינגאַנג קעגנאיבער דעם הינטערשטאָטישן וועג פאַרמאַכט. אי=

נעוויניק אַ גרויסער שמחה פֿאַנאַנדערגעשפּרייט דאָ אין דער לענג, דאָ
אין דער ברייט, אַ הויף און אַ גאָרטן. ביים אַריינגאַנג בלומען=בייטן,
טייל צעטראָטענע, ווי מען וואָלט דאָרט דורך דאַנען געלאָפֿן אין געאייל, ביי
די זייטן בלומען=קוסטן, דאָ און דאָרט נישט לאַנג געפֿלאַנצטע בלומען=
ביימלעך, רויזן, פּעאָניעס. אַ ברייטע סטעזשקע צווישן בלומען=ביימלעך
פֿירט צו אַ געביידע, אַ געמויערטע, איינשטאָקיקע, אויסגעשפּרייט אין
דער ברייט, צוגעפּאַסט פֿאַרן „וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט“. די פֿאָ=
דערשטע וואַנט פֿאַררויכערט, קענטיק די פֿלאַמען האָבן זי שוין געלעקט,
די הילצערנע טיר כמעט אויסגעברענט, אונטערגעצונדן אין פּאַניק, פֿון
דרויסן, אפֿשר אויסגעפּעלט ברען=שטאָף, אויסגענוצט מסתמא קודם צו
די אַנדערע געביידעס. דאָ קענטיק די גרויסע איילעניש, די אייגענע הויט
איז טייערער געווען, נישט שווער געווען באַלד דערנאָך איינצולעשן.

אַ נידעריקער גרויסער פּאַרטער, ווי אַ קאַזאַרמע, קאַלט, אימהדיק,
טונקל. די מאַטע שויבן אין די קליינע פֿענצטערלעך לאָזן קוים דורך
דאָס טריבע טאָג=ליכט, אָבער דער עלעקטרישער שטראָם פֿונקציאָנירט
שוין צוריק. דער אָפּיציר=באַגלייטער דריקט אָן אויף עלעקטרישע קנעפּ=
לעך, דער גרויסער לאַבאָראַטאָריע=זאַל ווערט באַגאָסן מיט עלעקטריי
ליכט. אַ משוגעהדיקע ליכטיקייט, צי ווייל ס'שלאָגט אָפּ אין וויים=געלן?
דאָס ליכט פֿאַלט אויף נאַקעטע קערפּערס. ס'צינדט זיך אָן איבער אַ טיש
אַ בליץ=לאָמפּ, ער קאַרגט נישט קיין ליכט דער באַגלייטער, ווי צו פֿאָ=
טאָגראַפֿירן, ס'שטעכט אין די אויגן, זיי ווילן זיך פֿאַרמאַכן, ווילן נישט
קוקן, ער רייסט זיי אויף מיט געוואַלד, ער קוקט און אַלע קוקן אויף אים.

לייבער, לייבער, מענטשלעכע לייבער, גאַנצע און אַרומגעשניטענע,
אויסגעסאָרטירטע. וויפֿל? מ'האָט זיי נאָך אַלע געצוי נישט איבערגע=
ציילט, אַ דרייסיק אויסגעלייגט אויף צעמענטענע ברייטע בענק, ביי די
ווענט, אויסגעסאָרטירט, גאָר יונגע לייבער באַזונדער, עלטערע באַזונדער.
באַזונדער געשאָסענע, געהאָנגענע, גילאָטינירטע, קיין שום געוועלד, גוט
פֿאַרקאָנסערווירט, פֿאַכמענעריש, מיט זאַך=קענטעניש. אין אַן איינגעמוי=
ערטער וואַנע צעפּאַלמעסטע קערפּערס איינגעלייגט מיט אָרדענונג; אין
אַ פֿלאַכער שיסל אויגן, ווי לעבעדיקע, קיין שום באַשעדיקונג, ריין, בי=
רורגיש אַרויסגענומען. אַרום אויך ריין, זויבער. אינמיטן זאַל, אויף
אַ לאַנגן סעקציע=טיש אַ בר=מינן, לאַנג, דאַר, מיט פֿאַרגליווערטער שרעק
אויפֿן געלבלעכן פּנים, אין אַ ווינקל אויף אַ לאַנגן טיש אַן אָפּגעשונדע=
נער קערפּער אָן אַ קאָפּ, ביי דער זייט אויף אַ נידעריק טישל אַן איגנם=

טרומענט אַראָפּצוציען די הויט, בײַ דער וואַנט אין אַ פּלאַכן, אָפענעם קאַסטן, דינע פּלאַסטערן הויט, אָפּגערייניקטע שוין פון פעטס, אויסגעלייגט גלייך איינע אויף די אַנדערע, ווי פאַנאַנדערגעוויקלטער דינער, העלגעלבלעכער שטאָף.

זיי שטעלן שטיל די טריט, ווי אויף אַ בית=עולם בײַ נישט פאַרדעקטע מאַסן=קברים. זיינע באַגלייטער רעדן צווישן זיך מיט אַ פּליסטער, דערוואַרטן פון אים אַ וואָרט, קיין שום וואָרט וויל נישט דורכגיין דורכן האַלדז, זיי טרעטן פון ווינקל צו ווינקל. אַ צענדליק פאַרמאַכטע לאַנגע קאַסטנס, פּלאַכע, אַרויפגעשטעלט איינער אויפן אַנדערן, מען מאַכט זיי אויף — ליידיק, האָבן געוואַרט פול צו ווערן, איבערצופירן דעם „שטודיר=מאַטעריאַל“ אין אַ וויסנשאַפטלעכן אַנשטאַלט, אָדער ערגעץ=ווו אַלס רוישטאָף.

דער מיליטערישער באַגלייטער פירט צו צו אַ קוים באַמערקבאַרער טיר, זיי גייען דורך אייגנציקווייז — אַ לענגלעכע קאַמער, די לופט דאָ שווער, איבלדיק. בײַ דער וואַנט אויף רעכטס צוויי לאַנגע צוזאַמענגעשטעלטע סקעלעטן פון נישט קיין נאַטירלעכער ווייסקייט, דערנעבן אויף אַ טיש אַ קלענערער סקעלעט — אַ דעפאָרמירטער חוט=השדרה, די קנאָכן אויסגעקרומט, די קין=ביינער אַרויסגעשטאַרצטע — אַ סקעלעט פון אַ בעל=מום, דערנעבן אַ קאַרטל מיט אַן אויפשריפט: „פאַרן אַנטראָפּאָלאָגישן אינסטיטוט אין בערלין“. אין צווייטן עק קאַמער אַ לענגלעכער אייזערנער אויוון, אַ קאַלטער איצט, אויפן אויוון עפעם אַ קעסל אין דער פאָרם פון אַ וואַנע, אינעווייניק אין אַ קלעפּיקער פליסיקייט אַ מענטשלעכער גוף, דאָס לייב האַלט זיך קוים לויז אָן סקעלעט, האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשיילט, דאָס קאָכן מסתמא נישט פאַרענדיקט; אויבן אַנטקעגן אויוון אַ וואַנט=זייגער, אַן עדות: צוגעהיט די צייט פון קאָכן ביז דאָס פלייש פאַלט אָפּ פון סקעלעט. אויף דער ערד אַ קלענערער קעסל, אַ רונדער, ברייטער, אינעווייניק אַ צעשניטענער קערפּער, דאָ דאָס קאָכן פאַרענדיקט, די פליסיקייט אַ גערידכט=קלעפּיקע — פאַרגליווערט פעטס. בײַ דער דערנעבנדיקער לאַנגער וואַנט אַ וואַרשטאַט=טיש, אַן אָנוואַלגערניש: מכשירים, שאַכטלעך, פלעשלעך, ליידיקע און פולע, צוויי ליידיקע באַנקעס פון וואַש=בענזין.

ערשטער שטאָק. באַזונדערע צימערן, אַרבעטס=צימערן, שטודיר=צימערן, נומערירטע. צימער נומער... פּראָפעסאָר דאָקטאָר... אויפן אַרבעטס=טיש שרייב=מכשירים, אין קויש עטלעכע צעקנייטשטע, צעפליקטע

בלעטלעך, איינס שוין צוזאַמענגעשטעלט, פון פיר טיילן, אַ בלעטל מיט
פאַרצייכענונגען: „5 ביז 6 קילאָ פעטס פון אַ מיטליעריקן, נישט לאַנג
געזעסענעם אין תּפיסה, אַ נאָר־וואָס אַרעסטירטער, לייביקער קאָן געבן
פון 6 ביז 7 קילאָ, צוגעשיקטע פון לאַגערן האָבן אַ מינימאַלע וואָ־
פעטס, נאָך אַ לענגערן אויפהאַלט כמעט אינגאַנצן נישט".

אין צווייטן צימער — אַ קליינע לאַבאָראַטאָריע: אויף די ווענט
אַנאַטאָמישע מאַפּעס, דיאַגראַמען, געצייכנט מיט וויסנשאַפטלעכער
פּינקטלעכקייט, אויפן ביוראָ־טיש עטלעכע שיידלען, פרישע, נישט לאַנג
אויסגעקאָכטע, אויסגעבאָרענע אין בענזין, אַ ביבליאָטעקל, אַלטע ביכער,
אָפּגענוצטע, מיט אויסגעריבענע טאָוולען — אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע, אַנ־
דערע פאַך־ביכער, אַ שאַכטל מיט עטלעכע נישט אויסגעפּאַקטע, נייע
ביכער; פון אַ שענקל קוקן אַרויס דורכן גלאָז אויסגעקאָכטע, אָפּגעריי־
ניקטע ענדגלידער, דערנעבן אין אַ ווינקל אַ סקעלעט, אויף אַ טישל
אַ שרייב־מאַשין, שרייב־פּאַפּיר. אין די שופלאָדן ריין, קיין סימן פון אומ־
אָרדענונג, אַלץ אויפן אָרט, נאָר די צוגעגרייטע דאָ אַרבעטן זענען באַ־
צייטנס אַוועק.

קאַנצעלאַריע־צימער — אַלץ צעוואָרפן, אומגעדרייט, קענטיק מ'איז
פון דאַנען אַוועק אין פּאַניק. אויפן ביוראָ־טיש צוגענאָגלט מיט פּינעס־
קעס צוויי אָפּגעפונענע בלעטלעך: אַ רשימה, געשריבן אויף דער מאַשין,
באַשטעלונגען, קורץ פאַרנאָטירטע: „בערלינער מעדיצינישע אַקאַדעמיע
פאָדערט יונגע קערפּערס, מיט קעפּ, גוט קאָנסערווירטע, אַ ציפער..."
„...אינסטיטוט פון... בעט סקעלעטן, צוויי אָדער דריי"; „אינסטיטוט פאַר
ראַסן־פאָרשונג נייטיקט זיך אין שיידלען פון יידן"; פּראָפעסאָר דאָקטער
קיסינגער, צי קיסלינגער, פאַרלאַנגט געשאָסענע, נישט קיין געהאָנגענע..."
נאָך און נאָך, אַ לאַנגע, גענויע ליסטע. צווייט בלעטל, געשריבן מיט דער
האַנט, מיט געטאָקטע בוכשטאַבן, ווי געדרוקט פאַרן אַנטראָפּאָלאָגישן
מוזיי: „...דעם קריפּל געווייקט צוויי וואָכן אין כלאָרירטן קאַלך־וואַסער
ביז די ווייכע טיילן זענען שטופנווייז פאַרברענט געוואָרן, דאָס אויס־
קאָכן דויערט בלויז 5 שעה, אָבער דער לאַנגער פּראָצעס אַ בעסערער
דערצו, אַ מערקווירדיקער עקזעמפּליאַר פון דעגענעראַציע פון דער יידי־
שער ראַסע..." נאָך עפּעס געווען צוגעשריבן, אָן אַן אונטערשריפט. צו
וועלכן פּראָפעסאָר האָט געהערט דאָס קאַרטל? געקומען זענען אַהער
אַ סך פּראָפעסאָרן, געלערנטע, דאָקטוירים.

עקספּערימענטן־בלאָק. ער שטייט פֿאַר די אויגן נאָך דײַטלעכער ווי די אַנדערע. אַ גרויסער, לאַנגער באַראַק ווי אַרײַנגעוואַקסן אין דער ערד, אָפּגעזונדערט פֿון די אַנדערע, פֿאַרשטעקט אין אַ ווינקל טיף אין הויף, נאָענט צום פֿאַרקאַן, אָפּגעצוימט פֿון גרויסן שטח מיט שטעכל־דראָט. אונטן דער „שפּיטאָל“, אויבן די אויפֿהאַלט־קאַמערן. דער מיליטערישער באַגלייטער פֿירט גלײַך אַהין, ווו ז י וואַרטן אויף דער „קאָמיסיע“. פֿון אַן אָפֿענער קאַמער בײַם סאַמע סוף קאָרידאָר פֿאַרלויפֿט אַ שטאַרקער גערוך, אין אַ ווינקל אַ צענדליק פֿרויען־קערפּערס, מ'האָט זיי צונויפֿגעקליבן אויף איין אָרט און איבערגעדעקט מיט לײַלעכער, מ'דעקט אויף דעם שטויס, ווי אַ שטויס פֿוילנדיקע שמאַטעס. צווישן זיי איז זי געווען, איבערגעפֿירט זי גלײַך אין שטאָטישן שפּיטאָל, די אַנדערע געלאָזן פֿאַר דער אויספֿאָרשונג. ווי אַזוי האָט זי דעמלט אויסגעזען אויפֿן שפּיטאָל־בעטל? אויפֿן בלאָק?

ס'האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פֿאַר די אויגן. בילדער, געשפּענסטער האָבן זיך געדרייט אין דמיון, צוזאַמענגעדרענגט זיך, צוזאַמענגעפּלאָנטערט, וויברירט אין אַ קנויל און באַלד זיך אויסגעטײלט יעדעס באַזונדער; זי טרעט נישט אָפּ פֿון דמיון, שטענדיק ז י.

ער איז פֿאַמעלעך צוגעגאַנגען צום בוראָ־טיש, אַוועקגעזעצט זיך, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט. ער איז שווער, דער קאָפּ, דער מוח וויל נישט רוען, ער וויל נישט רעזיגנירן, ווייטער עפּעס אונטערנעמען! צי האָט ער דען ווען עס איז רעזיגנירט? צי נישט אַלץ אונטערגענומען וואָס נאָר מעגלעך געווען? 17 יאָר ראַנגלענישן, פּונקט אַזוי ווי אַ יוריסט, וואָס זאַמלט דאָקומענטן, עדות, אַמפּערט זיך, קעמפֿט מיט אַלע כוחות אַרויסצורייסן אַן אומשולדיק פֿאַרמשפּטן פֿון אונטער דער תליה. ער האָט נישט געשוינט קיין כוחות, קיין צייט, רעזיגנירט פֿון געוויסע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, אײַנגאַנצן זיך קאָנצענטרירט אַרום איין ציל, צוריקברענגען ז י צום לעבן, צום באַוווּסטזיניקן לעבן. ס'איז געוואָרן די פּאַסיע פֿון די אַלע יאָרן, מער ווי 17 יאָר פֿון זײַן לעבן אָפּגעגעבן, אַלץ אַזוי באַשווערט, קיין שום ידיעות וועגן איר. הײלן אַזאַ קראַנקן, נישט וויסנדיק גאָרנישט וועגן זײַן פֿריערדיק לעבן, קיין שום אויסקונפֿטן, נאָר די ווונדן אויפֿן לײַב דערציילן וועגן איר, און... און די בײַגעלעגט פּאַפּיר, פֿאַרשריבענע דורך... דורך וועמען? נישט געקאָנט אַפֿילו פֿעסטשטעלן, צי איז דאָס געווען פֿאַרשטעקט אונטער איר בעטל, צי ז י איז געווען דאָרט אַ נײַע, צי אַן אַלטע „פּאַציענטקע“? דער לאַזאַרעט־

דיל ביי דער וואַנט האָט געהאַט אַ סך לעבער, צעדראַפּעטע, אָפּגעריסענע שטיקער טינק, נידעריק ביי די בעטלעך. צי אין יסורים, אין וואַנזין געריסן? אָדער צי האָט מען געזוכט עפּעס צו פאַרשטעקן? „די וועלט זאָל זיך דערוויסן". זאָל זי האָבן געווען די מחברין פון די פאַרצייכענונגען? די קאָנפראָנטאַציע פון דער האַנטשריפט האָט דאָס נישט באַשטעטיקט, נאָר דאָס באַדייט גאָרנישט, אויף דעם קאָן מען זיך נישט שטיצן. צי וועט מען קאָנען בעסער קאָנפראָנטירן איצט? ווער ווייסט צי אַזוי גיך, צי בכלל.

ער האָט זיך דערמאָנט: ער האָט אַ קאָפּיע, אַ שאָד, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דעם אָריגינאַל אין אַרכיוו פון דער „קאָמיסיע". די קאָפּיע האָט ער שוין אויך זייער לאַנג אין האַנט נישט געהאַלטן, ס'איז פאָרט אַ שטיקל „ביאָגראַפיע", אַ לעצטער פראַגמענט פון אַ קאָלעקטיווער ביאָגראַפיע. אויך פון אירער. ס'וואָלט כדאי געווען נאָכאַמאָל אַרייַנצוקוקן, מען לייענט קיינמאָל נישט צופיל אַזעלכע דאָקומענטן, אפשר פאָרט עפּעס אַן אָנדייטונג.

פראָפעסאָר אַנדרימש האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגענומען אַ שליסל פון אויבערשטן שופלאָד, אויפגעשלאָסן אַ זייטיקן און אַרויסגעצויגן אַ פול-געפּאַקטע קאַרטאָטעקע. דערווייל זענען אים נייטיק בלויז די צונויפגעשפּיליעטע, דינע ביינגעלעך פּאַפּיר, ער מוז דערויף געפינען צייט, נאָכאַמאָל גוט דורכלייענען, מיט אַ רואיקן קאָפּ.

# VII

דאָקטער גיליגסקי איז אַ גוטער דירעקטאָר, פירט דעם אַנשטאַלט מיט אַ געניטער, ענערגישער האַנט, זיין אויפגאַבע נעמט ער ערנסט און איז איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. זינט ער איז געוואָרן דירעקטאָר פון אַנשטאַלט, האָט ער כמעט נישט קיין פערזענלעך לעבן. זיין פרוי וואַרפט אים פאָר, אַז ער האָט התונה געהאַט צום צווייטן מאָל, מיטן אַנשטאַלט; ער גיט איר צו פאַרשטיין: ער אַרבעט נישט אויף קיין שעהן, אין אַזאַ אַנשטאַלט בלייבט מען אַזוי לאַנג, ווי מען דאַרף. רעכענען אויף אַנדערע האָט ער נישט ליב, צום בעסטן איז רעכענען אויף זיך אַליין.

אַ מיטלוואוקסיקער, פעסט־געבויטער 50־יעריקער מאַן, מיט אַן ענערגיש פנים, מיט קורץ־געשוירענע האָר אויפן קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּגעקאָסעט פעלד, איז ער שטענדיק אין באַוועגונג, שטענדיק פאַרפאַרעט. געגוג אים אָנצוקוקן, כדי זיך אָנצושטויסן, אַז דער גאַנצער אַנשטאַלט ליגט אויף זיין קאָפּ. אָן זיין וויסן און אָן זיין אָנטייל קומט גאָרנישט פאָר.

היינט איז דער דירעקטאָר גאָר פאַרפאַרעט. ס'זענען אָנגעקומען צוויי נייע דאָקטוירים און ער, דאָקטער גילינסקי, האָט נישט ליב זייגער אַ נייער מיטאַרבעטער זאָל זיך אַרומדרייען און דערוויסן זיך וועגן אַנשטאַלט פון אַנדערע. מיט אַ נייעם מיטאַרבעטער דאַרף מען זיך דורכרעדן, און אויף קיין וואָרט איז ער נישט קאַרג, ער קוקט דעמלט נישט אויפן זייגערל, בפרט ווען עס קומען אַמאָליקע קאָלעגן. פונדעסטוועגן האָט ער אַלץ געלאָזן און אַוועק צום פּראָפעסאָר, מ'דאַרף קאָנען אויס־

נוצן אַ צופֿאַל. דער פּראָפֿעסאָר בלייבט זעלטן ווען אַזוי לאַנג, הגם לויט זיין וויסן האָט אים גאָרנישט פֿאַרהאַלטן, אָט אַ גוטע געלעגנהייט זיך אַריינצוכאַפּן, איצט מוז ער איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל דערליידיקן.

ער איז אַריין אין קאַבינעט און זיך פֿאַרנויגט. פּראָפֿעסאָר אַנ־ירימש האָט אויסגעצויגן צו אים די האַנט.

— הער פּראָפֿעסאָר, ד״ר ווינצענטי און ד״ר מראָזשעק זענען דאָ, אַ פֿולשטענדיקער געווינס פֿאַר אונדזער אַנשטאַלט, כ׳קען זיי פֿון לאַנג, מ׳האָט זיך געריסן איבער זיי, אַ געווינס פֿאַר אונדז, אָן ספֿק. כ׳מיין פֿאַרן 5־טן אַפּטייל זענען זיי די ראַיטס מען אָן די ראַיטס פֿליים, זיי וועלן גליקלעך זיין צו אַרבעטן מיט אייך, דאָס האָט אייער נאָמען, הער פּראָפֿעסאָר, זיי צוגעצויגן, אָן ספֿק, אייער אויטאָריטעט. צייט דער אַנשטאַלט זאָל טראָגן אייער נאָמען, הער פּראָפֿעסאָר.

— איבערגעטריבן, איבערגעטריבן, נישט כדאי צו רעדן דערוועגן. מיר האָבן גענוג אַנדערע זאָרגן, איר אַזוי גוט ווי איך.

— זאָרגן, דאגות, יאָ, אָן ספֿק. איך וויל טאַקע אויסנוצן די געלעגנהייט צו דערליידיקן אַן אַנדער ענין: ס׳גייט אין דעם צימער פֿאַר דער לאַבאָראַטאָריע, דאָס צימער פֿון דער אַמנעזטים. דער טערמין איז שוין לאַנג דורך, און צו וואָס טויג איר ווייטער אַזאַ גרויס צימער? פֿאַראַן אַ צווייטס פֿאַר איר. איך דערלויב מיר דערמאָנען, הער פּראָפֿעסאָר, ס׳האָט שוין לאַנג געזאָלט זיין דערליידיקט.

— ליידער, הער דירעקטאָר, כ׳וועל נישט קאָנען אַנטקעגנקומען אייער בקשה.

— הער פּראָפֿעסאָר, איך וויל מיר דערלויבן צו זאָגן, איך קלייב זיך שוין לאַנג צו אייך. איך פֿאַרשטיי זייער גוט, אַז אומגליקלעכע, אַ ספּעציעלער פֿאַל, אָן ספֿק, אָבער אַלץ האָט אַ גרענעץ. איך גלייב נישט, ס׳זאָל נייטיק זיין, אַזאַ איז נישט נאָר מיין מיינונג. נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, אַזוי פֿיל אָנשטרענגונגען. איר, הער פּראָפֿעסאָר, ווייסט דאָס צום בעסטן, אַדאַנק אייך דערפֿירט זי צו אַ סטאַבילן צושטאַנד. איר גופֿא, הער פּראָפֿעסאָר, האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט מיט רעזיגנאַציע ווייטער צו קאָנען טאָן עפּעס וואָס פֿאַר איר.

— מעגלעך, אויב יאָ, איז עס געווען צו לייכטזיניק פֿון מיין זייט. מע טאָר נישט אַזוי לייכט רעזיגנירן.

— לייכט? הער פּראָפֿעסאָר, איר זאָגט דאָס? נאָך אַזוי פֿיל יאָרן קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען?! פֿאַר דער צייט האָבן זיך געטוישט דריי

דירעקטאָרן, מיינע פריערדיקע קאָלעגן זענען געווען ביי דער זעלבער מיינונג. אין אייער קעגנוואַרט, הער פּראָפעסאָר, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס זי איבערצופירן. ס'גייט אין גאַנצן פּאַוויליאָן, דער פּאַסיקסטער פאַר דער נייער לאַבאָראַטאָריע. פאַראַן פאַר איר אַ גוט צימער. אָן ספק, ווען ס'וואָלט אומבאַדינגט נייטיק געווען מקריב צו זיין פאַר איר דעם פּאַוויליאָן, אָבער, אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, איך פאַרשטיי נישט צו וואָס דאָס אַלץ, ווי לאַנג איז דער שיעור?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויסגעהערט און רואיק געפרעגט:

— אייער זון, הער דירעקטאָר, איז אַ פיזיקער? איר האָט מיר געהאָט דערציילט, אַז ער איז שטאַרק פאַרטאָן אין פאָרשערישע אַרבעטן, נישט אמת?

— אָן ספק, הער פּראָפעסאָר.

— הגם אַ יונגער פיזיקער, וואָלט ער אייך געקאָנט דערציילן — און איר ווייסט עס זיכער אָן אים — וויפל יאָרן מען אָבסערווירט, פאָרשט אומבאַקאַנטע, קאָמפּליצירטע דערשיינונגען, וויפל מאָל מען קערט זיך אום צו נישט געלונגענע עקספּערימענטן, און וויפל ס'פאָדערט זיך מי, צייט, עקשנות... פאַרוואָס זאָל מען דעם מענטש, זיין אָרגאַניזם נישט פאָרשן מיט דער זעלבער עקשנות? נישט ווידמען אַזוי פיל אָנשטרענגונגען? בפרט ווען עס האַנדלט זיך אין אַזאַ קאָמפּליצירטן אבר ווי דער מוח. נו, אַ צו ערנסט פּראָבלעם, מ'זאָל אַזוי אויף איין פוס; וואָס שייך מיין פּאַציענטקע, האָב איך בדעה איר צו ווידמען איצט מער אויפמערקזאַמקייט, ווי ביז איצט.

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, איך גיי נישט אַריין אין אייערע קאָמפּעטענצן, גאָט באַהיט, נאָר געוואָלט פאַרשטיין צוליב וואָס? כ'האָב אייך איצט געהערט, הער פּראָפעסאָר, מיט אינטערעס, מעריטאָריש, מסכים מיט אייך, גרייט זיך אונטערצושרייבן אונטער אייערע ווערטער, אָבער דאָ, הער פּראָפעסאָר, דוכט מיר, איז אַן אַנדער פאַל. איך פרעג מיך, צי ס'איז צוועקמעסיק? צי פאַר איר גופא איז דאָס נייטיק? אין אונדזערע באַדינגונגען פאַרבלאָקירן אַ פּאַוויליאָן, און אַזוי פיל מענטשן אַרום איר, ס'איז אַ לוקסוס פאַר איין פּאַציענט. אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, מיין אויפריכטיקייט. דער אַנשטאַלט און איך, ווי זיין דירעקטאָר, מוז האָבן אין אויג די אינטערעסן פון אַלע קראַנקע, קודם די אינטערעסן פון כלל. מען קאָן דאָך נישט שטעלן די זאַך פון איין אינדיווידואום העכער פון די אינטערעסן פון גאַנצן קאָלעקטיוו, בפרט די זאַך

פון דאָזיקן אינדיווידואום זעט אויס צו זיין פאַרשפּילט. איר דעצידירט דאָ, הער פּראָפעסאָר, אָן ספק. ס'איז אָבער אַ זאַך פון פּרינציפּ, ס'גייט אין די אינטערעסן פון כלל.

פּראָפעסאָר אַנדריטש ווייסט, אַז דער דירעקטאָר איז אַ מענטש אַ פּרינציפּיעלער, דאָס וואָס ער זאָגט מיינט ער אויפריכטיק. געוויינלעך הערט ער אויס זיינע אַ לאַנגע רעדע און ענטפערט דערויף קורץ. זאָל ער אים דאָס מאָל אויך אָפּפּטרן, אויסנוצנדיק זיינע קאָמפּעטענצן? ניין, אַז שוין אָנגעהויבן, דאַרף מען פאַרענדיקן, ס'מוז איינמאָל סטאַיען צייט און געדולד אויך דערויף. ער האָט געמאָסטן די ווערטער:

— כלל, אינטערעסן פון כלל. הער דירעקטאָר, אָפּטמאָל איז דאָס אַ ריינע אַבסטראַקציע, מ'זאָרגט זיך שטאַרק פאַרן כלל, נאָר מען זעט נישט די באַזונדערע אינדיווידואומס, פון וועלכע דער כלל איז צוזאַמענגעשטעלט.

דער דירעקטאָר האָט אויפגעמאַכט דאָס מויל, האָט אָבער נישט איבערגעריסן, איינגעהאַלטן זיך. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויפגעכאַפּט זיין ערגערניש, ער איז נישט אויסן געווען אים אָנצורירן פּערזענלעך, ער האָט פּרעציזירט:

— ניין, ניין, הער דירעקטאָר, איך פאַררעכן אייך נישט צו די מענטשן, וואָס האָבן שטענדיק אַ פול מויל מיט מענטשהייט; שטענדיק פּלאַפּלט מען וועגן דער מענטשהייט, נאָר דער באַזונדערער מענטש איז פאַר זיי גאָרנישט, שטויב. ניין, כ'בין אייך נישט חושד. איך פאַרשטיי אויך, אַז אויף אייערע פּלייצעס ליגט דער גאַנצער אַנשטאַלט, און פאַרט האָבן מיר אייערע ווערטער דערמאָנט יענע אַבסטראַקציע. פאַר אונדז, מעדיקער, איז נאָך געפערלעכער ווי פאַר אַנדערע צו מעסטן און לעזן מענטשלעכע ענינים לויט צוגעשניטענע, פון פריער פאַרטיקע פּרינציפּן. זיכער, זיכער פאַראַן פּרינציפּן, כללים, וואָס פאַרפליכטן אונדז זייער שטאַרק, ביי אונדז אָבער שטעלן די דילעמע קאָלעקטיוו אָדער יחיד? מען מוז ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן אַזאַ דילעמע; אין אַ שווערער לאַגע דאַרף מען זוכן אַן אַנדער אויסוועג, די פּרינציפּן בינדן אונדז אָפּטמאָל די הענט, באַוועגן אונדז נישט צו טראַכטן, זוכן. זיי, די פּרינציפּן, האָבן שוין געטראַכט פאַר אונדז, צוגעגרייט פאַרטיקע לעזונגען. איך פאַראַלגעמיין, ווי איר זעט, הער דירעקטאָר. איר האָט אָבער געשטעלט דעם ענין פּרינציפּיעל, איז אָט אַן ענטפער, אויך אַ פּרינציפּיעלער.

דער דירעקטאָר האָט נישט בדעה געהאַט צו בלייבן שולדיק, בפרט ס'איז אַ גוטע געלעגנהייט זיך דורכצורעדן וועגן זאַכן פּרינציפּיעלע, וועמען נאָך גיט זיך איין אַריינצוציען דעם פּראָפעסאָר אין אַזאַ שמועס?

— הער פּראָפעסאָר, איר באַרירט אַ וויכטיק און קאָמפּליצירט פּראָבלעם. דאָס קאָן מען נישט, ווי איר אַליין, הער פּראָפעסאָר, זאָגט, אָפּפּטרן אויף איין פוס. פונדעסטוועגן וואָלט איך מיט אייך מסכים געווען וואָס שייך אונדזער געביט, נאָר איך וויל אייך נישט צונעמען צופיל צייט. אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, ס'האַנדלט זיך איצט אין אַ קאָנקרעטן פאַל, ס'גייט אין פּאַוויליאָן, וואָס איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר דער לאַבאָראַטאָריע. די פרוי איז פון לאַנג שוין דערהפירט צו אַ סטאַבילן צושטאַנד, אייגנטלעך איז איר נייטיק אַן אַנדערע סביבה, לויט אייער מיינונג גופא, הער פּראָפעסאָר. זי אַנטלויפט אַלע מאָל מער פון די אַנדערע קראַנקע, זיי ווירקן אויף איר שלעכט, ווי איר האָט דאָס געהאַט באַטאָנט, די גאַנצע אומגעבונג. צי איז אונדזער אַנשטאַלט איר איצט בכלל נייטיק? זי איז גיכער אַ בעל־מום, אַן עלטערע פרוי, אַ רואיקע, אַ געלאַסענע. אָן ספק, מ'דאַרף אַזאַ אומגליקלעכע פאַרזאָרגן ס'זאָל איר קיין עוולה נישט געשען. לויט מיין מיינונג, וואָלט זי זיך געפילט בעסער אין אַ גוטן זקנים־הויז, צווישן מענטשן פון איר שניט, אפשר אין אַ ספּעציעלן אַנשטאַלט פאַר אַזעלכע. אַזאַ איז מיין מיינונג, הער פּראָפעסאָר, אַנטשולדיקט מיר, אייער געביט, אייער קאָמפּעטענץ, אָן ספק.

— יעדער מענטש האָט דאָס רעכט צו האָבן זיין מיינונג און זי אַרויסצוזאָגן, מעדיקער האָבן אויך פאַרשידענע מיינונגען. איר, הער דירעקטאָר, געוויסע אונדזערע קאָלעגן האָבן איין מיינונג וועגן דער קראַנקער, איך אַ צווייטע. איר האָט מיר נישט דערמאָנט, אָבער איך געדענק, ס'זענען געווען אַ סך קאָנסיליומס. כ'האָב קיינעם נישט פאַרזיכערט אין פאַרזיכער ווייטער נישט, צי די ווייטערדיקע אָנשטרענגונגען וועלן ענדערן צום בעסערן איר צושטאַנד. איך וויל אויך נישט פרוון ענטפערן אויף אייער פראַגע וועגן צוועקמעסיקייט, דאַקעגן וועל איך אייך ענטפערן אויף אַן אַנדערער פראַגע, וואָס איר רוקט אַרויס. צי דאַרף מען זי נישט פאַררעכענען צו אַ געוויסער קאַטעגאָריע קאַליקעס? כ'מיין, אַז מ'וואָלט גאָר אַ גרויסע צאָל קראַנקע געקאָנט פאַררעכענען צו קאַליקעס; מ'קאָן צושפּיצן און זאָגן, אַז אין אַ געוויסן זין איז יעדער קראַנקער אַ קאַליקע. פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען וועגן די אַלע פּראָבלעמען מיך וווּנדערט נאָר, וואָס איר, אַ מעדיקער מיט אַ היפּשער פּראַקטיק,

זאָלט אַזאַ מיינונג אַרויסרוקן ווי אַן אַרגומענט. מיר דוכט, אין אייך רעדט מער דער דירעקטאָר, ווי דער מעדיקער. וואָס שייך די קאָלעגן, וואָס האָבן זיך מיט דער קראַנקער דירעקט פאַרנומען, האָב איך זיך פאַרשולדיקט לגבי זיי, לגבי אייך אויך, הער דירעקטאָר. איר זענט נישט אינפאָרמירט וועגן איצטיקן צושטאַנד פון דער קראַנקער. ס'בלייבט אונ־ז איצט נישט קיין צייט דערויף, יעדנפאַלס וואָלט איך אין איצטיקן מאָ־מענט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט צו ענדערן וואָס ס'זאָל נישט זיין אין אירע פּריווילעגירטע באַדינגונגען.

— אָ, הער פּראָפעסאָר, אַזוי ווייט האַלט עס נישט, איר זאָלט זיך דאַרפן קאַטעגאָריש קעגנשטעלן. כ'האָב דערמאָנט אַ באַשלוס וועגן אי־בערפירן אין אַן אַנדער פּאַוויליאָן, געזאָגט מיין מיינונג. וועגן איר גע־ענדערטן צושטאַנד דערוויס איך זיך איצט פון אייך, הער פּראָפעסאָר. איך דערלויב זיך נישט אַריינצומישן אין אייערע קאָמפּעטענצן, איר רעדט־דירט אין דעם פאַל, הער פּראָפעסאָר, אָן ספק. איך האָף איר וועט לסוף געפינען עפּעס אַ לעזונג, און מיר מודיע זיין.

— וויל איך אייך, הער דירעקטאָר, קודם מודיע זיין, אַז די פּאַ־ציענטקע וועט פון צייט צו צייט פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט.

— איך פאַרשטיי נישט!

— איך וויל פּרוון איר ענדערן די אומגעבונג, די באַדינגונגען.

דאָקטער גילינסקי איז געוואָרן אויפגעלייגט, אומדערוואַרטערהייט געווינט ער:

— זענען מיר דאָך, הער פּראָפעסאָר, אין תוך מסכים.

— איך זע פאָרויס די פּאַציענטקע זאָל פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט אויף קורץ, אפשר בלויז פון צייט צו צייט אַרויסגיין אין דער באַגלייטונג פון ד"ר שטערן. דערווייל מוז זי בלייבן אין אַנשטאַלט אויף די זעלבע פּריווילעגירטע באַדינגונגען. איך קאָן איצט גאָרנישט פאָרויסזאָגן, נאָר אַזוי פיל — דאָקטער שטערן וועט איר מוזן ווידמען מער צייט, ווי ביז איצט, ס'וועט נייטיק זיין זי צו באַפרייען פון געוויסע דיזשורן.

דער דירעקטאָר האָט אַ רגע געשוויגן, ס'איז אים נייטיק געווען איינ־צוהאַלטן זיין אויפגעבראַכטקייט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אָן ספק, הער פּראָפעסאָר, אויב זי וועט זיין מער פאַרנומען, וועט מען מוזן.

דאָקטער גילינסקי האָט זיך נאָך געקליבן עפּעס צו זאָגן, נאָר דער טעלעפאָן האָט זיך פאַנאַנדערגעקלונגען. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט צוגעטראָגן דאָס טרייבל צום יאויער, ס'האָט נישט אויסגעזען ער זאָל עס באַלד קאָנען אָפּלייגן. ער האָט זיך פאַרנייגט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

## VIII

זאָפיע אַנדריטש איז לעצטנס שטאַרק צערודערט, אַ נייגיר און אַן אומרו נאָגן אין האַרץ. דער זון קומט צוריק. זי דערוואַרט אַראַמען מיט פרייד און שרעק. ווי זעט עס איצט מיט אים אויס? ווי וועט ער זיך באַציען צו איר? ענדערונגען זענען פאָרגעקומען ביי אים זייער לאַנגזאַם, גאָר מען טאָר נישט אורטיילן לויט די פריערדיקע יאָרן. עטלעכע יאָ־ אין דעם עלטער איז זייער אַ סך, און בכלל איז ער דאָך איצט אַ דערוואַקסענער מענטש. 25 יאָר! זאָל דאָס זיין בעסער אָדער ערגער פאַ־ איר? געווינלעך ווערט אַ זון אין דעם עלטער נעענטער צו דער מוטער. צי וועט ער זי אַמאָל רופן „מוטער“? צי באַטראַכט ער זי בכלל פאַר אַזעלכער? די פראַגע מאַטערט זי פון לאַנג, איצט איז זי אויפגעשוואומען.

זי דערמאָנט זיך וואָס דער שרייבער טווינער האָט איר אַמאָל געהאַט דערציילט: זיין 12־יעריקע אַדאָפּטירטע טאָכטער איז אַמאָל געקומען צו לויפן פון שול אַ צעקלעמטע, צוגעשטאַנען און פאַרוואָרפן אים מיט פראַגן: מ׳האָט איר געזאָגט, אַז ער איז נישט איר אמתער טאַטע און די מאַמע איז נישט קיין אמתע מאַמע, זי זאָל האָבן געווען אַ קיילעכדיקע יתומה און זיי זאָלן זי האָבן גענומען, ווען זי איז אַ קליינטשיקע געווען, זי וויל וויסן צי ס׳איז אַזוי.

טווינער האָט מיט אַ שמייכל אויסגעהערט און געענטפערט: אַך, ווי נאַריש מענטשן זענען! און דו, מיין טעכטערל, רעדסט איצט נאָך נאַרישערע רייד. שטעל זיך פאָר, ביי עלטערן ווערט געבוירן אַ קינד, צי ס׳איז אַ געראָטנס, צי נישט, צי אַ יינגל, צי אַ מיידל, זיי מוזן עס צונע־

מען, האָדעווען, אפילו ווען ס'געפעלט זיי נישט. דו ביסט ביי אונדז נישט געבוירן געוואָרן, מיר האָבן דיך אויסגעזוכט, אויסגעקליבן צווישן אַ סך קינדער, מיר האָבן דורכאויס געוואָלט האָבן אַ טאָכטער, און אַזאַ, וואָס זאָל אונדז געפעלן, וואָס מיר וועלן קאָנען שטאַרק ליב האָבן. נו, ביסטו נישט אונדזער אמתע טאָכטער און מיר דיינע אמתע עלטערן? מיר געפעלן דיר דאָך מסתמא אויך צו זיין דיינע עלטערן? נישט אמת?

דאָס מיידל איז מסכים געווען, באַרואיקט זיך און מער קיין פראַגן נישט געשטעלט. אונטערגעהערט האָט ער אָבער איינמאָל אַ שמועס צווישן איר און אַ פריינדין איר'ער. דאָס מיידל האָט יענער אויפגעקלערט: „כ'בין נישט קיין געבוירן-טאָכטער, נאָר אַן אויסגעקליבענע טאָכטער, דאָס איז דאָס זעלבע ווי אַן אמתע טאָכטער“.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער זענען די אַנדריטשעס געווען פאַרבעטן אויף דער טאָכטערס חתונה. די יונגע פרוי האָט אין זאָפיעס קעגנוואַרט אַרומגענומען די מוטער און איר געשעפּטשעט אויפן אויער: „מיין טייערע מאַמע“.

זאָפיע האָט דעמלט געפילט, ווי ערגעץ טיף אין אַ ווינקל פון האַרץ האָט זיך אָפּגערופן אַ ווייטיק, אַן אויסבאַהאַלטענער, פאַרשטעלטער, אָבער נישט אויסגעהיילטער. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאָס גליק צו הערן דאָס וואָרט „מאַמע“. ווי איז דאָס געשען, וואָס זי האָט נישט געפונען קיין וועג צו אים? פאַרוואָס האָט זיך איר אַזוי פיל יאָרן נישט איינגעגעבן אים צו געווינען ווי אַן אמתן זון? זי האָט דאָך אַלץ געטאָן פאַר אים! וואָס קאָן זי זיך פאָרוואַרפן? צוליב אים זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך אייגענע אַמביציעס. זאָל דאָס זיין, ווייל ס'איז אַזאַ כאַראַקטער? צי די פאַרגאַנגענהייט האָט אַזוי געלייגט דעם שטעמפּל? מיטן מאַן איז ער אָבער פאָרט אַנדערש געווען, אים רופט ער פאָרט „פאָטער“, מיט רעזערוו, אָבער פאָרט אַנדערש, ווי מיט איר. זאָל דאָס זיין צוליב זיין גרויסן אויטאָריטעט? אָהער איר מאַן האָט בעסער געוווּסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַזאַ קינד? געדוכט האָט זיך איר שטענדיק פאַרקערט, זיין צוגאַנג האָט איר אויסגעזען נישט קיין געהעריקער, נישט קיין פּעדאַגאָגישער.

זאָפיע האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם נישט פאַרטרויט, אַלץ געשטיקט אין זיך, אפילו איר מאַן האָט נישט געוווּסט, ווי פיינלעך ס'איז פאַר איר; זי האָט זיך נישט באַקלאָגט, געגעבן בלויז דעם מאַן צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף געוויסע זאַכן פאָדערן פון אַ קינד, מ'דאַרף דאָס

ייִנגל צוגעוווינען צו געוויסע פֿליכטן, פֿאַר זיין אייגענעם גוטס. ער פֿאַרקערט — מ׳דאַרף אַלץ אָננעמען פֿאַר ליב, אַלץ מוחל זיין, פֿון אַזאַ קינד דאַרף מען נישט פֿאָדערן.

ס׳איז געווען קעגן איר איבערצייגונג: זי איז דאָך אַ פּעדאַגאָגין, אַ דערציערין, און ווייסט, אַז מען טוט אים גופֿא דערמיט אַן עוולה; מ׳וועט מאַכן פֿון אים אַן אומבאַהאָלפֿענעם, אומגעשיקטן. זי האָט פֿאָרט פֿאַרבויגן איר פּעדאַגאָגישע איבערצייגונג, זי וועט אָפּוואַרטן, זאָל זי קודם געווינען זיין צוטרוי, זאָל ער זיך צובינדן צו איר, זאָל ער זי נאָר באַטראַכטן פֿאַר זיין מאַמע. זי האָט נישט געוואָלט פֿאַרשפּילן, נישט געוואָלט איר לאַנגער טרוים זאָל ליידן אַ דורכפֿאַל, זי האָט היים באַגערט צו האָבן אַ קינד, צו הערן זיך רופֿן „מאַמע“.

וועגן אַדאָפּטירן אַ קינד האָבן די אַנדריטשעס שוין פֿון לאַנג געהאַט געטראַכט, געהאַט אפֿילו באַשלאָסן. ווען זיי האָבן נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן וועגן דעם, איז זיי קודם כּל געגאַנגען אין אַ קינד, וואָס האָט קיינעם נישט. אַזעלכע האָבן אפֿילו נישט געפֿעלט, נאָר דאָס ייִנגל איז זיי ממש אונטער דער האַנט אונטערגעקומען.

זייער דינסט, די אַלטע מאַריאַ האָט געמוזט אָנקומען צו איר באַלעבאָסטע איר איבערצולייענען אַ בריוול, און דאָס בריוול מיט די צעגראַטשעטע אותיות האָט געבראַכט אַ שלעכטע ידיעה: ס׳האַלט שלעכט מיט מאַריאַס אַ קרובֿה, און יענע האָט פֿאַרן טויט זיך אומגעקערט צו די קינדער־יאָרן, דערמאָנט זיך, ווי די עלטערע קרובֿה האָט זי געהאָדעוועט, ווען זי איז אַ יתומה געוואָרן, און וואָלט געוואָלט זי נאָך זען איידער זי שיידט זיך מיט דער וועלט. די ירושה לאָזט זי איר אויך. מאַריאַ האָט זיך איבערגעצלמט, אָנגעהויבן ווישן די אַלטע, איבערפֿולטע אויגן און זיך אויך גענומען דערמאָנען די פֿאַרגאַנגענהייט, אַריינבראָקנדיק דערביי, ווי איר שטייגער איז, אַ ביסל פֿילאָזאָפֿישע סענטענצן:

— אַזוי פֿיל יאָרן זיך נישט געזען, כ׳ווייס אפֿילו נישט ווו זי האָט אָנגעשפּאַרט אין דער צייט פֿון דער מלחמה, און זי געדענקט אין מיר, דער טויט שטייט איר צוקאָפּנס און נישט פֿאַרגעסן. אוי, אַ טייערע נשמה געווען, אַ מענטש אָן אַ גאַל, אויף מיין ערן־וואָרט, ווער זאָל זיך האָבן

געריכט, אַזויפֿיל ייִנגער פֿון מיר און דער מלאך-המוות האָט זיך שוין גענומען צו איר, אַזאַ געזונטע געווען. פֿאַרוואָס זאָל זי נישט לעבן? נאָר גאָט פֿרעגט מען נישט קיין שאלות, ער פֿרעגט אונדז נישט קיין דעות, דאָס לעבן איז זײַנס אַ געשאַנק, נעמט צוריק צו, ווען ער האַלט פֿאַר ריכטיק. ווען מ'וואָלט כאָטש הנאה געהאַט פֿון גאָטס געשאַנק, נישט בײַ אײנעם ווערט דאָס פֿאַרטאַכליעוועט און אײדער וואָס ווען איז אויס מיטן געשאַנק. אַ מענטש איז געווען און נישטאָ, אַזוי ווי אַ פֿליג, אויף מײַן ערן-וואָרט

מאַריאַ איז געפֿאָרן אין אײלעניש, אָבער געקומען שוין נאָך אַלע-מען, אויסגעווײנט זיך דאָס שווערע האַרץ אויפֿן קבר און אומגעקערט זיך מיט אַ לײַכט פּעקל ירושה. צוזאַמען מיטן קלײנעם זעקל שמאַטקעס, האָט זי מיטגעבראַכט אַ גאַנצן פּאַק אויסטערלישע נײַעסן: איר קרובה, די טײַערע נשמה, האָט אָפּגעראַטעוועט אַ ייִדיש ייִנגעלע, אויסבאַהאַלטן עס ערגעץ אין אַ קלויסטער אויף אַ דאָרף. צווישן די שמאַטקעס און שמאָכניעס, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון זעקל, איז געווען אַ פֿאָטאָ-גראַפֿיע פֿון אַ 4—5-יעריק ייִנגל. זי האָט זיך דערפֿרײַט דערמיט, אָט, אַ סימן, אַז אַלץ וואָס זי דערצײלט איז אמת, זאָל די באַלעבאָסטע נישט מײנען, אַז זי טראַכט זיך אויס.

מאַריאַ האָט איצט געהאַט אַ גײַנסטיקע טעמע, זי האָט געוווסט, אַז אַזעלכע נײַעסן וועט די באַלעבאָסטע גערן אויסהערן. דאָס מויל איז איר איצט געגאַנגען, ווי אויף שרויפֿן, נישט אויסצודערצײלן, וואָס זי האָט זיך אַלץ אָנגעהערט; אַזאַ אײנשטעלערין די קרובה אירע, געקאָנט מיטן לעבן באַצאָלן. ווער וואָלט אַזוי ריזיקירט? זי, מאַריאַ, וואָלט מורא געהאַט אין יענע צײַטן צו ברענגען אַ ייִדיש ייִנגל אויפֿן דאָרף, דערנאָך עס פֿירן ערגעץ אין אַ קלויסטער. נאָר אַ קאָפּ אויפֿן קאַרק האָט זי גע-האַט, קײנער האָט דעמלט גאָרנישט נישט געוווסט. אַזאַ ריזיקאַנטקע, געקאָנט אַרויפֿשלעפּן אַן אומגליק אויפֿן גאַנצן דאָרף, נאָר מ'האָט אי-אַלץ מוחל געווען, אַזאַ גוטע נשמה, דאָס לעבן וואָלט זי פֿאַר יענעם אַוועקגעגעבן. קײן מזל האָט זי נישט געהאַט, אפֿילו נישט חתונה געהאַט, נאָר אַ האַרץ האָט זי געהאַט אַ בריליאַנטענס, און שײן איז זי אַמאָל גע-ווען ווי די זון, און דאָס לײגט מען אַרײַן אין דער ערד און פֿאַרטיק.

זאָפֿיען האָט מער אינטערעסירט דאָס לעבעדיקע ייִנגל, ווי די טויטע קרובה, און פֿאָרזיכטיק אַ פֿרעג געטאָן וואָס מיטן קינד איז געוואָרן.

מאַריאַ האָט אָבער ווידער אָנגעהויבן פֿון אָנהייב: זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן יינגל אַזוי פֿיל, אַז די האָר אויפֿן קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויער. מ׳האָט איר דערציילט פֿאַרשידענע מעשׂיות. מ׳זאָגט די דײַטשן האָבן דערהרגעט די גאַנצע משפּחה, אַליטשקע, און ווי אַזוי דערהרגעט! בײַנאַכט אַרויסגעשלעפּט גאַנצע משפּחות פֿון די הײַזער, אַוועקגעפֿירט אויפֿן ייִדישן בית⸗עולם, אויסגעשטעלט און טיוק⸗טיוק⸗טיוק! מיט אַזעלכע ביקסן, וואָס איינס⸗צוויי און פֿאַרטיק. ס׳קינד איז אויך געווען צווישן זיי, נאָר ס׳איז גישט דערשאָסן געוואָרן; מ׳זאָגט דאָס קינד איז זאַמראָטשעט געוואָרן, אָדער פֿון שרעק אַוועקגעפֿאַלן און אײַנגעשלאָפֿן. פֿאַרטאָג האָט דאָס יינגל זיך אויפֿגעכאַפּט און אָנגעהויבן זיך אַרויסגראַבלען; זי, די קרובה אירע, איז פּונקט צו יענער מינוט אָנגעקומען אויפֿן בית⸗עולם, זי האָט געזען ווי מ׳האָט זיי אַרויסגעפֿירט און אינדערפֿרי געגאַנגען אָפּגעבן רעכט אירע באַלעבאַטים. דערזען, אַז דאָס דערשאָסענע יינגל לעבט, האָט זי אים אַ כאַפּ געטאָן און אַוועק מיט אים דורך די פֿעלדער. אַזוי האָט איר דערציילט אַ באָבע, דערציילט האָט זי אַ סך מער, נאָר זי פֿאַרקירצט עס. צי ס׳איז אמת, ווייסט זי נישט, כאָטש לויט איר שׂכל קאָן דאָס זײַן אמת. ערשטנס, צו וואָס וואָלט די באָבע אויסגעטראַכט, צווייטנס, צי האָבן די דײַטשן רעדן נישט געטאָן אַזוי מיט די ייִדן? נאָך אַ סימן — דאָס יינגל לעבט. איין זאַך לייגט זיך איר נישט אויפֿן שׂכל: ווי אַזוי האָט איר קרובה געקאָנט אײַנשטעלן דאָס לעבן און גיין אויפֿן ייִדישן בית⸗עולם? גישט אַנדערש, נאָר עפּעס אַ קלעפּקע האָט זיך בײַ איר צעבראָכן אין קאָפּ. מ׳זאָגט, זי איז געוואָרן אַ הזשיוואַק, אַנדערש וואָלט דאָך אַ נאָרמאַלער מענטש נישט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן צו גיין אָפּגעבן רעכט די ייִדישע באַלעבאַטים און אַוועקנעמען פֿון די טויטע אַ לעבעדיק קינד, בפֿרט אַ יינגל, וואָס די דײַטשן האָבן געקאָנט דערגיין, אַז ס׳איז אַ ייִדיש. נאָר וואָס קאָן מען וויסן, ווי אַזוי ס׳איז אין דער אמתן געווען? אַן אַנדער באָבע, וואָס האָט די געשטאָרבענע צוגעהיט ביז זי האָט אויסגעהויכט די נשמה, האָט איר געזאָגט ס׳איז אַנדערש געווען: דאָס יינגל האָט זי אַרויסגעשלעפּט פֿון געטאָ, דער טאַטע איז טאַקע דערשאָסן געוואָרן, די אַנדערע אויך, נאָר די מאַמע האָבן זיי דערנאָך צורעכט געמאַכט אין אוישוויץ. אַז זיי האָבן זי צורעכט געמאַכט איז זיכער, אַ סימן, זי איז נישט צוריקגעקומען. דאָס לייגט זיך מער אויפֿן שׂכל, ווײַל דאָס יינגל, זאָגט מען, איז אַ געזונטס. וואָלט עס געווען צווישן די דערשאָסענע, האָט עס געקאָנט זײַן אַ שלאַפֿס. אַז ס׳איז

אַ געזונט, שיין יינגל, האָבן איר ביידע באַבעס געזאָגט, און ס'זעט נישט אויס אויף אַ יידיש.

וואָס מיטן יינגל איז געוואָרן? זי האָט האָך שוין דערציילט: פריער אויפן דאָרף, דערנאָך אין אַ קלויסטער, דערנאָך ווידער אויפן דאָרף ביי דער קרובה און דערנאָך צוריק אין קלויסטער. מ'האָט איר געזאָגט, די קרובה האָט צווויסן געגעבן אין אַ יתומים-הויז, ווען זי איז קראַנק געוואָרן, געניי ווייסט זי נישט. מסתמא איז דאָס נאָך אין קלויסטער.

זאָפיע אַנדריטש האָט געוווסט, אַז זי מוז אויסהערן אַלע לאַנגע מעשיות, אויב זי וויל זיך עפּעס דערוויסן וועגן יינגל. זי האָט אויסגעפרעגט כלומרשט אַזוי זיך. מאַריאַ האָט איר אויך נישט געקאַרגט קיין אינפאָרמאַציעס וועגן דאָרף גופא, ווו ס'ליגט און ווי ווייט ס'איז, כאָטש זאָפיע האָט אויסגעפרעגט סתם אַזוי.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זאָפיע זיך געלאָזט אָן ווּיסן פון מאַן אין וויטן דאָרף. דעם קלויסטער האָט זי געפונען, דאָס יינגל נישט, ס'איז שוין פון לאַנג געווען אין אַ קינדער-הויז. אָפּצוזוכן דאָס יתומים-הויז איז נישט שווער געווען, צו אַדאָפּטירן דאָס קינד אויך נישט, ס'האָט זיך נאָר פאַרשלעפּט צוליב זיי גופא. ערשט נאָך גוטע אָנדערהאַלבן יאָר האָבן זיי געבראַכט דאָס יינגל צו זיך אין שטוב.

דער 13-יעריקער אַדאַם איז געווען אַן אויסגעבלאַסט, אויסגעמאָגערט יינגל, וואָס האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן, אַריינצוקריכן אין אַלץ נאָרעם און פיינט געהאַט צו רעדן. ער פלעגט פּלוצלונג אין קינדער-הויז פאַרפאַלן ווערן און אַז מ'האָט אים אָפּגעפונען ערגעץ אין אַ ווינקל אין גאָרטן, אין סטאָליער-וואַרשטאַט, אָדער גאָר אין וואַלד, איז שווער געווען פון אים אַ וואָרט אַרויסצוקריגן. דער דערציערין זיינער, אַ פאַריתומטער מאַמע, וואָס האָט נאָך אַלץ באַוויינט אירע צוויי דערוואַקסענע מיידלעך, אומגעקומענע בעת אַ שליחות, איבערטראָגנדיק גראַנאַטן, איז דאָס יינגל צוגעפאַלן צום האַרץ, זי האָט אָבער צו זיין האַרץ נישט געקאָנט טרעפן. אויף קיין פאַרוואָס האָט ער נישט געענטפערט, אויף פראַגן האָט ער בכלל געענטפערט מיט האַלבע זאַצן, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער. „אַזוי ווי אַן איבערגעשראָקן חיהלע, אַ ווילד באַשעפעניש" — האָט זי זיך פאַרקלאָגט פאַר דער פאַרוואַלטערין פון יתומים-הויז. נאָר דאָס ווילדע באַשעפעניש האָבן אַלע ליב באַקומען. ער האָט זיך בפירוש אויסגעטיילט צווישן די קינדער נישט נאָר מיט זיין שוויגן, נאָר אויך מיט זיין אויסזען: אויגן גרויסע, בלויע, טיף-אומעטיקע, אַ פּנים, אַ געלב-

לעך־בלאַס, אַזש די הויט איז דורכזיכטיק, און דאָס־אָט פּנים, די־אָט אויגן זוכן, נישטערן שטענדיק, ווילן אַלץ דערגיין, נאָר פון אים קאָן קיינער גאָרנישט דערגיין, בלויז דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט אויסבאַהאַלטן: זיין התמדה צו לערנען, אין איין יאָר צוויי קלאַסן.

ביי זיינע נייע עלטערן איז די געלבלעכע פאַרב פון פּנים גיך פאַרשווּנדן, דאָס שווייגעניש — נישט. דער אומצוטרוי, די ספקות האָבן טיילמאָל איבערגעריסן דאָס שווייגעניש: „ס'איז אמת? זיי נאַרן נישט אָפּ“ — האָט ער געפרעגט אין פאַלן, וואָס האָבן נישט געגעבן קיין שום גרונט נישט צו גלייבן. נאָך ערגער, ווי דער אומצוטרוי און פאַרדאַכט, איז געווען די גלייכגילטיקייט צו מענטשן און זאַכן. אַז דאָס יינגל האָט, דורכגייענדיק, עפּעס פאַרטשעפּעט און אומגעדרייט, איז דאָס אומגעדרייטע געבליבן אויפן אָרט און אַדאַם איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. האָט דער רעגן זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם פענצטער, האָט ער געקאָנט פאַרגיסן דעם גאַנצן צימער און אַדאַם איז זיך געזעסן ביים ביוראָ־טישל אַריינגעטאָן אין לייענען אָדער שרייבן.

די אַנדרישעס האָבן געוווּסט פון וואַנען דאָס שטאַמט, דעם יינגלס אומעטיקע אויגן און פאַרוואָלקנט פּנים האָבן גענוג דערציילט; זיי האָבן געגלייבט ס'וועט אַוועק, אָבער באַגערט ס'זאָל וואָס שנעלער אַוועק. זאָפיע האָט געהאַט אַ ברייט פעלד אָנצוווענדן אירע פּעדאַגאָגישע קענטעניש. נישקשה, זי וועט זיך אַן עצה געבן. אין איר פּעדאַגאָגישער קאַריערע האָט זי נישט איינמאָל געהאַט צו טאָן מיט פאַרשידענע עקזעמפּלאַרן. זי האָט אַמאָל אויף אַ זומער־קאָלאָניע געהאַט אַ חברהמאַן, וואָס האָט בשום אופן נישט געלאָזט זיך וואַשן דעם קאָפּ, אָפּשערן די קודלעוואַטע האָר אויך נישט, און זיין קאָפּ האָר איז געווען אַ פאַרדעכטיקער. האָט מען געמוזט דאָס ערשטע מאָל אים צוהאַלטן ביי די הענט און פיס, נאָר דאָס מויל האָט מען דאָך נישט געקאָנט פאַרשטופּן, זענען די געוואַלדן געגאַנגען ביזן זיבעטן הימל. זי, זאָפיע, געדענקט גוט, ווי זי האָט דעם 8־יעריקן פאַרשווין אַרויסגעשלאָגן דאָס עקשנות פון קאָפּ. נאָך אַ דריי וואָכן האָט ער אַליין אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ קודלעס אין אַ שיסל וואַסער און געפּליוסקעט זיך, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך. זאָפיע האָט איצט אויפסניי איבערדערציילט דעם מאַן די צרות, וואָס זי האָט געהאַט אַמאָל אויסגעשטאַנען פון אַ 9־יעריקן בחור, אויך אויף אַ זומער־קאָלאָניע: ביי די מאָלצייטן האָט ער געשטופּט שטיקער ברויט אין די קעשענעס, ער האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט אויפעסן, זיינע קעשע־

נעם זענען שטענדיק געווען אָנגעשוואָלן. זי איינע האָט געפונען אַן עצה דערצו. און וויפל אַנדערע קינדערשע „משוגעתן" איז זי בייגעקומען? וועט זי זיך מיט אַזעלכן נישט קיין עצה געבן? אוודאי, מיט אַ ייִנגערס איז לייכטער, די משוגעדיקע געוווינהייטן זענען נאָך נישט אַריינגעוואַקסן צו טיף, אָבער צו אַ יונג קינד וואָלטן זיי אויך געדאַרפט זיין ייִנגער.

זאָפיע איז צוגעטראָטן צו איר מאַמעשער קאַריערע מיט ענטוזיאַזם, שפּעטלעך געוואָרן אַ מאַמע, ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסער רעזערוואַר נישט אויסגעלעבטע געפילן. זי האָט דאָס ייִנגל ליב באַקומען, נאָך איידער זיי האָבן עם געבראַכט אין שטוב, איידער זי האָט עם צומאָל געזען אַ לעבעדיקס. זי האָט זיך פיל מאָל פריער איינגעקוקט אין דער פאָטאָגראַפיע, און זי האָט עס טאָפּלט ליב באַקומען, אַ דאָס ייִנגל איז אַזוי פיל אָפּגעקומען, אַ אַן אויסגעבענקט קינד. פון אָנהייב האָט זי קיינעם נישט אָנגעטרויט, מען מוז אַ שטיקל צייט זיך אָפּזאָגן פון אַ סך זאַכן, אַליין צוהיטן, אַליין יעדן טאָג קאָנטראָלירן זיינע אויפפירעכצן. ניין, נישט מאַריאַ וועט דערציען איר זון, זי וועט קודם אַרויסשלאָגן פון אים די גלייכגילטיקייט. אויב דאָס, וואָס ס'טוט זיך אַרום אים, וועט אים נישט אָנגיין, וועלן אים שפּעטער מענטשן אויך נישט אָנגיין.

און צום ערשטן מאָל האָט זאָפיע געליטן אַ מפּלה אין איר דערציערישער אַרבעט. דערנאָך איז געקומען אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה. די צרות מיטן ייִנגל וואָלטן אפשר אַזוי גרוים נישט געווען, ווען נישט דער מאַן; אים האַרף מען איצט אויך דערציען, גיי איבערצייג אים, אַז אַזוי טאָר מען נישט, ער נעמט אַלץ אָן פאַר ליב, אַבי דער אַדאָפּטירטער זון לערנט זיך גוט, דער ערשטער אין קלאַס, דאָס שייגדל פון דער שול, דאָס איבעריקע וועט קומען, זאָל מען אים לאָזן זיך פירן אַזוי ווי ער וויל, ער וועט ביסלעכווייז אַליין איינזען, וועט נעמען אַ ביישפּיל פון אונדז. ס'האָט געקאָנט זיין נאָך ערגער, זאָל מען צופרידן זיין פון זיין התמדה צום לערנען.

זאָפיע האָט געקאָנט באַשטיין ער זאָל נישט זיין קיין ערשטער אין קלאַס, אָבער אַ נאָרמאַל קינד אין שטוב; נישט דער שילער אין שול, נאָר דאָס קינד אין שטוב גייט איר אָן. צי האַלט ער בכלל די שטוב פאַר זיינע? פירט זיך אויף ווי אַ פרעמדער אין אַ פרעמדער שטוב, קיין שום זאַך גייט אים נישט אָן. זי פּרוווט אים פאַראינטערעסירן מיט די שטוביקע ענינים, ס'קלעפּט זיך נישט צו ווי אַרבעס צו דער וואַנט. אין

זיי גופא? ווי אַזוי קוקט ער אויף זיי? שווער צו דערגיין, ער איז ווייניק מיט זיי, אפילו ווען זיי זענען צוזאַמען, ער איז נאָר מיט זיך. זי האָט אים שטענדיק פאָרגעשטעלט: „מיין זון“, אויך ווען ער איז דערוואַקסן געוואָרן, ער זי קיינמאָל נישט: „מיין מאַמע“; קוים אויסגעפּועלט, ער זאָל זי נישט אירצן. אַרויסגעקומען איז די ערשטע צייט נישט דאָס און נישט יענץ, שפּעטער זענען די וואַקלעניש פאַרשוווּנדן, אָבער דאָס וואָרט „מאַמע“ האָט זיך נישט געוואָלט אָננעמען אין זיין מויל, ווי עס נעמט זיך נישט אָן אַן אויסגעריסן געוויקס, וואָס מען פלאַנצט איבער אויף אַן אַנדערשדיקן באָדן.

ווען ס'זענען געקומען די ערשטע בריוו פון דער פרעמד, האָט זי זיך געטרייסט און גלייכצייטיק געמאַכט זיך פאָרוואורפן: אַדאַם בענקט אַהיים! זי האָט זיך נישט אינגאַנצן דערקענט אויף אים. אָט שרייבט ער בפירוש: „איך פיל ערשט איצט, וואָס איר זענט פאַר מיר, וואָס דאָס איז משפּחה“. זיי זענען לאַקאָניש, די בריוו, נאָר דאָס קאָן מען אים מוחל זיין, באַרעדעוודיק וועט ער שוין קיינמאָל נישט זיין, אַזאַ כאַראַקטער איז שווער צו ענדערן. און צי גייט איר דען ער זאָל באַרעדעוודיק ווערן? דער עיקר, ער איז אַ גליד פון דער משפּחה, ס'איז זיין היים, זיין משפּחה, זיינע עלטערן. אויף דעם האָט זי געהאָפט, דאָס איז איצט נאָך איר אינטימסטער באַגער.

ווי וועט עס איצט אויסזען פּנים אל פּנים מיט איר גופא? איז די שטייפקייט שוין אינגאַנצן אויסגערונען? און די פרעמדקייט? מיטן טאַטן ווייסט זי, זי איז אפילו אייפערזיכטיק, ווען זי קוקט זיך צו זייערע באַציונגען. אַ זון ירשנט זעלטן דעם טאַלאַנט פון זיין פאָטער, ירשנט ער יאָ, איז דאָס אַ גרויס גליק אי פאַרן זון, אי פאַרן פאָטער. היינט ווי גליקלעך דאַרף אַ פאָטער זיך פילן, ווען ער האָט דעם זון איבערגעגעבן זיינע שעפערישע נייגונגען נישט בירושה, נאָר דורך זיין אויטאָריטעט און אָנזען, דורך זיין איינפלוס. זי ווייסט, איר מאַן האָט אַדאַמען צו זיין באַרוף דירעקט נישט אָנגערעגט, פאַרקערט. אַדאַם האָט זיך אָבער שטופנווייז אַריינגעלעבט אין פאָטערס לעבן, אַריינגעזאַפּט אין זיך זיינע נייגונגען, אפילו ביסלעכווייז איבערגענומען פון אים געוויסע פיזישע אייגנשאַפטן און באַוועגונגען, ווי דאָס אונטערשפּאַרן די הענט אונטערן קאָפּ, לייכט אַ הייב טאָן מיט די אַקסלען און ענלעכע קאַרגע זשעסטן, ווי דער פאָטער וואָלט טאָג־טעגלעך איבערגעגעבן דעם זון אַ טייל פון זיך גופא. ס'האָט איר אָפט געדוכט, אַז אַדאַמס פּנים

הייבט אָן ווערן ענלעך צום פאָטערס. זי האָט זיך פון צייט צו צייט אָנגעהויבן נעענטער צוקוקן צו די העלע אויגן פון איר מאַן. צי זענען זיי אין דער יוגנט נישט געווען אַזוי בלוי ווי אַדאַמס אויגן? און דאָס אָוואַלע פנים? ווער פון אַדאַמס אומגעקומענע עלטערן האָט געהאַט אַזעלכע אויגן? די מאַמע צי דער טאַטע? זאָל זיין, אַז די פיזישע שטריכן זענען אַ צופאַל, אָבער געוויסע גייסטיקע שטריכן, קוים באַמערקבאַרע באַוועגונגען האָט ער אין די 13—14 יאָר איבערגענומען.

צו דעם אַלעמען ווען איצט צוקומען די נאָענטע, געמיינזאַמע פאַראינטערעסירונגען, אַ געמיינזאַמער ציל, די צוזאַמענאַרבעט. יאָ, מיטן פאָטער פאַרבינדט אים איצט אַלץ, אָבער מיט איר? זענען אירע אָנשטרענגונגען און איר מאַמעשע ליבשאַפט גענוג אים איצט אַ דערוואַקסענעם צו געווינען און צובינדן צו זיך?

זאָפיע וואַרט מיט אומגעדולד, פרייט זיך און שרעקט זיך.

# IX

זי איז אַהיימגעקומען פריער ווי געוויינלעך, האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן אין דער שול, ס׳האָט זי אונטערגעהויבן; אַרבעט אין שטוב האָט זי אויך: איבערהצוקוקן העפטן, צוגרייטן, בעסער נישט איבערלאָזן אויף מאָרגן. זי וועט זיך נישט אַוועקזעצן אַרבעטן, ווען אַדאַם וועט זיין דעם ערשטן טאָג, און מ׳דאַרף אויך אַ קוק טאָן, ווי ס׳האַלט אין שטוב, מאַריאַ איז נישט מיט אַלעמען, אויב וועט זי גיין צו דער באַן, וועט איר קוים סטאַיען צייט.

— מאַריאַ!

מאַריאַ האָט נישט באַמערקט, ווי איר באַלעבאָסטע איז אַריין אין אויפנאַם־צימער, אויסגעדרייט זיך אַ דערשראָקענע און אויסגעשריגן:

— אוי וויי איז מיר! אַזוי זיך דערשראָקן, מ׳הערט גאָרנישט, אַז איר קומט אַריין, ס׳האַרץ קאָן אַרויספאַלן פון שרעק, אויף מיין ערנוואָרט, שטיל און פלוצלונג: מאַריאַ! ס׳האָט געקאָנט אַן אומגליק געשען, די וואַזע שיעור נישט אַרויסגעפאַלן פון האַנט.

— אַ ליאַדע וואָס איז פאַר מאַריאַן גלייך אַן אומגליק.

— אַן אומגליק נישט פאַר יעדן מענטשן גלייך, פאַר איינעם צעברעכן אַ וואַזע גאָרנישט, פאַר מיר אַן אומגליק.

— איר האַלט נאָך אַלץ אין איין ווישן און פוצן, דערנאָך זאָגט איר, איר זענט קראַנק, פאַרביי.

— טאַקע פאַרביי, וואָס דען נישט? אַז דער דאָקטער שיקט אַרויס אַזעלכע, ווי איך, איז אַ סימן, אַז מען איז גוט קראַנק, נאָר אַז ס׳קומ־ אַזאַ גאַסט מוז אַלץ בלאַנקען. אוי, ווי איך וואָלט אים שוין געוואָלט זען,

די מאַדאַם אויך, האַ? אַ ליאַדע קלונג, מיין איך ער איז דאָ. טשעקאַווע, ווי ער זעט אויס? מסתמא אַ יונג אַ בוים, שטענדיק געווען אַ שייגעץ יונג, אפילו דעמלט; אַז איך דערמאָן מיך, ווען מ'האָט אים געבראַכט! איר האָט געמאַכט פון אים אַ מענטש, אויף מיין ערן־וואָרט. טשעקאַווע צי ער וועט דערקענען די אַלטע מאַריאַ?

מאַריאַ שאָקלט פאַרביטערט מיטן קאָפּ:

— אין די פּאָר יאָר געוואָרן אויס מענטש, די עלטער מאַכט אַ תל פון מיר, אַלע מאָל ערגער און ערגער, שוין אַ צעבראָכענער שאַרבן, אויף מיין ערן־וואָרט.

זאָפיע האָט איינגעשטעלט און איבערגעחזרט דאָס, וואָס זי האָט שוין געהאַט עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט:

— מאַריאַ קאָן צו יעדער צייט גיין אויף רענטע.

די אַלטע דינסט האָט זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן זיך פאַרטיידיקן:

— זאָל מיך גאָט אָפּהיטן! איך קאָן אַרבעטן, ס'וואָלט מיר שוין איינגעגאַנצן צום קבר דערפירט, אַ מענטש לעבט ידען נאָר אָנצושטאָפּן די קישקע? אַ מענטש מוז עפּעס טאָן, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט; אַז ס'איז נישטאָ ביי וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען, איז נישטאָ נאָך וואָס צו לעבן.

— טאָ צו וואָס באַקלאָגט זיך מאַריאַ?

— איך באַקלאָג זיך? ווען האָב איך זיך באַקלאָגט? איך זאָג נאָר אַזוי, אַנטקעגן דער עלטער, אַ מיאוסע זאַך די עלטער, און פאַר מיין ס'גאַל... מ'זעט אויס ווי אַ צעקנייטשטע שמאַטע. אַז איך דערמאָן מיך ווי אַזוי כ'האָב אַמאָל אויסגעזען! אַ מויד מיט רויטע באַקן, כ'האָב קיינמאָל נישט געטראַכט איך זאָל אַמאָל אַלט זיין. אַז אַנדערע ווערן אַלט, האָב איך געוווסט, כ'האָב דאָך געזען אַלטע מענטשן, נאָר אַז איך וועל אַזוי ווערן, האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט. די מאַדאַם האָט געזען די פאָטאָגראַפיע? האָרט? אוי, מע קלינגט, אפשר איז ער געקומען מיט אַן אַנדער צוג.

מאַריאַ איז מיט דראָבנע טריט שנעל אַוועק און צוריקגעקומען אַ בייזע:

— אַ העזה פון אַ מענטש, דאַרף אַ שטאָק העכער און קלינגט צו אונדזער טיר, קראַנק זיך פריער אַרומצוקוקן, וואָס אַרט עס אים, אַז עמעצער לויפט צו דער טיר עפענען, אַ העזה!

— אַ מענטש קאָן זיך טועה זיין.

— מענטשן זענען זיך כסדר טועה, אַזוי אין קליינע זאַכן, און אַזוי אין גרויסע זאַכן, אויף מיין ערן־וואָרט.

זאָפיע ווייסט, אַז מאַריאַ האָט אַ גרויסע באַדערפעניש זיך אויס־צורעדן, בפרט די לעצטע צייט. די וויזיטן ביים האָקטער, די דעציזיע זי אַרויסצושיקן אויף אָפּרו, האָבן זי שוין אינגאַנצן צעשרויפט, זי נוצט אויס יעדע געלעגנהייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ, און שלאָגט זי אָן אין אַ פילאָזאָפישן טאָן, איז גלייכער באַלד פון אָנהייב איר צו געבן צו וויסן, אַז מ'האָט איצט נישט קיין צייט פאַר איר. דאָס מאָל האָט נישט געהאָלפן, מאַריאַ האָט געהאַט אַ סוד, און אויסזאָגן דעם סוד וועט זי נישט גלאַט אין דער וועלט, אַזוי און אַזוי און אַראָפּ פון מאַרק. וואָס וואָלט עס ווערט געווען? מאַריאַ איז זיכער, אַז די באַלעבאָסטע ווייסט גאָרנישט פון דער גאַנצער מעשה, איז משעקאַווע צו זען וואָס זי וועט דערויף זאָגן:

— די מאַדאַם זעט וואָס ס'שטייט דאָרט אויף דער קאָמאָדע?

איר באַלעבאָסטע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אויף דער שמאָלער קאָמאָדע ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַן איינגעראַמטע, פאַרגרעסער־טע פאָטאָגראַפיע פון אַ 4—5־יעריק שיינענדיק יינגל, אָנגעטאָן אין אַ כאַ־ראַקטעריסטיש סאַמעטן אָנצוגל מיט אַ ווייס קעלנערל. מאַריאַ האָט אויך געקוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע מיט אַ פילזאָגעווודיקן שמייכל, זי גע־הערט זיך דאָך עפּעס אָן דערמיט, זי איז דאָך דער אמתער מחותן; ווען נישט זי...

זאָפיע האָט אַ ווײַלע אָנגעהאַנגען די אויגן אויפן פאַרגרעסערטן בילד און באַלד צוריק איינגענורעט דעם קאָפּ אין די העפטן. מאַריאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף קיין פראַגן האָט זי נישט וואָס צו וואַרטן, האָט זי אין איילעניש, נישט צו פאַרנעמען צופיל צייט, קורץ איבפאָרמירט:

— פריילין עווא האָט היינט אינדערפרי געבראַכט, דער פּראָפע־סאָר זאָל האָבן געבעטן מיר דאָס איבערגעבן. האָב איך געטראַכט, אַז דער פּראָפעסאָר הייסט מיר איבערגעבן, דאַרף מען אַרויפשטעלן. אונ־זער פּראָפעסאָר האָט זיין געדאַנק אין דעם, שוין איינמאָל אַ מענטש אונדזער פּראָפעסאָר, נישטאָ היינט אַזעלכע מענטשן, אויף מיין ערן־וואָרט.

זאָפיע האָט אָפּגעריסן די אויגן פון די העפטן און מיט דער גרעס־טער שטרענגקייט זיי געווענדט צו מאַריאַן. די אַלטע האָט אָבער געמוזט

פאַרענדיקן דעם געדאַנק, שנעל אָפּגעזאָגט, שלינגענדיק די ווערטער, און אַוועק.

זאָפיע האָט איצט געאַרבעט נערוועז, שווער געווען זיך צו קאָנצענטרירן, גענומען איין העפט, אַ צווייטן, אַ דריטן, געמישט די בלעטלעך מיט פיבערדיקע פינגער, געפירט שנעל מיט די אויגן איבער די שורות, געשטרייכט, נאָכאַמאָל געלייענט און לסוף זיך דעצידירט איבערצורייסן, זי וועט סיי ווי נאָכאַמאָל מוזן אַריינקוקן.

איר מוח האָט זיך איצט איינגעשפּאַנט אין אַן אַנדער זאַך. זי האָט נערוועז צונויפגענומען די העפטן, אָפּגעלייגט אין אַ שטויס און אויפגעשטאַנען. אַז עפּעס עקבערט איר אין קאָפּ, האָט זי אַ טבע זיך צו לאָזן גיין, אין דרויסן אָדער אין שטוב. זי האָט אָנגעהויבן זיך דורכגיין איבערן גרויסן צימער. די היפּשע איינגעראַמטע פאָטאָגראַפיע, וואָס אויבנאָן אויף דער קאָמאָדע, האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אין איר, ווי זי וואָלט זי צום ערשטן מאָל געזען. שוין געהאַט פאַרגעסן אין יענער קליינער פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט אַ סך מאָל געהאַלטן אין אירע הענט. זינט איר מאַן האָט זי צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַפּירלעך אַריינגעלייגט אין איינער פון זיינע אַרכיוו־שופלאָדן, האָט זי מער זי נישט געזען. וואָס איז אים איצט איינגעפאַלן? צוליב וואָס? אָן מיין וויסן? אַ פאַרשווערונג מיט עוואַן? וועמענס איינפאַל? אירער? צו זיינער? צו וואָס טויג דאָס אונדז? ווידער צוויי באַזונדערע צוגאַנגען! זי האָט געהאָפּט, ער האָט לסוף פאַרשטאַנען, און אָט האָסטו דיר! אפשר מאַכן אַ גוטע מינע צו אַ שלעכטער שפּיל? מ׳דאַרף קאָנען פאַרשפּילן. פאַרשפּילן? און אפשר טרייב איך איבער? יעדנפאַלס טאָר זי עס אַזוי טרוקן נישט דורכלאָזן, זי מוז איבערעדן מיט אים, איידער אַדאַם קומט, עוואַ דאַרף אויך דערפון גאָרנישט וויסן. זי אויך! ווייניק האָט זי צו טאָן מיטן ברודער! אַלע ווילן זיי איר שטוב אָנשטעקן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט געטאָ, אויך זי צוריקשלעפּן אַהין, זי איז אייגעגן אַלע. צי וועט איר העלפן דאָס קענשטעלן זיך? ער אָבער מוז וויסן וואָס זי טראַכט דערוועגן. מיטן ברודער האָט זי נישט וואָס צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער מיט אים! פאַר אים וועט זי נישט אויסבאַהאַלטן וואָס זי טראַכט, ער, דער נישט־ייד, וויל זי און זייער זון...

זי האָט דערהערט די טריט פון איר מאַן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט איר אַ קוש געטאָן פריער אין שטערן, דערנאָך אין האַנט, אַ קוק

געטאָן אויף איר און דערקענט איר צערודערטקייט. זי האָט נאָך נישט געדאַרפט זיין אין שטוב, מסתמא עפּעס געשען ביי דער אַרבעט:

— נישט געריכט זיך דיך שוין צו טרעפן אין שטוב, האָסט געזאָלט קומען שפּעטער.

— כ'האָב זיך באַרעכנט, מיר וואָלטן אפשר יאָ געדאַרפט אים אָפּוואַרטן ביי דער באַן, כ'מיין איך, דו וועסט בלייבן אין שטוב.

— ניין, מיין טייערע, ס'האָט קיין שום באַדייטונג נישט, אַדאַם איז נישט קיין קליינלעכער. ער האָט אויפריכטיק געבעטן מיר זאָלן וואַרטן אויף אים אין שטוב, זיך נישט מטריח זיין, עוואַ און טאָמאַס וואַרטן אים אָפּ, אַזוי איז אָפּגערעדט, עוואַ וועט אויך צופרידענער זיין, יונגע מענטשן, לאָמיר זיי לאָזן. זיי רואיק, זיי וועלן אים ברענגען, מיר וועלן זיך דערהוויילע אָפּרוען. אויב ס'וועט נישט זיין קיין פאַרשפּעטיקונג, וועלן זיי אין א פיר שעה אַרום זיין אין שטוב. נו, מיין טייערע, מיר וועלן אים צוריק האָבן. דורכגעלאָפן די פאַר יאָר, ס'האָט זיך געדוכט די צייט שלעפּט זיך, און פאַרט גאָר שנעל דורכגעלאָפן.

— איז ווי איז דאָס געווען? געשלעפּט זיך אָדער גאָר גיך דורכגעלאָפן?

זי האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין סתירה אין דעם, נאָר געוואָלט זיך אַ טשעפּע טאָן, ס'איז אָבער איצט אַרויסגעקומען אי אָנגרייפעריש, אי שפּאַסיק. ער האָט ליב איר שפּאַסיקייט, און אפילו איר אָנגרייפערישקייט, אויב ס'איז נאָר פאַראַן אין איר אַ ביסל וויציקייט, ער איז גאָר געקלעמט דעמלט, ווען זי ווערט צו ערנסט, אָדער ווען זי צינדט זיך אָן. זי האָט אָבער איצט איינגעהאַלטן איר כעס. קוקנדיק אויפן מידן פּנים פון איר מאַן איז זי מילדער געוואָרן, ער דאַקעגן אָפּגעהאַרציקער:

— ביי מיר, מיין ליבע, אפילו ווען זי שלעפּט זיך די צייט, לויפט זי אויך גאָר גיך. כ'האָב דאָך דיר שוין געהאַט געזאָגט, אַז אַ טאָג, אַ יאָר האָט אַ טבע, ווען עס גייט אַוועק, קומט עס נישט צוריק, און ביי מיר גייט שוין שנעל אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, די עלטער טרייבט, יאָגט אונטער די צייט, נאָר איך טרייסט מיך, כ'האָב אַ יונגע פרוי און אַ יונגן זון.

— אוי, דו רעדסט דאָך שוין, ווי מאַריאַ, זי פאַרקלאַפּט מיר דעם קאָפּ, רעדט נאָר וועגן דער עלטער און וועגן טויט.

— פאַראַן פּראָבלעמען, וואָס עקבערן אַזוי גוט דעם מוח פון אַ געלערנטן, ווי פון אַ פּראָסטן מענטשן. יעדער איינער ווייסט, ער וועט

מוזן אויסטוישן דאָס לעבן אויפֿן טויט, און קיינער וויל נישט מאַכן אַזאַ אויסטויש; אין יעדערן דערוועקט זיך אין אַ געווויסן עלטער אַ בונט קעגן דעם אומפֿאַרמיידלעכן פֿאַרשווינדן און אַריינגעשטויסן ווערן אין דער נישטיקייט, וווּניקסטנס דרימלט עפּעס אַזאַ געפֿיל.

— אוי, לאָז אָפּ, כ'קאָן דאָס נישט הערן! ווייסט דאָך, איך פֿאַרטראָג נישט, אַז מען רעדט וועגן אַלט ווערן, וועגן טויט.

— טאָ זײַ־זשע מוחל, כ'וועל שוין נישט רעדן.

— איך וויל אויך נישט זאָלסט טראַכטן דערוועגן!

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— אָ, מײַן ליבע, פֿאַרלאַנגסט צופֿיל, נישט צו טראַכטן איז שווער צוצוזאָגן, אַפֿילו פֿאַרבאָטן קאָן מען דאָס נישט, און אויב ס'מיינט ווער, אַז אַזאַ פֿאַרבאָט קאָן זיך אײַנגעבן, האָט מען אַ טעות. צום גליק האָט מען נאָך נישט דערפֿונדן קיין מאַשין צו קאָנען לייענען דעם מענטשנס טראַכטענישן; געווען אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאָפֿט, אַז דער עלעקטראָענצעפֿאַלאָגראַם וועט דערפֿירן דערצו, נאָר דערווײַל ניין, צום גליק.

זי האָט זיך געוואָלט שפּאַרן, סתם אַזוי, מער אויס קריגערישקייט, ווי אויס איבערצייגונג.

— פֿאַרוואָס צום גליק? ס'וואָלט גאָרנישט אַזוי שלעכט געווען.

— ס'וואָלט אויך גאָרנישט אַזוי גוט געווען, ס'וואָלט דעם מענטשן שוין באַרויבט פֿון זײַן אינטימסטן. מען מאַכט אַזוי אויך פֿון אים אַ שרײַפֿעלע אין אַ וויברירנדיקער מאַשין, נאָר דאָס שרײַפֿעלע האָט נאָך עפּעס וואָס אייגנס, זײַנע געדאַנקען.

— פֿונדעסטוועגן וואָלט דיר צונוץ געקומען צו קאָנען טרעפֿן די משוגעדיקע געדאַנקען און אײַנפֿאַלן פֿון דײַנע פּאַציענטן, און אַ פֿאָרשונגס־ריכטער וואָלט לײַכטער געקאָנט זיך דערוויסן דעם אמת וועגן פֿאַרברעכנס.

זי האָט אַ ווײַלע פֿאַרגעסן אין איר קלעמעניש און איבערגעחזרט:

— דער פּסיכיאַטריע און דער קרימינאַליסטיק וואָלט דאָס פֿאָרט צונוץ געקומען.

— מיט אַלע נוצן, וואָס ס'וואָלט געקאָנט ברענגען, וואָלט איך זיך אַרויסגעזאָגט קעגן, נאָר נישטאָ דערווײַל וואָס זיך צו באַאומרואיקן.

אין איר פֿריערדיקער קלעמעניש האָט זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט אַ נייע; זי האָט אויסגעבראָכן:

— איך באַאומרואיק זיך ווען עפּעס אַנדערש, ווען דיר, האָסט אָנגעהויבן נאָר טראַכטן, אַז ווערסט אַמאָל שטאַרבן, דאָס באַאומרואיקט מיך, דאָס וויל איך נישט!

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זיין פרוי און האָפערדיק געפרעגט:

— וואָס ווילסטו נישט? אַז איך זאָל אַמאָל שטאַרבן?

זאָפיע האָט איצט אויסגעזען, ווי דאָס אַמאָליקע 20-יעריקע שטו-פּערישע מיידל, וואָס האָט ביים יונגן, פאַרליבטן געלערנטן אַלץ גע-פּועלט; זי האָט כמעט מיט אַ קינדערישער שטימע אויסגעשריגן:

— ניין, כ'וויל נישט!

זי האָט דערפילט די קאָמישקייט און זיך צעלאַכט, נאָר איר געלעכ-טער איז איצט געווען אַ נערוועזער; אַפטמאָל געשעט ביי איר אַזוי, ווען זי איז צעקלעמט, דענערווירט, ס'ווילט זיך איר וויינען און זי ברעכט אויס אין אַ נערוועזן געלעכטער. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געקוקט אויף איר מיט זאָרג, אין זיינע אויגן איז זי נאָך טאַקע דאָס אַמאָליקע יונגע מיידל, זי זעט אויס אַ סך יינגער, ווי אויף אירע יאָרן, ער אַ סך עלטער, ווי ער איז. צי דאָס שרעקט זי אַזוי? צי וויל זי דאָס פאַרליי-קענען? נאָר זאָל ער נאָר אַליין נישט אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד, בעסער מאַכן פון דעם אַ שפּאַס, ווי זיך אַריינלאָזן אין אַן ערנסטן שמו-עס. דאָס לעבן נייטיקט זיך אין אַ שפּאַס. ער האָט זיך דערמאָנט די לעצטע לעקציע, ס'איז איצט פּאַסיק; ער האָט אָנגעהויבן דערציילן מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט, וואָס איז אויסגעקומען נאָך שפּאַסיקער:

— צי ווייסטו, מיין ליבע, אַז מען זאָגט אונדז שוין צו שטענ-דיק לעבן? אייניקע קאָלעגן מיינע, גרויסע געלערנטע, פאָרשנדיק דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם און דאָס לעבן בכלל, קומען צום אויספיר, אַז דער טויט איז נישט קיין פאַטאַליטעט, מ'קאָן אים אויסמיידן. ווי אַזוי זיי באַווייזן דאָס? נו, ווי זאָל איך דיר דאָס אויפקלערן? כ'מוז דיר מאַכן אַ קליינטשיקע לעקציע: יעדן טאָג שטאַרבן אָפּ און רעגענערירן זיך אין אונדזער אָרגאַניזם אַ 7 מיליאַרד קעמערלעך. אין דער יוגנט רעגענערירן זיך די קעמערלעך זייער אינטענסיוו, וואָס דער מענטש ווערט עלטער, אַלץ ווייניקער...

זאָפיע האָט אים מיט אַ זיפץ געשטערט פאַרצווזעצן. ער האָט זי באַ-רואיקט:

— כ'זע, דו ישרעקסט זיך שוין, כ'וויל דאָך דיר אָנזאָגן, אַז מ'וועט קאָנען ענדערן דעם בילאַנס, איינהאַלטן דאָס שנעלע אָפּנוצן זיך פון די קעמערלעך און פאַרגרעסערן די רעגענעראַציע ווייערע. דיר אָבער גייט זיכער אין סך־הכל, ובכן, איינער אַ פאָרשער האָט געמאַכט א סך־הכל, אַז 200 יאָר לעבן וועט איינגיכן זיין אַ גאַנץ נאָרמאַלע זאַך.

ער האָט זיך אויסגעטאָן פון דער געמאַכטער ערנסטקייט און דער־ציילנדיק, אָנגעהויבן אַליין זיך ווייזן:

— און נאָך אַ בשורה פאַר אונדז: מ'וועט אַפילו קאָנען תחית־המתים אויפשטיין; אַז אַמעריקאַנער קאָלעגע באַגרינדעט עס וויסנשאַפט־לעך. ווי אַזוי? מ'וועט נישט שטאַרבן, נאָר איינשלאָפן, דערנאָך צוריק זיך אויפכאַפּן. דער אַלטער, דערשעפּטער אָרגאַניזם וועט אָפּשטעלן זיינע פונקציעס, דער אַלטער מענטש וועט צומאַכן די אויגן ווי צום שלאָף און דעמלט וועט אים די משפחה איינקוואַרטירן אין א פּאַסיקער קיל־איינ־ריכטונג. כ'האָב דיר שוין געהאַט אַמאָל אויפגעקלערט, אַז אַ גאָר נידע־ריקע טעמפּעראַטור קאָן פאַרהיטן אַן אָרגאַניזם פון צעפאַלונגס־פּראָ־צעס; ביי אַ טעמפּעראַטור פון מינוס 1960 צעלזיוס, קאָן מען פאַרהיטן מענטשלעך בלוט אין דעם לעבעדיקן קעמערל־געוועב כמעט אומענדלעך. זעט ער פאָרויס, דער אַמעריקאַנער געלערנטער, אַז מ'וועט אַזוי קאָנען פאַרפרירן דעם גאַנצן אָרגאַניזם אויף ווי לאַנג מען וויל, זאָל מען אָנגע־מען אויף אַ 200—300 יאָר, און דעמלט וועט מען שוין מיט דער גאַנצער זיכערקייט וויסן, ווי אַזוי צוריק אויפצולעבן דעם פאַרפרוירענעם אָרגאַניזם. נו, מיין ליבע, געפעלט דיר אַזאַ פּערספּעקטיוו?

זאָפיע האָט ליב צו הערן דעם מאַן דערציילן פאַרשידענע קוריאָזן פון דער מעדיצין, ס'רופט ביי איר שטענדיק אַרויס הייטערקייט, זיי ווייזן זיך דעמלט ביידע, ס'איז אַ מין אָנטשפּאַנונג. דאָס מאָל האָט זי אָבער געהערט ווי מיט איין אויער, אירע צעשטרייטע בליקן האָבן פון מאָל צו מאָל פאַרבלאָנדזשעט צו דער קאָמאָדע, איר געדאַנק האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דעם, וואָס האָט זי געקבערט זינט זי איז אהיימגעקומען פון דער אַרבעט. זי האָט פאַרט דעם מאַן נישט געוואָלט איבעררייסן, דאָס מוט זי קיינמאָל נישט, בפרט די געשיכטע האָט זי יאָ אינטערע־סירט, זיין פראַגע האָט זי אָבער אָפּגעפּטרט:

— זייער שיינע צוקונפט־וויזיעס, נאָר דאָס לאָז איך פאַר אייך, געלערנטע, איך מוז זיך פאַרנעמען מיט איצטיקע ענינים, מיט טאָג־טעגלע־

בע, פשוטע, וואָס מיר קאָמפּליצירן אַליין און מאַכן זיך אָן צרות, דו אויך.

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געפרעגט:

— זאָג מיר בעסער, וואָס איז דאָס פאַר אַ סוד? אָט דאָס! — האָט זי געוויזן מיט דער האַנט אויף דער קאָמאָדע.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויסגעדרייט פאַרוואונדערט דעם קאָפּ און געכאַפּט זיך, אַז ער האָט די זאַך אינגאַנצן פאַרגעסן:

— אַ, די פאָטאָגראַפיע? מאַריאַ האָט זי מסתמא אַרויפגעשטעלט, קיין שום סוד, געזאָלט דיר זאָגן און פאַרגעסן. זעסטו, מיין קינד, עפּעס הייבט זיך שוין אָן צו צעברעכן אין מיר. ס'געשעט איך פאַרגעס, אַמאָל זעלטן ווען עפּעס פאַרגעסן: עוואַ האָט געבעטן איר אויסלייען די פאָטאָגראַפיע צו פאַרגרעסערן, דו האָסט איר געהאַט דערציילט, זי האָט נישט פאַרגעסן, נו, האָט זי געדענקט אין אונדז אויך, זייער שיין פון איר זייט.

— כ'געדענק, כ'געדענק, אָבער איך פאַרשטיי נישט, כ'וואָלט געוואָלט וויסן צו וואָס דאָס איז נייטיק? פונקט היינט! נאָך אַזוי פיל יאָרן!

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געענטפערט קורץ:

— זעט אויס, אַז נייטיק, נישט נאָר עוואַן, אים אפשר אויך.

— זאָגסט, אַז אַדאַם איז נישט קיין קליינלעכער, האָט נישט ליב קיין פאָרמאַליטעטן, דו אויך נישט, איז צו וואָס דאָס=אָ?

— כ'ווייס, האָסט נישט ליב קיין פאָטאָגראַפיעס. וואָלט מען געטראַכט וועגן דעם, וואָלט מען געבעטן דיין ברודער ער זאָל מאַכן דערפון אַ צייכענונג; מיר האָבן דערוועגן נישט געטראַכט, עוואַ — יאָ. איצט איז דאָס אירער אַ געשאַנק, מוזסט פאַרבויגן דיין קונסט=געשמאַק.

— אָבער נישט אין דעם גייט! כ'פרעג צוליב וואָס? וואָס פאַראַ זין האָט עס?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך דערמאָנט: ביי זיין אַרייַנקומען האָט זיין פרוי אויסגעזען צערודערט, ער האָט זיך גאָרנישט אָנגעשטויסן, דאָ ליגט די סיבה, דאָס קאָן מען שוין נישט אָפּפטרן מיט מעשיות, אָדער מיט אַ יאָ און ניין, ס'לוינט זיך צו פטרן דערויף אַ ביסל צייט; ער ווייסט — ס'וועט נישט לייכט זיין, אָבער אַ נישט לייכטע סיטואַציע דאַרף ראשית כל קלאָר זיין, אָן נישט דערעדעניש. ער האָט אָנגענומען איר

האַנט, צוגעטראָגן צו די ליפן, אַוועקגעזעצט זי אַנטקעגן זיך און ווי זיין שטייגער, מיט געמאָסטענע ווערטער, אָנגעהויבן:

— הער, מיין טייערע, פאַראַן זאַכן פשוטע, וואָס מען דאַרף זיך אַליין אויפקלערן. אַדאַם איז אַ דערוואַקסענער מענטש. ס'וואָלט נישט גוט געווען ער זאָל זיך פילן, ווי אַ מענטש אָן אַ קינדהייט. כ'האָב זיי אַ סך אָבסערווירט, אים, די אַנדערע פון יתומים־הויז, ביי יעדערן פון זיי איז אין דער נשמה געבליבן א ליידיק, פוסט אָרט, ביי די בעסטע באַדינגונגען פאַרבלייבט ביי זיי אַ געוויסע אויסגעוואָרצלטקייט. ביי אַדאַמען האָט אַלץ צוזאַמען געלאָזט טיפע שפורן. געדענקסט ווי ער איז געווען? צי זענען יענע שפורן איינגאַנצן אָפגעווישט? איך ספק, יעדנפאַלס אין אונטערבאַוווסטזיין בלייבט עפעס, נישט אָפהענגיק פון דיין ווילן, פון זיין ווילן; דאָס לאָזט זיך נישט אַרויסרייסן. כ'וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך פילן ביי אונדז אמתדיק, אויפריכטיק איינגעוואָרצלט, גלייכצייטיק, גלייבצייטיק... א מענטש דאַרף וויסן וו זיינע שפראָץ־וואָרצלען האָבן געשטעקט, יעדנפאַלס טאָר נישט אויסזען, אַז מען באַהאַלט אויס פאַר אים, בפרט ווען עוואַ. זי איז זייער עמפינדלעך דערויף, ווייסט צופיל וואָס ס'איז געווען, ער זיכער אויך. דאָס וואָס מ'האָט אין קינדער־הויז גאָר נישט געקאָנט פון אים דערהגיין, באַדייט נישט, אַז ער האָט נישט געוווסט, נישט פאַרשטאַנען, און דערלויב מיר דיר צו זאָגן — ער דאַרף וויסן, נאָר נישט אין געהיים! נאָך וויל איך דיר זאָגן: וואָס מער א מענטש ווערט עלטער, אַלץ מער קערט ער זיך אום צו דער קינדהייט. אָ, געוויס, ער איז נאָך נישט אין יענעם עלטער, אָבער די קינדהייט הייבט שוין אָן זיך אָפצורופן. מיר וויסן נישט ווי אַזוי ער איז געווען, ווען ער איז א קינד געווען, ער ווייסט יאָ, ס'איז אפשר ביי אים פאַרנעפלט, אָבער... כ'מיין, ס'וועט אים ליב זיין צו זען ביי אונדז אין שטוב, אין זיין צווייטער היים, דאָס קינד, וואָס ער איז אַמאָל געווען.

זאָפיע האָט חשק געהאַט אַרייַנצוואַרפן עטלעכע ווערטער אינמיטן, זי האָט אָבער נישט איבערגעריסן, אויסגעהערט מיט קאָפ און געגרייט זיך צו ענטפערן. זי האָט אויסגעזען ערנסטער ווי געוויינלעך, רואיק, ס'איז געווען אן אויפגעצוווּנגענע רואיקייט:

— איך ווייס נישט צי איך פאַרשטיי דיך גוט, אויב יאָ, איז מיר זייער שווער מסכים צו זיין: לויט מיין טיפער איבערצייגונג איז בעסער פאַר אים צו וויסן וואָס ווייניקער וועגן דעם אַלעמען, וואָס האָסט אָקאָרשט

דערמאָנט. גינסטיקער פֿאַר אים וועגן זיין קינדהייט נישט צו טראַכטן און נישט צו געדענקען, וואָס מער ער וועט פֿאַרגעסן, אַלץ בעסער. צו וואָס אים דערמאָנען מיט דעם־אָ? — האָט זי געוויזן אויפֿן בילד. צו וואָס טויג אים דאָס? צו וואָס טויג דאָס אונדז? זאָגסט, האָסט אָבסערווירט די אַלע קינדער, איך אויך, אי אַלס קינדער, אי אַלס אונטערוואַקסדיקע; איבעריקנס, ס'איז גענוג געווען נאָכצופֿאָלגן אַדאַמען. וואָס מער ער האָט זיך אָפּגערוקט פֿון יענע יאָרן, וואָס מער ער האָט פֿאַרגעסן, אַלץ בעסער איז געוואָרן פֿאַר אים, פֿאַר אונדז. צי האָסטו דאָס אַליין נישט געזען? לאָז אים ווייטער פֿאַרגעסן!

— ס'ווענדט זיך וואָס. דעם קאָשמאַר פֿאַרגעסן, פֿאַרטרייבן קאָשמאַרע הערינערונגען, דאָס יאָ, אָבער די פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַרלייקענען, דעם אָפּשטאַם, די פֿעדים איבעררײַסן, איך גלייב נישט ס'זאָל גוט זיין, נישט נאָר פֿון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, נאָר פֿון ריין פּסיכישן; ס'איז נישט נאָר אַ זאַך פֿון מענטשלעכער ווירדע, נאָר אויך..., דו ביסט דאָך אַ פּעדאַגאָג, די פֿאַרגאַנגענהייט, די אָפּשטאַמונג, די קינדהייט אין לעבן פֿון אַ מענטש האָט אַ באַדייטונג, מער ווי מען שטעלט זיך פֿאָר. נישט נייטיק דאָס אַרויסצורייסן, אויך נישט מעגלעך, מ'נאַרט זיך נאָר אָפּ, מען שאַפֿט נאָר פֿאַלשע סיטואַציעס; די פֿעדים ציען זיך ערגעץ טיף, גאַנץ טיף, אומזעבאַרע, פֿאַרבאָרגענע פֿעדים, ווי דין זיי זאָלן נישט זיין, וועסטו זיי נישט איבעררײַסן.

זאָפֿיעס רואיקייט האָט אויסגעוועפּט. ס'האָבן איר אַ ברי געטאָן אַלע אַמאָליקע עוולות. אַן איינגעדרימלטער, אומקלאָרער רעוואָלט האָט זיך אויפֿגעוועקט, זי איז אויפֿגעשפּרונגען:

— פֿעדים! פֿעדים! כ'האָב זיי גענוג די פֿעדים! מיר דאַרפֿן זיי נישט! איך וויל נישט ס'זאָלן זיך מיר, אים, שטענדיק נאָכשלעפּן צווישן, מיר זאָלן זיי נאָך צוהיטן, זיי זאָלן זיך נישט איבעררײַסן די פֿעדים, מיט וועלכע מען בינדט אונדז שטענדיק די הענט און פֿיס. פּסיכיק, פּסיכאָלאָגיע, מענטשלעכקייט, כ'וויל איצט נישט דיסקוטירן איבער דעם; דאָס אַלץ האָט אונדז קיינמאָל נישט פֿאַרטיידיקט און נישט געראַטעוועט. נישט די פּסיכאָלאָגיע און נישט די מענטשלעכקייט הערשט מיט דער וועלט. פֿאַר דיר בין איך יונג, אָבער איך בין שוין גענוג אַלט צו האָבן דערפֿאַרונג; איך בין אויך אַמאָל אַ קינד געווען, דעמאָלט איז קיין מלחמה

נישט געווען, הייַנט אויך נישט, כ'האָב אַלץ אויסגעפּרוּווט אויף מייַן אייגענער הויט, כ'האָב גאָרנישט פֿאַרגעסן.

— איך אויך נישט, מייַן ליבע, רעגסט זיך אומזיסט אויף. אפשר האָב איך זיך שלעכט אויסגעדריקט, אָבער אין גרונט גענומען, דו, מייַן טייַערע, זוכסט מסתמא שלעכט א פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די עוולות, פֿאַר די... און נישט אַזוי דאַרף מען זוכן א באַוואָרעניש פֿאַר גייע. ס'האַנדלט זיך נישט נאָר אין פּסיכאָלאָגיע, ווי דו וואַרפֿסט מיר פֿאָר, נאָר ווייסטו וואָס? לאָמיר דאָס לאָזן, כ'בעט דיך, ס'איז נישט אויף איצט, דו ביסט דענערווירט, און איך בין זייער מיד; כ'מוז אָפּרוען, אָפּרוען. די לעצטע טעג כסדרדיקע דענערווירונגען, אויפֿטרייסלונגען. וואָלטן מיר רואיקער געווען, וואָלסטו מיך אַנדעריש פֿאַרשטאַנען, דו פֿאַרשטייסט האָך מיך שטענדיק ווי געהעריק, און איצט קומט ביי דיר גאָר אויס... און דאָס — האָט ער געזאָגט מיט א מידער און רעזיגנירטער שטים, ווייזנדיק מיט דער האַנט אויפֿן בילד — איז ווי דו ווילסט.

זאָפֿיע האָט שטאַרק הרטה געהאַט אויף איר אויסברוך. א שלעכטע טבע אַזאַ ביי איר: ציגדט זיך אָן ווי קין, דערנאָך לעשט זי זיך אויס. מיט אים דערלויבט זי זיך, ס'ווערט איר לייכטער אויפֿן האַרץ, אים אָבער שווערער. זי וואָלט אים געדאַרפֿט מער שוינען, ער דאַרף עס, זי געדענקט צופֿיל זאַכן, און פֿאַרגעסט, אַז ער איז מיט 16 יאָר עלטער פֿאַר איר, אַרבעט צופֿיל, א סך איבער די כוחות, כל המינים דאגות. ער באַקלאָגט זיך זעלטן ווען, זי זעט אָבער אַליין, וואָלט געדאַרפֿט אים צוהעלפֿן, נישט לאָזן נעמען אויף זיך אַזוי פֿיל, פֿאַרלייכטערן אים, אייַנשפּאָרן זאָרגן, און אָט פֿאַרשאַפֿט זי אים נאָך גייע קרענקונג, פּונקט הייַנט, זי האָט געהאַרפֿט טאָן, ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען און אויסמיידן די גאַנצע גערע־דעריי. זי האָט געוואָלט פֿאַרגיטיקן:

— האָסט מסתמא ווידער עגמת־נפש מיט דער פּאַציענטקע דייַנער, ווי רופֿט איר זי האָרט? מיט דער אמגעזוטים? לייגסט אַוועק אַלע כוחות מיט איר, מיטן דירעקטאָר מסתמא אויך עפּעס געהאַט? האַ?

— טרעפֿסט שטענדיק. אין גרונט נישט קיין שלעכטער מענטש, אי־בערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרץ, נאָר די פּרינציפּן, די באַשלוסן; באַשלאָסן זי איבערצופֿירן, דאַרף מען איבערפֿירן.

זי איז צופרידן געווען, געענדערט די טעמע, און ער פאַרטרויט זיך פאַר איר, ווי ס'וואָלט אקאָרשט גאָרנישט נישט געשען, זי וועט אויסנוצן די געלעגנהייט:

— מיין ליבער, נעמסט זיך צופיל איבער, מען קאָן נישט גיין שטענדיק קעגן שטראָם. די־אָט פּאַציענטקע האָט אַוועקגענומען ביי דיר צופיל געזונט, שוין נישט פאר דיינע כוחות, און בכלל צופיל פאַר דיר; טאָרסט נישט אַזוי ווייטער, מוזסט א ביסל אַראָפּוואַרפן פון דיינע פּלייצעס, לאָז אַנדערע אויך נעמען אויף זיך, זאָלן זיי אַזוי טאָן, ווי זיי פארשטייען. כ'בין נישט קיין מעדיקער, אָבער ס'זעט מיר פאָרט אויס איבערגעטריבן פון דיין זייט, האָסט אַליין געהאַט מסכים געווען, באַשטימט א טערמין. אין פּרינציפּ איז דער דירעקטאָר גערעכט, דו רואינירסט אומזיסט דיין געזונט; כ'פאַרשטיי דיך, וואָלסט געוואָלט מיט אַלע כוחות מאַכן פון איר אַ נאָרמאַלן מענטש, אַלע ווילן דאָס זיכער, געדענקסט אָבער, ווי מ'האָט אַמאָל ביי אונדז אין שטעטל געזאָגט? אַז מ'קאָן בשום אופן נישט אריבער, מוז מען אַרונטער.

די מידקייט האָט זיך אים איצט דייטלעכער געלייגט אויפן פּנים, אָנגעדריקט אויף זיין שטים, זי אַראָפּגענידערט:

— נו יאָ, מיין קינד, אַליין באַשטימט, גערעכט אין פּרינציפּ. ווערטער, דו אויך, האַלטן זיך ביי פּרינציפּן, באַשלוסן, ווען די סיטואַציע ענדערט זיך, שווער פאָרויסצוזען אין אַזאַ פאַל. איצט פאָדערן זיך ספּעציעלע באַדינגונגען, אַ גענויערע אָבסערוואַציע. נאָך אַזוי פיל יאָרן רעזיגנירן? איצט, ווען פּלוצלונג האָט זיך עפּעס געענדערט? צי פאַרשטייסטו, וואָס דאָס באַדייט פאַר מיר?

ער האָט איר געקוקט אין די אויגן:

— יאָ, דו פאַרשטייסט, פאַרשטייסט מיך שטענדיק בעסער ווי אַנדערע, און קאָנסט מיר אויך העלפן...

— מיט וואָס? ווי אַזוי? — האָט זאָפיע פאַרוואונדערט און א צופרידענע געפרעגט.

ער האָט זיך א ביסל געוואַקלט:

— איצט איז אַפילו נישט קיין צייט דערויף, נישט געוואָלט איצט, נאָר אַז שוין אָנגעהויבן: כ'וויל איר פון צייט צו צייט ענדערן די אומגעבונג, מאַריאַ פאָרט אַוועק, עווא וואָלט מיט איר אהער אַרויפגעקומען...

זאָפֿיע האָט זיך הילכיק צעלאַכט. אויף וואָס וואָס, נאָר אויף דעם נישט געריכט זיך:

— האָסט איינגעפאַלן, מיין ליבער. דיין מוטער האָט געהאַט דערציילט, אַז אין די סטודענטישע יאָרן פלעגסטו אַריינברענגען אין שטוב פאַרשיידענע חיהלעך, אויך אויף אָבסערוואַציע, איצט ווילסטו מיר אַריינברענגען דיינע פאַציענטן, וועסט מיר נאָך ברענגען אַהער דיינע וואַנזיניקע, ווער ווייסט, וואָס דיר קאָן איינפאַלן.

ער האָט זיך געפילט געטראָפן פאַר יענער, אָנגעהויבן זי פאַרטיידיקן, ווי ס'וואָלט געפאַלן אויף יענער אַ באַליידיקונג:

— נישט קיין וואַנזיניקע, בלויז דעם זכרון פאַרלוירן; זייער אַ מילדע, אַ האַרציקע, ווייזט אַרויס גרויס אינטעליגענץ, אינטערעס צו אַלעמען, ווער ווייסט, וואָס זי האָט געקאָנט זיין. איר איז נייטיק צו זיין מיט עפּעס באַשעפטיקט, און ס'קאָן איר דערמאָנען. כ'וואָלט געוואָלט מאַכן אַ פּרוּוו לאָזן איר איינסאָרטירן ביכער, וואָס איך וועל צוקלייבן דאָ, צוזאַמען מיט עוואַן. עוואַ ווייסט, ווי אַזוי זיך מיט איר צו באַגיין. נו, ווי מיינסטו?

— אוי, מיין גאָט, צוגעשיקט מיין מאַן אַ שטענדיקע פּלאָגעניש! כ'האָב מורא, ס'וועט ביי דיר עפּעס אַן אידעע פּיקס, עוואַן אויך אַריינגעצויגן. איך בין אַליין שולדיק; זאָלסט נאָר אַדאַמען נישט אַריינציען, גענוג געלעבט מיט יענע דערינערונגען. אַלץ זאָל זיך דרייען אַרום איין קראַנקער, און אַדאַם גייט האָך אין דיינע וועגן.

— נישטאָ קיין געפאַר. אויף אונדזער זון וואַרט שוין אַן אַנדערע אַרבעט, אַ פאָרשערישע, נאָר אינטערעסירן, אינטערעסירט ער זיך דווקא מיט דעם געביט, שרייבט אַן אַרבעט.

— ער זאָל נאָר נישט נעמען אויף זיינע פּלייצעס אַזאַ משא, ווי דו.

— דו ווילסט האָך מיר די משא לייכטער מאַכן...

— ווען איך וואָלט געוווסט ווי אַזוי, אויב דאָס קאָן דיר לייכטער מאַכן, זאָל זיין, און ווען איך וואָלט געוווסט, אַז מ'קאָן איר לייכטער מאַכן, וואָלט איך געטאָן מער, ווי דאָס.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט ווידער צוגעטראָגן איר האַנט צו די ליפּן, האָט ווייטער איר געקוקט אין די אויגן און געפרעגט:

— און דאָס בילד? שוין נישט בייז?

— נישט נייטיק זיך אויפגעקאָכט, אָבער כ'בין ווייטער נישט איבערצייגט. ס'גייט נישט אין מיר, ס'גייט אין אַדאַמען.

— כ'האָב דעם איינדרוק, אַז קוקסט אויף אַהאַמען, ווי מיט 13—14 יאָר צוריק. מאַמעס זעען נישט, ווי זייערע קינדער ווערן דערוואקסענע מענטשן. כ'קען אַ מאַמע, אַ געבילדעטע פרוי, און באַצייט זיך צו איר 37-יעריקן זון, ווי ער וואָלט 7 יאָר אַלט געווען. אַדאַם איז איצט אַ דער־וואַקסענער מענטש, אַ קלוגער מענטש, כ'וויל נישט ס'זאָלן זיין פאַלשע סיטואַציעס. אונדזער זון, מיר זענען זיינע עלטערן, ער האָט אונדז אויך אַדאַפּטירט פאַר זיינע עלטערן, כ'ווייס דאָס, אָבער ער האָט פאָרט אַמאָל געהאַט אַנדערע עלטערן, מעגלעך אינגאַנצן אַן אַנדער סביבה, מיר ווייסן גאָרנישט וועגן איר, גאָרנישט וועגן זיינע אומגעקומענע עלטערן, אָבער ביי אים טיף אין דער נשמה איז עפּעס פאַרבליבן פון זיי, ער האָט שוין צופיל געוווּסט, און די צייט אין יתומים־הויז, געהאַט געגנוג געלעגנהייטן אַריינצוטראַכטן. וואָלטן מיר גענומען אַ קליין קינד, וואָלט אַנדעריש געווען, אָבער איך וואַרף זיך דאָס נישט פאָר, דו אויך נישט, ביידע האָבן מיר נישט קיין חרטה, נישט אמת? כ'האָב זיך נאָר פאַרגעוואָרפן, וואָס מיר האָבן אים אַזוי לאַנג געלאָזן אין יתומים־הויז.

זאָפיע האָט ווידער אַ ביסל זיך אויפגעהיצט:

— מיר האָבן דען געקאָנט אַנדעריש? געוואַרט אויף אַ ווינונג. און דו טרייבסט מסתמא אַ שפּאָר ביסל איבער מיט דעם לאָזן אים אין קינ־דער־הויז; האָסט שטענדיק עפּעס זיך פאָרצוואַרפן, אַ צו גרויס געוויסן ביי דיר; ביי אַנדערע אַ צו קליינס, ביי דיר אַ צו גרויס, מען וועט דיר נאָך אַ נאָמען געבן וועלט־געוויסן, מ'האָט שוין אַמאָל עמעצן אַזוי גערופן, געדענקסט וועמען? זאָלאַ.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט, גלעטנדיק איר האַנט, געשמייכלט:

— נישטאָ היינט אַזאַ געפאַר, וועלט־געוויסן, אַ וואָרט, וואָס איז אַרויס פון דער מאָדע, אַלטמאָדיש, ווי אַ קאַרעטע איינגעשפּאַנט אין פערד.

ער האָט פאַרגעסן אין זיין מידקייט. זאָפיע קוקנדיק אויף זיין פּנים האָט אים דערמאָנט, ער דאַרף גיין אָפּרוען, ס'בלייבט ווייניק צייט, אָבער אַ שעה־צוויי קאָן ער זיך איבערשלאָפן.

ער איז קוים אַרויס פון צימער, ווי אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער טיר האָט די אַלטע מאַריאַ אָנגעקלאַפּט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. זי האָט פאַרלוירן דאָס געדולד צו וואַרטן און געקומען פרעגן, וואָס זי דאַרף נאָך צוגרייטן אויפצונעמען דעם גאַסט. און אַז שוין געטראָפן די באַלע־

באַסטע אַליין, האָט זי זיך פּאַוואָליע אַריינגעשאַרט אין צימער, מודיע געווען, אַז ס'האָט זי ווידער אָנגעכאַפּט אַ שטעכעניש אין קריזש; אָ, ניין, אין בעט וועט זי נישט גיין היינט, ס'איז איר גאַסט אויך, ער איז אויסגעוואַקסן אויף אירע אויגן, און בכלל איז דאָס אַלץ געווען אַ גאָט־זאַך... וואָלט זי געווען געזינטער, וואָלט זי צוגעפאָרן צו דער באַן און אים אַרויסגענומען די וואַליזע פון האַנט. אָ, יאָ, זי ווייסט, טאָמאַס וועט אים ברענגען, ער וועט שוין דאָ אָנמאַכן אַ טומל, לאָזט קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן, פאַרקלינגט די שטוב.

טאָמאַסן, דעם פּראָפעסאָרס שוועסטער־זון, האָט די אַלטע מאַריאַ געקענט פריער, ווי אַדאַמען, געניאַנטשעט אים איידער זי איז אָנגעקומען צו די אַנדריטשעס, נאָר קיין סימפּאַטיע האָט זי נישט געהאַט צו איר אַמאָליקן דערציִגלינג און נישט צו זיינע עלטערן, אויסבאַהאַלטן האָט זי דאָס אויך נישט. זאָפיע האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען און זי געמוסרט:

— שוין ווידער מיט טאָמאַסן. זאָל נאָר מאַריאַ זיך נישט קרימען אויף אים, ביי אונדז איז ער אויך אַ גאַסט; טאָמאַס איז שוין נישט קיין יינגל, וואָס מאַריאַ פלעגט אַמאָל...

— איך קרים זיך אויף אים? וואָס האָב איך צו אים? איך זאָג נאָר, אַז ער קלינגט ווי אַ גלאָק, און אַ גלאָק קלינגט ווייל ער איז ליידיק; נאָר אַז מען פאַרזעצט אַ רעטעך, וואַקסט אויס אַ רעטעך און נישט קיין זוגען־רויז.

אָפּגעזאָגט און איז שנעל אַוועק. אויף מער האָט זי זיך נישט געקאָנט דערלויבן אין זאָפיעס קעגנוואַרט. האָט זי זיך אָפּגענומען ביי זיך אין קיך, מורטשענדיק צו זיך: „נישט קיין יינגל, אָבער נישט יעדער פויגל, וואָס האָט אַ קרומען שנאָבל איז אַן אָדלער, נישט ווערט אַדאַמס מינדעסטן נאָגל!“

X

פּראָפֿעסאָר יאַנוש אַנדרימש איז פֿאַרצווייפֿלט, זיין אַנשטאַלט וועט עס נישט אויסהאַלטן: צעשפּרייט און צעשפּרייט זיך און ס׳ווערט אַלץ ענגער, אַלץ האָט זיך דאָ פֿאַנאַנדערגעשרויפֿט, ס׳רוישט ווי אין א בינ־שטאָק, זיין קאַבינעט אויך, ער טרייסלט זיך, אויפֿן קאַבינעט־טיש גאַנ־צע שטויסן קאַרטאָטעקעס, אַזויפֿיל קאַרטעס פֿון נייע פּאַציענטן. ווי אַזוי זיך אַן עצה געבן מיט די אַלע? גוט וואָס ער האָט פֿאַראָרדנט צו איזאָ־לירן זיי אין אַלטן פּאַוויליאָן, וואָס, וואָס מ׳האָט אים איבערגעלאָזט, די אַלטמאָדישע איינריכטונגען קומען צונוץ; האָרט די ווענט כאָטש פֿון וטן קויטשוק, אַלץ פֿון גומע, ס׳וועט נישט זיין אַזאַ געטראַסקעריי. גע־ זערלעכע פּאַציענטן, פֿאַלן אַריין אין שגעון, וואָלטן זיך די קעפּ גע־ שפּאָלטן אין האַרטע ווענט. רייסן זיך אַרום איבער דער לבנה, וואַרפֿן זיך זיינע אויף די אַנדערע; ס׳קומען נאָך, נאָך. מ׳דאַרף פֿאַרהיטן די אַלטע פּאַציענטן, אַמנעזטים! אַמנעזטים! ווו איז זי? גוט, וואָס אַדאַם קומט, אַדאַם, מיין רעכטע האַנט, דאָס גאַנצע געזונט פֿאַרלוירן, איצט וועט אַדאַם... וואָס האָבן זיי געטאָן?! דער אַמאָליקער טערקישער מעטאָד — צוגעפּעסטיקט די קראַנקע אויף שטולן, דרייען זיך אַרום דער אייגענער אַקס, די פּאַציענטן זאָלן דערשעפּט ווערן. זאָל מען אויפֿהערן! זיי וועלן מאַכן פֿון אַנשטאַלט א טאָרטורן־הויז, אַנשטאָט היילן, פּאַרמאַטערן. אַדאַם, לאָז נישט! אַדאַם...

פּראָפֿעסאָר אַנדרימש האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. דאָס נאַכט־לעמפּל ביי דער אַטאַמאַנע ברענט, דער קאָרעגירטער מאַנוסקריפּט וועגן פּסי־

כיאַטרישע קליניקעס אַמאָל און הײַנט ליגט דערנעבן אויפֿן דיל, ס'האָט שוין געדאַרפֿט צוריק אַוועקגײן אין פֿאַרלאַג, ס'איז געלעגן אויפֿן טיש, האָט ער גענומען אין האַנט, אַרײַנגעקוקט. ער איז באַלד אײַנגעשלאָפֿן, גערעכנט נאָר אָפּצורוען און גאָר אײַנגעשלאָפֿן מיט אַ שטאַרקן שלאָף.

דער פֿרײלעכער טומל איז בולטער דערגאַנגען צו זײַנע אויערן, אים אויפֿגעמונטערט. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים צו פֿאַריאָגן די פֿאַרשלאָפֿנקייט, אָפּצוטרײסלען די פֿאַנאַנדערגעשיטע ברעקלעך פֿון אַקאָרשטיקן חלום. ער האָט אָנגעהויבן זוכן דאָס קעמל, נישט געפֿונען און שנעל צוגעגלעט מיט בײדע הענט די האָר אויפֿן קאָפּ, אַרויפֿגעצויגן די וועסט און געלאָזט זיך אין אויפֿנאַם־צימער. דורך דער צווײטער טיר איז אַרײַן זאָפֿיע אַ צעשטראַלטע, נאָך איר עוואַ אַ ביסל אַ זשעגירטע, אַדאַם אַ צעשמײכלטער און טאָמאַס אַ טומלדיקער.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש איז אַנטקעגנגעגאַנגען אַדאַמען מיט אויסגע־שטרעקטע הענט, אַרײַנגענומען אים אין זײַנע אָרעמס, אַ װײַלע זענען זײ אַזוי געבליבן. זאָפֿיע האָט זיך געװיצלט:

— זײ װעלן זיך נאָך צעװײנען, װי װײַבער, אַבי מען זאָגט, אַז פֿרויען זענען סענטימענטאַל.

אין פּראָפֿעסאָר אַנדריטשעס מוח איז שוין קײן סימן נישט פֿאַר־בליבן פֿון בײזן חלום, זײַן געזיכט שײַנט איצט, ער קוקט אויפֿן זון מיט וואַרעמע אויגן:

— נו, מײַן ייִנגל, איצט דאַרף מען דיר נאָכאַמאָל גראַטולירן. האָסט דײַנס דערגרײכט: אַ דאָקטער־פּסיכיאַטאָר. קומסט מיט אַ היפּשן סטאַזש, אַלץ, װי דו האָסט זיך געװוּנטשן.

אַדאַם איז צופֿרידן, װאָס ער קאָן זיך באַלד אָפּרופֿן. אים איז נישט לײַכט אָנצוהײבן, אָבער איצט, אַז מען רוקט אים אונטער אַ טעמע, װעט עס גײן. אויף דעם פֿאָטערס גראַטולאַציעס האָט ער װאָס צו ענטפֿערן:

— אײַך, פֿאָטער, האָב איך דאָס אַלץ צו פֿאַרדאַנקען.

ער האָט זיך אויסגעדרײט צו זאָפֿיען און צוגעגעבן:

— און דער מאַמען, אַדאַנק אײַך בײדע.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט גוטמוטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און צו־ריקגעענטפֿערט:

— האָסט קודם־כּל זיך גופֿא צו פֿאַרדאַנקען, ס'איז אַזוי געשען אַדאַנק דײַן עקשנות, דײַן אויסדויער, אַז מען װײסט װאָס מען װיל...

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט נישט פאַרענדיקט, צי ווייל שוין צופיל וועגן דעם, צי ווייל זיין שטים האָט לייכט געציטערט. אַדאַם האָט אונטערגעכאַפּט זיינע ווערטער און האָט מאָל נישט לויט זיין שטייגער אקצענטירט:

— ויך האָב אַדאַנק אייך, פאָטער, איצט ווייס איך דאָס.

זאָפיע האָט זיך מיט איר אייגנטימלעכער וויציקייט אַריינגעמישט:

— שפּאָרט אייך נישט, מאַכט אַ פשרה, זאָל זיין אַדאַנק אייך ביידע, אויף בשותפות.

וואַ האָט געהאַט אויסגעפועלט ביי טאָמאַסן, ער זאָל זיך היינטיקן אָוונט אויספירן לייטיש, לאָזן אַנדערע רעדן, דער עיקר ביים אָנקומען לאָזן די אַנדריטשעס זיך פרייען מיט אַדאַמען. וועט ער, ווי שטענדיק, אָנהייבן רעדן, וועט אַדאַם שוין קיין וואָרט נישט קאָנען אַרויסזאָגן. זי האָט זיך אַ ביסל געשראָקן פאַר דער ערשטער באַגעגעניש צווישן זון און די עלטערן. זאָל ער נאָר זיי אַרויסווייזן דאָס, וואָס ס׳קומט זיי, זי האָט אַפילו פאָרזיכטיק געהאַט דערוועגן געגעבן אָנצוהערן אין אַ בריוו.

ביי טאָמאַסן האָט זי געוואָלט אויספועלן דאָס פאַרקערטע. ער האָט הילכיק געלאַכט און איר צוגעזאָגט. אַ הויכער, אַ באַוועגלעכער. מיט אַ בלאָנדן קאָפּ גלייכע האָר, ווי שטרוי, און אַ נערוועז פנים, האָט טאָמאַס קיינמאָל נישט געקאָנט זיין פּאַסיוו. צוהערן זיך און שווייגן איז געווען איבער זיינע כוחות, ער האָט געמוזט אומעטום אַריינוואַרפן זיינע פאַר גראָשן. דאָס מאָל האָט ער אויך לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אויסגעשאָסן:

— איך, איך מוז זיך צושטעפּן צום שותפות. כ׳דערמאָן זיך איצט, אַז כ׳האָב אויך אַ שטיקל חלק אין אַדאַמען. געדענקסט, אַדאַם, ווי כ׳האָב דיך אַמאָל געהאַט אָפּגעראַטעוועט פון אַ „צוויי“ פון פיזיק? ווען איז דאָס געווען? אין 8-טן צי אין 9-טן קלאַס? און אין מאַטעמאַטיק נישט אַרויסגעהאָלפן? זיי זיך מודה, אַדאַם, ביסט טאַקע געווען דער ערשטער אין קלאַס, אָבער פון פיזיק? דער „פינף“ איז מיטגעגאַנגען מיט אַלע אַנדערע, נאָר ס׳האָט אונטערגעהונקען. ווען איך וואָלט דיר נישט אַרויסגעהאָלפן פון פיזיק, וואָס פאַראַ לייט וואָלט פון דיר אויסגעוואַקסן?

ער האָט מורא געקריגן ער זאָל נישט האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס און זיך געווענדט צו פּראָפעסאָר אַנדריטש:

— פעטער, היינט מעג מען שפּאַסן, דער יונגער האָקטער אַנדריטש, מיין בעסטער שול־חבר, און היינט איז האָך אַ יום־טוב!

ביי דיר איז שטענדיק יום־טוב — האָט פּראָפעסאָר אַנדריטש אַן אויפגעלייגטער געענטפערט.

זאָפּיע האָט זיך געפּאָרעט ביים כּיבוד, אָנגעגאָסן די גלעזלעך. די ערשטע האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך פּראָפעסאָר אַנדריטש מיט אַדאַמען, דער פּאַטער האָט נאָכאַמאָל גראַטולירט, דער זון האָט, שווייגנדיק, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געדאַנקט מיט די אויגן. טאָמאַס האָט אויפגעהויבן דאָס גלעזל און געווענדט זיך צו זיין חבר:

— זאָג, אַדאַם, וואָס זאָל איך דיר ווינטשן? היינט דיין טאָג, קאָנסט פאַרלאַנגען אַפילו דאָס טעלערל פון הימל. אָבער דו ווילסט דאָך נאָר היילן די קראַנקע מענטשהייט, אַזוי ווי מיין פּעטער, טאָ זאָל דיר גאָט העלפן אין דיין שווערער מיסיע.

— זעסט, דער זעלבער ציניקער, ווי געווען — האָט עווא געזאָגט צו אַדאַמען — און אַזעלכע פאַרנעמען זיך מיט אַטאָם־פיזיק.

— אַלע קאָנען זיך דאָך נישט פאַרנעמען מיט היילן משוגעים, פאַר מיר וואָלט שוין נישט געסטאַיעט, שוין באַלד מער דאָקטוירים, ווי פּאַציענטן, האַ, פּעטער?

— ס'וואָלט געסטאַיעט נאָך פאַר דיר און אויך פאַר אַ סך אַנדערע. ס'דרייען זיך אַרום אויף דער ערד מחנות משוגעים, געפערלעכע משוגעים, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פון נאָרמאַלע מענטשן און לאָזן דער וועלט קיין רו נישט.

ס'האָט זיך אים אויף דער הייסער מינוט דערמאָנט דער משוגעדיקער חלום, ער האָט אים געטריבן פון זיך ווי אַ זלידנע פליג:

— לאָמיר בעסער טרינקען און זיך פרייען מיטן גאַסט. צום געזונט!

טאָמאַס האָט אויסגעליידיקט דאָס גלעזל מיט איין שלונג, פּשוט עס אַריינגעגאָסן אין האַלדז און געמאַכט אַ זויערע מינע:

— אַ ווייבערישער כּיבוד, ווייַן, אַפילו נישט קיין שלעכטער, נאָר ס'האָט געמעגט זיין אַ שנאַפּס, כאָטש ביי אַזאַ געלעגנהייט האָט די מומע געמעגט שטעלן בראָנפן.

פאַר דיר איז אַזאַ ווייבערישער געטראַנק אויך געפערלעך — האָט עווא געשפּאַסט.

— האָב נישט מורא, כ׳האָב נישט אין קעשענע קיין אַטאָם־באָמבע.
זאָפיע האָט געהאַט א געלעגנהייט צו דערמאָנען איר באַרעדעוודיקן פּלימעניק ער זאָל לאָזן אויך אנדערע א וואָרט אַרויסרעדן:

— הייבסט שוין אָן מיט דיינע אַטאָמען!

XI

אין דרויסן שטאָק פינצטער. דער טאָג איז אַוועק און אָנגעכמורעטער, אָנגעברוגזטער, נישט געלאָזן קיין בין־השמשות, איבערגעגעבן די וועלט תיכף אין רשות פון אַ שוואַרצן אָוונט. דער גרויער, נידעריקער הימל האָט זיך צעריסן, צעפליקט אויף פיץ־פיצלעך, צוזאַמענגעגאָסן זיך מיט דער פינצטערניש און די פינצטערניש האָט געוואָיעט. אַ קאַלטער, בייזער ווינט האָט זי צערייצט.

ביי די אַנדריטשעס אין שטוב איז אָבער ליכטיק און וואַרעם. דער גרויסער זשיראַנדאָל לייכט מיט אַלע לעמפלעך. פראָפעסאָר אַנדריטש זעט אויס יינגער — צווישן דעם יונגוואַרג ווער איך אויך יונג — ווייצלט ער זיך אויפן קאָמאָד, פון וועלכן ס'קוקט אפער א 4—5־יעריק יינגל אין אַ סאַמעטענעם אָנצוגל מיט א ווייס קעלנערל, איז צוגעקומען נאָך א מתנה פון עוואַן: אַן אַלטער, אָפגעפוצטער חנוכה־לאָמפ. ער איז איר צופעליק אַרייַנגעפאַלן אין די הענט, דערזען אים אין א שויפענצטער פון אַן אַנטיק־געשעפט דעם זעלבן אָוונט פון דער אויפנאַמע, געקויפט און געבראַכט צושלעפן אַהער. פאַר וועמען? זי ווייסט אַליין נישט. ס'איז איר געפעלן, געלט האָט זי געהאַט ביי זיך, האָט זי נישט לאַנג געטראַכט און געקויפט. זי האָט זיך נישט געריכט, אַז זאָפיע זאָל עס אַרויפשטעלן אויפן קאָמאָד, אָפגעזוכט קאָלירטע ליכטלעך, וואָס מאַריאַ האָט געהאַט פאַראַיאָרן געקויפט צום ווייַנאַכט־בוים, אַרייַנגעשטעקט אין לאָמפ און אָנגעצונדן. חנוכה? זאָפיע און עוואַ געדענקען נישט, ווען דאָס פאַלט אויס, מסתמא נאָך ווייט צו חנוכה; אַלצאיינס, ליכט אין אַ לייכטער גיט

צו שטימונג, יום־טובדיקייט. פּראָפעסאָר אַנדריטש ווייסט נישט און פרעגט נישט וואָס דאָס איז פאַר אַ לייכטער, ער ווייסט, אַז זיין ווייב איז גליקלעך. וואָס וואָלט הייגט זאָפיע נישט געטאָן ס'זאָל אויסזען פייערלעך, צו פאַרשאַפן אַדאַמען פאַרגעניגן?

זאָפיע אַנדריטש איז אַן אויפגעריכטע מאַמע. די שוואַרצע, יידישע אויגן גלאַנצן מיט מאַמעשער פרייד, זי האָט אַ דערוואַקסענעם זון; ער, אַדאַם, איז איר הייגט נעענטער, ליבער, ער פילט זיך מיט איר אָן אַ שיעור היימישער, ווי דאָס אַמאָליקע שוויגנדיקע, גלייכגילטיקע יינגל. צי די בענקשאַפט אין דער פרעמד, צי די מענערישע רייפקייט האָט דאָס געמאַכט, אַלצאיינס, זאָפיעס מי איז נישט געווען אומזיסט, נאָך אַזויפיל יאָרן הערט זי זיך רופן מאַמע; איר לעבן איז רייך געוואָרן, דאָס וואָרט „מאַמע" איז אַ וועלט אַ גאַנצע, אַ פאַרביקע, אַ זינגענדיקע.

די אויפנאַמע האָט זי געהאַט פאַרטראַכט פון לאַנג. אַדאַמס חברים האָבן אים דערוואַרט, שטענדיק נאָכגעפרעגט אויף אים. זאָלן זיי זיך טרעפן אַזוי וואָכעדיק? ניין. סיי זיינע חברים, סיי אַדאַם דאַרפן פילן, אַז ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים.

זאָפיע איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: וועמען זאָל זי פאַרבעטן? זי וואָלט צופרידן געווען אַדאַם זאָל אָנווייזן, זאָל ער זיך צו־נויפן הערצו. אָבער אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט מיט אים, ער פאַר־לאָזט זיך אויף איר; זאָל זי פאַרבעטן וועמען זי וויל. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט דערמאָנט זיין יידישער פרוי אַ יידיש ווערטל, וואָס ס'האָט אים גע־האַט אויסגעלערנט אַמאָל זיין יידישער קאָלעגע יעקב זייגוויל. ס'איז אויסגעקומען אַ ביסל האַמעטנע דאָס ווערטל אין דעם אַנדערשדיקן לשון, נאָר דער זין איז געבליבן: וואָס קלענער דער עולם, אַלץ גרעסער די שמחה.

דעם עולם האָט צונויפגעשטעלט געקענט עוואַ, זאָפיע האָט געמוזט צו איר אָנקומען. עוואַ האָט געראָטן: קודם די אַמאָליקע, פון קינדער־הויז, דערנאָך פון שול, דערנאָך... ס'וועט געניג זיין, דער הער פּראָפעסאָר איז גערעכט. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין פרוי מיט אַ באַוועגונג, ווי אַ שילער, וואָס שטעלט זיך אויף אין קלאַס, וויל עפּעס זאָגן, אָבער ער איז נישט אינגאַנצן זיכער צי ס'וועט אויסנעמען:

— אפשר ברענגען מיר אַראָפּ דיין...

ער האָט שוין נישט געהאַפּט פאַרענדיקן, זאָפיע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט דעם ברודער איירן דעם מאָלער, דעם נזיר, ווי זי רופט אים. ער וועט איר פאַרשטערן די גאַנצע שמחה.

— ס'איז נאָר פאַר יונגע, און נאַטאַנען איז נישט אַזוי לייכט זיך צו רירן פון אָרט, צענדליקער מאָל געשריבן און קומט נישט; איצט נאָר פאַר אַדאַמס חברים.

דער ערשטער האָט זיך אַריינגעשטעלט טאָלעק. ער איז געשטאַנען שיינע עטלעכע מינוט פאַר דער טיר, אויסגעטשוכעט זיך א ביסל, צוגע־גלעט מיט דער האַנט די פאַרוואָקסענע האָר, שטיל אָנגעקלונגען, נאָך שטילער אַריין אין צימער, באַגריסט זיך מיט א שאָקל מיטן קאָפּ און מיט א מיסטעריעזן, אויסבאַהאַלטענעם שמייכל. צו אַדאַמען האָט ער אויסגעצויגן די האַנט און שטיל געפרעגט: וואָס מאַכסטו? נאָך א צען מינוט האָט ער זיך אויפגעהויבן, געזאָגט א תירוץ און געוואָלט אַוועקגיין. אַזוי האָט ער געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט. נישט קומען האָט נישט גע־פּאַסט, געוואָלט אויך זען אַדאַמען, איז צומבעסטן קומען פריער און דער־נאָך זיך אַרויסדרייען פון עסק.

טאָלעק פירט א וואַגאַבונדיש לעבן. ער האָט זיך אין פּראָפעסאָרישן, זויבערן הויז דערפילט שלעכט; ער האָט פאַרויסגעזען, אַז זיין הולך און אַזאַ סאַלאָן פּאַסן זיך נישט, זיין הולך קרעמפירט אים חס־וחלילה נישט, דער סאַלאָן יאָ. ווי גיך אָבער ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט עווא אים אָנגענומען בײַ די אַקסלען און צוריק אַוועקגעזעצט. די אָנגעפּולטע קעשע־נעס האָבן זיך אָנגעבלאָזן.

פאַרוואָס טאָלעק האָט אויסגעקליבן צו שטודירן פילאָלאָגיע, ווייסט קיינער נישט. זיינע הענט מייסטערן שטענדיק: פון א פלעשל מאַכט ער א לעמפּל, פון אַ שטיק האָלץ א מעסער צו שניידן פּאַפּיר, פון פּאַפּיר עפּעס אַן אַבאַזשור. זיין צימער איז אַ באַזאַר פון אָפּגענוצטע מכשירים, שערבלעך, אַלטע מעכאַניזמען, פון וועלכע ער טרעגט אַרויס די בעבעכעס. זיינע חברים זאָגן וועגן אים: ער האָט גאָלדענע הענט, אַ גאָלדן האַרץ און א גאָלדענע באָרד. עווא זאָגט: אויב שווייגן וואָלט געווען גאָלד, וואָלט טאָ־לעק שוין איינגאַנצן געווען א שטיק גאָלד.

דאָס שטיק גאָלד איז אָבער אין א רויען צושטאַנד, וואָס מ'דאַרף אָפּרייניקן, אַרומפּיילן, אַרומשלייפן, און דאָס האָט טאָלעק פיינט בתכלית

שנאה, ער איז צעקריגט מיט אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט אָרדענונג, מיט אנשטרענגונג, מיט דיסציפּלין. לעבט זיך טאָלעק אין זיינס אַן אייגן וועלטל, וואָס פירט זיך אָן שום געזעצן און פאַראָרדענונגען. מיט זיין הולך איז ער ענלעך צו א פאַריזער קלאָשאַר און א סברה, ער וואָלט איינגעגאַנגען צו וווינען מיט זיי אונטער דער בריק פון דער סעקוואַנע, דאָרט וואָלט ער זיך זיכער בעסער געפילט, ווי אין פראָפעסאָרישן הויז, אָדער אַפילו ביי דער מאַמען אין שטוב. אַז זי, די מאַמע זיינע, האָט געדאַרפט נעמען פאַר זיי אַ וווינונג, האָט טאָלעקן געפעלן דווקא אין דער שמוציקסטער און אָרעמסטער געגנט. „ס׳איז פיטאָרעסק“—האָט ער דער מאַמען איינגערעדט; דאָ פילט ער זיך מער ביי זיך, פרייער ווי ערגעץ=ווו אַנדערש. אַ משוגעדיקער דראַנג ביי אים צו „זיין פריי“, אומאָפּהענגיק, נישט צו דאַרפן קיינעמען און קיין שום זאַך זיך אונטעראָרדענען. אַז טאָלעק דאַרף זיך גרייטן צו אַן עקזאַמען און ס׳כאַפּט אים פלוצלונג אָן אַ חשק פאַנאַנדערצוטרייבערן אַן אַלטן זייגער, וואַרפט ער אַוועק די ביכער און העפטן און זעצט זיך אַוועק מייסטרעווען, אַריינטראַכטן, וואָס פאַראַ נייעם מכשיר מ׳וואָלט געקאָנט מאַכן פונעם אַלטן ווערק. איי, דער עקזאַמען איז בילכער? וועט ער קורץ און שאַרף ענטפערן, אַז אַ מענטש דאַרף זיין פריי צו טאָן, וואָס אים גלוסט זיך.

זיינע וויניקע קרובים האַלטן אים פאַר א פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע, ער זיי—פאַר חסר=דעהניקעס, וואָס רעגולירן זייער לעבן, ווי אַן אויטאָמאַטישע מאַשין. און קומט אים אויס צו פאַרטיידיקן די לעבנס=פילאָזאָפיע זיינע, צינדן זיך ביי אים די אויגן אָן, ווי ביי א פאַרצייטיקן פרעדיקער. אויך מיט זיין אויסזען דערמאָנט ער אַן אַמאָליקן פרעדיקער, כאָטש פון פרעדיקן איז טאָלעק הימל ווייט.

א הויכער, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, ברוינע, אומעטיקע אויגן און א לענגלעך פּנים, איינגעראַמט אין דער היפּשער באָרד, זעט ער אויס, ווי דער מאַן פון נצרת. געקומען אויף דער וועלט איז ער אויך נישט אין קיין שענער אָרט, ווי יענעם לעגענדאַרע קינד. אַ פאַרמשפּטער צום טויט שוין אין דער מאַמעס בויך, איז ער געבוירן געוואָרן אין אַ טיפן קעלער, איבערגעבויט אויף א בונקער. דאָס עופעלע האָט מען איבערגעטראָגן פון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש, דערנאָך אַרויסגעטראָגן עס דורך אַ געהיימען דורכגאַנג פון געטאָ, אין אַ קיישל. די מאַמע האָט געמיינט, אַז דאָס קינד האָט זיך דערשטיקט, נאָר דער 3=חדשימדיקער טאָלעק האָט

דורכאויס געוואָלט לעבן און ביסלעכווייז אויפגעטויכט. ס׳איז געווען קורץ נאָך דער עקזעקוציע פון זיין פאָטער דעם פּאַרטיזאַנען־אָנפירער, ווי טאָלעק איז באַגליקט געוואָרן מיט א טויף־מעטריקע אויף א „ריין“ אַרישן נאָמען און דערמיט אָנגעקומען אין אַ קריסטלעכן אַנשטאַלט, פון וואַנען די מאַמע האָט אים דערנאָך אָפּגענומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און מיט גרויסע צרות. דער אַרישער נאָמען איז שוין פאַרבליבן אויף ווייטער, און אויך די נייגונג צו האַלטן זיך פונדערווייטנס איז פאַרבליבן. לאַנג האָט זיין מוטער נישט געוווּסט, וואָס עס קלעמט איר אונטערוואַקסנדיקן זון, ביז ער האָט איינמאָל אין אַ צופאַל פון אָפנהאַרציקייט אַרויסגעזאָגט זיין פאַרדרוס, וואָס ער טראָגט נישט דעם נאָמען פון זיין פאָטער. צו רעדן אָבער וועגן די זאַכן מיט אים וואָלט קיינער נישט געפועלט, די מוטער אויך נישט. זיינע חברים זאָגן אויך וועגן אים: ער האָט אן אָפענעם קאָפּ, אָבער אַ פאַרשלאָסן מויל. צומלייכטסטן מאַכט זיך אים אויף דאָס מויל צו דערציילן אַן אַנעקדאָט, אָבער מער, ווי איינעם פּאַראַמאָל דערציילט ער קיינמאָל נישט, כאָטש ער זאַמלט זיי אויף, ווי ער זאַמלט אַלטע מעכאַניזמען. מיט עטלעכע יאָר יינגער פון אַדאַמען איז ער אין יתומים־הויז אָנגעקומען פאַרן שווייגער נומער צוויי, דאָס ערשטע אָרט האָט שטענדיק פאַרנומען אַדאַם. זענען די צוויי שווייגערס איצט געזעסן אונטערן לייכטנדיקן זשיראַנדאָל און די רייד האָבן זיך זיי נישט געקלעפּט, פּונקט ווי די יום־טובדיקע אַטמאָספער וואָלט זיי געשטערט.

געראַטעוועט די סיטואַציע האָט טאָמאַש. ער איז אַריין מיט רעש אין צימער, פרינדיק מיט זיך זיין פּאַד־קאָלעגע, דעם יונגן פיזיקער ראַפאַל, אַ שוואַרצן, הראַבינעם בחור, וואָס זעט אויס לעבן טאָמאַשן, ווי סאַנטשאָ פּאַנטשאַ לעבן דאָן קיכאָט. מיט זיי איז מיטגעקומען אַלבערט, דער מאַטעמאַטיקער. ער איז צוגעפאַלן צו אַדאַמען און זיך צעקושט מיט אים, דער איינציקער, וואָס האָט זיך מיט אַדאַמען צעקושט. אַדאַם האָט זשעניַרט געשמייכלט, ווי פון אַ קוריאָזיטעט. טאָמאַש האָט אַלבערטן געמוסרט:

— העי, דו, ס׳פעלט דיר מיידלעך זיך צו קושן, וואָלסט בעסער מיט עווא...

אַלבערט האָט זיך אויפריכטיק געפרייט מיט אַדאַמען. אין קינדער־הויז האָבן זיי צוזאַמען געוווינט אין איין צימער, אַ באַזונדער צימערל,

וואָס אַלבערט האָט דעראָבערט פֿאַר זיי ביידע. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ס'האָט זיך אים ביז דעמלט געהאַט איינגעגעבן. אלדאָס איבעריקע איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ.

אלבערט האָט איין האַנט א קורצע און אַ ביאָגראַפֿיע אַ לאַנגע. ער איז פֿון אַ יידישן טאַטן און אַ מאַמע — אַ ריינע אַריערין. די אַריערין האָט נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן איר יידישן מאַן, געבליבן אין געטאָ. אלבערטס יידישער טאַטע האָט געהאַט א גוייש געזונט, אין פּאַוויאַק האָט מען צעבראָכן אויף אים אסך שטעקנס, שפּיצרוטן, איידער מ'האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון אים דעם לעצטן פֿונק לעבן. עדות האָבן דערציילט, אַז די קלעפּ האָבן אים קוים בייגעקומען.

געכאַפּט האָבן אים די זשאַנדאַרמען ביים אַרויסגיין פֿון אַ פּאַרשטעלטן קעלער, וואָס האָט געפֿירט פֿון דער צווייטער זייט מויער. אין זעקל מיטן ביסל קאַרטאָפֿל האָבן זיי אַנטדעקט אַלטע פּיסטאָלעטן און זיי האָבן נישט געקאָנט באַגרייפֿן, ווי אַזוי אַזאַ „פֿאַרפֿלוכטער יודע“ לאָזט שינדן פֿון זיך די הויט און זאָגט נישט אויס פֿון וואַנען די פֿאַרזשאַווערטע פּיסטאָלעטן שטאַמען.

ער, אלבערט, האָט פֿון זיין יידישן טאַטן געירשנט בלויז די שוואַרצע האָר און דאָס יידישע פּנים, דאַקעגן פֿון דער אַרישער מאַמען — איר דעליקאַט געזונט. אַז די מאַמע האָט זיך דערנאָך אַרויסבאַקומען מיטן קליינעם אַלבערט פֿון געטאָ, האָט זי ערשט דעמלט זיך אַרומגעזען, אַז ראשית מוז זי אויסבאַהאַלטן איר יידיש קינד, והשנית — אַז זי האָט טובערקולאָז אין דער לעצטער סטאַדיע און וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. דאָס יינגל האָט זי באַצייטנס אָפּגעגעבן צו אַ באַקאַנטן פּויער אין א פֿאַרוואָרפֿן דאָרף. האָט דער פּויער איינמאָל געשיקט שעטשקע פֿאַר די בהמות און דער קליינער אַלבערט האָט אונטערגעשטופּט דאָס שטרוי מיט די הענט אַזוי פֿלייסיק, אַז די ליאַדע האָט אים אַריינגעכאַפּט די לינקע האַנט און אָפּגעשניטן ווייט איבער די פֿינגער.

ביז דער 10־יעריקער אַלבערט איז צוגעשווומען צו די ברעגעס פֿון יתומים־הויז, האָט ער זיך צענדליקער מאָל געטרונקען, יעדעס מאָל דורך א נס, אָדער דורך אַ צופֿאַל נישט דערטרונקען געוואָרן. מיט אַדאַמען איז ער געווען א גוטע פּאָר. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן, זיין חבר —

צו הערן. איצט האָט ער גלייך אָנגעהויבן אויסדערציילן, ווי ער האַלט מיט זיין מאַטעמאַטיק.

לאַנג זיך פרייען מיט זיך האָט מען זיי נישט געלאָזט. ס׳זענען אָנגעקומען די איבעריקע, ס׳איז געוואָרן לעבעדיק. זאָפיע האָט אַראַמס קאָלעגן אויפגענומען, ווי זיי וואָלטן אויך אירע קאָלעגן געווען. זי קען זיי דאָך אַלע כמעט פון קינדווייז אָן, האָט זיי געדוצט; ס׳געשעט, אַז וועלכער פון זיי פּראָטעסטירט, ווען זי זאָגט אים „הער מאַגיסטער“. כדי צו מאַכן א פּשרה, רופט זי אים דעמלט קאָלעגע; אַזוי רופט זיי איצט אויך טיילמאָל פּראָפעסאָר אַנדריטש — אי אויס היימישקייט, אי אַלס אַסיסטענטן פון אוניווערסיטעט.

נאָך די ערשטע גלעזלעך האָט זיך די חברה צעוויגט, אַפילו טאָלעק האָט אַריינגעלאַכט אין דער באָרד. מער פון אַלע האָט זיך געלאָזט הערן טאָמאַס, ער איז דאָ אַ גאַנצער מחותן, פילט זיך דאָ שטענדיק ווי ביי זיך אין שטוב.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויסגעטרונקען מיט זיי א גלעזל, אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעשפּאַנט צום גרויסן, טיפן פאָטעל, אויסגעצויגן זיך באַקוועם און מיט קלוגע, שמייכלענדיקע אויגן אָבסערווירט די לעבעדיקע, יונגע חברה, נישט געלאָזט פאַרלירן גיין קיין איין וואָרט, פּונקט ווי ער הערט זיך צו צו זיינע סטודענטן; נאָר דאָ קאָן ער זיך מער דערוויסן, וואָס עס טראַכטן אַזעלכע יונגע מענטשן, „ווי עס האַלט מיט זיי אין דער וועלט“, דאָ זענען זיי נאַטירלעכער, אויפריכטיקער, אַפילו טאָמאַסן קאָן מען דאָ בעסער „צעקייען“, ער לאָזט זיך נישט נאָר הערן, נאָר וואַרפט זיך אויך אין די אויגן מיט זיין נישט געוויינלעכן אויסזען.

— זעט, ווי טאָמאַס איז היינט עלעגאַנט!

דאָס האָט דאָראָטע געמאַכט אַ קאָמפּלימענט און געוואַרט ער זאָל איר אָפּצאָלן מיט פּראָצענט; ביז איצט האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר, וואָס זי, דאָראָטע, קאָן נישט פאַרטראָגן. די 24-יעריקע עקאָנאָמיסטין איז אַ שלאַנק, שיין מיידל און ווייסט ווי אָפּצושאַצן איר שיינקייט. זי געהערט צו די פרויען-טיפּן, וואָס ווערן צו פרי רייף. זי ווייסט, אַז דאָס לעבן דאַרף מען נעמען פאַר די הערנער, און זי קען די קונסט, איר גייט זיך אַלץ איין. „זי קען גוט פאַרקויפן איר סחורה“ — זאָגן אירע קאָלעגינס. זי האָט געקאָנט אַן עקזאַמינאַטאָר אַזוי פאַרהערן די ציין,

ס'זאָל זיך ביי אים באַקומען אַן איינדרוק, אַז זי ווייסט גאָר גישט פון וועלכן עק אָנצוהייבן, בעת זי איז בכלל נישט געווען צוגעגרייט און אויף דער פראַגע גאָרנישט געהאַט צו ענטפערן. אַפילו דעם שטילן, פלעגמאַטישן אַראָפּלאַן־קאָנסטרוקטאָר, וועלכער האָט קיינמאָל אויף איר קיין שום אכט נישט געלייגט, האָט זי ביסלעכווייז גענומען אין איר געפאַנגענשאַפט, ער האָט זיך לסוף פאַרליבט און חתונה געהאַט מיט איר. זי האָט זיך געיאָגט נאָכן לעבן, צו 19 יאָר חתונה געהאַט, צו 22 יאָר געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, געפונען גלייך אַ גוטן פּאָסטן, איינגעשאַפט זיך אַ סך גוטע באַקאַנטשאַפטן און גוט געפירט דעם מאַן פאַר דער נאָז. זי פירט אויך אַ גרויסאַרטיקן שטאַט, לאַדט איין געסט לויט אַ רשימה, געדענקט אין די געבורטסטעג פון באַקאַנטע, וואָס קאָנען צונוץ קומען, און איר רעגיסטער־בלאָקל זענען פאַרצייכנט די נאָמענטעג פון איבער אַ צוויי צענדליק פּערזאָן. קליידן קליידט זי זיך לויט דער לעצטער פראַנצויזישער מאָדע, די האָר זענען יעדע וואָך פאַרקעמט אין אַן אַנדער פריזור: נעכטן זענען זיי צעלאָזן געווען, פאַרדעקט דאָס גזיכט, אַז מ'האָט קוים די נאָז אַרויסגעזען, היינט זענען זיי פאַרקעמט אין דער הייך, אין אַ ברייטער קרוין, לאָזנדיק דאָס געזיכט אָפּגעדעקט. דאָס שוואַרצע זיידענע קליידל איז אַ שטיק פאַר די קני, ווי זי וואָלט אויסגעוואָקסן דערפון. זי האָט די ערשטע זיך דערוווסט וועגן דער ענגלישער קורצער מאָדע און גישט געוואַרט אַנדערע זאָלן זי רעפּרעזענטירן. געקומען איז זי היינט אָן דעם מאַן, זי פילט זיך אָבער נישט ערגער ווי מיט אים, כאָטש דאָס רימל יונגוואַרג זענען זייגע שול־חברים און זי האָט זיך ביסלעכווייז באַקענט און באַפריינדעט מיט זיי. אין קעגנזאַץ צו איר פלעגמאַטישן מאַן, בינדט זי אָן אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן זייער שנעל און אויך להיפוך צו אים, וועלכער ציילט און מעסט די ווערטער, איז זי גישט קאַרג נישט אויף קיין וואָרט און נישט אויף קיין קאָמפּלימענט.

— טאָמאַס זעט היינט אויס, ווי אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער אונטערנעמונג און נישט, ווי אַ פיזיקער, וואָס זיצט פאַרמאַכט אין אינסטיטוט; זעט, אז אָנצוג פון אויסלענדישן שטאָף — האָט זי איבערגעחזרט דעם קאָמפּלימענט.

— טאָמאַס זעט היינט אויס, ווי די מאַמע וואָלט אים בגוואַלד אַוועקגעפירט צום פריזירער, דערנאָך אים מיט כוח אַרומגעוואַשן און אַריינגעשטופּט אין אַ נייעם אָנצוג.

וואָס ווערטער האָבן אַלע באַשטעטיקט מיט אַ געלעכטער, מיט צושאָקלען מיטן קאָפּ. טאָמאַס איז איר נישט געבליבן שולדיק:

— זעט, זעט, ווי עולאַ האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי אַ כּלה; זי מיינט, זי וועט עמעצן כאַפּן אויף דער ווענדקע מיט איר נײַ קלייד און די דרײַ שנורן פּערל. טרעפט פון וואַנען?...

זאָפיע האָט אים איבערגעריסן, צווייסן געגעבן, אַז שימאָן האָט געקלונגען און זיך פאַר אַלע אַנטשולדיקט. ער קאָן נישט קומען, אין דער לעצטער מינוט געהאַט אַ שטערונג.

אַ שוואַרץ בחורל מיט אַ געדיכט רונדיק בערדל האָט זיך געווענדט צו אַדאַמען:

— געדענקסט „אונדזער מאָלער“? ווי ער פלעגט אויף די לעקציעס אונדז צייכענען? אַלע זײַנע העפטן זענען געווען באַשמירט מיט מענטשעלעך.

דאָס האָט זיך וויקטאָר אָפּגערופן. אַז מאַריאַ האָט אים געעפנט די טיר און צוריק אַרײַן אין קיך, האָט זי געמורמלט: אַ שנעק און האָס האָט אַ באָרד, אַ פּאַרדרייטע וועלט געוואָרן: אַלטע זענען אָן בערד און אַזעלכע שנעקן מיט בערד.

וויקטאָר איז אויך געווען אין יתומים־הויז, נאָר נישט קיין סך לענגער פון אַדאַמען; אַ פעטער האָט אים אָפּגעפונען און צוגענומען, געוואַקסן איז ער אָבער שוין סיווי נישט — זאָגן זײַנע חברים וועגן אים: אַ קליינער מאַנצביל און אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער. צו 26 יאָר האָט ער באַקומען דעם טיטל דאָקטער פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן.

ער האָט ווײַטער אַדאַמען אינפאָרמירט:

— אונדזער מאָלער קערט היינט וועלטן, זײַנע אַקציעס גייען אין דער הייך.

שימאָנס נאָענטער פרײַנד בערנאַרד, וואָס האָט האָס יאָר געענדיקט סאָציאָלאָגיע, נאָר שרײַבט פון אַ סך יאָרן שוין לידער, האָט דערגענצט וויקטאָרס אינפאָרמאַציע:

— שימאָן איז אַ טאַלאַנטירטער מאָלער, זײַן אויסשטעלונג האָט שטאַרק אויסגענומען, אַרבעט אַ סך; ער האָט מיר געזאָגט ער וועט היינט זיכער זײַן. מסתמא אַ נישט פאָרויסגעזעענע שטערונג.

טאָמאַס האָט שוין צו לאַנג געהאַט געשוויגן און זיך אָפּגערופן מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— מסתמא געהאַט פּונקט אויסגעשפּרייט אַ לײװנט און געמאָלן אַ בילד מיט די פּיס. איר װײסט װי אַזױ? דעם לײװנט צוגענאָגלט צום דיל און צעפּירט די פאַרב מיט די פּיס. דעמלט טאָר מען נישט איבער־רײסן.

— אוי, טאָמאַס, מ'װעט דיר נאָך אויף יענער װעלט אָפּשנײדן אַ שטיקל צונג, אַזױ טוט מען דאָרט מיט די, װאָס טרײבן דאָ רכילות — האָט אים עװאַ געװאָרנט.

— אָ, צוליב דעם האָסטו אַמאָל געטראַכט צו גײן אויף כירורגיע. דאָ קאָן מען אױך מענטשן אָפּשנײדן אַ שטיקל צונג, אויב זי זעט אויס צו זײן צו לאַנג; א גליק, װאָס דו האָסט זיך פאַרקוקט אויף אַדאַמען. װעסט נישט קאָנען דינען מיט דײן כירורגיע. נאָר אַ נעלעכטער אין אַ זײט, הײנט מאַכט מען בילדער אַזױ, װי זײ װאָלטן געמאַכט געװען מיט די פּיס און נישט מיט די הענט. און װאָס װעסטו מיר זאָגן, עװאַ? מען מאַכט אפשר נישט קײן בילדער, פאַנאַנדערשמירנדיק עפּעס א פאַרב? מע שפּריצט די פאַרב אויפן לײװנט מיט א באַרשט, מע נאָגלט צו צום דיל דעם לײװנט און מען צעפּירט די פאַרב מיט אַ רײטװאַגן, מען בראָקט אַרײן אין א בילד װאָס ס'לאָזט זיך: שערבלעך, שמאַטקעס, שטיקלעך פּאַפּיר, טראַנטעס. אַ מאַקאַברע! אפשר רכילות, הא, עװאַ? און דאָס זענען קינסטלער—שעפער! מ'װאָלט זײ געדאַרפט שיקן זיך הײלן צו מײן פּע־טער, אָדער ערגעץ...

— אָדער װו — האָט אָלאַ געפרעגט.

— טאָ זאָל שױן זײן צו מײן פעטער אין קליניק!

— װען דו װאָלסט געהאַט די מאַכט, װאָלסטו מסתמא געשיקט אין פּראָפעסאָרס אנשטאַלט נישט װײניק אַזעלכע מענטשן. נישט אמת, טאָמאַס?

הערסט װאָס מען פרעגט דיך?

ער האָט נישט געהערט, געמוזט דערצײלן אַ נײע מעשה:

— אָט, הערט בעסער, װאָס מ'האָט מיר דערצײלט, אַן אויטענטישע געשיכטע: אַ מאָלער איז זומער געפאָרן מאָלן אויף פּלענער. האָט ער זיך מישב געװען, ס'װעט זײן אַלטמאָדיש. װאָס טוט ער? שאַפט ער זיך אײן א גרױסע טעקטור, פעסטיקט זי צו צום דיל און הײבט אָן פאַנאַנדער־שמירן פאַרבן מיט א פשוט שטוביק בערשטל. ס'קומט גאָרנישט אַרױס, לאָזט ער אַראָפּ די הענט און אנטלױפט אין פעלד, נאָך אינספּיראַציע.

פונקט דערזעט ער א באַבע פירט אַ קאָזע. נו, ער באַקומט אינספּיראַציע. וואָס מיינט איר טוט ער? בעט די באַבע אַריינפירן צו אים די קאָזע אין שטוב — איך טראַכט גישט אויס, אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן — אַלזאָ, ער הייסט די באַבע ברענגען די קאָזע צו אים אין שטוב און טרייבן זי איבער דער פּאַנאַנדערגעשמירטער פאַרב, נו, און ס'איז געוואָרן אַ בילד; מ'האָט עס אויסגעשטעלט, געריהמט דעם מאָלער. אָט א קינסטלער, געגומען זיין קונסט ביי אַ פרעמדער באַבע און איר קאָזע!

טאָלעק האָט אומגעלומפּערט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, אין דער ברייט; דער דיסקרעטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן צווישן די פאַרשלאָסענע ליפּן. אַלע האָבן געוואַרט, טאָלעק וועט עפּעס זאָגן:

— אַ קינסטלער נעמט גישט ביי פרעמדע, נאָר ביי אייגענע; מאָלער, שרייבער, נעמען נאָר ביי זייערע קאָלעגן, איינער ביים אַנדערן, מסתמא איז די באַבע געווען אַ פאַרשטעלטע קינסטלערין.

בערנאַרד האָט מיטגעלאַכט מיט אַלעמען, אָבער וועגן שימאָנען האָט ער געמוזט נאָך עפּעס זאָגן:

— איר דאַרפט גיין זען שימאָנס אויסשטעלונג, זייער אָריגינעל, ער נעמט נישט ביי אַנדערע, ער האָט זיין אייגענע מאָלעריי.

— אפשר אָריגינעל, אָבער איך פאַרשטיי גאָרנישט פון דעם, ביי אַלע די־אָ במעט דאָס זעלבע: כאַאָס, אויסטערליש, שוואַרץ, דעמאָניש, אָן האַרמאָניע. וו נעמען זיי דאָס? איך בין זיי גישט חושד, ווי טאָמאַס, אַז זיי מוזן זוכן אינספּיראַציע ביי אַ באַבע מיט אַ קאָזע. פון וואַנען שטאַמט דאָס פאָרט? איך פאַרשטיי נישט, וואָס זיי ווילן דערמיט אויסדריקן — האָט זיך מודה געווען די באַשיידענע אָלאַ.

— פון וואַנען זיי נעמען דאָס? — האָט זאָפיע איבערגעפרעגט — ווייניק האָבן זיי געזען אויסטערלישע זאַכן, שוואַרצע? און דער כאַאָס איז אויך גישט אַזוי אומפאַרשטענדלעך. וואָס איז היינט די וועלט? נישט קיין כאַאָס? זי איז אונדז גישט צום האַרצן, די היינטיקע מאָלעריי, איך קאָן זי אויך גישט פאַרדייען, אָבער אינגאַנצן באַשולדיקן אין דעם די מאָלער קאָן מען אויך גישט דערפאַר; אַ צעשרויפטע וועלט און זיי זענען זייער עמפּינדלעכע מענטשן, איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער עמפּינדלעכקייט פון דער נאָענט...

זי האָט געוואָלט געבן אַ ביישפּיל פון איר ברודער, ער האָט דאָך אַמאָל געמאָלן גאָר אַנדעריש; היינט, אַז זי קוקט אויף זיינע בילדער, וואָס ער מאָלט זינט... זי האָט זיך פאַרכאַפּט און אָפּגעהאַקט.

טאַמאַס איז געווען גרייט צו ענטפערן, געזעסן ווי אויף הייסע קוילן און מיט אַן אָפן מויל. עווא האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל, אַריינגעשושקעט אים אין אויער. ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער מומען און טעאַטראַליש זיך פאַרנויגט:

— צו אייער באַפעל, גנעדיקע דאַמע.

— טאָמאַס האָט זיך אויסגעמיטן מיט זיין באַרוף, געדאַרפט זיין אַן אַקטיאָר — האָט דאָראָטע קאָקעטיש געזאָגט צו בערנאַרדן, וועלכער איז איצט געזעסן אַנטקעגן איר.

בערנאַרד האָט איר געשענקט אַ שמייכל און לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער:

— מענטשן זענען בכלל געגליכן צו אַקטיאָרן, יעדערער האָט זיין ראָל צו שפּילן, נאָר יעדערער שפּילט אויף זיין אייגענעם אופן, איינער דיסקרעט, אַן אַנדערער אַנדערש.

ראַפאַל האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן, ער קען נאָר רעדן וועגן פיזיק. קיין געלעגנהייט איז נישט געווען. אויב סתם רעדן וואָלט ער שוין בעסער געוואָלט זיך עפּעס דערוויסן פון אַדאַמען. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אָנגענומען זיך מיט מוט:

— מיר פּלאַפּלען און פּלאַפּלען און אַדאַם שווייגט, מיר לאָזן אים קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. נו, אַדאַם, קומסט דאָך פון דער גרויסער וועלט, מיר זיצן דאָ הינטערן אויוון, דערצייל אונדז עפּעס, מיר ווילן דיך הערן.

ראַפאַלן האָט הנאה געטאָן, ער האָט אויסגענומען, אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן, אַדאַם האָט זיך אָבער געווערט:

— כ'זע איר האָט מער צו דערציילן, ווי איך, איר ווייסט דאָך, איך בין אַ קנאַפּער דערציילער, העכסטנס קאָן איך ענטפערן אויף פראַגן, נאָר מיר איז ליבערשט אייך צו הערן.

טאָמאַס האָט אים אָפּגעראַטעוועט. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער טאַץ קאַווע און מיט אַ נייער טעמע: אַ סקאַנדאַל! מ'זאָל זיך דאַרפן אַזוי אָנמאַטערן צוצוגרייטן אַ קאַווע, און ווו איז אונדזער טעכניק?!

— העי, יאַקוב, קאָנסט נישט אין דיין טעכנאָלאָגיע עפּעס אויסגעפינען, ס'זאָל לייכטער אָנקומען אויסצוטריקנען אין שטוב א קאַווע? אַ שיינע טעכנאָלאָגיע, אַז מאַריאַ דאַרף צעמאָלן די קאַווע מיט אַ האַנטמילכל און איך דאַרף זי ברענגען צו טראָגן אויף אַזאַ טאַץ, שיעור אַלץ נישט איבערגעדרייט, טראָגן מיט צעשפּרייטע הענט אַזאַ משא דורכן לאַנגן קאָרידאָר. ווו איז דיין מעכאַניזאַציע?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך צום ערשטן מאָל אָפּגערופן:

— אָט דאָס געפעלט מיר. און דו, טאָמאַס, אין דיין פיזיק מעגסטו אויך א טראַכט טאָן וועגן אַזעלכע קליינלעכע זאַכן.

ער האָט דאָס וואָרט „קליינלעכע" ווי אונטערגעשטראָכן, דערנאָך מיט א מילדערן און שפּאַסיקן טאָן ווייטער געצויגן:

— טעכנאָלאָגן, פיזיקער, הערט זיך צו צו טאָמאַסן. ווען איר וואָלט זיך טאַקע באַשעפטיקט אויך מיט אַזעלכע פּשוטע, מענטשלעכע ענינים, וואָלט אפשר די וועלט נישט געווען, ווי האָסטו געזאָגט, זאָפיע? צעשרויפט, האַ?

זאָפיע, סערוווירנדיק ביים טיש, האָט צוגעגעבן:

— וואָלטן די מענער געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט די שווערע, גודנע, שטובּיקע באַשעפטיקונגען, וואָלטן זיי מסתמא געלאָזט אין גאַנג די טעכנאָלאָגיע, די פיזיק, אַלץ.

די פרויען האָבן זאָפיען אונטערגעהאַלטן.

— ווען טאָמאַס וואָלט געדאַרפט צוגרייטן א מיטאָג, פאַרלירן שעהן אויף נאַרישע זאַכן, אָהאָ, ער וואָלט דעמלט — האָט עווא צוגעוואָרפן.

טאָמאַס האָט זיך תיכף אָפּגערעכנט:

— ווו עטלעכע פרויען, דאָרט גלייך א בונט קעגן מענערישן מין. ווייבערישע פּסיכאָלאָגיע איז אַזאַ: איינע — נאָכגיביק, מער ווי איינע — בונטאריש. צום גליק הערשן מיר, מענער, איבער גאָטס וועלטל.

— ס'זעט גאָרנישט אַזוי שיין אויס אונטער אייער מענערישער הערשאַפט — האָט די שטילע אָלגא איראָניש אים אָפּגעצאָלט.

— אָ, האָסט זיך מיט וואָס צו באַרימען מיט הער מענערישער הערשאַפט — האָט זאָפיע אי געוויצלט זיך, אי איראָניזירט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, צוגעשאָקלט צו זיין ווייב מיטן קאָפּ. בערנאַרד איז געווען זיכער, אַז אָט־אָט רופט זיך דער פּראָפעסאָר אָפּ, ער האָט זיך נישט דערוואַרט און א זאָג געטאָן:

— די מענער האָבן שוין פון לאַנג באַנקראָטירט, די פרויען וואָלטן געדאַרפט איבערנעמען די הערשאַפט, גענומען די מלוכהשע ענינים אין זייערע הענט.

עטלעכע שטימען האָבן זיך אָפּגערופן:

— זאָל גאָט אויסהיטן!

— ס'וואָלט געווען א שרעק!

טאָמאַס האָט דערהפילט, אַז זײַנע אַקציעס הייבן זיך און מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט זיך געווענדט צו בערנאַרדן:

— זאָג, צו אַזאַ חכמה ביסטו דערגאַנגען דורך דײַנע סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען?

יאַקוב האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— בערנאַרד פאַרנעמט זיך מיט דיכטונג און נישט מיט סאָציאָלאָגיע.

— אָ, ווער האָט געלייענט זײַנע לעצטע לידער אין „ליטעראַרישן זשורנאַל"? צי ווייסטו, אַדאַם, אונדזער בערנאַרד, האַ=האָ, דער קעניג פון דער יונגער דיכטונג! — האָט אים אַלבערט געריימט.

אַדאַם האָט זיך דערמאָנט, ווי בערנאַרד פלעגט רעציטירן אין קלאַס. ווען ער האָט באַהאַלטענערהייט אָנגעהויבן שרייבן לידער, פלעגט ער אים פון צײַט צו צײַט אָנכאַפּן און פרעגן: „ווילסט כ'זאָל דיר עפּעס איבערלייענען?" בערנאַרד פלעגט אַרויסציען פון קעשענע א פּאַפּירל און געלייענט מיט פּאַטאָס. דעמלט האָט ער, אַדאַם, געמוזט אויסהערן, איצט וואָלט ער גערן געהערט; אינטערעסאַנט, ווי עס זעט הײַנט אויס. ער האָט אים דערמאָנט:

— געדענקסט אַמאָל? לייען אונדז איצט דײַנע לידער.

אַלעמען איז אַדאַמס אײַנפאַל געפעלן, נאָר טאָמאַס האָט זיך געבעטן:

— לאָז אים אָפּ, אַדאַם, ער וועט דיר צושטעלן אַלע זײַנע לידער מיט א דעדיקאַציע, נאָר אַז איר ווילט דורכוים, מוז איך אויסטרינקען נאָך אַ טעפּל קאַווע, כ'שלאָף אײַן אַפילו בײַ בערנאַרדס לידער.

בערנאַרד האָט זיך געוויילט:

— טאָמאַס, אומזיסט בעטסטו קאַווע, ווערסט נישט האָבן קיין געלעגנהייט אײַנצושלאָפן.

און צו אַדאַמען:

— כ'טראַג הײנט נישט קײן לידער אין די קעשענעס, װי אַמאָל; אױף אױסנװײניק קען איך נישט.

אָלא האָט אים דערמאָנט, אַז יעדער דיכטער קען זײנע לידער אױף אױסנװײניק. בראָניעװסקי, אַז ער האָט געלײענט, האָט ער קײנמאָל נישט אַרײנגעקוקט אין קײן ביכל, אין קײן פּאַפּירל, געקוקט צו די מענטשן און גערעדט צו זײ מיט לידער פֿון זײנע ביכער. מיט יעדן דיכטער איז כמעט דאָס זעלבע.

— יעדער כּלל האָט אַן אױסנאַם — האָט בערנאַרד זיך געװערט.

— נו, בערנאַרד, האָסט דאָך שטענדיק עפּעס אין קאָפּ, האָסט אַלײן געהאַט דערצײלט װי אַזױ דו שרײבסט: פֿריער װערט בײ דיר אַ ליד אָנגעשריבן אין קאָפּ, דערנאָך ערשט אױפֿן פּאַפּיר — האָט דאָראָטע אױסגעזאָגט אַ סוד.

— לאָזט זיך בעטן װי אַ פֿרײלין. לײג אַרױס, אַלע װילן דיך הערן, ביסט נישט אױף קײן עסטראַדע און קענסט זיכער אימפּראָװיזירן; אַ גרױסע זאַך בײ דיר — האָט אים יאַקוב צוגערעדט.

זאָפֿיע האָט געליבט זײנע לידער, זי האָט זײ געלײענט מיט אירע שילער אין קלאַס, זי װאָלט געװאָלט הערן, װי דער מחבר אַלײן לײענט זײ.

בערנאַרד האָט זיך פֿאַרגליגט פֿאַר איר, געדאַנקט און װײטער זיך געװערט:

— איך קען באמת נישט לײענען פֿון אױסנװײניק. געדענקסט, אַדאַם? פֿון אַ פּאַפּירל פֿלעג איך אַרױסלײענען, הײנט מוז איך אױך האָבן דעם טעקסט פֿאַר די אױגן, אימפּראָװיזירן קען איך אױך נישט, איך מוז פֿריער אַ סך... איך אַרבעט שװער אַרײן אין אַ ליד, אין מײן לאַבאָראַטאָריע איז כמעט אַזױ, װי בײ טאָמאַסן אין אינסטיטוט; כ'װײס נישט גענױ, װי ס'זעט האָרט אױס, נאָר כ'שטעל זיך פֿאָר, בײ מיר באַקט זיך אױך נישט אָפּ אױף דער הײסער מינוט.

טאָמאַסן האָט דער פֿאַרגלײך שיעור נישט אַרױסגעפֿירט פֿון די כּלים:

— אױ, װי שװער איר מוזט נעבעך אַרבעטן. אַזאַ שװערע אַרבעט, אַז יעדער קען עס מאַכן אָן שום צוגרײטונג, װער עס װיל קען צוזאַמענקלעפּן אַ ליד.

— דו אױך? — האָט עװאַ געפֿרעגט

— איך וואָלט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שעה־צוויי איבער אַ בויגן פּאַפּיר, וואָלט איך אויך.

— נו, אפשר פּרוווסטו? — האָט אים זאָפיע געראַטן.

— אוי, טאָמאַס גרייט זיך צו שרייבן לידער, אָדער ער שרייבט שוין, ווער ווייסט וואָס פאַרא רעוואָלוציעס מיר וועלן האָבן — האָט דראָמע אויסגערופן.

טאָמאַס איז געוואָרן ערנסט, אַזוי ערנסט, ווי זעלטן ווען:

— ס'האַלט נישט דערביי, פאַראַן וויכטיקערע זאַכן. לידער! פּאָעזיע! וואָס טוט זי אויף? מיר זענען אַ דור, וואָס האָט אַנדערע אַספּיראַציעס — די וועלט געהערט דער וויסנשאַפט און נישט דער דיכטונג; אויף אונדזערע אויגן ווערן אַנטדעקט וועלטן, די וויסנשאַפט וועט איינגיכן אונדז אַריבערשטייגן, און די קונסט וואָס? נישט געגאַנגען פאָרויס און גאָרנישט געשטויסן פאָרויס. אַ ליד שרייבט מען היינט, אַ בילד מאָלט מען, טראָץ אַלע זייערע משוגעתן, ווי מיט הונדערטער יאָר צוריק, יעדנפאַלס, ס'האָט זיך קיין סך נישט געענדערט. פון מיקל אַנדזשעלאָ און דאַנטע ביז דער היינטיקער קונסט — מיט וויפל איז זי געגאַנגען פאָרויס? די וויסנשאַפט האָקעגן שפּרייזט מיט ריזן־טריט, לאָזט אַלץ הינטער זיך, זי גיט דעם מענטשן פליגל.

טאָמאַס האָט גערעדט רואיקער ווי געווייגלעך, מיט איבערצייגונג. אַלע האָבן צוגעהערט דאָס אויער. פונדעסטוועגן האָט זיין פאַד־קאָלעגע ראַפאַל מיט איבערגעטריבענער ערנסטקייט צוגעגעבן:

— טאָמאָס, ווי זיין שטייגער, היצט זיך אַ ביסל, אָבער אין גרונט גענומען, אַזוי איז דאָס, מען זעט דאָס באַשיינפערלעך.

יאַקוב האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרויסצולייגן אַ פּאַק אַרגומענטן, ס'איז זיין פערדל אויף וועלכן ער רייט צומבעסטן; ער האָט געוואַרט מיט אַן אָפן מויל אויף זיין ריי, ער האָט זיך אָבער אָנגעטראָפן מיט די בליקן פון פּראָפעסאָר און דער פּאַטאָס האָט זיך אויסגעלאָשן נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אַ פאַקט, אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט: פיזיק, טעכנאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק און ענלעכע, אונדזער דור, ס'איז די פּאַסיע פון אונדזער דור.

ער האָט אָפּגעהאַקט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט נאָך געהאַט פיל צו זאָגן, נאָר זאָלן אַנדערע דערזאָגן. בערנאַרד איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי אויף הייסע קוילן, ס'האָט אים אונטערגעהויבן, ער האָט זיך אָבער באַמיט צו רעדן געלאַסן:

— אַ נייע רעליגיע! אַ נייער גאָט! אַלע מוזן זיך צו אים בוקן, דערנאָך וועט ער אונדז אַלע פאַרצוקן; אַלע מוזן אַרום אים טאַנצן, אים לויבן, שעצן, דערנאָך וועט ער אונדז די ערד צעזעצן!

ס'האָט אַרויסגערופן גרויס הייטערקייט, מ'האָט אים געפּאַטשט בראַוואָ. ער האָט געזאָגט ער קען נישט אימפּראָוויזירן און שיט מיט פערזן; איצט וועט ער זיך שוין נישט אַרויסדרייען.

בערנאַרד האָט זיך מיטגעוויילט און איינצייטיק זיך פאַרענטפערט: ער איז נישט אויסגעגוועזן צו מאַכן פערזן, ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן: אויפריכטיק דאָס, וואָס ער פילט, וואָס זייער אַ סך מענטשן פילן. ער איז געוואָרן ערנסט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו ראַפאַלן און איבערגעחזרט דאָס זעלבע אין פּשוטע ווערטער:

— פיזיק איז פאַר אַ סך פון אייך געוואָרן אַן אמתע רעליגיע, מיט אַלע אַקצעסאָריעס, מיטן פאַנאַטיזם, עקסקלוזיווקייט, דאָס אייבערשטע פון שטייסל, עפּעס אַזאַ היינטצייטיקע מיטאָלאָגיע מיט געטער, פאַר וועלכע מ'דאַרף זיך בוקן און ברענגען פאַר זיי קרבנות.

די אַטמאָספער איז געוואָרן אָנגעלאָדן, יאַקוב און ראַפאַל האָבן געוואַרט מיט אָפענע מיילער, געוואָלט ענטפערן, נאָר טאָמאַס איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג; ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַריינצופליען בערנאַרדן אין די רייד:

— רעליגיע?! מיטאָלאָגיע זאָגסטו?! דאָס אַרויסרייסן די סודות פון דער מאַטעריע? דאָס איינעמען די רוימען! דעם קאָסמאָס?! ס'ווערט פאַרווירקלעכט פאַר אונדזערע אויגן דאָס, וואָס מ'האָט געהאַלטן פאַר שיינע פאַנטאַזיעס, פאַר טרוימען! די גרעסטע גייסטער האָבן אַמאָל קוים געקאָנט פאַנטאַזירן וועגן דעם אַלעמען. נישט מיט קיין לידער דערגרייכט מען דאָס. מיט דיינע בעסטע לידער און מיט שיטאָגס מאָלעריי האָט איר אויפגעטאָן וואָס? אדרבא, ווייז אָן אויף עפּעס! דאַקעגן די וויסנשאַפט — זעט די גיגאַנטישע אויפטוען! דער מענטשלעכער שעפערישער גייסט היינט, אָט דאָ! דאָ!...

ער האָט זיך בײם לעצטן װאָרט א ביסל פארקרעקט. עװאַ, גאָרנישט װי איר שטײגער, איז אים אַרײַן אין די רײד, אַרױסגעהאָלפן אים:

— דער שעפערישער גײסט אין אײן ריכטונג, האַ? דאָס װילסטו זאָגן?

זי האָט אים צוגעטראָפן:

— זאָלסט װיסן. דײן איראָניע װעט גאָרנישט העלפן, דער מענטש־לעכער געני אנטפּלעקט זיך הײנט אויף אַ באַשטימטן שטח, אין קאָנ־קרעטע צװײַגן פון דער װיסנשאפט.

דאָס יונגװאַרג האָט, פאָלעמיזירנדיק, געװאָרפן דיסקרעטע בליקן צום פּראָפעסאָר, געװאַרט ער זאָל זיך אָפּרופן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט די גאַנצע צײט מיט גרױס אויפמערקזאַמקײט נאָכגעפאָלגט דעם דיספּוט. דער דיסקרעטער, אַ ביסל איראָנישער שמײכל, א בױג מיטן װײסן קאָפּ, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער נעמט אין אים אָנטײל, פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אויסגעבױגן, אָנגעשטעלט מיט גײַגער די אויערן, געמאַכט עפּעס אַ לײכטע באַװעגונג, װי אָט־אָט זאָגט ער זיך אַרױס. זײ האָבן זיך לסוף דערװאַרט. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויסגעגלײַכט, צונױפגעלײגט די הענט פאַר זיך, אָנגעלענט די עלנבױגנס אויף די פּאָרענטשן פון פאָטעל זיך צו האַלטן גלײך, און מעסטנדיק די װערטער אָנגעהױבן:

— געני, שעפערישער גײסט, װאָס פאַרא רעקלאַמע אַרום דעם. אויב ס'װאָלט עמעצער א פרעג געטאָן, װאָס דאָס איז אַזױנס, װאָלט נישט אײנעם שװער געװען צו ענטפערן דערויף, דיר אויך, טאָמאַס; װאָס שײך דאָס אײנעמען די הימלישע רױמען, נעמט מען זײ אײן אויך מיט לידער; איר, מײנע יונגע פרײנד, נעמט עס זיכער נישט בוכשטעבלעך. אָרעמע, נעבעכדיקע באַשעפענישן װאָלטן מיר געװען אָן פּאָעזיע, אָן מאָלערײ, אָן מוזיק, אָן, אָן... אַפילו װען מיר װאָלטן באַהערשט װײס איך װאָס. טאָמאַס אַרבעט װיסנשאפטלעך און רעדט קינדערישע רײד. די קונסט, איך ראָל, איך װיל דערװעגן נישט רעדן, נישט מײן געביט, קײנער קאָן אָבער נישט נעגירן, אַז זי האָט שטענדיק אויפגעהױבן דעם מענטש פון זײן אינערלע־כער אומבאַהאָלפנקײט, געמאַכט אים פולקאָמער, דערהױבענער, געדערט זײן פאַנטאַזיע, אויסגעברײטערט זײן האָריזאָנט, דערמיט אויך געשטויסן אים, װי האָסטו געזאָגט, טאָמאַס? געשטויסן פאָרױס, האַ? כ'האָב נישט ליב זיך צו באַנוצן מיט דער אָפיציעלער טערמינאָלאָגיע.

ער האָט אַ רגע געטראַכט און פאָרגעזעצט:

— נו, יאָ, מען ווייסט מערער וועגן דער טויטער מאַטעריע, ווי וועגן דעם לעבעדיקן מענטש, ס'איז אַ גרויסער ריס אין אונדזער ציוויליזאַציע, ס'האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם דערקענען די טויטע נאַטור און די נאַטור פונעם מענטש, און אַ סך געביטן איז מען הינטערשטעליק, די פאָרשונגען וועגן מענטש גופא פאַרנעמען ווייט נאָך נישט דעם אויבנאָן, מיר זענען אָבער אַזוי ווייט נישט הינטערשטעליק נישט צו וויסן, אַז ס'איז נישט מעגלעך אָפּצוטיילן דעם מענטשנס מאַרך פון זײַנע עמאָציעס, זײַן האַרץ.

אַ פּויזע.

אַלע האָבן געשוויגן, געוואַרט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און ווידער זיך צוגעהערט:

— די בענקשאַפט נאָך שיינקייט, נאָך האַרמאָניע שטעקט אַזוי אין מענטש, ווי דער דורשט נאָך וויסן. אונדזערע אורפאָטערס האָבן געצייכנט אויף די ווענט פון די הייל און אַרויסבאַקומען פייער פונעם שטיין, זייער אויג האָט צוגעצייגן אַ בונטע פלאַנץ, דאָס אויער האָט זיך צוגעהויגט צום געזאַנג פון אַ פויגל און דער נייגער האָט געשטויסן נאָכצופאָלגן דעם שפּראָץ פון אַ קערנדל, וואָס איז צופעליק געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן. דאָס ערשטע, אַזוי גוט ווי דאָס צווייטע, האָט זיי אָפּגעטיילט פון אַנדערע בעלי-חיים, געמאַכט דעם האָמאָ סאַפּיענס אַלעמאָל מענטשלעכער, רייפער. פאַראַן דערשיינונגען, וואָס גייען האַנט ביי האַנט, לאָזן זיך בשום אופן נישט פאַנאַנדערטיילן, אַפילו ווען איינע יאָגט איבער די צווייטע.

ווידער אַ פּויזע.

— איר זענט יונגע ענטוזיאַסטן, ס'איז אַ פאַרגעניגן אויף אייך צו קוקן, עס באַאומרואיקט האָך. ס'איז נישט גוט, ווען יעדערער קוקט אויף דער וועלט אויסשליסלעך פון זײַן אייגענעם קוק-ווינקל, ס'מאַכט דעם איינדריק, ווי מען וואָלט דעם מענטש געוואָלט פאַנאַנדערגלידערן: מוח באַזונדער, האַרץ באַזונדער. דאָס לאָזט זיך בשום אופן נישט, ס'מוז פונקציאָנירן אין איינקלאַנג. נו, זײַט מוחל, כ'האָב נישט בדעה צו מאַכן קיין לעקציע, ווי פאַר מײַנע סטודענטן, איר וועט מסתמא איבגיכן אַליין זײַן פּראָפעסאָרן. איך האָב ליב זיך צוצוהערן דווקא צו די קומענדיקע פּראָפעסאָרן, זשעניִרט אייך נישט.

די גלעזלעך זענען געבליבן אָנגעפולטע, די געסט האָבן געהאַט גע-ווענדט די אויגן צום פּראָפעסאָר, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט פאַרלירן

קיין איין וואָרט זייגס. א ווײַלע איז געווען שטיל, דאָ און דאָרט האָט עמעצער געמאַכט א באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געגרייט עפּעס צו זאָגן. דעצידירט האָט זיך דער ערשטער ראַפֿאַל, ער האָט אָנגעהויבן מיט אן איבערגעטריבענעם דרך־ארץ:

— איך וועל זיך דערלויבן, הער פּראָפעסאָר, צו זאָגן, פאַרשטייט זיך, איך ספק נישט אין דער ריכטיקייט פון דעם אַלעמען, פון... פון דעם וואָס מיר האָבן אקאָרשט געהערט, נאָר מיר דוכט, עפּעס אַ נייע דערשיינונג איז דאָך פאַראַן אין דעם, וואָס קומט איצט פאָר אויפן געביט פון שעפערישקייט, כ׳מיין, מ׳קאָן אָנרופן אונדזער עפּאָכע די עפּאָכע פון וויסנשאפט. כ׳וועל זיך אפשר באַנוצן מיט אַ באַנאַל וואָרט, אָבער איך וואָלט געזאָגט — ס׳איז דער טריומף פון דער וויסנשאפט, אין דער צייט, ווען די קונסט, זי בלייבט פאָרט הינטערשטעליק.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט די גאַנצע צייט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים געוואָלט צוגעבן דרייסטקייט און ווען יענער האָט געענדיקט זיך אָפּגערופן:

— טריומף, פאַרוואָס א באַנאַל וואָרט? א שיין וואָרט. יאָ, אמת, דער טריומף פון דער וויסנשאפט, נאָר לײַדער נישט דער טריומף פון מענטש, לײַדער, לײַדער.

טאָמאַס האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן נישט אָפּצוענטפערן, ער האָט זיך אָבער באַמיט צו זיין קורץ און צו צוימען זיין פאַטאָס:

— דער מענטש האָט נאָך קיינמאָל נישט געגרייכט אַזוי הויך, די וויסנשאפט גיט אים פליגל, ער שטייגט אַלעמאָל העכער און העכער.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט גוטמוטיק געשמייכלט צום שוועסטערזון, און טייטלענדיק צו אים מיטן פינגער, אים געוואָרנט:

— דו וואָלסט ביי מיר אויף קיין עקזאַמען נישט דורכגעגאַנגען מיט אַזעלכע צוגעפּראַוועטע שיינע זאַצן.

ער איז געוואָרן ערנסטער:

ביסט פונדעסטוועגן גערעכט, טראָץ אַלעמען גייען מיר כסדר פאָרויס, אין דער ערשטער ריי טאַקע די עקזאַקטע וויסנשאפטן, שפּאַנען, ווי דו זאָגסט, מיט ריזן־טריט, און ווי זאָגסטו נאָך? ער שטייט הויך, דער מענטש. דאָס דערמאָנט מיר א פּאַראַגלייך, וואָס איז איצט אויפן אָרט.

דער דיסקרעטער, איראָנישער שמייכל איז געוואָרן שעלמיש, ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זאָפיען און עוואַן, זיי זענען איצט געזעסן צוזאַמען:

— די פרויען וועלן מיר אַנטשולדיקן, אפשר א ביסל גראָבלעך, אָבער דאָס זענען ווערטער פון אַ קלוגן מענטשן.

— נישט אמאָל פון יאַקוב זיינוויל? — האָט זאָפיע געפּרוווט זיך אַנשטויסן.

— האָסט געטראָפן. אַן אַמאָליקער שול־פריינד מיינער. היינט א באַרימטער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר. ער האָט א סך אָבסערווירט די אויפפירעכצן פון פאַרשידענע מינים לעבעדיקע ברואים, האָט ליב צו מאַכן פאַרגלייכן מיט מענטשלעכע אויפפירעכצן. ער האָט מיר געהאַט געשריבן, אַז געוויסע וואַלד־חיות, ווען זיי דראַפּען זיך הויך אויף אַ בוים, פאַררייסן זיי דעם עק און ווייזן דעם הינטן, וואָס העכער זיי שטייגן, אַלץ מער ווייזן זיי דעם אָפּגעדעקטן הינטן.

— מאַלפּעס, אַז זיי...

זינאַ האָט דאָס געזאָגט, ווען אַלע האָבן שוין געלאַכט, זי האָט נישט פאַרענדיקט. זי, זינאַ, האָט זיך אָפּגערופן צום ערשטן מאָל, די גאַנצע צייט געזעסן לעבן אלאן, פון מאָל צו מאָל שטילערהייט זיך אונטערגעהאַלטן מיט איר. זי איז ווי אויף א פארשטערטער שמחה, געווען זיכער שימאָן וועט דאָ זיין, צוליב אים דער עיקר געקומען. זי פילט זיך נישט גוט אין אַ גרעסערער מענערישער געזעלשאַפט, בפרט לעבן דראָאָטען און עוואַן. איר דוכט זיך דעמלט, אַז ס'וואַרפן זיך נאָך מער אין די אויגן די זומער־שפּרענקעלעך, וואָס באַדעקן געדיכט איר פנים, די נאָז. זי האָט שוין אונטערגענומען פאַרשידענע מיטלען און קאָן בשום אופן נישט פטור ווערן פון זיי, מאַכן זי אומדרייסט. זי ווייסט. אז ווען זי צעהיצט זיך אין רעדן צעפלאַמט זיך ביי איר דאָס געזיכט מיט אַ געלן פלאַם, ווי אַלע שפּרענקעלעך וואָלטן זיך צוזאַמענגענאָסן און אָנגעצונדן. און כאָטש שימאָן פאַרזיכערט איר, אַז ער וואָלט זי גערן דעמלט געמאָלן, היט זי זיך אויס אין אַ געזעלשאַפט נישט צו האָבן קיין צעפלאַמט פנים. דערהערט אָבער דעם פּראָפעסאָר רעדן וועגן חיות און זי אָבסערווירט זיי פון דער נאָענט ביי איר אַרבעט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, האָט זי באַקומען מוט. זי איז דרייסטער געוואָרן און איבערגעהערט:

— הער פּראָפעסאָר, אַז מען קוקט זיך צו צו מאַלפּעס, ווי זיי פאַר־רייסן און ווייזן...

— ריכטיק! אפשר האָט מיין פריינד אין דער ערשטער ריי זיי גע־מיינט, אונדזערע נאָענטסטע קרובים.

דאָס יונגוואַרג איז געוואָרן אַלע מאָל היימישער, געוויילט זיך, טאַ־מאַם האָט אָבער אַרויסרופעריש געפרעגט:

— וואָס האָט איינס מיטן אַנדערן?!

— גאָרנישט! — האָט בערנאַרד איראָניזירט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געשאָקלט צום ברודער־זון מיטן קאָפּ:

— זעסטו, מענטשן שטייגן צייטנווייז אויך אַזוי, אָבער זיי ווייזן נישט נאָר דעם הינטן, נאָר אויך שאַרפע נעגל און ציין. כ׳מיין, אַז אונ־דזערע ליבע געסט פאַרשטייען גוט, וואָס דאָס מיינט, און איר, פיזיקער, ווייסט צומבעסטן, וואָס דאָס באַדייט. אייער קאָלעגע, דער דיכטער, צי ער איז יאָ אויסן געווען צו מאַכן פערזן, צי נישט, האָט ער אויסגעדריקט דאָס וועזנטלעכע פון דעם אַלעמען.

ער האָט אויפגעכאַפּט די בליקן פון אַדאַמען. ער איז איצט געזעסן אַהאַם אויסגעדרייט צום פאָטער, דאָס פּנים רואיק, אָבער דאָס איז שוין נישט קיין גלייכגילטיקע, פּאַסיווע רואיקייט, עס וויברירט אין איר עפּעס אַזאַ לייטזעליקייט, וואָס ער האָט זעלטן ווען באַמערקט ביי אים. ער הערט זיך צו צום פאָטערס רייד שוין נישט נאָר מיט דער אמאָליקער נייגעריקייט, נאָר מיט דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס קומט פון אן אינ־טימען, וואַרעמען שטראָם, וואָס פליסט געהיים, מיסטעריעז צווישן זיי. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט ווייטער געצויגן דעם פאָדים פון זיינע גע־דאַנקען, ווי אַהאַם וואָלט אים איצט אָנגערעגט דערצו. ער האָט נאָך מער געמאָסטן די ווערטער:

— כ׳האָב דערמאָנט וועגן דער הינטערשטעליקייט פון א סך פאַ־שונגען לגבי די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס מיר פאַרמאָגן שוין הייגט ביים אַרויסבאַקומען די אומגעהויערע פּאָטענץ פון דער טויטער מאַטע־ריע. מיר, פּסיכיאַטרען, ווייסן דאָך עפּעס וואָס וועגן די פאַרבאָרגענע כו־חות, וואָס דרימלען אויך אינעם מענטש. די היינטצייטיקע פּסיכיאַטריע שטעלט פעסט — די מלחמה האָט דאָס באַשטעטיקט, דאָס לעבן הייגט באַשטעטיקט עס כמעט יעדן טאָג — ובכן, די פּסיכיאַטריע און אירע קרובהשע וויסנשאַפטן געפינען אויס, אַז נישט נאָר די טויטע מאַטעריע

פאַרמאָגט אין פּאָטענץ גרויסע פאַרניכטונגס־כוחות, נאָר אויך אין מענטשן שטעקן איינגעדרימלטע בייזע כוחות. מ'קאָן אי אין איינצלנעם מענטש, אי אין מענטשלעכע קאָלעקטיוון אויפוועקן אָט־די כוחות, צעפלאַמען נישט געאַנטע פּאָטענציאַלן פון שנאה, רציחה. איר, מיינע יונגע אָדלערס, ווען מען צעשפּרייט די יוגנטלעכע פליגעלעך, טראַכט מען נאָר אַבי פליען וואָס העכער, וואָס העכער, מען פאַרגעסט דערביי, אַז מען קאָן פון אַ הויכער הייך אַראָפּפאַלן גאָר־גאָר נידעריק.

עטלעכע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צו די נישט דערטרונקענע גלעזלעך. זאָפיע האָט אונטערגערוקט די טאַצן מיט זיסוואַרג. די מיידלעך האָבן געקייט פלעגמאַטיש, מעכאַניש, אויף יונגע פנימער איז קענטיק געווען אַן אויפגערודערטקייט, דער מוח איז איינגעשפּאַנט אין פּראָבלעמען, ווידעראַנאַנדן. דעם פּראָפעסאָרס ווערטער האָבן האַרט אָנגעקלאַפּט, אָנגערירט, די ביז־איצטיקע שפּילעוודיקייט און שטיפערישע שטימונגען זענען אָפּגעטראָטן, דאָס יונגוואַרג האָט געשוויגן און געוואַרט מיט אומגעדולד ווייטער צו הערן; פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויך געשוויגן, אויך געוואַרט מיט אַן אָנגרעגנדיקן, דערמוטיקנדיקן שמייכל ס'זאָל זיך ווער אָפּרופן, פּונקט אַזוי ווי ער דערמוטיקט מיט אַן אַרויסרופערישן שמייכל זיינע סטודענטן.

אָפּגערופן האָט זיך וויקטאָר. פריער האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אויפשטעלן, נאָר בלויז צוגעלייגט די האַנט צום מויל און לייכט אָפּגעהוסט. ס'איז אים נישט געגאַנגען גלאַטיק, די צונג האָט זיך פון אָנהייב אַ ביסל געפּלאָנטערט, אָבער באַלד האָט ער איינעם פּלאָנטער אָנגעכאַפּט דעם קנופּ פון זיינע געדאַנקען; דאָס לשון איז געוואָרן גלאַטיקער, ער האָט וואָס צו זאָגן, מיט וואָס צו אַרגומענטירן, נאָר אַרויסגעזאָגט האָט ער עס באַשיידן, מיט יענעם דרך־ארץ, וואָס עס ווייזט אַרויס צו אַ באַרימטן מענטשן אַזאַ איינער, וועלכער גרייט זיך אַליין צו ווערן באַרימט.

— איך נעם מיר די דרייסטקייט... כ'וויל זאָגן... אַלץ, הער פּראָפעסאָר, וואָס איר זאָגט דאָ, איז פון גרויסער באַדייטונג, אָבער איך וויל מיר דערלויבן, כ'וואָלט געוואָלט באַמערקן, ס'איז באַקאַנט... איר, הער פּראָפעסאָר, ווייסט דאָס בעסער פון אונדז אַלע: וויסנשאַפט הייסט קוקן ווייט, זען די ווייטע צוקונפט. די מענטשהייט איז סיי ווי באַדראָט, דורך זיך אַליין באַדראָט, דורך איר פאַרמערונג. יעדעס יאָר קומען צו אויף דער וועלט ביי 60 מיליאָן מענטשן, אין אַ 30—40 יאָר אַרום קאָן זיין

טמעט א טאָפּלטע צאָל מענטשן, אין אַ 50 יאָר אַרום, לויט אַלע אויסרעכענונגען, וועט די צאָל מענטשן דערגיין צו איבער 7 מיליאַרד, און וואָס ווייטער איז דער צוווּקס א גרעסערער. נאָר די וויסנשאַפט קאָן ראַטעווען די מענטשהייט נישט דערשטיקט צו ווערן פון דער צאָל. אַ פראַגע אויך פון עקזיסטענץ־מיטלען, שוין היינט. נאָר די וויסנשאַפט קאָן באַצייטנס צוגרייטן אָפּצוראַטעווען פון... צומוואַרשיינלעכסטן וועט מען, מ'קאָן זאָגן ס'איז זיכער, מ'וועט קאָלאָניזירן געוויסע פּלאַנעטן. אונדזער פּלאַנעט וועט דעמאָלט זיין אַ מין בריק, ווי זאָל איך דאָס זאָגן? אַ מין קאָסמישע סטאַציע צו פאַראייניקן, רעגולירן, אָנפירן; נאָך אין דער נאָענטסטער צוקונפט אפשר, מיט דעם טעמפּ, ווי עס גייט איצט. אַנדערש וועט נישט מעגלעך זיין איינצוהאַלטן דעם מענטשלעכן מין, די ערד וועט צו ענג זיין. נאָר די וויסנשאַפט קאָן דאָס אויסמיידן, נאָר זי קאָן אָפּראַטעווען פון אַ נאַטירלעכן, פאַטאַלן אומקום. מיט יאָרן צוריק וואָלט מען געזאָגט אַ טרוים, אַ לעגענדע. היינט שוין נישט קיין לעגענדע, ס'איז, ס'איז... אַ רעאַליטעט...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר געכאַפּט זיך, אַז ער רעדט צו לאַנג. גערעדט האָט ער פּאַמעלעך, געצויגן די ווערטער, נאָר די אויגן האָבן געגלאַנצט ביי אים, ווי ביי אַ וויזיאָנער, די וויזיאָנערישקייט האָט בולטער געמאַכט די שטריכן פון פּנים, דער גלאַנץ אין די אויגן האָט זיי שוואַרצער געמאַכט.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך איבערגעקוקט, איבערגעווונקען, ווער מיט אַ שמייכל, ווער מיט אַ לאַנגווייליקן בליק. טאָלעק האָט מיסטעריעז אַריינגעשמייכלט אין דער גאָלדענער באָרד זיינער, טאָמאַס האָט אָבער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון בערנאַרדן, די אָנגעשפּיצטע אויערן זיינען רויט געוואָרן, דאָס מויל האַלב־אָפן, אָט־אָט וואַרפט ער עפּעס צו, גערייט זיך צו דערגענצן וויקטאָרס עקספּאָזע און ווי גיך יענער האָט פאַרענדיקט האָט ער אומבאַרעכנטערהייט אויסגעשאָסן:

— מיין פעטער גלייבט נישט אין אַזעלכע זאַכן.

ער האָט זיך גלייך אויף דער הייסער מינוט אויסגעשטראָפט: ביי מיר וואָס אויף דער לונג איז אויף דער צונג. נישט אויפן אָרט געווען, ער האָט געוואָלט פאַרריכטן, נאָר פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אים געשאָנקען אַן איראָנישן שמייכל און געצהט:

— אַ וויסנשאַפטלער דאַרף מער טראַכטן, ווי רעדן. דו, מיין ייִנגל, האָסט אַ צו הייסן קאָפּ. ס'איז גוט צו האָבן אַ הייס האַרץ, דער קאָפּ דאַרף זיין קאַלט. אַ קינסטלער, זעסטו, קאָן זיין שטענדיק עמאָציאָנעל, אַפּילו זיין אין אַ צושטאַנד פון אַ שפּיל־קינד, אַ וויסנשאַפטלער — נישט.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו וויקטאָרן:

— נו, ס'געפעלט מיר די וויזיע אייערע, איר זענט דוכט מיר אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס? איר אינטערעסירט זיך מיט אַסטראָנאָמיע אויך! אַסטראָנאָמיע אייער האָבי? זייער שיין, מ'דאַרף זיך נישט פאַרמאַכן אין איין דיסציפּלין, יעדער ספּעציאַליסט דאַרף האָבן ווייניקסטנס עפּעס אַ זייטיקע פּאַראינטערעסירונג, אַ נישט ווערט מען איינזייטיק — באַגרענעצט. נו, מיין יונגער פריינד, ס'געפעלט מיר אייער ווייטער קוק, די יוגנט דאַרף זיין באַפליגלט. אויב די יוגנט זאָל קיין פליגל נישט האָבן, וועט איר דור אויך שפּעטער וייט נישט פליען. איר ווילט, אַלזאָ, קאָלאָניזירן די פּלאַנעטן? מסכּים. איך בין גרייט זיך צו פּאַראייניקן מיט אייך. כ'האָב שוין אויפן קאַרק מער ווי 68 יאָר, אין עטלעכע וואָכן אַרום 69, פונדעסטוועגן בין איך גרייט איינצואָרדענען אַ הייל־אַנשטאַלט אַפּילו אויפן מאַרס, אויב איר ווילט אויף אַן אַנדער פּלאַנעט — אויך מסכּים. כ'בין נישט נאָר אַ פּסיכיאַטאָר, אויך אַן אינטערניסט. נאָר ביז וואָס, ביז ווען, לאָמיר דאָ אויפן אָרט, איידער מיר וועלן דערגיין צו די אַנדערע פּלאַנעטן, לאָמיר אַ ביסל בעסער באַלעבאַטעווען אויף אונדזער אייגענער. מיין באַגער איז, אַז איר, יונגע אָדלערס, וואָס ווילט אַזוי הויך פליען, און אויך די עלטערע פון אייך, זאָלן זיך גלייכצייטיק אַ ביסל מער פאַרנעמען מיט די ערדישע ענינים. דעראָבערן נייע לעבנס־רעסורסן אויף אַנדערע פּלאַנעטן? און אויף אונדזער פּלאַנעט שוין אַלץ דעראָבערט? דעראָבערער פון ווייטע וועלטן, קוקט אייך אַרום, ווי ס'זעט אויס דאָ אונטער אונדזער נאָז. אין אָנבליק פון נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, פאַרפליצונגען, טריקענישן, שטורעמס, ערדציטערנישן זענען מיר אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי אין אייז־פּעריאָד. אָט ווי דאָ און דאָרט חזרן זיך איבער ערדציטערנישן, וויפל לעבנס־רעסורסן צעשטערט דאָס, שוין אָפּגערעדט וויפל מענטשלעכע לעבנס דאָס פאַרניכטעט. וואָס טוט די וויסנשאַפט קעגן דעם? פאַראַן אַן ערך 600 נישט אויסגעלאָשענע וואולקאַנען, זיי באַדראָען נישט נאָר מענטשלעכע לעבנס, נאָר טאַקע לעבנס־רעסורסן. דריי פערטל פון אונדזער קליינעם פּלאַנעט פאַרנעמען ימים, אָקעאַנען. וואָס טוט מען

כדי אויסצונוצן די אומגעהויערע כלערליי רעסורסן זייערע? קאָסמאָנאַוטן זענען העלדישע מענטשן, וואָס וואָלטן אָבער אַקוואַנאַוטן געקאָנט אויפטאָן? זיי זענען ווייניק און מען רעדט וועגן זיי ווייניקער, ווי וועגן די קאָסמאָנאַוטן. פאַראַן דאָך שוין הײַנט אַלע געגעבענע צו קאָנען אַנטוויקלען אַ ריזיקע ים־אַגריקולטור, אַרויסצובאַקומען פון אונטערן ים אומגעהויערע נאַטור־אוצרות. אויב מען וואָלט מיך געפרעגט אַן עצה, מײַן יונגער פרײַנד, וואָלט איך געראָטן פריער אויסנוצן די גרויסע ים־רײַכטימער, ווי זיי זוכן אויף אַנדערע פּלאַנעטן, און נאָך פריער, אָדער אויב איר ווילט גלײַכצײַטיק, די רײַכטימער פון אונדזער יבשה; צו דעם אַלעמען איז אויך נייטיק אייער וויסן. די וויסנשאַפט גייט מיט ריזן־טריט און לאָזט אַלץ הינטער זיך. האָסט גוט געזאָגט, טאָמאַס, האָ ביסטו גערעכט.

אַ קליינע פּויזע, ווי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך געמאַכט באַקוועם אין פאָטעל, ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל, ווי צו זיך אַליין, דעם קאָפּ אָנגעבויגן, די אויגן צו קיינעם נישט געווענדט, ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין איינגעטענהט:

— וויסנשאַפט, טעכניק, מעכאַניזאַציע, אַזוי פיל אין זיי נייע באַגריפן, נייע דערפינדונגען, ס'שטײַגט, ס'שטײַגט הויך.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— און דער מענטש? דאָס מענטשלעכע אין אים? שטײַגט עס אויך הויך? צי איז דער עטישער בעל־חי, ווי אייניקע באַצייכענען דעם מענטש, אָדער דער אַלטער האָמאָ סאַפּיענס שוין רײַף צו דיספּאָנירן מיט דעם אַלעמען? טראַכט איר אַמאָל וועגן דער דיספּראָפּאָרץ, וועגן וועלכער איך האָב שוין דאָ אָנגעמערקט?

— אַ שיין פּנים האָבן מיר אין דײַנע אויגן, אַ געפאַר איצט אַרײַנצוקוקן אין שפּיגל — האָט זאָפיע אים צוגעוואָרפן.

— פאַראַן מענטשן, וואָס צעברעכן דעם שפּיגל, ווען זיי דערזעען אין אים זייער נישט שיין פּנים — האָט פּראָפעסאָר אַנדריטש געענטפערט זיין פרוי מיטן זעלבן וויציקן טאָן.

— אַזעלכע זיצן בײַם פעטער אין אַנשטאַלט.

— ניין, ניין, טאָמאַס, ביסט זיך טועה, פאַראַן נאָרמאַלע מענטשן, וואָס מיינען, אַז דער שפּיגל איז שולדיק, רעדן זיך אײַן, רעדן אַנדערע אײַן, און ס'איז נישט נאָר סתם אַן איינרעדעניש, מען גלייבט. אַן אינ=

טערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג: אַז מען זאָגט אַ סך מאָל אַ ליגן און ס'גייט דורך הייבט מען אַליין אָן גלייבן, אַז דער ליגן איז אַן אמת.

ווידער אַן איבעררייס, ווי בעת אַן אינטערעסאַנטער פּרעלעקציע. די סטודענטן וואַרטן אין שפּאַנונג אויף דעם ווייטערדיקן טייל. איייניקע וואָלטן, וואָס אַן אמת, ליבערשט זיך געוויילט, אָבער די אַטמאָספער איז שוין נישט דערצו. בערנאַרד האָט זיך דערמאָנט זיין לעצטע לעקטור, אָט אַ גוטע געלעגנהייט אַ פרעג צו טאָן:

— הער פּראָפעסאָר, כ'האָב אַ סך געלערנט פון אייער בוך „די מאָדערנע וויסנשאַפט און דער הייגנטצייטיקער מענטש“, ס'רעגט אָן אַ סך צו טראַכטן. לייַדער געלייענט נאָר דאָס בוך אייערס, הער פּראָפעסאָר. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איר, הער פּראָפעסאָר, זענט אויך אַ סאָציאָלאָג; געפונען דאָ דאָס פּראָבלעם פון הייגנטצייטיקן מענטש, זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, די אַליענאַציע פון דער וויסנשאַפט, פון אינסטיטוציעס, צי האָב איך גוט פאַרשטאַנען, הער פּראָפעסאָר?

— יאָ, אַ הייגנטצייטיק פּראָבלעם, אַ האַרב פּראָבלעם, נאָר האָרט איז עס נישט דערפירט ביזן סוף. הייגט זעען מיר בולטער די מורא פונעם מענטש פאַר די אייגענע שאַפונגען, פאַר די אייגענע גרויסע אויפטוען. עס ווייסט נישט דער מענטש, וואָס ס'וועט אַרויסקומען פון זיין שעפערישער ווערק; ס'איז אפשר נישט קיין נייע דערשיינונג, אָבער הייגט גייט זי אונדז נאָך פּוסטריט. הייגט באַהערשט דער מענטש די וויסנשאַפט, מאָרגן קאָן די וויסנשאַפט הערשן איבערן מענטש, אַזוי ווייט ביז אים איגנאַנצן דערהרייקן, אראָפּווישן. כ'האָב אַמאָל ערגעץ געלייענט אַ מעשהלע, ווי ס'ווערט דערציילט, ווי אַזוי קענגשטאַנדן האָבן אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען איבער די מענטשן, די גרויסע מייסטערס, וואָס האָבן זיי געמאַכט. אַזוי זעט דערוויל אויס דער טריומף, מיינע יונגע פריינד, די הראַמע פון... ווי האָט איר געזאָגט? פון דער עפּאָכע פון דער וויסנשאַפט. אָ, ניין, נישט אין דער וויסנשאַפט גופא ליגט די געפאר, נאָר אין דעם מענטש, ליידער. און ס'איז מסתמא אַ טעות צו מיינען, אַז די וויסנשאַפט, די טעכניק וועט לעזן אַלע שווערע מענטשלעכע פּראָבלעמען. זעט, איך זאָג שטענדיק מסתמא, איך האָב אין אַלעמען מער ספקות, ווי איר, מיינע יונגע אַדלערס...

יאַקוב האָט זיך די גאַנצע צייט געישובט: זאָל ער זיך אָפּרופן, צי נישט? פּראָפעסאָר אַנדריטש — און ער! יענעמס גרויסע אויטאָריטעט

פלעגט אים אַמאָל קרעמפּירן אַרייַנצוקומען צו אַדאַמען אין שטוב. אַדאַם פלעגט אים פאַרזיכערן אין קאַרגע ווערטער, אַז דער פאָטער הייסט אים פאַרבעטן צו זיך חברים און ער פלעגט יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אַרייַנקומען אין פּראָפעסאָרס הויז, האָבן אַ טרעמע, ווי פאַר אַ שווערן עקזאַמען; דער נאָמען אַליין האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ און געהאַלטן אויף אַ דיסטאַנס. איצט איז ער אָבער מער נישט קיין יונגל, ער האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון וויסנשאַפט. אויף טאָמאַסן האָט ער איצט נישט וואָס צו רעכענען, ער האָט אָנגעהויבן מיט א צו הויכן טאָן און אראָפּגעפאַלן, ער האָט זיך געווענדט דאָס מאָל מיט א ביסל מער דרייסטקייט:

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, גרויסע אויפטועn, גרויסע דערפינדונגען זענען פאַרבונדן מיט גרויסע ריזיקעס, שטענדיק אַזוי געווען, נישט אמת? זאָל מען דערפאַר אָפּשטעלן די אַלע עקספּערימענטן, וואַרטן ביז מענטשן וועלן בעסער ווערן, אַדורכקומען צווישן זיך? אָן ריזיקע וואָלט מען נישט געגאַנגען פאָרויס, אויב מ׳זאָל נעמען טראַכטן צו וואָס מ׳קאָן דאָס אויסנוצן, צו וואָס דאָס קאָן דערפירן. פאַרפאַלן.

עווא, וואָס האָט די גאַנצע צייט רואיק זיך איינגעהערט, האָט אויפגעציטערט, ווי ס׳וואָלט איר געפאַלן אַ שטיין אין קאָפּ. איר געמיטלעכקייט איז פאַרשוואונדן, זי האָט זיך געווענדט צו אים נישט מיט איר שטים:

— דו? דו זאָגסט עס? פאַרגעסן צו וואָס מענטשן קאָנען דערפירן, אייגענע די אַנדערע אָפּטאָן? בערנאַרד, מ׳דאַרף אים דערמאָנען, ער האָט אויך פאַרגעסן.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זי מיט א שמייכל באַרואיקט:

— נישטאָ וואָס זיך צו ערגערן, אַ מענטשלעכע זאַך צו פאַרגעסן, אפשר איז דאָס דעם מענטשן נייטיק.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געוואָלט דערמיט פאַרענדיקן, צופיל זיך אַרייַנגעלאָזט אין דעם אַלעמען, דאָס האָבן אים אַדאַמס לייטזעליקע בליקן אָנגערעגט אַלץ מער און מער; איצט זאָל זיך דאָס יונגוואַרג בעסער פאַרווייַלן. ער האָט פאָרגעלייגט אָנגיסן די גלעזלעך, זאָל מען בעסער נאָכאַמאָל אויסטרינקען פאַרן גאַסט. דאָראָטע האָט זיך אָבער אַרייַנגעמישט. פאַר איר איז געשטאַנען א פולער אַש־בעכער, זי האָט געשטופּט אין מויל אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און נאָך נישט אַרויסגעבראַכט קיין איין וואָרט, מיט וועלכן זי זאָל קאָנען אויסנעמען. איצט באַרויערט

זי, וואָס איר מאַן האָט נישט געקאָנט קומען מיט איר, אין אַזאַ געזעלשאַפט פילט זי זיך פאָרט בעסער, ווען ער איז ביי איר זייט. זי האָט זיך דאָך דעציִדירט אויף אַ פראַגע:

— הער פּראָפעסאָר, ווי זאָל מען באַטראַכטן די אַלע מענטשן, וואָס גיבן אָפ זייער צייט, זייער טאַלאַנט, זענען זיך מקריב, אויב דאָס אַלץ טראָגט געפאַר מיט זיך. ס'וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו הערן, הער פּראָפעסאָר, אייער מיינונג דערוועגן.

לויטן רעאַגירן פון די געסט איז קענטיק געווען, אַז דאָס יונגוואַרג איז גרייט ווייטער צו הערן דעם פּראָפעסאָר. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַנדערע פראַגן. ביים קליינעם עולם האָט זיך דערוועקט אַ גרויסער נייגיר, דאָס פאַרברענגען אַן אָוונט מיט פּראָפעסאָר אַגדריטש איז נישט קיין געוויינלעכע געשעעניש.

דער אַלטער געלערנטער האָט געלייענט אין די יונגע פּנימער, אָבער נישט געוואָלט פאַרציִען, און ענטפערן האָט ער געוואָלט דווקא האָראַטען, כאָטש אירע צוויי שכנים, ווי ער האָט באַמערקט, האָבן נישט גענומען ערנסט איר פראַגע.

— אַ ריכטיקע פראַגע, אַן ערנסטע, מ'האָט מיר שוין נישט איינמאָל געשטעלט אַזעלכע, נאָר איך וועל זיך מוזן אַ ביסל איבערחזרן, ס'איז אפשר כדאי אַפילו זיך איבערצוחזרן.

ער האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַלע אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק און ווידער זיך אָנגעטראָפן מיט אַדאַמס בליקן. זיי האָבן אים געוואַרעמט, געגלעט, געבעטן ער זאָל נאָך און נאָך. ער האָט זיך שוין געפילט מיד און זיך נישט געגעבן די מי, ווי שטענדיק, צו וועגן און מעסטן יעדעס וואָרט, איינצושטעלן די ווערטער אַזוי, זיי זאָלן בילדן איין קייט, ער האָט זיי געלאָזט איצט פריי פאַלן:

— פאַראַן אַזאַ קרענק, אַן אַלטע קרענק, וואָס הייסט שרעק, אין אונדזער צייט איז זי אַנדערש די קרענק. אַמאָל, אַמאָל האָט דער מענטש מורא געהאַט נישט פאַרצוקט צו ווערן פון אַ חיה, מורא געהאַט אַ פייל זאָל אים נישט טרעפן; היינט פאַראַן אַנדערע שרעקן, פאַרשידענע מיניִם אַנגסטן. און פאַראַן אַ קאָנקרעטע היינטצייטיקע שרעק, אויב זי זאָל נאָר שטעקן אין אונטערבאַוווסטזיין, ווירקט זי אויך נישט ווייניקער, פּסיכיאַטרען, נעוראָלאָגן האָבן צו טאָן מיט איר; די־אָ שרעק שטאַמט נישט פון די גרויסע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען, *נאָר פון די מענטשן*,

וואָס מאָנאָפּאָליזירן זיי. וואָס שייך דער פֿראַגע גופֿא, ווי מ׳האָט זי דאָ געשטעלט, זעט איר, מײַנע יונגע פֿרײַנד, דאָס איז אַ טעמע פֿאַר אַ גרויסער אַרבעט, זי וואַרט אויף אַ מחבר, וואָס זאָל דערווײַזן די קאָלאָסאַלע דיספּראָפּאָרץ פֿונעם וווקס צווישן די שעפֿערישע מעגלעכקייטן אינעם מענטש און דעם הומאַניטאַרן און דעם זעלבן אינדיווידואום. אַ מענטש קען שאַפֿן, ווי אַ גאָט, און פֿירן זיך, ווי אַ טײַוול, גאָט און טײַוול קאָנען לעבן בײַנאַנד, לויט היינטיקער טערמינאָלאָגיע וואָלט מען געהאַרפֿט זאָגן — זיי קאָעקזיסטירן אין מענטש. און דער טײַוול, ווי איר ווייסט, איז כיטרע, געשיקט, געניבט, ער קען גאָט אָפּנאַרן, נעמען איבער אים די אויבערמאַכט. יאָ, יאָ, דער מענטש ווייסט נישט דעם אויסגאַנג פֿון זײַנע אייגענע טוואונגען. דער שעפֿער האָט מורא פֿאַר זײַנע אייגענע שאַפֿונגען. נײַן, מ׳קען זײַן שעפֿערישן גייסט נישט אָפּשטעלן. דער מענטש אַ יצירה? און ווי האָט געזאָגט אונדזער יונגער מאַטעמאַטיקער? אַ מיטל נישט אונטערצוגעבן זיך און קאַמף פֿאַרן קיום פֿון מענטשלעכן מין. פֿאַר קיום, מײַנע יונגע ענטוזיאַסטן! דער מענטש קען שאַפֿן ווי אַ גאָט, נאָר דער טײַוול, דער טײַוול, ער זאָל אונדז נאָר נישט איבערכיטרעווען!

ער איז אויפֿגעשטאַנען. ס׳האָט געוואָלט הייסן, אַז איצט איז פֿאַרענדיקט, אַלע האָבן דאָס אַזוי פֿאַרשטאַנען, בפֿרט דער פּראָפֿעסאָר האָט אַרײַנגעשטעקט בײַדע הענט אין די הויזן־קעשענעס און מיט פֿאַמעלעכע טריט צוגעגאַנגען צו דער וואַנט־ביבליאָטעק. טאַמאַס אָבער האָט אומגעדולדיק געוואַרט, געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן, אויף פֿיר אויגן זשעניִרט ער זיך נישט אַרײַנצוקריכן דעם פֿעטער אין די רייד, איצט איז ער באַאײַנפֿלוסט פֿונעם הרד־אַרץ, וואָס מ׳ווײַזט אַרויס דעם פּראָפֿעסאָר. האָט ער געוואַרט ביזן סוף און אַ זאָג געטאָן:

— אויב אַזוי, וויל איך זאָגן אָט וואָס...

זאָפֿיע האָט תיכף פּראָטעסטירט, געבעטן זיך בײַ אים:

— אוי, זאָג שוין בעסער גאָרנישט, כ׳בעט דיך, מוזסט נישט האָבן שטענדיק דאָס לעצטע וואָרט. אַ שיינע אויפֿנאַמע פֿאַרן גאַסט, אַ ווייסגעשאַפֿטלעכע סעסיע! מענטשן זאָלן שטענדיק דיסקוטירן וועגן וועלט־פּראָבלעמען, פּאָליטיק. דערצייל בעסער, טאָמאַס, אַנעקדאָטן, האָסט דאָך פֿולע קעשענעס מיט אַנעקדאָטן.

— אַנעקדאָטן זענען אויך פּאָליטיק, פֿאַרשטעלטע, אַרײַנגעגנבעטע.

— טאָלעק! טאָלעק! והער אַן אַנעקדאָט!

קוקנדיק אויף טאָלעקן האָט מען געקאָנט מיינען ווער ווייסט ווי ווייט ער איז פון דעם אַלעמען, די גאַנצע זאַך גייט אים אָן, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי, ואומבאַמערקטערהייט פאַר די אַנדערע האָט ער בלויז פון מאָל צו מאָל דיסקרעט אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד; ער ווייסט זייגס, נאָר זיך אַרויסשטעלן, אַרויסלייגן זייגע טראַכטעגיישן, פון דעם איז ער הימל ווייט, אַז מען בעט אים אָבער אַן אַנעקדאָט, גיט ער זיך אונטער.

טאָלעק האָט א ביסל אויסגעגלייכט די איינגעבויגענע פּלייצע, פאַרביסן צוערשט די ליפּן, דער דיסקרעטער שמייכל זאָל זיך נישט אַריבערגיסן אויפן פּנים און נאָך א קליינעם ישוב=הדעת פלעגמאַטיש געמאָלדן: אַ רעטעניש:

— פאַרוואָס דרייט א הונט מיטן וויידל?

אַלע האָבן געפּרווט טרעפן, אָנגעהויבן באַגריגדן און נישט צוגעטראָפן.

— זאָל עוואַ! אַדאַם! ס'האָט צו טאָן מיטן נערוון=סיסטעם.

די קענטעגישן פון נערוון=סיסטעם האָבן אויך נישט געהאָלפן.

טאָלעק איז געוואָרן ערנסט, דערקלערט קורץ און שאַרף:

— אַ לאָגישע זאַך, ווייל דער הונט איז שטאַרקער פון וויידל. וואָלט דער וויידל געווען שטאַרקער, וואָלט ער געדרייט מיטן הונט.

טאָמאַס האָט טריומפירט:

— האַ, וואָס האָב איך אייך געזאָגט? נישט קיין פּאָליטיק? איר וועט נישט אַנטלויפן, אויסער מען זאָל טאַנצן מעדיסאָן, נאָר מען זאָגט, אַז מעדיסאָן און טוויסט זענען אויך, האָבן אַזאַ ריטם.

דאָראָטע האָט מער נישט געהאַרפט. אַז מען דערמאָנט טאַנצן, הייבן זיך ביי איר די פיס, די היפטן הייבן זיך אָן ריטמיש באַוועגן.

— מעדיסאָן, מעדיסאָן! בעסער ווי אַנעקדאָטן, אָדער זאָל אַדאַם וויזן אַ נייעם טאַנץ, פון דאָרטן!

דאָס יונגוואַרג איז גאָר גיך איבערגעגאַנגען פון ערנסטקייט צו פאַרווײַלונג, ס'האָט זיך צעוויגט, צעשריגן שטיפעריש:

— אַדאַם! אַדאַם! אַ נייעם טאַנץ!

אַדאַם האָט פון איבעראַשונג אַרויסגעלאָזט עפּעס האַנט, וואָס ער האָט באַהאַלטענערהייט געהאַלטן אין זיינער, אונטערן טיש. ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט, מיט אַזאַ שמייכל, וואָס אָט=אָט גייט ער איבער אין

לאַכן, נאָר צו דעם איז נישט דערגאַנגען, ער האָט נאָר אַן אויפגעלייגטער זיך פאַרטיידיקט:

— מיט טאַנצן קאָן איך זיך נאָך ווייניקער באַווייזן, ווי מיט עלאַקווענץ. איר געדענקט אין שול? מ'פלעגט זאָגן, אַז טאָמאַס האָט צוויי געליבטע: פיזיק און טאַנצן, נו, טאָמאַס!

— טאָ זאָל טאָמאַס ווייזן, ווי אַזוי מ'וועט טאַנצן טוויסט אויפמאַרש — האָט בערנאַרד פאָרגעלייגט.

— לייכטער ווי דאָ. מיט דער וואָג, וואָס מ'וועט האָרט האָבן, די פיס וועלן זיך אַליין הייבן צום טאַנצן. זאָל עוואַ מיך באַגלייטן מיט איר זיסער שטים!

דער טיש און שטולן זענען אַוועק אין אַ זייט, דאָס בינטל יונגוואַרג האָט זיך צעשאָטן, פאַנאַנדערגערוקט מיט טאַנצנדיקע טריט. טאָמאַס האָט אָנגעהויבן טאַנצן טוויסט אונטער דער באַגלייטונג פון עוואַס לירישער שטים. זייגע באַוועגונגען זענען פון נישט קיין געוויינלעכער לייכטקייט, פלינקע, עלאַסטישע, ער רייסט אָפ געשיקט די פיס פון דער ערד; עוואַ באַווייזט נישט נאָכצוקומען. אַלע פאַטשן בראַוואָ. טאָמאַס דרייט זיך, שלענגלט זיך, שפרינגט ווי אַ באַנומענער אין עקסטאַטישן טאַנץ, רייסט מיטאַמאָל איבער, בלייבט שטיין אַ פאַרסאַפעטער, ווי אַ טריומפאַטאָר אונטער אַ פרייליכן בייפאַל. אַ צעהיצטער ציט ער אויס די האַנט צו עוואַן:

— קום, מיט דיר טאַנץ איך נאָכאַמאָל טוויסט, אַפילו אויפן מאַרש, ווילסט נישט? טאָ אַהער אַ מעדיסאָן, דער בעסטער טאַנץ, אַלע צוזאַמען, קאָלעקטיוויזאַציע, און ס'באַרואיקט די נערוון. אַז מען טאַנצט מעדיסאָן דאַרף מען נישט אָנקומען צו קיין דאָקטוירים. עוואַ, כ'וועל שוין זען, אַז דו און אַדאַם זאָלן נישט האָבן וואָס צו טאָן, איר וועט מוזן ענדערן אייער פראָפעסיע.

דאָס צעשיטע בינטל קלייבט זיך צוזאַמען, טאָמאַס דיריגירט, שטעלט אויס, ער ציט נאָך זיך עוואַן, אָלאַ ציט אַריין זאָפיען. מיט אַדאַמען פאַרנעמט זיך איצט האָראַטע; פון איר וועט ער זיך שוין נישט אַרויסדרייען. דער מעדיסאָן קומט נישט אַרויס לויט די אָנגענומענע כללים, אָבער אַלע באַוועגן זיך אונטער טאָמאַסעס קאָמאַנדע.

זאָפיע האָט זיך געכאַפּט, אַז מ׳דאַרף אָנשטעלן פּליטן, זי האָט טאַנץ־מוזיק. דאָראָטע איז קאָקעטיש צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר און געפרעגט:

— הער פּראָפעסאָר, מ׳קאָן אייך בעטן?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט עטלעכע אומבאַהאָלפענע באַוועגונגען און זיך אַנטשולדיקט:

— איך וואָלט גערן געוואָלט קענען טאַנצן ווי איר אַלע. לײדער, לײדער, איך האָב זיך אַפילו נישט געקאָנט געהעריק אויסלערנען קיין שטראוס־וואַלס, מיין פרוי האָט מיר דאָס שטענדיק פאַרגעוואָרפן. איך באַדויער, נאָר ס׳פרייט מיך, וואָס איר קענט בעסער פון מיר. טאַנצט, טאַנצט, איך ווער יונג, קוקנדיק אויף אייך.

XII

הערן די עצה פון כירורג? צו ריזיקאליש, שווער פארויסצוזען די פאלגן. לאנגע אונטערזוכונגען, זי פארטראגט זיי שלעכט. אפשר אויפסגיי א קאנסיליום? זיי האבן זייער פארטיקע מיינונג, און ס׳וועט זיך פארציען. מ׳מוז איצט פרווון אליין, נישט ווארטן, נישט אפלייגן, נעמען צוהילף עוואן, מ׳קאן זי איר ווייטער אנגעטרויען, קיין שום קראנקן־שוועסטער טויג זיך נישט אזוי, ווי זי, און זי טוט עס גערן. צי באמת גערן? ס׳רייסט זי אינגאנצן אפ פון די אנדערע באשעפטיקונגען אין אנשטאלט, געמאכט פון איר אן אויפזעערין איבער א שווער קראנקער. צי טוט זי דאס צוליב מיר? פאר מיר? צי טראגט זי נישט קיין פאחדרוס? איך וועל איבעררעדן מיט איר, ס׳איז אויך קורץ. כ׳וועל זען נאך די ערשטע טעג, איר רעאגירן אויף דער געענדערטער סביבה; מ׳דארף אומבאדינגט נאכקומען איר פארלאנג, ארויסגיין מיט איר, נישט אפלייגן, נישט אפשלעפן.

פראפעסאר אנדריטש איז געזעסן אין זיין קאבינעט איבער צוזאמענגעשפיליעטע, דינע בייגעלעך פאפיר און געקוקט ישטאר פאר זיך. אין קאפ האבן געשווייבלט געדאנקען, הארבע פראגן. דער פלוצלונג געענדערטער צושטאנד ביי זיין פאציענטקע האט געבראכט אי האפענונג, אי ספקות. ראשית־כל א סך נייע זאכן, און דאס ערגסטע — א געפינן אנמעכטיקייט. צום ערשטן מאל האט ער אזוי שטארק דערפילט די אנמעכטיקייט פנים אל פנים מיט א שווערער קראנקהייט; ער האט געזוכט הילף, א שטיצפונקט, אויף וועלכן ער זאל זיך קאנען אנשפארן. גע=

וויינלעך זוכט ער דאָס בײַם קראַנקן גופֿא, אין זײַנע באַשעפּטיקונגען, עווענטועלע אַספּיראַציעס, אין דער קינדהייט און יוגנט פֿונעם פּאַציענט, צומאָל בײַ דער משפּחה, אין דער סבֿיבֿה. דאָ האָט ער פֿאַר זיך אַ טאַבולאַ ראַסאַ, נאָר די בלעטלעך, וואָס ליגן פֿאַר אים, דערציילן וועגן דער קראַנקער. און די ווונדן אויף איר קערפּער.

צוויי דאָקומענטן וועגן איר, די ווונדן און די בלעטלעך. די ווונדן האָבן שוין זייערס דערציילט, די בלעטלעך זענען נאָך איינגעטונקען אין געהיימניש. אַנאָנימע, כאַאָטישע פֿאַרצײַכענונגען, אפֿשר פֿראַגמענטן פֿון לענגערע באַשרײַבונגען, אפֿשר פֿון אַ טאָגבוך? ווער ווייסט? צום וויפֿלסטן מאָל קוקט ער אויף זיי? וויפֿל מאָל האָט ער זיי געהאַלטן צווישן זײַנע פֿינגער? ער געדענקט שוין אַליין נישט, אַ סך יאָרן זענען פֿאַרבײַ.

ער געדענקט מ׳האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווו און דורך וועמען אַלע בלעטלעך זענען פֿאַרצײַכנט געוואָרן? געווען עטלעכע השערות וועגן דעם. אין דער זעלבער געגנט איז געווען אַן אַנדערער „וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט“, אין שכנות מיט אַ גרויסן לאַגער, אין שטאָט גופֿא אַן אָנגעפּראָפּטע תּפֿיסה. זאָל דאָס האָבן אַ שײַכות מיט די אַלע ערטער? ס׳איז וואַרשײַנלעך. וויפֿל פֿון דעם געהערט זיך אָבער אָן מיט איר גופֿא? צוליב דעם דאַרף מען ווידעראַמאָל אַרײַנקוקן, געזאָלט עס אויפֿסניי איבערלייענען און נישט געפֿונען קיין צײַט, ס׳ליגט שוין עטלעכע טעג צוגעגרייט צום לייענען. ער מוז איצט אַלץ אָוועקלייגן אין אַ זײַט, אַזאַ טעקסט דאַרף מען לייענען אַ סך מאָל אויפֿסניי און מיט אַ רויִקן קאָפּ, מ׳קאָן געפֿינען אַמאָל עפּעס אַן אָנדייטונג, וואָס מ׳האָט פֿריִער נישט אויפֿגעכאַפּט, מ׳דאַרף אויפֿסניי קאָנפֿראָנטירן מיט דער קראַנקער.

ער האָט אומגעשיקט אַרויסגעצויגן דעם שופֿלער און היפּשלעך איינגעריסן די בלעטלעך. ס׳רייסט זיך לײַכט אײַן דאָס דינע, ביליקע פּאַפּיר, ס׳האָט דעם קאָליר פֿון עלטקייט, ס׳קנייטשט זיך, ווי אַלטע פֿאַרטריקנטע שמאַטקעס. ער האָט זיי אויסגעגלײַכט, אויסגעגלעט מיט די הענט, אָנגעטאָן די ברילן, אײַנגענורעט דעם קאָפּ און די בייגלעך און אָנגעהויבן לייענען:

„...ערשטע נאַכט אין דער נײַער שטוב. הײַנט איבערדערפֿרי... (נישט לייענבאַר). שרעקלעך לאַנג דער טאָג, אַבי אויף נעלעגערים, אויסבאַהאַלטן בײַ זיך דאָס טאָוועלע מיטן פּאַפּיר. אַ נס, וואָס נישט אָפּ-

געגעבן רעגן, צי שלאָפֿט זי אין דער נייער שטייג? מיר דוכט מ'הענגט אין דער לופֿטן, אַ גרויסער פֿאַרמאַכטער קאַסטן אין דער פֿינצטערניש. דער קאַסטן וועט זיך אָפּרייסן, צעשמעטערט ווערן. דער קאָפּ דרייט זיך, די געשיכטע מיט רעגן... (נישט לייענבאַר). אַלע פֿאַרצייכענונגען, דאָס טאָגבוך אויך, אַלץ איר איבערגעגעבן, פֿאַרשטעקט אויף דערוויל, אין דער „וואַש־שטובע“, צוגעזאָגט אַרויסציען, פֿאַרגראָבן אין... (נישט לייענבאַר). איצט זאָגט זי צוליבן שאַכטל, צו גרויס געווען. כ'האָב נאָר געפֿרעגט צי זי האָט נישט... (נישט לייענבאַר). זי איז מיר געשפּרונגען צו די אויגן, מיט די ציין געקריצט, געוואָלט מיך... (נישט לייענבאַר). „איך פֿייף איצט אויף אַלץ! אויף אַלע, אויף דיר אויך!“ ווילד געוואָרן, הערנאָך אַפּאַטיש, רעד צו דער וואַנט. אַ סך אַזוי. זי האָט געוווסט פֿריער וועגן איבערפֿירן, אָנגעזאָגט אונדז די בשורה, אויסגעזעגנט צופֿרידן: אַבי פֿון דאַנען אַרויס! מ'האָט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ, אַבי פֿון דאַנען אַרויס! איצט פֿאַרשטייט זי. דאָ דאָס זעלבע, עקספּערימענטן. וואָסערע? דאָס שרעקלעכסטע, מ'ווייסט נישט וואָס ס'דערוואַרט. דאָרט האָט מען געוווסט. צו באַדויערן נישטאָ וואָס, נאָר די פֿאַרצייכענונגען, עטלעכע בלעטלעך נאָר געבליבן און דאָס ליידיקע פּאַפּיר. מ'וועט דאַרפֿן שנעל צונויפֿשטעלן פֿון זכרון. קורץ, פֿון מאָרגן אָן, אויב... די וועלט מוז זיך דערוויסן! רענע זאָגט: די וועלט איז נישט ווערט אַ שפּיי טאָן איר אין פּנים. זי שפּייט אויף אַלע, באַקומט ווילדע אויגן, ווי די וואָס... (נישט לייענבאַר). כ'קריג מורא פֿאַר איר, געהעשעט אַ גאַנצן טאָג, זי האָט מער מורא... (נישט לייענבאַר) און מיר פֿאַר איר. ס'ערגסטע אַז מיר קריגן מורא איינע פֿאַר די אַנדערע, מאָרגן וועל איך... (נישט פֿאַרענדיקט). מאָרגן, אַ שרעקלעך וואָרט. שפּעט, פֿינצטער. מייז אין אַ שטייג, די שטייג הענגט אין דער הויך, ס'שוידערט, ווי אַזוי וועלן מיר... (נישט לייענבאַר).

„...צווייטער טאָג, ביינאַכט, אַ ליכטיקע, דאָס געלעגער ביים פֿענצטערל. איך זע די לבֿנה, זי לייכט צו, כ'איל מיר, איצט די צייט איבערצוקאָפּירן פֿון זכרון. נישט אַלץ דערמאָן איך זיך, בלויז דאָס, וואָס די גריכישע דאָקטערשע האָט... (נישט לייענבאַר). פֿאַרן טויט אַלץ מיר איבערגעגעבן, אַלץ פֿאַרצייכנט, ביינאַכט אין דער פֿינצטער. איצט מוז איך אַליין, כ'מוז זיך איילן, מאָרגן וועט אפֿשר העלפֿן... (נישט לייענבאַר). זי קען שרייבן אין דער פֿינצטער. וועל איצט פֿאַרצייכענען בלויז

וועגן די עקספערימענטן דאָרט, דאָס וואָס כ'געדענק: דאָקטער שעדער, אפשר שרעדער, כ'געדענק נישט גענוי, ער עקספערימענטירט מיט ים־וואַסער, צי מ'וועט דאָס וואַסער קאָנען נוצן, ווי לאַנג א מענטש קאָן אויסהאַלטן. 6 טעג דויערן די עקספערימענטן, 4 גרופּעס מענטשן, בלויז מענער, איין גרופּע טרינקט נאָר ים־וואַסער, צוויי גרופּעס — וואַסער פון קראַן, די פערטע — וואַסער מיט אַ כעמיש צומיש, וואָסער צומיש האָט זי נישט געוווסט, עטלעכע זענען אַראָפּ פון זינען, פון וועלכע גרופּעס — נישט געוווסט. זיי האָבן זיך געוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, געביסן, צוויי באַלד אַרויסגעפירט, וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיי — נישט געוווסט. פּראָפעסאָר קאַרל בראַנדט עקספּערימענטן מיט אָנשטעקנדיקן געלזוכט, פּאַרגיפטעט די העפטלינגען מיט מיקראָבן. יעדער דאָקטער עקספערימענטירט לויט זיין... (ס'מיינט זיכער ספּעציאַליטעט — רעדאַקציע). דער גרויזאַמסטער ד"ר העדהער מיט זיינע „Kälte Experimente" האַלט ביז דריי שעה אַ נאַקעטן אין אייזקאַלט וואַסער, אָבסערווירט אַליין, נאָטירט די גאַנצע צייט, ווי לאַנג, ווי אַזוי דער מענטש האַלט אויס, די ענדערונגען אויפן פּנים, אויפן . (נישט לייענבאַר). פּראָפעסאָר ווילהעלם פּאַרנוצט די גרעסטע צאָל העפטלינגען, מיט אים צוויי דאָקטוירים, כ'געדענק נישט זייערע נעמען. ער האָט דריי פּלענערינס, אין אַ באַזונדערן באַראַק, דער גרעסטער; לאָזט אָנשטעקן מיט טיפוס, דזשומע, דיפטעריט, כ'געדענק נישט מיט וואָס פאַראַ... (נישט לייענבאַר). אויף די פּאַרגיפטיקטע פּרוון אויס הייל־מיטלען, אויף די מיט גאַנגגרענעם סולפאַמידן, דאָרט שטאַרבט מען שנעל, איינצלנע מאַטערן זיך לענגער, די פּלעגט מען ספּעציעל צוהיטן, צו קאָנען... (נישט לייענבאַר). פּראָפעסאָר ווילהעלם פירט נאָך אָן מיט דעם סטעריליזאַציע־אָפּטייל, מיט אים דאָרט דריי דאָקטוירים, איינער מיט רענטגען־שטראַלן, דער אַנדערער כירורגיש, דער דריטער — איך געדענק נישט. די פרויען אַלע יונגע, מענער וויניקער, באַזונדער, דערנאָך ווערן זיי דערשאָסן. פון דער „דינסט־שטובע" האָט מען געזען דורכן פענצטער מענער צום שיסן מיט פאַרבונדענע אויגן, אַנדערע נישט פאַרבונדן, געוואַקלט זיך אויף די פיס, מ'האָט אויסגעטריקנט ביי זיי די יאָדערן מיט רענטגען־שטראַלן, געמאַכט אימפּאָטענט מיט איינשפּריצונגען, פאַרן שיסן גענומען ביי זיי בלוט, ביי די פאַרגיפטעטע נישט. די פרויען זאָגט מען מ'פירט זיי איבער, זאָלן מיטנע=

מען זייערע זאַכן, זיי האָבן פריער געליאַרעמט, הערנאָך נישט געוווסט וו מ'פירט, מען גיט זיי אַ נאַרקאָטיק, ווערן פאַרטעמפּט, לאָזן זיך פירן, בײַ די שטאַרקערע נעמט מען פריער בלוט פאַר... (נישט לייענבאַר), איינער און ס.ס.-מאַן שטעלט אויס צוזאַמענגעדרענגט, שיסט 5 מיטאַמאָל, אַן אַנדער ס. ס.-מאַן... (נישט פאַרענדיקט).

„...געכטן בײַנאַכט דערהערט עפּעס, געדוכט זיך אַ שאָרך בײַ דער טיר, דאָס פּאַפּיר שנעל אַרײַנגעשטופּט אונטערן .. (נישט לייענבאַר), איבערגעדעקט זיך. ס'איז טאָקע נישט געווען, נישט געקאָנט מער נאָכטירן, כ'מוז זיך אײַלן, פון דאָרטן נאָך איין פאַל, דאָס מוז דערציילט ווערן, דאָס מוזן מענטשן וויסן. איך ווייס, איך וועל נישט אַרויס... (נישט לייענבאַר), דאָס, וואָס איך וועל איצט איבערגעבן, איז געווען באַשריבן פון... (אויסגעמעקט, ווײַטער נישט לייענבאַר), איך וועל איבערגעבן קורץ: דאָס האָט געמאַכט פּראָפעסאָר ווילהעלם; געהאָדעוועט טיפוס-לײַז, מ'האָט געבראַכט צופירן פון לאַגער אַן עלטערן מענטש, אַ געלערנטן, אַ ייד. די גריכישע האָט געזאָגט אַ ביאָלאָג. פּראָפעסאָר ווילהעלם האָט פאַראָרדנט אים האַלטן באַזונדער, געהאָדעוועט אויף זײַן לײַב לײַז, די פלעגערין הילדע האָט נישט געקאָנט צוקוקן די... (נישט לייענבאַר). פּראָפעסאָר ווילהעלם האָט זיך הערוווסט, אַז ער וויל זיך נעמען דאָס לעבן, צי הילדע האָט אויסגעזאָגט, ווייס איך נישט; מ'האָט זי פאַרטראָטן, אַז אַנדערע האָט אים געהיטן, געגעבן צו עסן פון דער דײַטשישער קיך, אײַנשפּריצונגען געמאַכט צו שטאַרקן, לאַנג אויסגעהאַלטן, די לײַז-געסטן אויסגעשפּרייט איבערן לײַב, אײַנגעגעסן זיך אין דער הויט, צומייסטן צווישן די פיס, אונטער די אָרעמס, הערנאָך נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס, געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן, געפּלאַפּלט, זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס, דערנאָך האָט מען נישט געוווסט וו... (נישט לייענבאַר), צי געשטאָרבן, צי דערשאָסן. פּראָפעסאָר ווילהעלם האָט נאָך דריי איזאָלאַציע-קאַמערן, קיינעם לאָזט מען נישט צו, „איינגאַנג שטרענג פאַרבאָטן“. וואָס קומט דאָרט פאָר, ווייס איך נישט, עמעצער האָט געזאָגט „מעדיצינישע זאָאָלאָגיע“. אפשר האָדעווען פּאַראַזיטן? געווען אַ קלאַנג וועגן... (אַ האַלבע שורה נישט לייענבאַר). וועגן דאָרטן מוז איך לאָזן, איך אײַל מיך, ס'פעלט נישט דאָ, פאַראַן דאָ אַ טשעכישע סאַניטאַרין, אַ דאָקטער, האָט אַ סאַניטאַרין, און אַ ווייסן כאַלאַט, זי פאַרנעמט זיך מיט... (נישט לייענבאַר), כ'מוז געפינען אַ גע-

לעגנהייט, פּאַראַזיטיק, מ'גייט אויף א שטריק, איבער אַן אָפּגרונט, כ'מוז זיך דערוויסן וואָסערע עקס... (אָפּגעריבן, מ'האַרף זיך אָנשטויסן: עקספּערימענטן — רעדאַקציע). צו וואָס אונדז 9 אויסגעקליבן? אַלע 9 יונג, שטאַרק נאָך. פאַרוואָס האַלט מען אונדז באַזונדער? צו וואָסערע עקספּערימענטן? ס'שוידערט, כ'פּיל, כ'ווער נאַס, אַ קאַלטער שווייס. מ'דאַרף מאָרגן באַוואָרענען די עטלעכע בלעטלעך, מאָרגן... אונדזער מאָרגן...

„אַזוי לאַנג גאָרנישט פאַרנאָטירט, ווי לאַנג? נאָך צוויי טעג, נאָך צוויי נעכט זענען דורך, דאָס דערוואַרטן אַזוי שוידערלעך, דאָס לייב ווערט שוין פאַרשטייפט, כ'פּיל די קראַמפּן, כ'ליג אַרויף די האַנט אויפן מויל א צאָן אין אַ צאָן זאָל נישט קלאַפּן. ווער איך אויסהאַלטן? כ'וויל, כ'וועל צוזאַמענגענעמען אַלע כוחות, זיי וועלן דערנאָך דען... (נישט לייענבאַר). דערווייל דאַרף מען זיך איילן, פאַרצייכענען, מענטשן דאַרפן זיך דערוויסן, וואָס... (אָפּגעמעקט). צוויי טעג געוואַרט צו קאָנען פאַרנאָטירן. דאָ צוויי טעג, צוויי נעכט, זייער לאַנג, דעם גאַנצן טאָג וואַרט מען אויף דער נאַכט, פאַרצייכענען, מענטשן אויף דער פריי זאָלן זיך דערוויסן, מענטשן זאָלן... (נישט לייענבאַר). דערוויסט זיך פון... (עטלעכע ווערטער פאַרשטראָכן), מ'פירט פון דאַנען אַרויס טויטע לייבער, הוילע שקעלעטן אויך, קאָנסערווירטע. וווהין? כ'וויים נאָך נישט, מענער א סך, פרויען זייער ווייניק. געווען א 40, היינט 12, מיר נייע 9, אַלע פון 22 ביז 39 (דאָס מיינט די עלטער — רעדאַקציע), דאָרט יינגערע און עלטערע, פון 16 ביז 40, צו סטעריליזאַציע און גינעקאָלאָגישע אָפּעראַציעס און... (נישט לייענבאַר), דאָ נישטאָ אַזעלכע עקספּערימענטן מסתמא, נישטאָ קיין 16-יעריקע און קיין עלטערע פון 39 (האַלבע שורה נישט לייענבאַר, מ'דאַרף זיך אָנשטויסן, אַז די נייע זענען איצט מיט די אַלטע צוזאַמען — רעדאַקציע). מיין שכנטע איז 30 יאָר, אַ לערערין פון סלאָוואַקיע, צוויי וואָכן דאָ, פון לאַגער, זי קען זיך גוט מיט הער טשעכישער... (נישט לייענבאַר, ס'מיינט זיכער די טשעכישע דאָקטערשע — רעדאַקציע), אַ געהילף ביי אָפּעראַציעס, ביי די באַטראַכטונגען. קיינער ווייסט דאָ אויך נישט ווען זיין ריי, ווי שטשורעס אין אַ שטייג באַשטימט צו עקספּערימענטן. די שטאַרקע האַלטן אויס לאַנג... (אָפּגעמעקט), בעסערע באַדינגונגען, מ'דאַרף זיי אויף לאַנגע אָבסערוואַציעס, טייל זענען שוין אויס וואַקסענע, טויטע... (נישט לייענבאַר; מ'דאַרף לייענען: פּנימער — רעדאַקציע), די האָר קורץ אָפּגעשוירן, אויגן איינגעגראָבענע,

צעשראָקענע. יעדע רעאַגירט אויף איר... (מ׳דאַרף זיך אָנשטויסן: אויף איר אויפן — רעדאַקציע). צום ערגסטן איצט מיט רעגען; צו וואָס פאַרצייכענען? פאַר דער וועלט? מיר גייען איר נישט אָן (ס׳מיינט: דער וועלט — רעדאַקציע), פאַר מענטשן? נישטאָ מער קיין מענטשן, אַז זיי לאָזן; אַלע ווילדע חיות. מיר דאַרפן טראַכטן ווי אַזוי לייכטער צו שטאַר... (נישט לייענבאַר, ס׳מיינט זיכער שטאַרבן — רעדאַקציע), כ׳שפּיי אויף אַזאַ וועלט! כ׳זאָג איר, מען ווייסט נישט, אַז מען וועט זיך דערוויסן, איך זאָג איר, ס׳איז לייכטער צו שטאַרבן ווען מען פאַרשרייבט דאָס. זי קען שוין נישט רעדן שטיל, כ׳האָב מורא זי זאָל נישט... דאָרט געווען מיט עטלעכע גוט אָרגאַניזירט, יעדע עפּעס דערשנאַפּט, איינע דער אַנדערער... (נישט לייענבאַר, מ׳דאַרף לייענען: געהאָלפן פאַרצייכענען אָדער אויסבאַהאַלטן), אפשר וועט עס געפינען ווערן, נישט מעגלעך די וועלט זאָל אַזוי, ווי רעגע זאָגט. איך גלייב נישט, רעגע גייט אַראָפּ פון זינען, היינט געפרעגט מיר, וואָס זיי וועלן מיט איר טאָן. איך ווייס, זאָגט... (מ׳דאַרף צוגעבן זי — רעהאַקציע), באַהאַלט אויס פאַר איר, זי גייט אַראָפּ פון זינען, אַלע גייען אַראָפּ פון זינען, מ׳דאַרף בעטן די טשעכישע, איינער געגעבן צו באַרואיקן, איצט רעדט זי איינגאַנצן נישט, מ׳דאַרף איר אויך. מאָרגן, מאָרגן... צו פינצטער, די לבנה איז אַרונטער אונטער א וואָלקן. אונדזער שטייג הענגט אין דער לופטן. מענטשן, צי ווייסט איר?...

„...שוין באַלד אַ וואָך דאָ, די פאַרגאַנגענע נאַכט די ערגסטע, פאַרטאָג דערהערט געשרייען, פאַרשטיקטע, ס׳איז שטיל געוואָרן און ווידער. איינע האָט געשריגן, רעגע איז אַרויף אויף מיין געלעגער, געקלאַמערט זיך אין מיר מיט די נעגל, געהעשעט. כ׳האָב איר געשושקעט אויפן אויער זי זאָל שטיל ווערן, מ׳קאָן אונדז. . (נישט לייענבאַר). האָט אויפגעהערט, נאָר געציטערט אויפן גאַנצן לייב, דער גאַנצער קערפּער אין קאָנוולסיעס, כ׳האָב אין דער פינצטער געזען אירע ווילדע אויגן, האָבן געגלאַנצט ווי... (נישט לייענבאַר). מענטשן, צי ווייסט איר, ווי ס׳זעט אויס אַזאַ, ווען די שרעק צעטרייסלט זי? כ׳האָב מורא געהאַט צו זען די אויגן, כ׳האָב געשושקעט אויפן אויער: מיר וועלן אויסהאַלטן; זי איז שטאַרק, יונג, מיר וועלן איר העלפן, זאָל זי ביינאַכט פאַרנאָטירן, וועט ווייניקער מורא האָבן, און צוליב דעם מענטשן זאָלן זיך דערוויסן. כ׳זאָג... (פעלט מסתמא דאָס וואָרט: איר — רעדאַקציע), שטאַרקע לאָזן זיי לעבן, דאַרפן אויף לאַנגע

אָבסערוואַציעס, די מלחמה וועט זיך פֿאַרענדיקן. זי: מענטשן זענען חיות, כ'וויל בעסער שטאַרבן! כ'וויל נישט זײַן אַ קרוליק! טערעסע זאָגט: ס'האַלט שלעכט מיט איר, זי וועט אונדז אַלע פֿאַרשיטן; זי זאָגט, מ'דאַרף געפֿינען אַ מיטל, די נערוון האַלטן נישט אויס בײַ איר. די אָפּעראַציעס סיווי נישט אויסהאַלטן (ס'מיינט: רענע — רעדאַקציע), זי וועט אַרײַנפֿאַלן אין היסטעריע, וועט אויסגעבן. כ'זאָג איר... (ס'מיינט זיכער טערעסען — רעדאַקציע): מיר טאָרן איר קיין שלעכטס נישט טאָן. זי ענטפֿערט: אָדער זי, אָדער מיר אַלע. זאָל איך נעמען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. ס'האַרץ ווערט צעזעצט. ווער — איך צי טערעסע איז גערעכט? אין בײדע פֿאַלן וועל איך... (נישט לייענבאַר), עמעצער ווייגט, רענע? די קליינע? דאָרט כראָפּעט אײנע שטאַרק, אַ כאַרכלערײַ, אויפֿגעשניטן די אָדערן? מיט וואָס? אַראָפּגיין?"

„...אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרץ, פֿאַרשטעקט עטלעכע פֿון דאָרטן, מ'דאַרף באַלד דעם זעלבן טאָג... (ס'מיינט פֿאַרשטעקן — רעדאַקציע), קיינער ווייסט נישט ווער מאָרגן, געבליבן נאָר 16, גערטרוד געקומען נאָך זײַ, אינדערפֿרי. ווען מײַן רײ? גערטרוד זאָגט: ס'איז אַ גאָרנישט — „עס איסט ניכטס", כ'מוז אויסהאַלטן, כ'מוז... ס'גייט אויס דאָס פּאַפּיר, אָלגאַ האָט צוגעזאָגט, מאָרגן, מאָרגן..."

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט אָפּגעריסן דעם קאָפּ, ער האָט ווידער באַדויערט, וואָס ער האָט נישט פֿאַר זיך דעם איבערגעשריבענעם אָריגינאַל, ער פֿאַרטראָגט נישט צו לייענען מיט די באַמערקונגען פֿון רעדאַקציע, אַזאַ טעקסט האַרף מען נישט רעדאַגירן. ער האָט אַ בלעטער געטאָן די פֿאַרשריבענע זײַטלעך, איבערגעהיפּט עטלעכע און געפֿונען דאָס, וואָס ער זוכט. עס שײַנט אים נישט די אַלע גאָטיצן זאָלן האָבן אַ שײַכות מיט זײַן פּאַציענטקע, ער דערמאָנט זיך בלעטלעך, וואָס קאָנען האָבן אַ דירעקטן שײַכות מיט איר; צי זי זאָל האָבן געווען די אויטאָרין פֿון דער רעלאַציע, איז שווער געווען פֿעסטצושטעלן, צי זי איז געבראַכט געוואָרן פֿון יענעם „וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט", אָדער דירעקט פֿון לאַגער איז אויך שווער געווען צו זאָגן, דאַקעגן איז זיכער, אַז די וווּנדן אויף די פֿיס פֿון זײַן פּאַציענטקע האָבן מער אַ שײַכות צו די לעצטע בלעטלעך; דורכלייענען אַלץ איז איצט נישטאָ קיין צײַט. ער האָט מיט נערוועזע פֿינגער געמישט, געזוכט מיט די אויגן דעם טעקסט, אויף

וועלכן ער האָט זיך געהאַט אַמאָל צומערסטן אָפּגעשטעלט, אָט איז ער! ער האָט זיך ווידער איבערגעבויגן און ווייטער געלייענט:

„...כ'בין ווידער געבליבן, איצט בלויז צוויי. אָלגאַ זאָגט: איצט קאָן מען רואיק... (ס'הייסט רואיק זיין — רעדאַקציע). אָלגאַ איז אַן „אַלטע", געווען שוין איינמאָל אָפּערירט, לאַנג שוין, אַן אויסערגעוויינלעכע, 26 יאָר. זי זאָגט מ'קאָן אויסהאַלטן, מ'דאַרף אַליין... (מסתמא אַליין זיך צוגעבן מוט — רעדאַקציע). נאָר צי זיי וועלן אונדז לאָזן לעבן נאָך דעם אַלעמען? זי זאָגט זיי האָבן אונדז פאַר אָבסערוואַציע. באַקומען עטלעכע בייגעלעך פאַפיר, איצט קאָן איך פאַרשרייבן אַלץ וועגן... (די — רעדאַקציע) אָפּעראַציעס. מיר מוזן אַלץ, וואָס מיר ווייסן (ס'מיינט מסתמא פאַרצייכענען — רעדאַקציע). אויב מיר וועלן נישט אַרויס פון דאַנען, וועט מען אפשר געפינען די בלעטלעך. די אָפּעראַציעס מאַכן זיי דאָ נאָר אויף די פיס, אויף די אויבערשטע, אונטערשטע, מיט נאַרקאָז, ס'דויערט 2—3 (ס'מיינט זיכער 2—3 שעה—רעדאַקציע), דערנאָך באַטראַכטונגען, דערנאָך אָפּערירט מען ווידער, ביז 6 מאָל, שטאַרקערע לאָזן... (זיי — רעדאַקציע) אויף לאַנגע באַטראַכטונגען, יענע וואָך געשטאָרבן 3, פאַרגיפטונגען, אַנדערע צוויי געשלידערט זיך אין קדחת, זי רעכנט מ'האָט זיי דערשאָסן, זענען צוריק נישט געקומען אויפן... (נישט לייענבאַר). די צוממערסטע אָפּעראַציעס אַרויסצורופן פאַרגיפטיקונגען. חוץ דעם קנאָכן־אָפּעראַציעס, די אויסווירקונג פון די געוועבן אויפן נערוון־סיסטעם (ס'מיינט זיכער, אַז די קנאָכן־אָפּעראַציעס זענען אויסצופאָרשן די אויסווירקונג פון די געוועבן אויפן נערוון־סיסטעם — רעדאַקציע). אַרויסצורופן אַ פאַרגיפטונג פירט דער דאָקטער (אַריין — רעדאַקציע) עפּעס אָנשטעקנדיקעס אין דער וווּנד, ביי דער ערשטער אײַנבערוויקלונג. יעדע אָפּערירטע באַצייכנט מיט אַן אַנדער בוכשטאַב, לויט דעם (מיט — רעדאַקציע), וואָס די וווּנד איז אָנגעשטעקט, און וואָסער דאָזע. וואָס מען פירט אַריין אין דער וווּנד, ווייסט זי נישט. איינע האָט געזאָגט אַפילו זאַמד, מיקראָבן איז זיכער. אַ פאַרגיפטונג רופט אַרויס אַ שטאַרקע געשווילעכץ, די קראַנקע קריצן מיט די ציין פאַר ווייטיק. נאָך אַ פּאָר טעג עפנט דער דאָקטער די וווּנד, ס'רינט אַרויס אייטער מיט עפּעס אַזעלכע צוויטן, דעמלט פילט די אָפּערירטע אַ פאַרלייכטערונג, דערנאָך ווערט אַן אייטער־אָנצינדונג, דערנאָך אַלגעמיינע פאַרגיפטונג, דער דאָקטער פאַרגייט די פאַרגיפטעטע וווּנד, דעמלט... (נישט לייענבאַר).

ס'טרעפט די וווּנד פּלאַצט פון זיך אַליין, ביי אַנדערע עפנט דער דאָקטער, די מיט פאַרגיפטעטע ווונדן האָבן היץ. איינע געבעטן זי דערהרגענען מיט איין מאָל. מיט איינמאָל שטאַרבט מען גאָר, ווען זיי דערשיסן, ווען ניט, שטאַרבט מען א סך מאָל. וויפל מאָל וועל איך שטאַרבן? רענע שטאַרבט יעדן טאָג, פון שרעק. די שטאַרקסטע אָלגאַ, זי זאָגט אַ מענטש קאָן אַ סך מאָל שטאַרבן דערנאָך בלייבן לעבן. כ'מוז איינבערעגען. נאָך איין בלעטעלע, אויף מאָרגן, מאָרגן...“

א נישט נומערירט בלעטל, ס'האָט מסתמא פאַרבלאָנדזשעט, אפשר האָט איינע צוגעלייגט אירס, איבערשרייבנדיק האָט מען דאָס געלאָזן אַזוי, ווי ס'איז געווען אריינגעלייגט. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט בלויז אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער דעם און אָפּגעלייגט. ער לייענט ווייטער לויט דער נומעראַציע:

„מאָנטיק געבראַכט צו פירן דריי פרויען, אַנאָרמאַלע, קיינער ווייסט נישט, צי זיי האָבן פאַרלוירן דעם זינען, צי געווען אַנאָרמאַל, אפשר פון א שפּיטאָל. געמטן דורכגעפירט אויסטערלישע אָפּעראַציעס, ביי איינער א פוס, אַרויסגעשניטן דעם ביין ביזן... (נישט לייענבאַר), ביי דער אַנדערער אויסגעשניטן דעם אָרעם מיטן אַקסל-ביין, נאָך דער אָפּעראַציע געטויט, אַן איינשפּריצונג, פענאָל אָדער עוויפּאַן-נאַטריום, די אויסגעשניטענע גלידער איינגעוויקלט אין ליילעכער, אַוועקגענומען, וווהין אומבאַקאַנט, דער גורל פון דער דריטער — אויך אומבאַקאַנט“.

פאַרוואָס איז דאָס בלעטל נומערירט לויטן סדר, איז נישט פאַרשטענדלעך, קענטיק א באַזונדערער דאָקומענט, אַ באַזונדער צוגעלייגט בלעטל, מיט זיין פּאַציענטקע האָט דאָס צומווארשיינלעכסטן נישט קיין דירעקטן שייכות. מעגלעך, אַז נישט פאַרצייכנט אויפן זעלבן אָרט, ס'האָט אפשר מיטגעריזט מיט זיי. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט עס אָפּגעלייגט און פאָרגעזעצט דאָס לייענען:

„...זינט עטלעכע טעג קוק איך זיך צו מיט די אייגענע אויגן, די טשעכישע האָט אויסגעפּועלט כ'זאָל... (זיין — רעדאַקציע) איר געהילף, עקלהאַפטע באַשעפטיקונג, אייניקע מאַכן אונטער זיך, וואַרפן זיך, שמירן אויס דאָס בעט, די ליילעכער מיט טינופת, מ'דאַרף אויסרויען, אַרומרייניקן, אַ דייטשישע פלעגערין נישט דערצו. מיר מאַכן דאָס ביידע, זי איז דאָ נישט דאָקטער, נאָר סאַניטאַרין. זי זאָגט זיי וועלן זי פון האַנט נישט אַרויסלאָזן קיין לעבעדיקע, זי ווייסט צופיל, זאָל איך גע=

רענקען. געדענקען? מיך וועט רען אויסמיידן? טאָ זאָל איך פֿאַרצייכענען, אויסבאַהאַלטן. די איינציקע האָפֿענונג, מ'זאָל זיך דערוויסן, מענטשן זאָלן זיך קאָנען פֿאָרשטעלן דאָס, וואָס מיר זעען מיט די... (מסתמא — אויגן — רעדאַקציע), ס'ליגן צעשניטענע יונגע פֿרויען, די מיילער פֿאַרברענט, די אויגן פֿאַרמאַכט, דאָס פּנים געל, צעקרימט, ביי דער זייט צוויי מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, פֿאַרקריצטע ציין, רייסן מיט די הענט דאָס ליילעך, די פֿינגער כאַפּן זיך אָן אין עפּעס קאָנוווּלסיוו. דער דאָקטער האָט די צוויי געמאַכט איינשפּריצונגען אין ווייכן לייב פֿון אונטערשטן פּוס, דער פּוס געשוואָלן, ווי אַ באַרג, ביי איינער דער פּוס בלוי־שוואַרץ, אַ פֿאַרגיפֿטונג פֿון גאַנצן אָרגאַניזם. אויף אַלע פֿאַרגיפֿטיקטע פֿרוען די דאָקטוירים אויס פֿאַרמאַצעווטישע... (נישט לייענבאַר, ס'מיינט זיכער פֿאַרמאַצעווטישע מיטלען), אַמאָל ווערט א קראַנקער לייכטער, אַזעלכע בלייבט אויף „באַטראַכטונגען" לאַנג, אייערנעכטן געבראַכט פֿון אָפּעראַציע־זאַל דריי נאָך קנאָכן־אָפּעראַציעס, צעבראָכן די קנאָכן און צוריק צוזאַמענגעשטעלט, ביי איינער דורכגעפֿירט קרייציקונג פֿון די ביינער, די דריטע געווען דריי שעה אויפֿן אָפּעראַציע־זאַל, וואָס ווייס איך נישט, די טשעכישע זאָגט דאָס האָט מען לאַנג נישט געמאַכט, זיי האָבן באַקומען נייע אינסטרומענטן, זי רעכנט ס'איז פֿון בערלין, די צעבראָכענע קנאָכן שטעלט דער דאָקטער צוזאַמען. מיט קלאַמערן, פֿאַרנייט די וונדן, דערנאָך דער פּוס אין גיפּס. נאָך עטלעכע טעג נעמט מען אַראָפּ דעם גיפּס, ס'הייבט זיך אָן די אָבסערוואַציע, אַלטע דאָקטוירים, יונגע, מ'זאָגט, אַז אויך סטודענטן, די אָפּערירטע ליגן, ווי פֿאַרחלשטע, מיט פֿאַרגלייזטע אויגן, ביי איינער ביידע פֿיס מיטאַמאָל, היינט אַ גאַנצן טאָג האָט זי שטילערהייט געוויינט, געזאָגט מ'האָט איר אָפּגעשניטן ביידע פֿיס און... (נישט לייענבאַר) קינסטלעכע, כ'האָב זי אונטערגעהויבן, געגעבן דעם באַסיין, און זי — „אָפּגעשניטן מיר די פֿיס, אַנדערע פֿיס צוגעטשעפּעט". צוממיינסטן קנאָכן־אָפּעראַציעס צו קרייציקן די ביינער פֿון איין פּוס אין אַנדערן, זיי רופֿן דאָס „קנאָכנשפּאַנע", צוויי פּראָפֿעסאָרן פֿאָרשן ביי די אָפּערירטע דאָס רעגענערירן פֿון ביין־געוועב, מיט די דריי שוין 10 פֿרויען זינט די טשעכישע איז דאָ, אויף יענע די זעלבע אָפּעראַציעס צו עטלעכע מאָל. אויף די פֿיס נאָך אַנדערע אָפּעראַציעס: דער דאָקטער שניידט אויס א... (נישט לייענבאַר) פֿון די ווייכע טיילן, הזרט איבער, יעדעס מאָל אַ גרעסערער טייל מוסקול, דערנאָך אָבסערוואַציע, פֿאָרשן

אויף וויפֿל דער פֿוס ווערט יעדעס מאָל מער אָפּגעשוואַכט. געווען אויך גערוון־אָפּעראַציעס, וואָסערע ווייס איך נישט. די אָפּעראַציעס באַלד איינ־דערפֿרי, פֿון 11 אַזייגער הייבן אָן קומען דאָקטוירים אויפֿן רעוויר, די פּראָפֿעסאָרן באַטראַכטן פֿריער, דערנאָך דערקלערן פֿאַר די יונגע, אַנדערע קומען יעדן טאָג אָבסערווירן, זיי נאָטירן, לייגן נישט קיין שום אַכט אויף די אָפּערי(רטע — רעדאַקציע), ווי זיי וואָלטן נישט געקוקט אויף קיין מענטשן. אַלע אין ווייסע כאַלאַטן, גייען רואיק פֿון איין אָפּערירטער צו דער צווייטער, זייערע יסורים גייט קיינעם (ס׳מיינט: קיינעם נישט אָן — רעדאַקציע). אין ווינקל ליגט אַ יונגע פֿרוי, אפֿשר 25—26 יאָר, כ׳האָב איר דערלאַנגט דעם באַסיין, זי איז נאָך פֿון שוויים, די אויגן קריכן איר אַרויס פֿון קאָפּ, פֿון יסורים געביסן די פֿינגער, מ׳האָט מיך געהייסן אַרויסגיין. צוויי דאָקטוירים זענען געקומען, רואיק, געלאַסן געשטאַנען לעבן איר, לאַנג באַטראַכט. געכטן געריייניקט איינע, אַ דיקע, יונגע. ביידע פֿיס אין באַנדאַזשן, מאַכט כסדר אינטער זיך. אַ שרעקלעכער גערוך, אַ „דורכפֿאַל" — זאָגן זיי, אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג געאַרבעט זי רייניקן, פּונקט געבראַכט צוויי אָפּערירטע, ביידע באַוווסטלאָז, איינע ביידע פֿיס אין גיפּס, די אַנדערע פֿאַרבאַנדאַזשירטע פֿיס, די צו פֿרי זיך אויפֿגעכאַפּט, אָנגעהויבן קריצן מיט די ציין, וואַרפֿן מיטן קאָפּ, מיט די הענט, די באַנדאַזשן זענען רויט געוואָרן, ס׳איז געגאַנגען בלוט, פֿאַרפֿלעקט די לייַלעכער. די טשעכישע האָט געזאָגט צו ווייניק נאַרקאָז, מאַרוסיאַ איז אַ שטאַרקע, קיינער איז נישט געווען, כ׳בין צו צו איר, זי האָט אַ ביסל אויפֿגעמאַכט די אויגן, גערופֿן „וואַסער", „וואַסער", „טרינקען!" די אַנדערע האָבן אָנגעהויבן וויינען. די טשעכישע האָט אָנגעקלאַפּט צו געראָן, אַז איינע וויינט, וויינען אַלע, געראַ האָט געבראַכט מאָרפֿין פֿאַר מאַרוסיאַ, די טשעכישע האָט געבעטן פֿאַר נאָך צוויי, זי האָט געענטפֿערט:

Nur anständing sein צו מיר: „Sauber machen und loss".

די טשעכישע האָט 12 אַזייגער אַלע געמאָסטן די היץ, פֿאַרנאָטירט ביי אַלע 39° אָדער 40°. מ׳האָט געבראַכט פֿאַר זיי עסן: אַ זופּ. מאַרוסיאַס שכנטע האָט געבעטן איר אַוועקגעבן מאַרוסיאַס פּאָרציע, איינדערפֿרי געווען קאַווע מיט ברויט. דערנאָך איז געקומען דאָקטער שלעזינגער, איך בין אַרויס, ער האָט עפּעס גערעדט מיט דער טשעכישער, געזאָגט איר ס׳איז נישט גענוג „זויבער". זי האָט אים געזאָגט, אַז ס׳איז פֿון ברוקעווזופּ. „דורכפֿאַל", זיי קאָנען נישט אַראָפּגיין. דאָקטער שלעזינגער האָט

איר צוגעזאָגט צו שיקן פּאַר זיי עסן פון דער אַדמיניסטראַציע־קיך, פיר אַזייגער האָט מען מיך... (נישט לייענבאַר, מסתמא פאַראָרדנט גיין) רייניקן, אַ פרוי פון 36 יאָר, א פעסטע, 4 טעג נאָך דער אָפּעראַציע, ביידע פיס אין גיפּס, ביז אַרויף, רעדט פון היץ, אַ שרעקלעכער געווּד, אַ „דורכפאַל“. דאָקטוירים האָבן געדאַרפט קומען, געמוזט מאַכן גיך און זי קאָן זיך נישט רירן. ס'זענען געקומען צוויי אַלטע, דריי יונגע, אַלע אין ווייסע כאַלאַטן, מיט געמיטלעכע פּנימער, איינער, א יונגער, האָט זיך פאַרקרימט, כ'האָב אַרויסגעצויגן דאָס שמוציקע ליילעך, גערדא האָט געזאָגט צו מיר: „לאָס!“ כ'בין אַרויס, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט“.

ווידער אַ פאַרבלאָנדזשעט בלעטל. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט שנעל דורכגעלייענט דעם קורצן טעקסט, ס'בינדט זיך:

„מיט דער סלאָוואַקישער לערערין שלעכט, אייטער אין דער פאַרנייטער ווונד, שרייט, סאָפּעט ווי א געשאָכטענע. גערדא האָט געבראַכט דאָקטער שלעזינגער. שפּעטער די ווונד געפּלאַצט, דער דאָקטער ווידער געקומען, גערדא האָט צוויסן געגעבן, ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן, די סלאָוואַקישע האָט אָנגעכאַפּט דעם דאָקטער פאַרן (נישט לייענבאַר), געוואָלט בייסן, מ'זאָגט פון זינען אַראָפּ, האָט אַ ביס געטאָן, געכטן זי אַוועקגענומען, נישט צוריקגעבראַכט“.

בלעטלעך לויט אַן אַנדערער נומעראַציע:

„...כ'געדענק נישט ווען ס'איז געווען, דערמאָן מיך נישט די דאַטע, דעם טאָג אויך נישט, ס'איז זיכער מער ווי אַ האַלב יאָר, כ'געדענק אַ טאָג פריער פאַרגאָטירט עפּעס, דערנאָך פאַרשטעקט, פון דעמלט אָן... (נישט לייענבאַר), וואָס ס'איז געשען דורך דער צייט, ווייס איך נישט, ווען דער טשעכישער אויך נישט, די אַרבעט מיט איר נישט אָפּגעראַטעוועט. גענומען אונדז איבערדערפרי, מיך, רענע און נאָך צוויי, נישט געריכט זיך, צוליב דער אַרבעט, רענע יאָ, געריכט זיך אַלע טאָג, שטענדיק געווען אויפגערודערט. אַז מ'האָט גענומען, איז זי רואיק... (געווען — רעדאַקציע), מ'האָט אַריינגעפירט אין אָפּעראַציע־זאַל, אַ גרויסער זאַל, עטלעכע דאָקטוירים, א סך יונגע, מיט מיר זיך פאַרנומען דאָקטער שלעזינגער, פאַרלייגט מיר אַ כלאָראָפאָרם־מאַסקע, געהייסן ציילן, כ'געדענק ביז דריי געציילט, אויפגעכאַפּט זיך אין אָוונט, אומבאַשרייבלעכע ווייטיקן אין די פיס, אין צוויי שעה אַרום באַקומען מאָרפין. גערדא האָט געזאָגט דאָקטער שלעזינגער פאַרנעמט זיך גוט מיט מיר, נאָך דער

מאָרפין ווידער איינגעשלאָפן, כ'ווייס נישט צי... (נישט לייענבאַר), כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, ס'איז געווען טאָג, אויפצומאָרגנס, צי כ'בין געשלאָפן אָדער באַוווסטלאָז געווען, כ'ווייס נישט, כ'האָב דערזען די באַנדאַזשן אויף מיינע פיס, די טשעכישע אַלץ נישט געווען, גערדא האָט געמאָסטן די היץ — 40°, גערדא האָט געזאָגט, אַז ביי מיר אַ לייכטע אָפּעראַציע, אַז כ'האָב מזל, וואָס דאָקטער שלעזינגער, כ'האָב געפרעגט וועגן רעגינען, זי האָט געענטפערט: „Anständig sein"

נאָך צוויי... (כ'פעלט אַ וואָרט, זיבער טעג) איבערגעפירט מיך אויפן אָפּעראַציע־זאַל, דריי זענען געלעגן אויף די טישן, כ'האָב דערקענט רעגינען, זי האָט נישט געקוקט צו מיר, צו קיינעם, ווי זי וואָלט געשלאָפן אָדער פאַרחלשט געווען. עטלעכע דאָקטוירים האָבן זיך אַרומגעדרייט, נישט צוגעגאַנגען צו אונדז, דערנאָך פאַרשטאַנען, זיי האָבן געוואַרט אויף פּראָפעסאָר גערהאַרד. ער איז געקומען, אַ הויכער, אַ דיקער, אין ברילן. כ'בין געווען די ערשטע. דאָקטער שלעזינגער האָט אים צוגעפירט צו מיר, גערדא האָט צוגעפעסטיקט מיינע הענט, אַרויפגעוואָרפן אַ ליילעך אויפן פנים, געמיינט מ'וועט מיך איינשלעפערן, נאָר דערפילט אַ ברענענדיקן ווייטיק, ס'האָט מיר געדוכט מ'שניידט מיר אָפּ די פיס, געוואָלט שרייען, כ'ווייס נישט פאַרוואָס כ'האָב נישט געקאָנט שרייען, זיך באַדעקט מיט קאַלטן שווייס. מ'האָט אַראָפּגענומען דעם ליילעך פון פנים, כ'האָב געזען פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן, דערנאָך געזען אויף מיינע פיס ריינע באַנדאַזשן, פּראָפעסאָר גערהאַרד האָט עפּעס געזאָגט צו די דאָקטוירים, כ'האָב נישט געהערט וואָס, מ'האָט צוריקגעבראַכט אויפן רעוויר, געבליבן לאַנג אויף „באַטראַכטונגען", כסדר דאָקטוירים, אָבסערוואַציעס, צוויי מאָל האָט דאָקטער שלעזינגער געעפנט די ווונד אויפן רעכטן פוס, יעדעס מאָל איינגעשלעפערט מיט אַן איינשפּריצונג, נאָך דער צווייטער אָפּעראַציע שרעקלעכע יסורים, די ווונד נישט פאַרהיילט... (געווען — רעדאַקציע), דערנאָך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן געשניטן אויפן זעלבן אָרט, דאָס צווייטע מאָל איז געווען אויפן אָפּעראַציע־זאַל אַ גייסטיק קראַנקע, אַ יונגע. פאַרן איינשלעפערן געוואָרפן זיך אויף די דאָקטוירים, אַז מ'האָט זי צוגעפעסטיקט די הענט און פיס, האָט זי מיט אַן אומגעהויערן כוח זיך אַ הייב געטאָן, אויפגעעפנט דאָס מויל צו בייסן, מ'האָט איר פאַרבונדן דאָס מויל, דאָס גאַנצע פנים, מער זי נישט געזען אין ערגעץ. געקומען 10 נייע... (נישט לייענבאַר), גערדא האָט געזאָגט

ביי מיר זייער א לייכטע אָפּעראַציע געווען. וואָס ווייטער? וויפל מאָל נאָך? צו וואָס רעדן האַלטן זיי... (נישט לייענבאַר)".

אַ נייע נומעראַציע, פון אייגנס. דאָס, זעט אויס, האָט מען אין אַרכיוו אויסגעסאָרטירט לויטן אינהאַלט, צוגעגעבן א באַמערקונג: „געשריבן פאַרשיינלעך נישט אין זעלבן אָרט, מ'קאָן זיך דערפון אָנשטויסן, אַז ס'איז צווישן ביידע „אינסטיטוטן" געווען אַן ענגע פאַרבינדונג". די־אָ באַמערקונג האָט פראָפעסאָר אַנדריטש נישט געדענקט. אויב אַזוי, קאָן ער אַנדערע זאַכן אויך האָבן פאַרגעסן, יעדנפאַלס דאַרף מען אויך דאָס לייענען:

„...ערשטער מערץ 1944. א דאַטע. נישט שטענדיק קאָן מען אויפשרייבן די דאַטע, מ'פאַרגעסט, אַז די צייט איז געטיילט אין טעג, חדשים, יאָרן. איז נאָך דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך? לעבן מענטשן ערגעץ, ווי אַמאָל? מסתמא גלייב איך אין דעם, אויב נישט, צו וואָס וואָלט איך פאַרשריבן? איך שרייב דאָך פאַר זיי, פאַר יענע מענטשן, און אויב איך וועל פון דאַנען נישט אַרויס. עמעצער האָט געזאָגט, אַז די מלחמה גייט שוין צום סוף, לוינט ס'זאָל פאַרשריבן ווערן. היינט ערשטער מערץ 1944, היינט אינדערפרי זיך דערוווסט, און דערפילט אין דרויסן כמעט פרילינג, כ'בין צוריקגעקומען אויף אונדזער בלאָק. 5 זענען מיר צוריקגעקומען, געטראָפן נייע, אויך יונגע, נאָר אַלע גאָר געזונטע, פון די אַלטע נאָר צוויי, מ'זאָגט, אַז יענע האָט מען געשיקט אין „קראַנקן־הויז", כ'האָב שוין לאַנג געהאַט געהערט וועגן אַזאַ „מעדיציניש אינסטיטוט", דאָרט זאָל זיין אַזאַ פראָפעסאָר, ער פירט דורך די לעצטע אָפּעראַציעס, אַהין שיקט מען די שטאַרקסטע. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ קלאַנג אין אונדזער הערמעטיש פאַרמאַכטער תפיסה? קיינער ווייסט נישט, מען דערציילט נאָך אַנדערע זאַכן, קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ס'קומט, אין דער אמתן ווייסט יעדערער דאָס, וואָס ער גייט אַליין דורך און וואָס ס'גייען דורך די, וואָס זענען פריער געווען מיט אונדז, מ'האָט אונדז צעשיידט און איך גיב זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג, וויפל צייט ס'איז דורך זינט דעמאָלט; געווען איז דאָס אַזוי: אפשר א האַלב יאָר נאָך מיינע ערשטע אָפּעראַציעס, האָט מען זיך דערוווסט, אַז מען וועט נעמען צו ווייטערדיקע אָפּעראַציעס. ס'האָט געזאָלט זיך אָנהייבן אינדערפרי. מיר זענען געווען 19 אָפּערירטע צו צוויי און דריי מאָל, צוויי צו פיר מאָל, צוזאַמען 19 קאַליקעס. איך האָב זיך שוין אינגאַנצן פריי באַוועגט, געהאַט

דורכגעגאַנגען אַלע „באַטראַכטונגען“, אַנדערע זענען נאָך שלעכט געגאַנגען אויף די פיס. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, מיר וועלן מער נישט גיין אויפן אָפּעראַציע־זאַל, סײַווי וועלן מיר נישט אויסהאַלטן, זאָלן זיי בעסער אויסשיסן, איינמאָל שטאַרבן, ווערן אויסגעלייזט.

דעם גאַנצן טאָג איז מען אַרומגעגאַנגען, ווי פאַרסמטע מייז, ווערמען וועט מען נעמען אין שעכטהויז? צי אַלע? אַלע זיכער נישט, אָבער קיינער ווייסט נישט, צי דער גורל וועט נישט אויספאַלן אויף אים. מיר האָבן געזאָגט, מיר דאַרפן זיך אַלע אויסבאַהאַלטן. עטלעכע זענען געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז מ׳האָט מיט זיי נישט געקאָנט רעדן, עטלעכע האָבן געזאָגט, ס׳וועט נישט העלפן, זיי האָבן אונדז אין זייערע הענט, קיינער וועט זיך פאַר אונדז נישט אָננעמען, אַז זיי ווילן קאָנען זיי שנײַדן פון אונדז לעבעדיקע שטיקער און וואַרפן פאַר די הינט זייערע. אַזוי האָט געזאָגט איינער, וואָס איז געווען פיר מאָל אָפּערירט. מיר זענען געבליבן זעקס, געהאַלטן זיך צוזאַמען, מיר וועלן נישט גיין אויפן אָפּעראַציע־זאַל, צוגויפגערעדט זיך אויסצובאַהאַלטן. דעם בלאָק קענען מיר גוט. פאַרטאָג זענען מיר אײַנציקווייז אַוועק אין עטלעכע באַהעלטענישן, ס׳זענען מיטגעגאַנגען נאָך הריי. איך מיט אַנדערע צוויי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין איינגעפאַלענעם קלאָזעט, מ׳האָט אים פון לאַנג נישט גענוצט. מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די נעז, באַדויערט, וואָס מיר זענען אַהער אַרײַן, ס׳איז געווען צו שפּעט, סײַווי זענען מיר לאַנג נישט געבליבן, מ׳האָט אַלע אַרויסגעצויגן פון די באַהעלטענישן, אונדז פריער פון די אַנדערע, געבראַכט אין קאַרצער און פאַרשפּאַרט אין פינצטערע קעמערלעך. לויט מיר זענען מיר געזעסן צוויי טעג, אַנדערע זאָגן דריי טעג. איינמאָל האָט מען געעפנט ברייט די טירן, אַרויסגעיאָגט און געפירט אַלע דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר; ביים סוף, פון ביידע זייטן עטלעכע אָפענע קאַמערן. כ׳האָב דערזען בעטלעך מיט ווייסע לײַלעכער. איידער כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט, האָט און ס. ס.־מאַן מיך אַ שטופּ אַרײַן געטאָן אין אַ קאַמער און פאַרמאַכט די טיר. ס׳איז אַרײַן אַ דאָקטער. ער האָט געפרעגט, צי איך וועל אַליין גיין אויפן אָפּעראַציע־זאַל. כ׳האָב געזאָגט כ׳וועל נישט גיין, זאָל מען מיך בעסער דערשיסן, ווי עקספּערימענטירן אויף מיר, כ׳האָב אים געזאָגט, אַז ער איז דאָך אַ דאָקטער און ווייסט, אַז ס׳איז פאַרבאָטן צו עקספּערימענטירן אויף מענטשן, אויף מיר שוין צוויי מאָל. כ׳האָב אָנגעהויבן זיך בעטן ביי אים,

געזאָגט, ער האָט האָד אַ מאַמע, אפשר אַ פרוי, אַ שוועסטער. ער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט, אויסגעדרייט זיך און אַ ווונק געגעבן צום ס.ס.=מאַן, דער האָט מיך מיט כוח אַרויפגעוואָרפן אויפן בעטל. ס'איז אַריין אַ צווייטער דאָקטער, אויך אַ יונגער, אַ פלעגערין האָט אַריינגעפירט אַ טישל אויף רעדלעך, זי האָט מיר אַריינגעשטופּט אַ שמאַטע אין מויל, כ'האָב זיך געווערט מיט די הענט, כ'האָב פאַרלוירן די כוחות, געפילט נאָך, ווי מען מאַכט מיר אַן איינשפּריצונג. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט באַנדאַזשירטע פיס, פון דער זעלבער פלעגערין האָב איך זיך דערוווסט, אַז נאָך צוויי זענען אַזוי אָפּערירט געוואָרן, און די קליידער, די אַיבעריקע זענען גענאַגנען אויפן אָפּעראַציע=זאַל. כ'האָב זי געפרעגט, צי ס'אַרט זי נישט אָנצוטאָן יסורים אומשולדיקע מענטשן, און זי האָט געענטפערט: „Ich bin doch im Dienst und muss das machen”. כ'בין געלעגן אַליין, די פלעגערין איז געקומען מעסטן די היץ, פאַרנאָטירט, כ'ווייס נישט וויפל טעג און נעכט ס'זענען דורך, כ'האָב שוין נישט געציילט, מ'האָט אַראָפּגענומען די נעט, ס'האָט געטריפט אייטער, דערנאָך האָט מען אונדז אַלע דריי געבראַכט אויפן רעוויר. עלזאַ האָט געזאָגט ס'איז נישט מער דורך ווי אַ וואָך. די וווּנד אויפן רעכטן פוס האָט זיך אָנגעהויבן היילן. איינמאָל האָט עלזאַ מיר געזאָגט, אַז מ'וועט מיר מאַכן אַן איינשפּריצונג די וווּנד זאָל זיך בעסער היילן, כ'האָב נישט געגלויבט, ווערן זיך איז נישט געווען מעגלעך, דער זעלבער דאָקטער איז געשטאַנען ביים בעטל, רואיק, געלאַסן ווי דעמולט, ער האָט באַטראַכט דעם פוס און געמאַכט די איינשפּריצונג. כ'בין איינגעשלאָפן, ווי לאַנג ס'האָט געדויערט ווייס איך נישט. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט און נישט געקאָנט רירן מיטן רעכטן פוס, שווער ווי אַ קלאָץ, כ'בין געלעגן אומבאַוועגלעך, נישט געפילט אַפילו צי ס'טוט וויי צי נישט, כ'האָב געוואָלט בעטן צו טרינקען און נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסברענגען פון מויל. ס'האָט מיר געדוכט, אַז איך בין אינגאַנצן געלייממט, דאָס מויל אויך. עלזאַ איז געווען צופרידן פון מיר, זי האָט מיר געזאָגט אויפן אויער, אַז ס'איז פאַרענדיקט, דער דאָקטער איז צופרידן, ס'האָט זיך איינגעגעבן. דערנאָך האָב איך זיך דערוווסט, אַז מ'האָט מיר אַרויסגענומען פון פוס קליינע ביין=טיילן. מיינע פיס זענען נאָך לאַנג געבליבן איינגעקלאַמערט אין באַנדאַזשן, די וווּנדן האָבן געאייטערט, דאָס מאָל צומלענגסטן געלעגן, מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל נישט קאָנען גיין

אויף מײַנע פֿיס, בײַנאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז מ'שנײַדט מיר אָפּ די באַנדאַזשירטע פֿיס, יעדע נאַכט האָט מען מיר אויפֿסנײַ געשניטן די פֿיס, אינדערפֿרי זיך אויפֿגעכאַפּט באַנאַס מיט קאַלטן שווייס. כ'האָב געוואָלט שטאַרבן, כ'האָב געוואָלט עפּעס טאָן, מ'זאָל מיך דערשיסן, כ'האָב גאָרנישט געקאָנט טאָן, כ'בין געווען געליימט. עלזאַ האָט מיך איינמאָל געטרייסט: איך געהער צו די שטאַרקסטע, איך און די שכנטע מײַנע, אויף אונדז גיבן זיך אַלע אָפּעראַציעס גוט איין; די שכנטע איז געווען דאָס פֿינפֿטע מאָל אָפּערירט. מיר זענען געבליבן לאַנג אויף „באַטראַכטונג“. כ'האָב נישט געוווּסט ווי לאַנג ס'איז געווען, הײַנט אינדערפֿרי האָב איך געהערט, אַז ס'איז דער ערשטער מערץ 1944“.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַראָפּגענומען די ברילן און אָנגעשפּאַרט זיך אין דער שטול. ער איז געווען מיד. דאָס לייענען האָט אים דערשעפּט. ער האָט אָנגעשטרענגט די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט צו אַסאָציאירן, אויסצוגעפֿינען אָנדײַטונגען, קיין נײַעס האָט אָבער די לעקטור נישט געבראַכט. זי האָט נאָר באַשטעטיקט, אַז אין יענער געגנט זענען געווען צוויי „אינסטיטוטן“, אַ לאַגער אויסשליסלעך פֿאַר ייִדן. וועגן דער תּפֿיסה, וואָס האָט צוגעשטעלט דעם „אַנאַטאָמישן אינסטיטוט“ פֿריש־געשאָסענע און געהאָנגענע — קיין וואָרט נישט. מ'קאָן אָבער פֿון דעם דרינגען, אַז אייניקע פֿאַרצייכענונגען האָבן מיטגעוואַנדערט פֿון לאַגער־בלאָק, פֿון איין „אינסטיטוט“ אין צווייטן. צי האָט זײַן פּאַציענטקע דורכגעמאַכט אַזאַ וועג? צי איז אין די פֿאַרצייכענונגען געווען איר אָנטייל אויך? וווּ זענען אויף איר דורכגעפֿירט געוואָרן אַלע אָפּעראַציע־עקספּערימענטן? און די וויכטיקסטע פֿראַגע: צי איז זי פֿריער געווען אין יענעם לאַגער? מ'זאָל אָננעמען, אַז מ'האָט זי געבראַכט פֿון לאַגער, איז מען אויף די שפּורן פֿון איר אָפּשטאַם. דער דאָקומענט רעדט גאָרנישט דערוועגן, ער באַשטעטיקט נאָר דעם כאַראַקטער פֿון די כירורגישע אָפּעראַציעס. דאָס איבעריקע דאַרף מען איצט זוכן אין איר נײַער אויפֿפֿירונג, אין אירע רעאַקציעס אויף די געענדערטע באַדינגונגען, אין עפּעס אַ נייגונג, וואָס קאָן זיך אָפּרופֿן בײַ איר.

## XIII

שוין באַלד אַ וואָך, ווי אַהאַם איז צוריק אין דער היים, און דער פֿאָטער מיטן זון האָבן ביז איצט נישט געקאָנט זיך אויסקלייבן זיך דורכצושמועסן אונטער פֿיר אויגן.

שמועסן אונטער פֿיר אויגן איז אַמאָל געווען אַ רעגולערע זאַך. ס'האָט זיך געהאַט כמעט פֿון אָנהייב אָן איינגעשטעלט אַזאַ סדר: פּראָ־פֿעסאָר אַנדריטש פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אַריינבעטן אַדאַמען צו זיך אין קאַבינעט און אָפּזיצן מיט אים טיילמאָל אַ שעה צייט. אין די ערשטע יאָרן האָט דער פּראָפֿעסאָר דאָס געמאַכט אונטער עפּעס אַ פּרעטעקסט, דאָס יינגל זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין וואָס עס גייט. אַ גוטע, אָדער אַן ערגערע נאָטע אין שול, אַ בוך, וואָס ער האָט אים געשאָנקען אָדער רע־קאָמענדירט איבערצולייענען, דאָס צוגרייטן זיינע וואַקאַנסן, עפּעס אַ שליחות, וואָס ער האָט אים געגעבן אויסצופֿירן און וואָס האָט אים גע־קאָנט פֿאַראינטערעסירן, האָבן געדינט פֿאַר אַ געלעגנהייט צו זען, ווי ס'האַלט מיט דער „אַקלימאַטיזאַציע" פֿון אַדאָפּטירטן זון. גערעדט האָט דער פֿאָטער, ער האָט פּאָזיטיק אויסגעפֿרעגט, דער אַדאָפּטירטער זון האָט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס און רעספּעקט, געענטפֿערט בלויז מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, אַ קאָנטאַקט האָט זיך פֿאָרט אָנגעבונדן.

ביסלעכווייז איז דער קאָנטאַקט געוואָרן נעענטער און נעענטער, דאָס יינגל האָט אָנגעהויבן זיך צובינדן צום פֿרעמדן פֿאַר אים מענטשן, פֿון צייט צו צייט אַליין זיך געווענדט צו אים מיט פֿאַרשידענע ענינים, אָבער קיינמאָל נישט אין עמעצנס קעגנוואַרט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש איז אין די ערשטע יאָרן שווער געווען צו דערגיין, צי דאָס ייִנגל באַקומט אים ליב, צי בלויז זיין אויטאָריטעט אימפּאָנירט אים; דאָס אומעטיקע שווייגעניש איז געהאָנגען איבער אים, ווי אַ שווערער, גרויער נעפּל און פאַרשטעלט זיינע געפילן. פירנדיק זיך, ווי אַ פרעמדער אין שטוב, האָט ער פאָרט צו אים, דעם פּראָפעסאָר, זיך געווענדט אָפטער, ווי צו זאָפיען. אַז ער קאָן זיך נישט דעציזירן; ווי אַזוי זיך צו ווענדן צו זיי, איז קענטיק געווען, ער האָט טיילמאָל געכאַפּט אַ זייטיקן קוק, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געזוכט און נישט געפונען דעם אופן צו פאַרקערן מיט זיי.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט באַלד פון אָנהייב אַ סך מאָל געהאַט אים דערמאָנט, ער זאָל אים נישט טיטולירן, געדוכט האָט זיך אים אָבער, אַז דאָס לשון פון ייִנגל איז געוואָרן נאָך מער האַמעטנע, ס'איז געווען ווי גערעדט צו עמעצן, וואָס מ'ווייסט נישט וואָס ער קער זיך אָן, ס'האָט לאַנג גענומען ביז ער האָט באַקומען אַ דירעקטן לשון. דאָס ביסעלע היימישקייט מיטן פּראָפעסאָר האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעשפּינט ביי אים אין קאַבינעט. דאָ האָט זיך די צונג אין אַדאַמס מויל אָנגעהויבן שטופּנווייז צו באַוועגן גלאַטיקער; אויך דאָ, אין קאַבינעט, בעת אַ לאַנגן שמועס, האָט דער פּראָפעסאָר צום ערשטן מאָל געהערט זיך רופן „פאָטער“.

אַז אַדאַם איז געוואָרן אַ דערוואַקסן בחור, פלעגט ער פון מאָל צו מאָל אַליין קומען אָנקלאַפּן אין פאָטערס קאַבינעט, אַריינגיין וועגן עפּעס אויף אַ ווייל, אָבער פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט שטענדיק געפונען אַ פּרעטעקסט און אויך צייט אים צו פאַרהאַלטן לענגער. וועגן זיין פּלאַן צו שטודירן מעדיצין האָט פּראָפעסאָר אַנדריטש אויך זיך דערוווסט אין איינעם אַ טאָג ביי זיך אין קאַבינעט. אַדאַם האָט אָנגעקלאַפּט, אַריין אויף אַ רגע און שטייענדיק געפרעגט, וואָס דער פאָטער טראַכט וועגן דעם ער זאָל אויסקלייבן מעדיצין. אויף אַלע פראַגן, וואָס די אַדאַפּטירטע עלטערן פלעגן אים במשך פון צוויי יאָר פאַרן ענדיקן די שול שטעלן אין שייכות מיט זיינע שפּעטערדיקע פּלענער, האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען. די אַנדריטשעס האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט זייער אַדאַפּטירטן זון אַלס דאָקטער. אַ דאָקטער האַרף קאָנען שנעל אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ מענטש, בפרט מיט אַ קראַנקן מענטש; פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט נישט אויסבאַהאַלטן פאַר אים זיין באַאומרואיקונג. זאָל ער זיך באַרעכענען, ער דאַרף פריער גוט דורכטראַכטן, ער זאָל שפּעטער נישט דאַרפן באַדוי־

ערן. אַדאַם האָט געטראַכט, באַרעכנט זיך, ווידער געקומען צום פֿאָטער און אַרויסגעלייגט זײַנע אַרגומענטן. אַזוי האָבן זיך אַלעמאָל מער צווישן פּראָפֿעסאָר אַנדריטש און אַדאַמען אײַנגעשטעלט באַציִונגען, ווי צווישן אַ פֿאָטער מיט אַ גרויסן אויטאָריטעט און זײַן אונטערוואַקסנדיקן זון, וואָס וויל גיין אין פֿאָטערס דרכים.

אויף אַ שמועס אונטער פֿיר אויגן האָבן זיי זיך איצט קוים ביידע דערוואַרט. אַזוי פֿיל קאָפּדרייענישן פּונקט ווען דער זון איז געקומען. און די בסדרדיקע וויזיטן אין די אָוונטן! פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז אַדאַם האָט זיך אײַנגעשאַפֿן אַזוי פֿיל קאָלעגן, פֿרײַנד; ס'איז פֿאַר אים אַ שטיקל רעטעניש: בדרך כּלל האָבן שווײַגנדיקע, אומעטיק־פֿאַרטראַכטע מענטשן ווייניק באַקאַנטשאַפֿטן און נאָך ווייניקער פֿרײַנד, זיי ציִען נישט צו צו זיך. אַ מענטש, אַ פֿאַרמאַכטער אין זיך, אַ קאַרגער אין ווערטער, פֿאַרמאָגט אויך קאַרגע קאָנטאַקטן מיט אַנדערע מענטשן. מיט אַדאַמען פֿאַרקערט — ער אימפּאָנירט, אַלע שול־חברים זענען געבליבן זײַנע גוטע קאָלעגן, אַ סך צווישן זיי זוכן צו זײַן פֿרײַנד מיט אים, זינט ער איז צוריקגעקומען קלינגט בסדר דער טעלעפֿאָן. יעדן אָוונט אַנדערע וויזיטן.

איצט זיצן פֿאָטער און זון אין באַשיידענעם קאַבינעט, ווי אַמאָל און נישט ווי אַמאָל. פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט אָנגעוויזן אַדאַמען אויף אַ פֿאָטעל און אַליין זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ צווייטן, נאָענט אַנטקעגן אים; עס טיילט זיי איצט נישט אָפּ דער גרויסער ביוראָ־טיש.

אַדאַם האָט אַ סך ענינים אַרומצורעדן, ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אומגעדולדיק, אים אײַלט זיך צו דער אַרבעט, וואָלט געוואָלט שוין זײַן אין פֿאָטערס אַנשטאַלט. זאָל ער אָבער אָנהייבן גלײַך רעדן וועגן זיך? אַמאָל פֿלעגט ער קומען צום פֿאָטער אויסשליסלעך וועגן זײַנע אייגענע ענינים. צי גייט אים דער פֿאָטער נישט מער אָן ווי אַמאָל? ער ווייסט וועגן אַ סך זײַנע דאגות. די מוטער האָט אים שוין דערציילט, זי איז זייער באַאומרויִקט, זײַן געזונט שוואַנקט לעצטנס אונטער, אַז ער באַקלאָגט זיך שוין אויף מידקייט, איז אַ שלעכטער סימן. אין זײַן עלטער אַזוי פֿיל באַשעפֿטיקונגען, ווען אַ מענטש מוז אַ ביסל פֿאַרקלענערן דעם טעמפּ פֿון דער אַרבעט, איז ער פֿאַרקערט — אַלעמאָל מער באַשעפֿטיקט, נעמט בסדר אונטער נײַע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן. ס'גייט אים אין לעבן אַלץ זאָל זײַן געענדיקט צו דער צײַט, צום טערמין. שרײַבט אין

די אָוונטן ביז שפּעט, דערנאָך שלאָפט ער שלעכט. און אַנשטאָלט פעלט אים אויך נישט קיין צרות, ליגט אַוועק דאָס געזונט ביי אַ פּאַציענטקע, פון וועלכער אַלע האָבן רעזיגנירט, האָט מורא זי אָנצוטרויען אַנדערע דאָקטוירים.

די מוטער האָט אים דערציילט, ווי זי וואָלט געזוכט ביי אים הילף אַראָפּצונעמען פון מאַן אַ טייל פון זיינע שווערע לאַסטן. איצט, זיצנדיק אין קאַבינעט, פילט ער נאָך דער מוטערס באַאומרואיקונג. אַדאַם ווייסט ער דאַרף קודם רעדן וועגן פאָטער, ער דאַרף אים אויספרעגן וועגן געזונט, וועגן זיינע אַרבעטן. ער הייבט אָן, נאָר באַלד רייסט זיך דער זאַץ איבער, ער שפּרינגט אַריבער צו עפּעס אַנדערש און קערט זיך צוריק אום צום זעלבן.

פּראָפעסאָר אַנדריטש לאָזט אים נישט לאַנג אין קיין פאַרלעגנהייט:

— יאָ, אַ ביסל מיד, נישט געפערלעך, אַ סך אַרבעט, אין דעם עלטער פאַרמאַטערט מען זיך שנעלער, און דיך פאַרמאַטערט מען איצט מיט די וויזיטן, וואָס? נאָר איך בין צופרידן, אַ מענטש דאַרף האָבן אַ סך פריינד, אָן פריינד איז מען געגליכן צו אַ היימלאָזן, נישט האָבן קיין פריינד איז דאָס זעלבע, ווי נישט האָבן קיין היים...

ס'האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון צונג, ער האָט באַדויערט. נישט מיט אים, אַדאַמען, דאַרף מען רעדן וועגן היים און היימלאָזיקייט, אַ צו דעליקאַטע טעמע אָנגערירט, נישט ווילנדיק. ער האָט אָנגעהויבן רעדן שנעלער, ווייניקער געלאַסן, ווי געוויינלעך:

— ס'פרייט מיך, ס'פרייט מיך, אַ ווילע חברה, אַ מחיה מיט זיי צו פאַרברענגען, פונדעסטוועגן, מיין יינגל, איז צייט זאָלסט אַ ביסל אָפּרוען, נאָך אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט קומט דיר כאָטש אַ קורצער אורלויב, איידער דו הייבסט אָן. די מאַמע איז פון דער זעלבער מיינונג, זי וואָלט דיך געוואָלט האָבן אין שטוב, פונדעסטוועגן, פאַר דיר...

אַדאַם האָט זיך דערפילט געקרענקט: דער פאָטער באַטראַכט אים נאָך פאַר אַ יינגל, אַליין פאַרמאַטערט און דערמאָנט אים ער זאָל אָפּרוען. ער האָט פּראָטעסטירט:

— צו וואָס טויג מיר אַן אורלויב? איך פאַרמאַטער זיך, אַז איך טו גאָרנישט. וואָלט איר, פאָטער, זיך אַזוי גוט געפילט, ווי איך.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך כמעט צעלאַכט:

— ניין, ניין, מיין ייִנגל, אַזוי ווי דו, וועל איך זיך שוין קיינמאָל נישט פילן, יונג וועל איך שוין קיינמאָל נישט זיין, כאָטש די מעדיצין טוט שוין עפּעס אויף צו פאַריינגערן דעם מענטש. איך גופא וואָלט שטאַרק חשק געהאַט עפּעס אויפצוטאָן אויף דעם געביט, נישט בלויז צוליב פּערזענלעכן נוצן. איך וואָלט זיך גערן פאַרנומען היינט מיט געראָנטאָלאָגיע, נאָר דערווייל שטעק איך איבערן קאָפּ אין פּסיכיאַטריע און קאָן זיך אויך קיין עצה נישט געבן, יאָ, מיין ייִנגל, א שווערער צווייג אין דער מעדיצין.

ער האָט געשמייכלט איראָניש:

— א סך שווערער, ווי אַטאָם־פיזיק, איך חזר איבער: האָסט אויסגעקליבן א שווערן געביט, וועסט זיך דאַרפן אונטערגאַרטלען.

אַדאַם האָט זיך שוין אויף דעם נישט געריכט, ער האָט זיך אויף דער הייסער מינוט דערמאַנט עפּעס, וואָס קאָן אים דינען פאַר א נייעם אַרגומענט:

— איר, פאָטער, פלעגט מיר שטענדיק זאָגן, אַז מען דאַרף אויסקלייבן נישט דאָס לייכטסטע, נאָר דאָס, וואָס... אינטערעסירט. דער סטאַזש דאָרט האָט באַשטעטיקט אַי אייערע ווערטער, אַי... כ'האָב זיך אויפסניי איבערצייגט וועגן מיין נייגונג צו אַזאַ פאָרשערישער ארבעט.

ס'איז געווען פאַר אים צופיל געזאָגט, ער האָט פאַרענדיקט:

— כ'וואָלט שוין געוואָלט זיין אין אייער אַנשטאַלט, כ'וואָלט געוואָלט אָנהייבן ארבעטן, אפילו מאָרגן.

— איילסט זיך צופיל, מיין ייִנגל, בעסער לאָנגזאַמער, פריער א ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אַז וועסט אריינשטעלן א פוס, וועסטו שוין שטעקן, מען פאַרזינקט ביזן האַלדז, צומשוועדסטן איז צו האָבן צו טאָן מיט מענטשלעכע מוחות; דיינע קאָלעגן וועלן לייכטער און פריער מאַכן אַ קאַריערע, מיר דעראָבערן נאָך נישט די רויִמען פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, מען גייט נאָך נישט אין געוועט־געלויף ווער וועמען ס'וועט איבעריאָגן. אין פאַרגלייך צו יענער וויסנשאַפט זענען מיר באמת הינטערשטעליק, הגם ס'איז שוין פאַראַן אן עלעקטראָ־מוח און מען ווייסט שוין ווי אַזוי אריינצופירן עלעקטראָדן אין די טיפענישן פון מענטשלעכן מאַרך, אָפטמאָל איז מען נאָך אומבאַהאָלפן, כ'וויל דיך נישט אָפּשרעקן, כ'וויל זאָלסט וויסן, אין אונדזער ארבעט דאַרף מען

א סך פֿאַרשן, אָבסערווירן דעם מענטש, זיך צוקוקן צו אים אין פֿאַר־שידענע סיטואַציעס; ס'איז שווערער צו פֿאַרשן די מענטשלעכע נאַטור, ווי די טויטע נאַטור. א סך, א סך נאָך צו אנטדעקן. כ'וואָלט געוואָלט, אַז דו, ווען דו וועסט זיין פּראָפֿעסאָר אַנדריטש, זאָלסט קאָנען מער אויפֿטאָן.

אַראַם האָט געשוויגן. אויף זיין געזיכט האָט זיך נישט געצייכנט קיין איבערראשונג. די שטענדיקע, רואיקע פֿאַרטראַכטקייט, זי איז אַלע מאָל עגלעך געווען צו גלייכגילטיקייט, טיילמאָל האָט מען זיך געפֿרעגט וואָס וועגט איבער, די פֿאַרטראַכטקייט צי די גלייכגילט.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט געוואָלט ענדערן די טעמע:

— דער עיקר, מיין יינגל, ביסט צוריק צווישן אונדז, פֿאַר אונדז איז דאָס געווען לאַנג, כאָטש ביי מיר לויפֿט שוין די צייט גיך.

ער האָט שטיל און ווי נישט ווילנדיק צוגעגעבן:

— אין מיין עלטער גייט מען שוין מיט דער צייט אין וועט־געלויף.

— איר, פֿאָטער, האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז די עלטער מעסט מען נישט נאָר לויט די יאָרן.

— אָ, דו געדענקסט, האָסט א גוטן זכרון, ריכטיק, אַזוי געהאַט דיר געזאָגט, נאָר ס'איז שוין לאַנג, דעמלט נאָך נישט געהאַט אַזאַ ווייסן קאָפּ. מיר זענען מעדיקער, מיר קענען דעם מעכאַניזם אינעם מענטש. דער ביאָלאָגישער מאָטאָר, וואָס טרייבט דעם מעכאַניזם, נוצט זיך אָפּ א סך פֿריער, ווי דער פּסיכיש־גייסטיקער; ס'שטעלט זיך דעמלט איין א משונהדיקער קאַלענדאַר: דער טאָג, דאָס יאָר ווערט קירצער, און דער ארבעטס־טאָג, דאָס ארבעטס־יאָר ווערט לענגער. מען וויל וואָס מער אריינכאַפּן. וואָס קירצער ס'ווערט דאָס לעבן, אַלץ לענגערע פּלענער, גרע־סערע אַספּיראַציעס, מען גיט א קוק הינטער זיך און מען דערזעט אַזוי ווייניק דאָרט, אַזוי פֿיל נאָך פֿאַר זיך, צי וועט דער ביאָלאָגישער מאָטאָר דערציען ביז... איך גלויב, אַז מען קאָן די ביאָלאָגיע טיילווייז ענדערן. אויך דאָ זענען מיר פּאַרשפּעטיקט, א גישט צעאַקערט פֿעלד. איך וואָלט גערן צוגעלייגט דערצו א האַנט, נאָר מיין אייגענע ביאָלאָגיע וועל איך שוין מסתמא נישט ענדערן. ס'איז אומדערטרעגלעך פֿאַרן מענטש דער געדאַנק, אַז ער קאָן פֿאַרשווינדן און נישט לאָזן נאָך זיך דאָס, וואָס ער וויל לאָזן; איך האָף, כ'בין זיכער, דו וועסט פֿאַרזעצן, ס'פֿרייט מיך, וואָס דו וועסט קאָנען מערער אויפֿטאָן.

אַדאַם האָט ווייטער אויסגעהערט מיט דער זעלבער רואיקייט, דאָס פּנים האָט זיך נאָר פֿאַרצויגן מיט מער טרויעריקייט. אינערלעך אָבער אַנדערש: די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין האַרץ מיט אַן עכאָ און געמאַכט עס צאַפּלען מיט אומבאַקאַנטע צאַפּלענישן. ער האָט באַגערט צו זאָגן דעם פֿאָטער עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט, וויניקסטנס אים פֿאַרזיכערן, צוזאָגן, ער וועט זיך באַמיען נישט צו אַנטוישן. ער האָט אָבער בלויז געזאָגט:

— איר, פֿאָטער, דערשאַצט אַליין נישט אייערע... אייערע פֿאָרשונגען, מען פֿאַררופֿט זיך אויף אייך אומעטום. אייער בוך „וויסן און געוויסן“ האָט מען זיך פֿון די הענט אַרויסגעכאַפּט און די לעצטע אַרבעט וועגן דער אַנדערשקייט פֿון די מוח־קעמערלעך...

ער האָט נישט געפֿונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, האָט נאָך געוואָלט דערמאָנען אַנדערע ביכער און פּאַראיינוועגס אַ פֿרעג טאָן איבער וואָס דער פֿאָטער אַרבעט איצט, געטראַכט, ווי אַזוי ווייטער צו ציען דעם שמועס. פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט זיך פֿאַרשטאַנען מיט אים אויפֿן וווּנק און האָט סקעפּטיש געענטפֿערט פֿון פֿאָרויס:

— אין דער אַרבעט גופֿא, ביים קראַנקן, זעט מען ערשט ווי מען האַלט. צייטנווייז בלייבט מען שטיין פֿאַר אַ בלינדער וואַנט, עס דוכט זיך אָט־אָט און בלייבסט שטיין, זעסט זיך אַרום, און נישט פֿיל דערגרייכט, מ'דאַרף זיך פֿאַרמעסטן אויפֿסניי. איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט מער דערגרייכן, כ'האָף, דו וועסט.

אַדאַם האָט דורכאויס געוואָלט אים צווייסן געבן נאָכאַמאָל, ווי מען רעכנט זיך מיט אים אין דער מעדיצינישער וועלט און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך בלויז איין זאַץ:

— איר, פֿאָטער, טרעט אויס דעם וועג פֿאַר אונדז אַלע.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז באַנאַל, געוואָלט אָנקניפּן צו עפּעס אַ קאָנקרעטן ענין און זיך דערמאַנט:

— איר האָט נישט קיין גרונט, פֿאָטער, צו זיין נישט צופֿרידן פֿון זיך. נישט נאָר אייערע טעאָרעטישע אַרבעטן, אויך אין אַנשטאַלט, האָט וואָס איר האָט דערגרייכט מיט דער דאָזיקער פֿרוי, איך פֿאַרשטיי, איבערגעמאַטערט...

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט געקוקט אויף אים פֿאַרחידושט:

— כ'זע, ביסט אינפאָרמירט וואָס ס'טוט זיך ביי מיר אין אנשטאַלט.
אַהאַם האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן און מודה געווען:
— וואָס האָט מיר געהאַט געשריבן וועגן איר אַרבעט
ער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט.
— כ'האָב זיך מער אָנגעשטויסן, ווי דערוווּסט פון וואָס בריוו.
— קיין בייז, קיין בייז, ס'איז נאַטירלעך זיך צו טיילן מיט די ערשטע דערפאַרונגען, נאָר מיינע סטאַזשיסטן מיינען, אַז אַט כאַפּט מען אָן דעם אָקס פאַר די הערנער. וואָס מער פּראַקטיק איר וועט האָבן, אַלץ מער וועט איר וויסן, ווי ווייניק... יאָ, יאָ, לייכטער צו דערגיין די סודות פון דער טויטער מאַטעריע, ווי די פאַרבאָרגענישן פון מענטשן. זעסט, כ'האָב שוין עטלעכע מאָל דיר היינט איבערגעחזרט דאָס זעלבע, איך זאָג עס די אַלע, וואָס הייבן אָן. איך קען אַזעלכע מעדיקער, איבערהויפּט יונגע, זיי גיבן א קוק אויפן קראַנקן, און א פּאַרטיקער דיאַגנאָז.
— אָבער אייערער אַ דיאַגנאָז, פּאָטער...
פּראָפעסאָר אַנדריטש איז געוואָרן א ביסל אומגעדולדיק, גישט געוואַרט דער זון זאָל פאַרענדיקן:
— שטעלן א דיאַגנאָז איז נאָך נישט אַלץ. אַט האָסטו דערמאָנט דעם פאַל מיט דער פרוי, זאָגסט, האָסט זיך אָנגעשטויסן פון וואָס בריוו.
אַדאַמען איז געוואָרן פאַרחידושלעך, וואָס ער האָט אַריינגעמישט וואַן. זי וואָלט געוועז געענטפערט, אַלץ אים וועגן דער אַרבעט געשריבן, וועגן דער קראַנקער פרוי אויך, אינפאָרמירט געגוי וועגן אַנשטאַלט; זי האָט אים אָנגעזאָגט זי נישט צו פאַרשטן. ער דאַרף זי איצט פאַרענטפערן:
— פּאָטער, איך רעכן צי שרייבן א גרעסערע אַרבעט וועגן אַמנעזיע, דעם אמת געזאָגט, שוין אָנגעהויבן, כ'האָב זיך אָנגעטראָפן אין מיין פּראַקטיק אויף איין פאַל, איך זוך אַנדערע פאַלן. כ'האָב ווייניק דערפאַרונג אין מיין אַרבעט, אייער פּאַציענטקע וועט מיר נוצן. אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך זיך מיט איר א שטיקל צייט פאַרנעמען, כ'וואָלט געוואָלט באַקענען זיך מיט דעם האָזיקן פאַל.
— גו גוט, מיין ייִנגל, נאָר כ'וואָלט געוואָלט זאָלסט האָבן די קוואַליטעטן פון וואַן. א דאָקטער מוז מאַכן רעדן דעם קראַנקן, א פּסיכיאַטאָר מוז אַלץ וויסן וועגן פּאַציענט. אין זיין פאַרגאַנגענהייט, קינדהייט, זאָרגן, איינפאַלן און איינרעדענישן ליגן די זוימען פון דער חולאת, מ'דאַרף קאָנען

ווירקן, דער קראנקער זאָל עפּענען פֿאַרן דאָקטער דאָס האַרץ, עווא איז ווי אָנגעמאָסטן דערויף. זי געהערט צו מיינע בעסטע סטאַזשיסטן, איך געטרוי איר א סך, זי האָט אינטואיציע און א סך האַרץ. אויך דאָס איז וויכטיק אין אונדזער פּראָפעסיע.

אַדאַם האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויפגעכאַפּט זיין אראָפּגעלאָזטן בליק און פאַרגיטיקט:

— איך זאָג דאָס אַלע, דער עיקר די סטודענטן, וואָס קומען זיך מיט מיר באַראַטן, ווייל איך האָב איך עס א סך פריער געזאָגט.

אַדאַם האָט זיך נישט אָפּגערופן, ער פילט זיך א ביסל געטראָפן, אָבער פאַרשטייט זייער גוט דעם פאָטער, זיינע באַמערקונגען זענען באַגרינדעטע. צי האָט ער דען אליין אמאָל אזוי נישט געטראַכט וועגן זיך? דעציזדירט האָט זיין נייגונג צו אזעלכע פאַרשעריישע ארבעטן. ער ווייסט, ס'איז נישט אָפּגעריסן פון דער טעגלעכער פּראַקטיק, די שוין דורכגעמאַכטע פּראַקטיק האָט אים אָבער געגעבן מער זיכערקייט, דער פאָטער האָט אים וועגן דעם נאָך נישט געפרעגט. זאָל ער דערציילן? ער האָט אָבער וועגן דעם געשריבן. צי וואַרט דער פאָטער ער זאָל דאָס אים איבערחזרן?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געלייענט אין זיין פאַרטראַכט פּנים, ארויסגעהאָלפן אים:

דעם ערשטן פייער-פּרוּוו ביסטו שוין דורכגעגאַנגען און גוט דורכגעגאַנגען. אונדזער אַנשטאַלט קאָן אזעלכע דאָקטוירים, ווי דו, א סך געבן. אַן אָרט איז רעזערווירט פאַר דיר, פאַראַן ווייניק קאַנדידאַטן אויף פאַרשערישע ארבעטן. וועסט דאָך פריער א ביסל אָפּרוען, פּשוט א קליינעם איבעררייס מאַכן. וואָס שייך דיין ארבעט וועגן אַמנעזיע — ס'געפעלט מיר, נאָר נישט איילן זיך. האָסט אָנגעהויבן און וועסט פאָרזעצן. געווים וועט די דערמאָנטע פּאַציענטקע פאַר אַזאַ טעמע... פאַראַן א גרויסע דאָקומענטאַציע, דער עיקר וועסט אליין קאָנען אָבסערווירן, וועסט נאָך האָבן גענוג געלעגנהייטן; ליידער, זי פאַרלאָזט נאָך נישט אזוי גיך דעם אַנשטאַלט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אליין נישט געפילט, ווי ער האָט די לעצטע ווערטער ארויסגעזאָגט מיט א טאָן פון זאָרג. אַדאַם האָט דעם טאָן אויפגעכאַפּט, זיין איינגעבוירענער נייגיר האָט זיך צעפלאַמט:

— אינטערעסאַנט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿרוי? אַ יאָר צייט ווי דאָס אינטריגירט מיך, אייגנטלעך זינט כ'האָב פֿאַרטראַכט מיין אַרבעט.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט ביטער געשמייכלט:

— אַ יאָר צייט! און מיך מער ווי 17 יאָר, און כ'ווייס ווייניק וואָס וועגן איר.

— 17 יאָר! אינטערעסאַנט, 17 יאָר ביי אייך, פּאָטער, אין אָנ־שטאַלט?

— ניין, פֿון אָנהייב אין אַן אַנדער קליניק. נישט נאָר דער מוח, ביי איר אויך אַנדערע גלידער באַשעדיקט.

אַדאַמס נייגיר איז געוואַקסן. פֿון וואַן האָט ער אַזעלכע אויספֿירלע־כע ידיעות נישט געהאַט, אָבער דאָס, וואָס זי האָט אים געשריבן, האָט אים אויסגעזן מיסטעריעז.

— אינטערעסאַנט, פֿון וואָס?

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט געהאַט פֿאַרדרוס אויף זיך, געלאָזט פֿאַלן עטלעכע אומגייטיקע ווערטער. נישט איצט קיין צייט אויף דעם, ס'ווילט זיך מיטן זון איצט נישט רעדן דערוועגן. פּונקט איצט, זייער ערשטער צו־זאַמענטרעף און מער פֿיר אויגן. בכלל איז דאָס אויסגעפֿאַלן נישט אַזוי, ווי ער האָט זיך געווונטשן. זאָפֿיע איז מסתמא גערעכט, די מידקייט און די דאגות מאַכן דאָס. ס'זאָגט שלעכט וועגן זיך, אַז מען הייבט אָן רעדן וועגן דעם, וואָס מען וויל נישט. און אַנשטאָט ער זאָל אויף אַדאַמען ווירקן צו רעדן אַזוי זיך פֿון הארץ, האָט ער זיך גאָר געלאָזט פֿון אים אַריינציען אין אַן ערנסטן שמועס. ער האָט געוואָלט אָפּפֿטרן דעם זונס פֿראַגע מיט אַ פּאָר ווערטער:

— פֿון וואָס? אַ צו לאַנגע געשיכטע, נישט אויף איצט. דערצייל דו בעסער, ווי ס'איז דאָרט צוגעגאַנגען.

אדאם דערשרעקט זיך נישט פֿאַר לאַנגע געשיכטעס, פֿאַרקערט, געקו־מען איז ער שטענדיק צום פֿאָטער אין קאַבינעט צו פֿרעגן און הערן; וואָס לענגער ער האָט געקאָנט הערן, אַלץ צופֿרידענער געווען, ס'האָט אים דאָס געפֿעלט די לעצטע צייט. ער האָט ווייטער געפֿרעגט מיטן זעלבן נייגיר און מיטן זעלבן טאָן:

— אינטערעסאַנט, וואָס איז מיט איר פֿאָרגעקומען?

— כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַ צו לאַנגע געשיכטע אויף איצט.

אַדאַם האָט דיסקרעט געשמייכלט און מיט א זעלטענעם פאר אים טאָן פון היימישקייט געזאָגט:

— א לאַנגע געשיכטע איז צוזאַמענעסטן צו דערציילן קורץ. — אייערע ווערטער, פּאָטער; כ'האָב געהאט געהערט, ווי איר, פּאָטער, האָט צי עמעצן אזוי געזאָגט.

ער האָט נישט געמיינט דערמיט צוצושטיין, ס'איז אים פּשוט געקו־מען אין זינען און ער האָט עס דערמאָנט דעם פּאָטער. פּראָפעסאָר אַנ־דריטשן האָט עס דערוואַרעמט: דער זון געדענקט יעדעס וואָרט זיינס, בעסער ווי ער אליין. ער איז געוואָרן אויפגעלייגט:

— שלאָגסט מיך כסדר מיט מיינע אייגענע אַרגומענטן, אָבער א זכרון האָסטו! איצט דערמאָן איך זיך ווען כ'האָב אזוי געהאט געזאָגט. נו, ווילסטו, איך זאָל אויך די לאַנגע געשיכטע דערציילן קורץ?

אַדאַם האָט זיך צוגעאיילט און געענטפערט:

— ניין, ס'קאָן אויך זיין לאַנג, אייך, פּאָטער, הער איך שטענדיק גערן.

— אָבער די געשיכטע איז נישט אויף איצט.

ער האָט זיך א ווײַלע געשוויגן און דאָך אָנגעהויבן.

— וואָס ס'איז מיט איר פאָרגעקומען? — אזוי האָסטו געפרעגט. נו, האָסט דאָך דערמאָנט מיין אַרבעט „ווייסן און געווייסן". ווייסטו, מיין ייִנגל, האָט געקומט פון דעם, ווען ווייסן און געווייסן זענען צעריסן צווישן זיך, באַ־זונדערע צוויי זאַכן, ווען וויסנשאַפט געפינט זיך אין די הענט פון מענטשן, ווי זאָל איך עס זאָגן? אין הענט פון מענטשן, וואָס נעגירן אלע מענטש־לעכע נאָרמעס. ווי איז מען דאָס געוווינט צו זאָגן? ווען א ציל, אן אייג־געראָדעטער, אָדער מעג האָס זיין אן אמתער, נישט וויכטיק, ווען א ציל כשרט אלע מיטלען. וויסנשאַפט אין אזעלכע הענט, אָ, דאָס גרעסטע אומ־גליק, אזעלכע וויסנשאַפטלער די געפערלעכסטע מענטשן.

ער האָט פאַרענדיקט און זיך גלייך געכאַפּט, אז ער איז אַרויף אויף א גליטשיקן וועג. אַדאַם האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אים, די אויגן האָבן מער געפרעגט ווי דאָס מויל:

— וואָס פאר א שייכות מיט אָט דעם פאַל?

— מיט אָט דעם פאַל? מיין פּאַציענטקע איז א באַוווּסט דערפון. זי איז געווען אין אזעלכע הענט. מענטשן מיט וויסן, אפשר באַרימטע דאָק־טוירים, גרויסע געלערנטע האָבן זי געמאַכט פאר אזא.

דער געווייַנלעכער נייגיר אויף אדאַמס פּנים איז איצט געוואָרן גע־דעמפּטער, פאַרטריבן די שטענדיקע רואיקייט; די גלייַכגילטיקע פאַר־טראַכטקייט האָט אָנגעהויבן ווירבלען, פראַגן האָבן זיך אים געשטופּט אויף די ליפּן, ער האָט אָבער לאַקאָניש ווייטער געפרעגט:

— אינטערעסאַנט, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַל?

— שטויסט זיך נישט אָן? מיין פּאַציענטקע איז געווען אין אַ לאַגער, נאָר זי האָט געהאַט אַ ספּעציעל אומגליק, ווי אַ סך אַזעלכע: אַרייַנגעפאַלן אין אַ... אַזאַ לאַגער, וווּ מ'האָט עקספּערימענטירט „וויסנשאַפטלעך"...

— אַך אַזוי! פון דאָרט! איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ביי אייך, פּאָטער, איז אַנשטאַלט. אינטערעסאַנט...

— מיין ייִנגל, גענוג אויף היינט. האָסט מיך אַרייַנגעצויגן, ציסט אַזוי לאַנג פאַר דער צונג, ביז... דערציייל בעסער וועגן זיך, צוליב דעם זיצן מיר דאָ אין די פאָטעלן. איך שטעל דיר נישט קיין פראַגן ווי אַמאָל, דערציייל אַליין. כ'וואָלט געוואָלט וויסן, ביסט שוין טאַקע אַ דערוואַקסענער מענטש, אָבער פאַר מיר, פאַר אונדז, האָסט דאָך זיכער אַ סך פּלענער, ווי אַזוי ס'איז דאָרט געווען אינטערעסירט מיך אויך.

צו אַדאַמען האָט זיך צוריקגעקערט זיין געווייַנלעכע פאַרטראַכטקייט.

ער האָט געענטפערט, ווי זיין שטייגער, רואיק, ציענדיק פלעגמאַטיש די ווערטער:

— כ'האָב וועגן אַלעמען גענוי געשריבן, איך בין מסכים מיט אייערע פאַרשלאַגן, פּאָטער. וואָס זאָל איך נאָך דערציילן? איר, פּאָטער, האָט מיר מער צו דערציילן. אָט כאָטש דער פאַל, אינטערעסאַנט פאַר אַן אָנ־פאַנגער פּסיכיאַטאָר, בפרט פאַר אַזעלכן, ווי איך. וועגן דער קליניק דאָרט? מיך האָט אַבסאָרבירט צוזאַמענסטן אַן אינטערעסאַנטער פאַל — אַמנע־זיע, אַ קראַנקע, וועגן וועלכער כ'האָב אייך, פּאָטער, געשריבן. ס'האָט אַ סך געגעבן פאַר מיין פאַרטראַכטער אַרבעט. אייער פּאַציענטקע, פּאָ־טער, אַ סך אינטערעסאַנטער פאַר מיין פאָרשונג. מעגלעך, אַז די אַרבעט וועט מיר דינען פאַר מיין צוקונפטיקער האָצענטור. פאַרשטייט זיך, צו פריי צו טראַכטן, דער געביט אינטערעסירט מיך דערווייל ווי אַזעלכער.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט דערזען פאַר זיך אַ דערוואַקסענעם מענטש, אַ יונגן דאָקטער מיט ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אַספּיראַציעס. דאָס אַמאָליקע צעשטרייטע ייִנגל האָט נאָך געשוועבט פאַר זיין דמיון, איצט איז דאָס זיין דערוואַקסענער זון, גלייַכצייטיק אַ פאַך־קאָלעגע, וואָס

איז פול מיט אינטערעס צו זיין באַרוף, לאָזט נישט דורך קיין געלעגנהייט עפּעס צו לערנען. טיף אין האַרץ האָט עפּעס אַ טיאָכקע געטאָן: צי אינטערעסירט אים בלויז די קראַנקהייט? און זי, די קראַנקע גופא? אָבער אַדאַמען טאָר מען איבערפלעכלעך נישט אורטיילן, שטעלן אַזעלכע פראַגן אַוודאי נישט. דער ווידערווילן איצט צו רעדן דערוועגן איז אויסגערונען, פאַרקערט, ס'האָט זיך אָפּגערופן אַן אויסבאַהאַלטענע, פאַרשטיקטע באַדערפעניש אויסצודערציילן, צו טיילן זיך מיט אַ נאָענטן מענטשן, וואָס זאָל אים פאַרשטיין. ער האָט פונדעסטוועגן גוטמוטיק אים פאַרגעוואָרפן:

— אַזוי ביסטו שטענדיק געווען: אומגעדולדיק, געברענט פון נייגיר, באַלד אַלץ געוואָלט זיך דערוויסן. פון דיר עפּעס אַרויסצובאַקומען שווער געווען, נאָר האָט דיך עפּעס פאַראינטערעסירט, האָסטו נישט אָפּגעלאָזט, שווער געווען זיך אַרויסצודרייען. מען ענדערט זיך נישט קיין סך, האַ? נו, איצט ווייסטו שוין: מיין פּאַציענטקע איז געווען אין אַזאַ ספּעציעלן לאַגער, אפשר אין עטלעכע? ווער קאָן דאָס וויסן? וועגן איינעם ווייסן מיר, געהייסן האָט דאָס אַנדערש. דאָס דאַרף מען וויסן, דער יונגער דור ווייסט נישט גענוג דערוועגן, און מיר, מעדיקער, וויסנשאַפטלער...

ער האָט איבערגעריסן און אַ ווײַלע געשוויגן, באַלד מיט אַ בייסיקער איראָניע פּרעציזירט:

— די פרוי איז געווען אַ „פּאַציענטקע“ פון אַ „וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט“, פון איינעם פון די דעמלטיקע „אַנאַטאָמישע אינסטיטוטן“. מענטשן פון אונדזער באַרוף, מעגלעך גרויסע ספּעציאַליסטן, באַרימטע פּראָפעסאָרן האָבן עקספּערימענטירט אויף איר לעבעדיקן קערפּער, „וויסנשאַפטלעכע“ עקספּערימענטן. ס'איז צומאָל מעגלעך, זיי זאָלן האָבן אויסגעוועזן צו שטויסן די מעדיצינישע וויסנשאַפט פאָרויס, יעדנפאַלס, האָבן איינציקע פון זיי זיך אַזוי דערנאָך פאַרטיידיקט. נישט צו באַגרייפן, האַ? אויך נישט צו באַגרייפן, ווי אַזוי די פרוי איז לעבן געבליבן, אומפאַרשטענדלעך געווען, ווי אַזוי זי האָט אויסגעהאַלטן. אַ שטאַרקער אָרגאַניזם? אַ צופאַל? דורך אַ צופאַל טאַקע געבליבן צווישן אַ שטויס מתים, זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצורוימען, געלאָזן אין דער פּאַניק. זי די איינציקע... אין איר האָט אַ פונק לעבן געטליעט, אַ שוואַכינקער פונק און נישט געוואָלט זיך אויסלעשן. אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי דאָס איז געשען.

ער האָט געהויבן די הענט, ווי ער וואָלט ביזן היינטיקן טאָג נישט באַנומען דאָס רעטעניש:

— „א לעבעדיקער מת“ — אזוי האָט מען זי דאָרט גערופֿן, ווען מ'האָט זי געפֿונען. פֿון דעמלט איז דאָס געוואָרן דער ציל אין מיין אַרבעט, אין מיין לעבן. פֿון אָנהייב זייער שווער געווען, פֿאַרשטייסט, א מענטש מער טויט, ווי לעבעדיק, ווי מען זאָגט דאָס צווישן עולם. זעט אויס, זי האָט געהאַט א שטאַרק האַרץ, א שטאַרקן אָרגאַניזם, און וואַרשיינלעך נישט נאָר פֿיזיש שטאַרק געווען. אין יענע באַדינגונגען האָט דעצידירט אויך דער אינערלעכער כוח. אין מענטש זענען פֿאַראַן פֿאַרבאָרגענע קוואַלן פֿון זעלבסטפֿאַרטיידיקונג, פֿון אויסדויער, כ'וואָלט געזאָגט, פֿאַראַן אַן אַטאָמישע ענערגיע אויך א גייסטיקע. ביים אויסהאַלטן האָט אָפֿטמאָל דעצידירט דער פּסיכישער אַפּאַראַט, זיך פֿאַרפֿאַנצערן אין עפּעס, לעבן מיט עפּעס, כ'ווייס, א גלויבן, א מיסיע, ס'האָט געקאָנט העלפֿן אויסהאַלטן דאָס, וואָס א מענטש קאָן נישט אויסהאַלטן. זי איז זיכער געווען א שטאַרקער כאַראַקטער. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דער צופֿאַל האָט דאָ זיינס געטאָן.

אַדאַם האָט געהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, זיין פּנים האָט זיך פֿאַרצויגן מיט יענעם אמאָליקן ערנסט. ער האָט געוואָלט שטעלן א סך פֿראַגן, אָבער בלויז געפֿרעגט:

— איר, פּאָטער, האָט דאָס געזען דאָרט?

— כ'האָב געהערט צו דער „קאָמיסיע פֿאַר פֿאָרשן די פֿאַרברעכנס“. ס'איז געווען אונדזער ערשטער ארויספֿאָר, אָבער מיר זענען נישט געווען די ערשטע, וואָס זענען אריין אין „אינסטיטוט“. די פֿרוי האָב איך שוין געפֿונען אין שפּיטאָל, ס'האָט זיך געדוכט, אָט־אָט לעשט זיך אויס דאָס פֿלעמעלע לעבן, און ס'האָט ווייטער געטליעט. און איר אויסזען! כ'וועל דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. ווען איך קוק היינט אויף איר און דערמאָן זיך, ווי זי האָט דעמלט אויסגעזען, פֿאַרגימיקט עס א ביסל די לאַנגע יאָרן מי און אָנשטרענגונגען, פֿונדעסטוועגן פֿילט מען זיך...

אַדאַם האָט דאָס מאָל נישט געוואַרט ער זאָל פֿאַרענדיקן:

— אינטערעסאַנט, אין שטוב קיינמאָל נישט געהערט דערוועגן.

— ביסט אַ קינד געווען, צומאָל דערנאָך אין דיין אָנוועזנהייט נישט דערמאַנט; היינט ביסטו א דערוואַקסענער מענטש, א מעדיקער, יאָ, וועסט האָבן פֿון וואָס צו לערנען פֿאַר דיין אַרבעט — האָט ער מיט ביטערניש צווישן די ליפּן צוגעגעבן.

— כ׳האָב אייך, פּאָטער, געהאַט געשריבן וועגן יענעם פאַל, דאָרט אין דער קליניק, ס׳האָט מיך אַריינגעצויגן, אַ גאַנץ יאָר אָבסערווירט, געמאַכט פאַרצייכענונגען. דאָרט איז דאָס געווען אַ יונגע פרוי, זי האָט נאָך מיילווייז פאַרלוירן דעם זכרון, נאָך אַ משפחה־דראַמע. מיט קיין שווערע פאַלן ווי דער זייַד נישט געטראָפן. אינטערעסאַנט, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ פרוי?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט פאַנאַנדערגענומען די הענט, ווי אין אַ זשעסט פון אָנמעכטיקייט, די קנייטשן אויפן פּנים האָבן זיך אָנגעצייכנט בולטער. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, געוואָלט אים איינהאַלטן, דעם זיפץ, ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַלדז, יאָרן שווערע מי און זאָרג האָבן זיך איצט אָפּגערופן:

— ווען מ׳וואָלט דאָס געקאָנט דערגיין, נאָך אַזוי פיל אָנשטרענגונגען, נאָך 17 יאָר! קיין שום אויסקונפטן, רעדסט צו אַ טויבער וואַנט, און די וואַנט איז אַ מענטש, נאָר אַ חורבה. מעדיקער, ווי מיר, האָבן דאָס געמאַכט פון איר. כ׳האָב אַלץ אויסגעפּרוווט — די פאַרגאַנגענהייט פולשטענדיק אָפּגעמעקט, אויסגעשטראָכן פון זכרון. די איצטיקייט — יאָ, זי באַנעמט, אַלעמאָל מער, נאָר דער אַמאָל איז פאַרשוווּנדן פון איר זכרון. אויף אונדזער געביט איז בכלל שווער צו היילן, נישט ווייסנדיק גאָרנישט וועגן קראַנקן. די סביבה, די פריערדיקע באַדינגונגען, אַלץ האָט אַ באַדייטונג. וועגן איר ווייסן מיר גאָרנישט, אַפילו דעם נאָמען. ס׳איז מיר איינגעפאַלן איר אַ נאָמען צו געבן „אַמנעזיטיס“, אַ מענטש אָן אַ זכרון, 15 יאָר אַמנעזיטיס. כ׳האָב צוויי יאָר געזוכט פאַר איר אַ נאָמען, נישט געוואָלט זי זאָל זיין אַ נומער ווי דאָרט, געפּרוווט דערגיין איר אייגענעם נאָמען, אויף קיין שום שפּור נישט געפאַלן. מיר ווייסן גאָרנישט וועגן איר משפּחה, איר אָפּשטאַם, אַ געדיכטע פינצטערניש אין מוח וואָס שייך דער פאַרגאַנגענהייט. אַ נאָמען, פאַרשטייט זיך, וואָלט געקאָנט אָנדייטן אויף דער אָפּשטאַמונג. פון אָנהייב שווער געווען צו ווייסן פון וואָסער לאַנד — דאָרט זענען געווען פון אַ סך לענדער, דאָס לשון אויך געווען כמעט געליימט, פון אָנהייב געמורמלט נישט אַרטיקולירטע קלאַנגען, דערנאָך געשטאַמלט, דאָס נאָרמאַלע לשון איז צוריקגעקומען פאַרהעלטענישמעסיק גענוג שנעל, פאַרמאָגט אַפילו היינט אַ רייכע שפּראַך, ווי פאַר אַזאַ צושטאַנד. צי איז דאָס איר מוטער־שפּראַך? זי האָט אין קריזיסן גערעדט

דייטש, פראַנצויזיש, רוסיש, אין מאָמענטן פון פאַרטעמפּונג געשטאַמלט, און אַנדערש מאָל פריי גערעדט אין די אַלע שפּראַכן.

— קאָן דאָס באַדייטן, זי זאָל שטאַמען פון איינעם פון יענע לענדער?

— ס'באַדייט נישט, יעדנפאַלס קיין זיכערער באַווייז האָט דאָס נישט געקאָנט זיין. אַזאַ קראַנקער קאָן, ווי דו ווייסט מסתמא, אין אַ שווערן צושטאַנד זיך באַנוצן מיט שפּראַכן וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אפילו צייטווייליק און וואָס ער ווערט אין אַ באַוואוסטזיניקן צושטאַנד פאַרגעסן. שווער דאָ עפּעס פעסטצושטעלן, אָן שום אויסקונפטן וועגן איר פריערדיקער פאַרגאַנגענהייט. איין זאַך האָט זיך געלאָזט גלייך פעסטשטעלן: ז האָט באַקומען אַ מוח־דערשיטערונג באַגלייט מיט אַ שווערער אַמנעזיע. ס'איז ארויסגעפאַלן פון זכרון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם, וואָס בעת און פאַר די געשעענישן, אין אַזאַ צושטאַנד גייט פאַרלוירן דאָס געפיל פון ווירקלעכקייט; ווייסט זיכער ווי מיר, פּסיכיאַטרען, רופן דאָס דאָס געפיל פאַר אָביעקטיווער ווירקלעכקייט איז ארויסגעשטויסן געוואָרן דורך די סוביעקטיווע איבערלעבענישן. דאָס אַלץ! פאַרשטייט זיך, איצט ווייסן מיר דאָך אַ סך מער וועגן איר; אייגנטלעך קאָן מען זיך משער זיין, אַז דאָס איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, מעגלעך נישט פון קיין דורכשניטלעכער אינטעליגענץ, ס'לאָזט זיך באַמערקן אַ גרויסע אינערלעכע קולטור, אַנדערע ענלעכע סימנים, ווער ווייסט, וואָס זי האָט געקאָנט זיין. ווייזט ארויס אַלעמאָל מער פּראָאינטערעסירונגען, אינטעליגענץ, אָבער אַזוי לאַנג, ווי אַ מענטש איז אויסגעלייזדיקט פון זיין פאַרגאַנגענהייט, דער זכרון, ווי דו ווייסט, איז דער פונדאַמענט פונעם גייסטיקן לעבן; אַ מענטשן אָן אַ זכרון איז בכלל שווער צו אַסאָציאירן געדאַנקען, ס'קומט ארויס אַ פּלאַפּלעריי, און זכרון איז נישטאָ קיין פול, באַוואוסטזיניק לעבן.

— צי האַלט איר, פּאַטער, אַזאַ צושטאַנד פאַר האָפענונגסלאָז?

— שווער דערויף צו ענטפערן, האָסט אויסגעקליבן, מיין יינגל, פאַר דער ערשטער ארבעט אַ קאָמפּליצירטע טעמע און ווילסט מיט איינמאָל זיך אַלץ דערוויסן. זעסטו, איך רעזיגניר קיינמאָל נישט, מ'דאַרף שטענדיק אונטערנעמען נייע מיטלען, אַמאָל קאָן ווירקן אַ צופעליקע זאַך, אַ צופעליקע געשעעניש; יעדנפאַלס, זענען פאַראַן נייע סימפּטאָמען. זי גיט זיך אַלעמאָל מער אָפּ אַ חשבון פון איר צושטאַנד, און דאָס איז איר איצטיקע

דראַמע, איבערהויפּט די לעצטע טעג. אָט, מיין יינגל, האָסט אַרויסגעצויגן פון מיר. דערווייל גענוג פאַר דיר, דאָס איבעריקע וועסטו אַליין. איצט קאָנסטו עפּעס דערציילן. מיינס פון פאָרויס אָפּגעצאָלט.

ואדאַם האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דעם פּאָטערס לעצטע ווערטער נישט דערהערט און איבערגעהערט, ווי ס'טרעפט ביי אים אָפט, פאַר זיך אַליין:

— אַזאַ געשיכטע, אינטערעסאַנט.

ער האָט אָפּגעהאַקט, ווי נישט דאָס וואָלט ער געוואָלט זאָגן און צוגעגעבן מיט א געענדערטן טאָן:

— אַ באַלערנדיקער פאַל.

— נישט נאָר פאַר אונדז, מעדיקער, לײדער האָבן מענטשן ווייניק געלערנט דערפון.

אַדאַם האָט אויפגעהויבן אויפן פאָטער די אויגן, זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן, פון איינע האָט געטריפט וואַרעמקייט, זאָרגפעליקייט, פון די אַנדערע פאַרוואונדערונג:

— אַ פּעסימיסט געוואָרן? איר, פאָטער, א פּעסימיסט?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אומעטיק געשמייכלט און קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט:

— אָ, ניין! פון דער נאַטור א סקעפּטיקער, דערפאַר מסתמא א פאָרשער, אָבער נישט קיין פּעסימיסט, א רעאַליסט. נישט דאָס זעלבע, מיין יינגל.

— אויסבאַהאַלטן זיך, ווי אַמאָל?! וואָס פאַרא ערנסטע פּנימער!

זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי זאָפיע האָט שטיל געעפנט די טיר, האָבן אויך נישט באַמערקט ווי די צייט איז געלאָפן. און זאָפיע האָרך שוין זיין פון דער אַרבעט האָבן זיי איינגאַנצן פאַרגעסן. זי האָט זיך שוין אַרומגעדרייט מער ווי א פערטל שעה אין שטוב און לסוף זיך רעצידירט אַריינצוקוקן אין מאַנס קאַבינעט. זי האָט זיך אָנגעהויבן אָנשטויסן: אפשר זיצן זיי האָרט ביידע? האָבן דאָך געזאָלט זיין אין שטוב. ס'האָבן איר א זעץ געטאָן אין האַרץ די אומגעהערטע ווערטער, בעת זי איז אומבאַמערקטערהייט שטיין געבליבן אויף דער שוועל. און ווי זיי זענען דאָס פאַרזונקען איבער די אויערן אין דעם אַלעמען, האָבן אפילו נישט גערענקט, אז זי קומט אין דער שעה פון דער אַרבעט, צומאָל זי נישט באַ-

מערקט. נאָר דאָס וואָלט געווען אַ האַלבע צרה, ערגער, וואָס אַדאַם וועט איצט זיין איבערן קאָפּ פאַרבאָדן אין די אַלע זאַכן, אַזוי ווי איר מאַן.

זי האָט נישט אויסגעהאַלטן איר קעגנוויל. נאָר ווערן ערנסט, ווי זיי פאַרדאַגהט, טויג נישט. זי האָט געפּרוּווט אויף איר שטייגער זיי אויסלאַכן: איר מאַן וויל שוין מאַכן פון אַדאַמען אַן אַלטן פּראָפעסאָר, גלייך פון אָנהייב אים אַריינפירן אין אַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. זאָל ליבערשט אַדאַם זיין אַ ביסל ווי טאַמאַס, ס׳שאַדט נישט, די וועלט וועט דערפון נישט ליידן, קיינעם וועט עס קיין שאָדן נישט ברענגען, אים גופא אויך נישט, פאַרקערט, ס׳וועט אַ סך געזינטער זיין פאַר אים. די יוגנט האָט רעכט אַ ביסל אַ לעב צו טאָן. ווען דען, אויב נישט אין דעם עלטער? און ער, איר מאַן, מוז אויך נישט שטענדיק האָבן אויפן קאָפּ די גאַנצע וועלט, די וועלט בעט אונדז נישט מיר זאָלן זי שטענדיק אונטערשפאַרן מיט אונדזערע פּלייצעס; זי וויל דאָס נישט פון אונדז, און מיר באַקומען נאָר איינגעהויקערטע פּלייצעס דערפון.

צי האָבן זיי עפּעס איבערגעכאַפּט? זי האָט האָך צוגעגרייט! ניין? פאַרגעסן אין עסן אויך. איר מאַן איז שטענדיק אָנגעזעטיקט מיט זיינע גרויסע פּראָבלעמען, אַדאַמען וויל ער אויך שפּייזן דערמיט. בכלל האַלט זי, אַז אַדאַם דאַרף ווי געהעריק זיך אָפּרוען איידער ער טרעט צו צו דער אַרבעט, זי וועט נישט אַנטלויפן, די אַרבעט. כמעט צוויי יאָר קיין אורלויב נישט געהאַט. אַ מענטש טאָר אַזוי נישט, בפרט אַ יונגער מענטש. זאָל ער אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די וועלט וועט נישט אונטערגיין, אַז ער וועט אָנהייבן אַרבעטן אַ פינף=זעקס וואָכן שפּעטער, דער אַנשטאַלט — אויך נישט.

אַדאַם האָט זיך צוגעהערט און גלייכגילטיק געשמייכלט. שווער געווען צו וויסן, צי די מוטער האָט אים צוגעטראָפן מיט איר נישט געוויינלעכן מבול רייד, צי נישט. פּראָפעסאָר אַנדריטש אָבער האָט זיך דערפילט, ווי זיין פרוי וואָלט אים געכאַפּט ביי דער האַנט ביי נישט קיין שיינער אויפפירונג. ער האָט מיט אַ בלאַסן שמייכל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גערעכט, גערעכט, ביסט גערעכט.

# XIV

דער טאָג איז אויפֿגעשטאַנען אַ העלער, אַ לויטערער. אין דער צייט פֿון יאָר הייבט זיך די זון אויף פֿון איר האָריזאָנט־געלעגער שפּעטלעך און פֿאַרשלאָפֿן. הײַנט איז זי געווען אַ פֿריש אויסגעשלאָפֿענע, אַ שײַנענדיקע און ברייטהאַרציק צעשיט אַ שפּע גאָלדענע שטראַלן. דער הימל אַ זויבערער, אויסגעוואַשענער נאָך די רעגנס, האָט זיך קאָקעטיש אויסגעצירט אין בלוי־ווײַס.

ווידער האָט זיך דאָס וועטער געענדערט! אַ נײַער סורפּריז!

נאָך טעג און נעכט פֿון האַרבסטיקע, נודנע רעגנס איז ווידער געוואָרן פֿריילינג. אויסטערלישע קאַפּריזן פֿון דער נאַטור.

דאָס מאָל אָבער האָט מען נישט קיין טענות פֿאַרן נײַעם סורפּריז, אַ ביסעלע זון האָבן מענטשן ליבער, ווי אַ סך רעגנס, אַז ס'טוישט זיך צום גוטן, איז מען נישט חושד, אפֿשר איז די גאַנצע מעשה וועגן די אַטאָמישע אויפֿרײַסן, אַז זיי קערן אַלץ איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פֿיס אַרויף, גאָר אַן אויסגעטראַכטע? אַזוי צי אַזוי, אַזאַ געלעגנהייט דאַרף מען אויסנוצן. מאַמעס האָבן זיך געאײַלט אַרויסצושיקן דאָס קליינוואַרג אין דרויסן, זאָל עס אַרײַנכאַפּן וויפֿל ס'לאָזט זיך נאָר; עמעריטן און סתם מענטשן, וואָס מוזן נישט גיין באַלד אײַנדערפֿרי אײַנשפּאַנען זיך אין אַרבעט, זענען פֿון סאַמע פֿרימאָרגן אַרויס ווער אין גאָרטן, ווער ערגעץ אין אַ גרינעם ווינקל אויף אַ באַנק.

אַדאַם איז די נאַכט שלעכט געשלאָפֿן. דורכן אָפֿענעם פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט די לבֿנה, אַ פֿולע, אַ זילבער־גלאַנציקע. ער איז אַראָפּ פֿון בעט

און פארצויגן די באַמאָלענע מיט גרויסע פילפארביקע זיגזאגן לייוונטענע פאָרהאַנגען. אויסגעלאָזט דעם גאנצן כעס צו דער לבנה: זאָל זי נישט אריינקוקן, ער דארף שלאָפן! ס'האָט נישט געהאָלפן, און קאָפּ דרייען זיך, ווירבלען געדאנקען. ער מאכט זיך שווערע פאָרווורפן: צו וואָס איז ער איינגעגאנגען אָנצוהייבן די ארבעט ערשט אין צוויי וואָכן ארום? אונטערגעגעבן זיך ווי א יינגל! עווא אויך: אָפּרוען, אָפּרוען! זי האָט סייווי נישט קיין צייט פאר אים, ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, דרייט זיך ארום, ווי אויפן עולם הדמיון; נאָכן גרויסן יום-טוב, וואָכעדיקע, לאַנגווייליקע טעג. אייגנטלעך צוליב עוואַן איינגעגאַנגען. און זי? אנדערש ווי אין די בריוו, אנדערש, ווי אמאָל — צעטראָגן, פארטראָגן ערגעץ. זאָל עפּעס האָבן מיט איר פאָרגעקומען? אָדער בלויז אירע באַשעפטיקונגען? די נייע ארבעט מיט דער פּאציענטקע? בערנארד?...

נעכטן, אָפּוואַרטנדיק זי, האָט ער אים באגעגנט דאָרט, צי טאקע נאָר א צופאַל? נאָך וואָס האָט ער אהין צו קומען? פּלוצלונג אים דערזען, באַגריסט, זיך, ווי קיינמאָל גאָרנישט, הערנאָך אָנגעהויבן אויספרעגן עוואַן, ווו מ'קאָן באַקומען די נייע ענציקלאָפּעדיע. נאָך דעם האָט ער געדארפט אהין קומען? פון וואַנען זאָל עווא בעסער ווייסן פון אים ווו צו באַקומען? א נארישער פּרעטעקסט. און עווא? אויסגעפרעגט אים וועגן אלעמען, ווי ער וואָלט איר שטאַרק אָנגעגאנגען.

עווא האָט שטענדיק געהאַט קאָלעגן, ס'האָט אים קיינמאָל נישט געאַרט, ס'איז אים אפילו אין זינען נישט געלעגן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, צי זי גיט זיך אָפּ מיט זיי, צי נישט. פארוואָס ארט עס אים איצט? זי האָט דאָך אים געהאַט געשריבן, אז זי איז שטענדיק אליין, בלויז מיט דער ארבעט, מיט דער פּאַציענטקע, שטעקט כמעט די נאָז נישט ארויס אויסער די דלד אמות. פארוואָס לאָזט עס אים איצט נישט שלאָפן? פארוואָס קלערט אזוי און נאָגט ביים הארץ? צוליב בערנארדן? ס'קאָן נישט זיין, זי וואָלט אים... ער גופא וואָלט אים...

אַראָם האָט זיך אינגאנצן אנדערש פאָרגעשטעלט די ערשטע צייט דאָ. ער האָט זיך נאָך רעכט מיט עוואַן נישט געזען, פון דורכשמועסן זיך איז אָפּגערעדט, יעדעס מאָל קומט עמעצער אונטער. בייטאָג זי פארטאָן איבערן קאָפּ אין אירע באשעפטיקונגען, אין אָוונט שטענדיק פאראן עמעצער. וואָלט זי געהאט אן אייגענעם צימער, ווען ער וואָלט געהאט א באזונדערע וווינונג... ס'איז אים קיינמאָל דאָ אין זיין צימער נישט

ענג געווען, איצט פילט ער דאָ אַן ענגשאַפט, ווי ס'וואָלט אים אויסגעפעלט לופט. עווא איז זיכער קרעמפּירט אהער צו קומען, זי זאָגט דאָס נישט, האָט אַן אויסרייד — די קראַנקע, די אַנדערע אַרבעטן, וואָל ער צו וואַרטן, ביז זי וועט... אַזוי לאַנג געוואַרט אויף די טעג, און זי? זיין אויסגעבענקטע בענקשאַפט! זי נאָגט נאָך היינט מער, די בענקשאַפט. ווען ער וואָלט אָנגעהויבן אַרבעטן, וואָלט אַלץ אַנדערש געווען. ער וועט מער נישט לאָזן זיך איינרעדן, באַטראַכטן אים נאָך... עוואַ אויך... עוואַ מיט בערנאַרדן?... עווא... עווא...

ער איז איינגעשלאָפן. ס'איז שוין געווען שפּעט. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך פרי. די זון האָט זיך געשטופּט דורכן פאַרהאַנגענעם פענצטער אין צימער, די שטראַלן האָבן שטיפעריש געשפּילט זיך מיט די העלפאַרביקע זיגזאַגן און עליפּסן אויפן פאַרהאַנג, א פאַרטויבטער גערויש, אַזוי פון ווייטנס, האָט דיסקרעט אָנגעקלאַפּט אין די נייע, דינע ווענט.

אַדאַם איז א פאַרשלאָפענער אַרויס אויפן באַלקאָן און טיף אַריינגעעטעמט די פרישע, פרימאָרגנדיקע לופט. ער האָט ערשט איצט אויף רעכט באַטראַכט די נייע הייזער, זייער רויט־ציגלדיקע נאַקעטקייט האָט געשטאָכן אין די אויגן. זייערע בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף די פּירשטאָקיקע נייע געביידעס, וואָס זענען פאַרקראָכן ביז דער סאַמע אַרטעריע־גאַס. צווישן יענע געביידעס און זייער הויז א פרייער, היפּשער פּלאַץ, פאַר א פאַרקאַנדל. די שורה ציגל־נאַקעטע געביידעס אויף רעכטס קוקן אומעטיק מיט די אויגן־פענצטער, אין יענע פענצטער פאַרבלאָנדזשעט מסתמא קיינמאָל נישט קיין שטראַל זון — צפון; די איינוווינער פון דער צווייטער זייט הייזער האָבן דעם גאַנצן דרום, כאָטש א פאַרגיטיקונג פאַרן טומל; נישט יעדער נעמט אָן די פאַרגיטיקונג. דאָרט, אין ערשטן הויז אויף רעכטס, וווינט אויפן ערשטן שטאָק אָלאַ מיט איר מוטער. זי האָט אים דערציילט, אָלאַ, ווי די מאַמע אירע פאַרקלאַפּט די פענצטער, צי ס'איז וואַרעם, צי קאַלט, פאַרציט די פאַרהאַנגען, נישט פאַר דער זון — פאַרן גערויש; זי האָט געקויפט דיקע קאָטאַרן אויף ביינאַכט, נאָר דאָס געטראַסקעריי פון גאַס לעבערט דורך די קאָטאַרן, רייסט זיך אַריין אין דער וווינונג און צעלעכערט דער מאַמען דעם קאָפּ. ווייט נאָך האַלבער נאַכט קריכט די עלטערע פרוי אַראָפּ פון איר געלעגער און צעפראַלט די פענצטער, קיין זון איז דעמלט נישטאָ, א ביסל לופט כאָטש. מיטן שפּראָץ פון טאָג שפּרינגט זי אַרויס פון בעט און פאַרקלאַפּט צו־

ריק די פענצטער, ווי פאר גנבים, וואָס זענען גרייט מיטן אָנקום פון טאָג זיך ארייַנצוגנבענען אין דער וווינונג. זי באַדויערט, איר מאַמע, וואָס זי האָט פארלאָזט די אַלטע, אומבאַקוועמע וווינונג, קיין צענטראַל-באַהייצונג נישט געווען, זייער טרוקן אויך נישט, אויפן פארטער און אויף צופון, אָבער ס'האָט נישט צעלעכערט דעם קאָפּ, שלאָפן האָט מען געקאָנט זיך לייגן ווען מ'האָט געוואָלט, נישט געדאַרפט וואַרטן ביז די גאַס-צירקולאַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

פארוואָס האָט זי אים דאָס אַלץ דערציילט, אַלאַ? אָנגעקלאַפּט נעכטן אינדערפרי און אָפּגעזעסן א שעה צייט, געהאַט א פרייען פאר-מיטאָג, דערזען אים פונדערווייטנס אויפן באַלקאָן און געקומען, אַנטשולדיקט זיך, וואָס זי האָט פריער נישט אָנגעקלונגען, ס'האָט זיך איר נישט געגלוסט גיין ערגעץ קלינגען, געקומען זיך פרעגן וועגן א האַנט-בוך פון ביאָכעמיע, וואָס זאָל האָבן דערשינען אין אויסלאַנד, ער קאָן דערוועגן וויסן.

א פרעטעקסט? ס'האָט אים געדוכט זי איז א ביסל פארלוירן און אומעטיק. אַזא אומעטיק פּנים האָט זי געהאַט שטענדיק, ווען זי פלעגט בלייבן מיט אים אויף פיר אויגן, איצט דערמאָנט ער זיך, ווי אַלאַ פלעגט זוכן אין שול צו פארברענגען מיט אים, שטענדיק געהאַט עפּעס צו בעטן אָדער פרעגן, דערנאָך געזוכט זיין פריינדשאַפט. זי האָט געהאַט פאר אים מער ווי פריינדשאַפט, הייַנט פארשטייט ער דאָס גוט. האָט זי זיך אויס-געהיילט? אינטערעסאַנט, ער האָט קיינמאָל נישט געפילט צו איר קיין סימפּאַטיע, אפילו נישט קיין מיטגעפיל; אירע אויגן זענען טיילמאָל געווען פייכטלעך, ווען זי האָט געקוקט אויף אים, און אים האָבן אירע אויגן שטענדיק אויסגעזען, ווי אויגן פון א סאָווע. אין דער אמתן גאָרנישט קיין מיאוסע און אן אינטעליגענט מיידל. זי האָט נישט קיין הצלחה, אין קלאַס האָט זי אויך קיין מזל נישט געהאַט, פלעגט שטענדיק באַקומען ערגערע מיינונגען ווי ס'איז איר געקומען, צוליב איר נאַיוויקייט. ער זעט זי איצט ביים טאָוול אין לעצטן קלאַס, זי דערפירט ביזן סוף די מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, אַלץ גוט געמאַכט, דער פּראָפעסאָר איז זייער צופרידן, שטעלט איר א פינף. פארן פארלאָזן דעם טאָוול פלאַצט זי ארויס מיט א פראַגע: עפּעס איז איר דאָרט נישט קלאָר, די אויפגאַבע האָט זי שוין געהאַט אַמאָל געמאַכט מיט עמעצן און דאָך איז איר אינגאַנצן נישט קלאָר... דער פּראָפעסאָר האָט איר פארקלענערט די מיינונג. דער גאַנצער קלאַס

האט הערנאך געלאכט פון איר: אז זי וועט שטענדיק אויסזאגן דעם גאנצן אמת וועט זי שיין אויסזען. זי האט אין אזעלכע מאמענטן באמת שיין נישט אויסגעזען, ענלעכער געווארן צו איר פאראומערטער מאמע.

פארוואס האט זי אים נעכטן דערציילט די מעשה מיט דער נייער דירה? צוליב דעם שווייצארישן אינזשעניער? זי האט געהערט זאגן יענער האט געמאכט א דערפינדונג, אזעלכע קייקעלעך פון א פלאסטיק־מאטעריע צוגעפאסט צום אויער, מ'לייגט אריין און ס'ליגט, איזאלירט דעם אינעווייניקסטן אויער פון דעם מינדעסטן רויש, פשוט מען ווערט טויב, ווען מען וויל. מ'זאגט, אז אין שווייצארישע, איטאליענישע האטעלן באקומען די טוריסטן צוזאמען מיט די האנטוכער און אנדערע האטעל־אקצעסאריעס די־א קייקעלעך; מ'קאן זיי אריינלייגן אין די אויערן ווען מען וויל, ביי טאג, ביינאכט, ס'ברענגט נישט קיין שאדן דעם אויער; פאר איר מאמען וואלט דאס געווען א רעטונג. זי האט געפרוווט אליין אויסקלערן פון וואקס קייקעלעך, נאר די אויערן האבן איר אנגעהויבן ווי טאן און ס'האט בלויז א קליין ביסל אפגעשוואכט דעם גערויש. צי האט ער גאר נישט געהערט וועגן יענע אויערן־קייקעלעך?

ניין, ער האט נישט געהערט, און בכלל האט ער אלאן אויסגעהערט מיט איין אויער. ס'איז געווען א מאנאלאג, איר ער. אים איז באפאלן זיין שווייגעניש, געענטפערט בלויז אויף פראגן מיט איינצלנע ווערטער, אפגעהאקטע זאצן, דערנאך זי באגלייט שווייגנדיק צו דער טיר, נישט געדאנקט פארן וויזיט, פריער גארנישט אויסגעפרעגט. ניין, ער האט זי נישט שיין אויפגענומען, א ווילד־פרעמדן נעמט מען אויך אויף בעסער, און זיי האבן אזוי פיל יארן פארבראכט אין דער זעלבער שול, אין זעלבן קלאס.

וואס טראכט זי וועגן אים? א גראבער פליגל? אזוי ווייט אפשר נישט, אומטאקטיש — יא, ס'האט אים טאקע אויסגעפעלט עלעמענטארער טאקט. וואס וואלט עווא דערויף געזאגט? זי האט אמאל געוווסט ווי אלא הרייט זיך ארום אים, ער אליין האט דערוועגן קיינמאל נישט דערמאנט, ער האט זיך דאס קיינמאל נישט גענומען צום הארצן. אלא האט זיכער אויך נישט געלאזט פאלן קיין ווארט פאר קיינעם, זי איז צו דיסקרעט, צו אינטעליגענט זיך אויסצושטעלן אויף א נאר. אינטערעסאנט וואס עווא וואלט געזאגט אויפן נעכטיקן וויזיט? זאל ער איר דערציילן? צי כדאי איצט? ניין, ס'וואלט נישט געווען איצט אויפן ארט, זיי האבן נאך אפילו נישט... וועגן בערנארדן אויך בעסער נישט צו דערמאנען, ס'וואלט נישט שיין גע-

ווען, זאָל ער גאָר זיך הערוואַרטן אויף דער שעה, ווען זיי וועלן בלייבן אַליין. ער מוז נאָך הייַנט, ער דאַרף נישט וואַרטן זי זאָל אים ציִען פאַרן אַרבל, ווי אַמאָל; און דער אמתן פירט ער זיך נאָך אויף, ווי אַ ייִנגל, וואָס פאַרדריסט עם זיכער, אַנדערע קאָנען דעראָבערן, ער זעט איר זיכער אויס, ווי זי וואָלט נאָך געהאַרפּט אים דעראָבערן.

די געדאַנקען האָבן געשווּיבלט אין מוח, געוועקט אומרו, דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט מיט אַ ביז־אַיצטיקער אומבאַקאַנטער צאַפּלעניש. טראַכטנ־דיק וועגן וואָס האָט עס אַ ווי געטאָן, אַ ס'האָט געקוויקט. די בענקשאַפט, די באַדערפעניש זי צו האָבן נאָענט לעבן זיך איז אַזוי רעאַל, ממשותדיק. עפּעס אַ פאַנצער האָט זיך אַרויפגעצויגן אויף אים און האַלט אים אין קלעם, גייט צו צום האַלדז, פאַרכאַפּט אים דעם אָטעם, נאָר זי, עווא, קאָן פון אים אַראָפּנעמען דעם פאַנצער, לויזער מאַכן דאָס קלעמעניש. פאַר־וואָס איז ער אַזוי ווייניק אונטערנעמעריש? אַזוי אומבאַהאָלפן? ער איז דורשטיק און נישט ווייט איז דער קוואַל, און דער קוואַל איז זייַנער, זי, עווא, געהערט האָך אים, ער איז זיך אַליין שולדיק. זיין שטייפקייט, זיין פאַרמאַכטקייט, זי וואַרט זיכער ער זאָל...

ס'איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ: ער וועט באַלד אָנקלינ־גען צו איר אין אַנשטאַלט, זי גייט אַרויס פאַרמיטאָג מיט דער פּאַציענט־קע אירער, זיי וועלן זיך ערגעץ באַגעגענען, פאַראייַנוועגס וועט ער זען די אויסטערלישע קראַנקע; עווא וועט אפשר נישט גערן אייַנגיין, ער וועט צושטיין, בעטן זי, אַז ער מוז זיך מיט איר איצט זען, כאָטש אויף אויגנ־בליק...

ער האָט צוגעטראָגן צום מויל דאָס טעלעפאָן־טרייבל:

— האַלאָ, צי קאָן מען בעטן ד״ר עווא שטערן? ביטע? דאָקטער אַנדריטש, יאָ, דעם פּראָפעסאָרס זון. וואָס? נישטאָ? נאָרוואָס אַרויס־געגאַנגען? ביטע איבערגעבן, אַז כ'האָב געקלונגען. אַ דאַנק.

## XV

אַדאַם האָט אָפּגעלייגט דאָס טרייבל און געבליבן שטיין א נישטדאַיקער ביים טעלעפאָן. אין קאָפּ הייבן זיך ווידער אָן פּלאָנטערן געדאַנקען, דאָס הארץ פּלאַטערט פון אומרו. ביז ווען וועט ער איצט ווידער וואַרטן? ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי אומגעדולדיק, ער האָט זיך ווידער געמוסרט: געלאָזט זיך איבעררעדן, ווי א ייִנגל. ער וואָלט געווען אין אנשטאַלט, געאַרבעט, וואָלט אלץ אנדערש אויסגעזען; איינגעגאַנגען, קענען זיין ווילן, געוואָלט זיי צוליב טאָן און זיך א רעה געטאָן. ווי אזוי איצט דורכשטופּן די צוויי וואָכן?

אַמאָל האָט ער געקאָנט דורכשלאָפן מיט איינמאָל 10—12 שעה, דערנאָך, אויב ס׳איז געווען צייט, צושלאָפן נאָך מיטאָג; א זונטיק, א יום־טוב פלעגט ער שלאָפן ביז צוועלף בייטאָג, אויב מען פלעגט אים נאָר לאָזן. מ׳פלעגט לאַכן פון אים: „האָסט א גרויסן טאַלאַנט צום שלאָפן“. איצט מאַטערט ער זיך א גאַנצע נאַכט. אז ער דערשלאָפט נישט, איז ער ווי שיכור. ארויספאָרן אויף אָפּרו? ניין, ער וועט נישט! ער וועט איצט אראָפּגיין, שפּעטער אהין צופאָרן, זי וועט דאָך צוריקקומען מיט איר אויף מיטאָג. ער וועט האָרט וואַרטן, דערווייל אראָפּגיין, נישט זיצן אין שטוב.

דערווייל האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואַנט לעבן טעלעפאָן, ווי ער וואָלט צוגעקלעפּט געווען. דאָס געזיכט האָט זיך פאַרצויגן מיט דער אַמאָליקער ערנסטקייט, מיט אן אומעטיקער־טרוימערישקייט. וואָלט ווער איצט גערעדט צו אים, וואָלט ער נישט דערהערט, ווי אַמאָל. נאָך עטלעכע מאָל רופן אים, פלעגט ער זיך אָפּרופן:

הא? האָסט עפּעס געזאָגט? מ'איז אים אַמאָל חושד געווען אין טויבקייט. זאָפיע האָט אָן וויסן פון מאַן געהאַט אים פאַרגאַרט צו א ספּעציאַליסט אונטערצוזוכן זיין געהער. זיי זענען געווען אין אָרדענונג, די אויערן זיינע. זאָפיען איז דעמלט אויפגעפאַלן געווען דער שראַם אויף דער גאָמבע. צי האָט ער אַמאָל נישט געהאַט אַן אומגליק-פאַל? א שווערן קלאַפּ אין קאָפּ? אַלץ איז געווען נאָרמאַל, נאָר די משונהדיקע פאַרטראַכטקייט האָט אויסגעזען אַנאָרמאַל.

איצט, שטייענדיק ביים טעלעפאָן, דעם קאָפּ אָנגעבויגן, דער רוקן צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, האָט ער אויסגעזען, ווי מיט א סך יאָרן צוריק. מיטאַמאָל האָט ער אַ צאַפּל געטאָן, ס'האָט אים עלעקטריזירט, נאָך דער עלעקטרישער שטראָם, וואָס איז דורכגעלאָפן דורך זיין לייב, איז געווען א דערקוויקנדיקער. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער אריינגאַנגסטיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען עווא און שוין צום צווייטן מאָל געהאַט שטיל-צערטלעך גערופן:

— אַדאַם!

עווא! עווא! דו דאָ? נאָרוואָס געקלונגען, געוואָלט...

זיי זענען זיך אַנטקעגנגעגאַנגען מיט גלאַנציקע, פאַרליבטע אויגן. אַדאַם האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס, צוזאַמענגעשלאָסן זיי ארום איר, געקושט מיט דורשטיקע ליפּן די פאַרוואָרפענע ארום אים הענט, דעם אָנגעשפּאַרטן אויף אים קאָפּ, די פּאַטלעס געדיכטע האָר, און זי, עווא, די שטענדיק ענערגישע, איז געוואָרן אַזוי אומבאַהאָלפן, פאַרשיכורט און שוואַך אין זיינע פעסטע אָרעמס. ווי לאַנג זענען זיי אַזוי געשטאַנען? א סעקונדע און אַן אייביקייט, די אייביקייט אין א סעקונדע. פּלוצלונג האָט עווא אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צוגעפאַלן אין איילעניש צו אַדאַמס ליפּן, אָפּגעריסן זיך, ווי זי וואָלט געהאַט צייט בלויז אויף איין שלונג, און דער איינער שלונג האָט איר כוחות געגעבן. זי האָט זיך באַלד ארויסגעריסן פון זיינע אָרעמס, געמאַכט עטלעכע טריט צוריק און אים מודיע געווען שטיל און געהיימניספול, ווי זי וואָלט אים וועגן איר גרויסער ליבע צווייסן געגעבן:

— כ'האָב זי אַהער געבראַכט, געלאָזן אין קיך, זי עסט פרישטיק, באַלד וועל איך זי אַהער ברענגען, אַזוי אָפּגערעדט מיטן פּראָפעסאָר, כ'מוז שוין, טייערער, שטער אונדז נישט, גיי צו דיר. היינט אין אָוונט, טייערער...

אַדאַם איז געשטאַנען א פארלוירענער, צעפלאָמטער. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און זיך געבעטן:

— עוואַ, טייערסטע, מיר האָבן נאָך גישט... כ'בין אַזוי אויסגעבענקט, כ'האָב דיר אַזוי פיל צו זאָגן.

אַזוי פיל ווי איצט האָט ער איר נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט, זי, עוואַ, האָט אַזוי געוואַרט אויף דעם און מוז ווייטער וואַרטן:

— נישט איצט, מיין איינציקער, אין אָוונט, געלאָזן דעם גאַנצן אָוונט פאַר דיר. איצט מוז איך מיט איר; כ'וועל איר לאָזן אויסטאָרמירן די ביכער, ספּעציעל צוגעגרייט, אַן עקספּערימענט, געזאָלט דיר אָנקלינגען. לאָז אונדז אליין.

אדאם האָט פאָרגעלייגט צו בלייבן, געבעטן זיך, ער וועט נישט שטערן, וועט קיין אכט נישט לייגן, מאכן זיך נישט זעענדיק. עווא האָט פּראָטעסטירט:

— ניין, מיין טייערער, מ'טאָר נישט. אַזוי פּאָרויסגעזען מיטן פּראָפעסאָר, געזאָלט דיר אָנקלינגען דערוועגן; זי איז האָס ערשטע מאָל אין אזא אומגעבונג, ב'מוז זען, ווי אַזוי זי רעאַגירט. לאָז אונדז, גיי, טייערער, צו זיך...

אַדאַם איז אוועק צו זיך אין צימער, עווא אין קיך. ס'האָט נישט לאַנג גענומען, ווי דורכן לאַנגן, שמאָלן קאָרידאָר, האָט פאַמעליעך מיט שווערע טריט געטראָטן לעבן עוואן אמנעזיס. זיי זענען אריין אין גרויסן צימער. אמנעזיס איז אָפּגעגאַנגען קוים עטלעכע טריט און זיך פאַרהאַלטן, ווי זי וואָלט נישט געוווסט וואָס ווייטער צו טאָן — גיין, אָדער בלייבן שטיין. איר געזיכט איז רואיק, אָפּגעפרישט, ס'דריקט אָבער אויס נייגיר און דערוואַרטונג. אין דעם באַשיידענעם, געפּאַלדיעוועטן, טונקלגרויען קלייד, א ביסל צו ברייט און צו לאַנג פאַר איר, זעט זי אויס פונקט ווייטנס, ווי א גזיר, פון דער גאָענט פאַראַט דאָס פנים: פונעם פאַרטראַכטן געזיכט, פון די שיין־פאַרקעמטע ווייסע האָר, צו וועלכע עווא האָט היינט אינדערפרי צוגעלייגט א האַנט, קוקט ארויס א מיסטעריעזע ווייבלעכקייט, אזא צעטראָטענע, באַשפיגענע, פאַרפייניקטע ווייבלעכקייט. אירע טיף־איינגעגראָבענע אויגן קוקן פרעגנדיק אויף עוואַן, זי, עוואַ, איז איר גרעסטער אָנשפּאַר אין דער אומבאַקאַנטער, באַהנלאָזער וועלט, אין דעם גרויסן כאַאָס, אין וועלכן זי באַגערט עפּעס אויסגעפינען און ווייסט נישט וואָס, און ווייסט נישט ווו איר אָרט איז אין דער משונהדי=

קער פוסטקייט פון דער אויסשפרייטעניש. אַט איז זי איינגעשרומפן קליין, די וועלט אירע, אַזוי אײַנגעשרומפן, אַז זי דערדריקט זי, און אַט שפּרייט זי זיך אויס אומענדלעך, וויברירט, טרייסלט זיך, און זי ווייסט נישט, צי גייט זי אויף א פעסטן באָדן, צי וועט דער באָדן זיך אָט-אָט אָנהייבן וואקלען אונטער אירע פיס. עווא איז אָבער לעבן איר.

עווא, אַ פארשיכורטע נאָך פון אַדאַמס צערטלעכקייטן, שמייכלט צו איר מיט ליבשאפט, וואָס צאפּלט איצט אין יעדן אבר אירן; זי פילט זיך שולדיק פאר דער קראַנקער, זי האָט מיסגעברויכט מיטן צוטרוי, האָט נישט געטאָרט לאָזן זי אליין, האָט געוואָלט אדאמען פריער מודיע זיין. און ווי האָט זי זיך געקאָנט דערלויבן איצט? אין דער צייט פון איר ארבעט? ווען דער פּראָפעסאָר האָט איר אָנגעטרויט אזאַ אויפגאבע?

אירע באקן האָבן זיך נאָך מער צעפלאמט, איבער די גלאַנציקע, גרויסע אויגן האָבן זיך אראָפּגעלאָזט שווארצע וויעס, ווי פאָרהענגלעך; זי קאָן איצט דער אמנעזטים נישט קוקן אין די אויגן. זי איז אויך אמאָל א יונגע פרוי געווען, אפשר געווען פארליבט ווי זי? געליבט געווען? אפשר געווען אמאָל גליקלעך? געהאט מסתמא משפחה, פריינד. פון דעם אַלעמען א באַרג אַש, א חורבה, אן איינזאמער שווער-קראַנקער מענטש. זי שעמט זיך איצט, עווא, פאר דער אומגליקלעכער מיט איר גליק, מיט איר גרויסער ליבע. זי האָט דער אומגליקלעכער אוועקגערויבט אזוי פיל מינוטן, וואָס געהערן איר און געשאָנקען זיי אַדאַמען, זיך גופא. דאָס הארף מען אָפּגעבן, אָפּצאָלן מיט פּראָצענטער, זי הארף זיין פאר דער קראַנקער נישט נאָר דעם פּראָפעסאָרס א געהילף, נישט נאָר אן אויפזעערין, זי דארף זיין פאר איר... זי וועט פארגיטיקן, זי וועט אין אָוונט זיך באראטן מיט אדאמען, ער האָט דאָך שוין א געוויסע פּראַקטיק, ס'איז זיין געביט, זי איז נאָך כמעט רוי אין די זאכן, אויסער איר אויפזיכט, אָבסערוואציע קאָן זי גאָרנישט טאָן פאר איר, און אויך דאָס פארנאכלעסיקט זי לעצטנס.

ווען עווא וואָלט איצט געקאָנט אָפּרייסן עפּעס פון איר יונגן, געזונטן לייב מ'זאָל עס איבערפלאנצן אין דעם צעקאליעטשעטן גוף, ווען זי וואָלט געקאָנט עפּעס צוטראכטן! זי האָט בלויז צערטלעך מיט א ציטערדיקער האַנט אַ גלעט געטאָן זי איבערן אַקסל, די רייד אירע זענען איצט אויסגעקומען ווייניקער גלאטיק, ווי געווייגלעך:

— קומט, קומט ווייטער, איר קאָנט זיך פילן... ווי ביי זיך. דאָ איז דעם פּראָפעסאָרס ביבליאָטעק. מיר וועלן די ביכער אין אָרדענונג ברענגען, אָט יענע אויפן טיש. איר האָט זיכער געלייענט אַזעלכע, קומט ווייטער.

אמנעזטים האָט מיט אויפמערקזאמקייט אויסגעהערט און געפאָלגט, אריין טיפער און אין גרויסן צימער און ווידער געבליבן שטיין. איירע בליקן האָבן זיך פארהאלטן אויפן טיש, מיט די אָנגעוואָרפענע ביכער, אויף דער גרויסער וואנט־ביבליאָטעק, געקוקט אינטענסיוו, דאָ אויפן טיש, דאָ אויף דער וואנט. ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון די ביכער, האָט זי געמורמלט:

— א סך ביכער, א סך ביכער...

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו עוואַן. דאָס פּנים איז געווען פארענדערט, ווי זי וואָלט שטארק אָנגעשטרענגט דעם מוח, געוואָלט פון דאָרט עפּעס ארויסבאַקומען. א פארטראכטע האָט זי פלעגמאטיש געזיפט די ווערטער:

— איך, איך, האָב ליב ביכער...

און באלד געפרעגט:

— וואָס דארף איך טאָן מיט די ביכער?

— דאָס, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט, איר געדענקט?

זי האָט גיך און צעשטרייט געענטפערט:

— הא? איך געדענק, געדענק.

באלד האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט:

— ניין, כ'ווייס ניט, זאָגט מיר וואָס טאָן מיט די ביכער?

עווא האָט נאָכאַמאָל אויפגעקלערט: זי דארף אָפּקלייבן לויט די מחברים, באקאנטע מחברים, זאָל זי פּרוּוון איבערלייענען, דערנאָך ארייגשטעלן אין אָט יענער לידיקער פּאָליצע, איבערלייענען אויפן שערבלאַט און אָפּקלייבן לויט די מחברים; זי האָט דאָך זיכער אַמאָל געלייענט אזעלכע ביכער, ניט אמת? וועט זי וויסן ווי אזוי אויסצוסאָרטירן.

אמנעזטים האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, שווער געווען צו וויסן, צי אויף דעם, אז זי האָט אַמאָל געלייענט אזעלכע ביכער, צי אז זי וועט די ביכער קאָנען אָפּקלייבן. עווא האָט זי ווייטער דערמוטיקט, אָנגעוויזן ווי אזוי, דערמאָנט איר: זי דארף אָנטאָן די ברילן, אנדערש וועט איר שווער

זיין צו לייענען. וואָס? זי האָט נישט די ברילן? געלאָזן דעם בייטל אין קיך? זי, עווא, וועט אַליין ברענגען דעם בייטל, אָט גייט זי און קומט גלייך צוריק, זאָל זי דערווייל זיך צוזעצן, אָט איז אַ שטול.

אַמנעזטים איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך נישט צוגעזעצט, נאָר אָנגעהויבן זיך ארומקוקן אויף אַלע זייטן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין דער לעגנלעכער, שמאָלער קאָמאָדע ביי דער צווייטער וואַנט. די בליקן האָבן זיך איינגעגעסן אין איין פּונקט, אינעם בילד, וואָס שטייט דאָרט. מיטאַמאָל האָט דאָס פּנים ביי איר אָנגעהויבן צוקן, אירע אויגן האָבן איצט געקוקט מיט פאַרוואונדערונג און איבעראַשונג, באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן גיך און די אויגן־לעכער, ווי געיאָגט פון אַ גרויסער שרעק, און אָט האָט די שרעק זיך צוזאַמענגעמישט מיט פרייד און צוזאַמען צעקרימט דאָס פּנים, אַרויסגערופן אַ גרימאַסע. די גרימאַסע האָט איר צעשפּרייט דאָס מויל, ס'האָט געוואָלט וויינען, שרייען, פרייען זיך, דאָס מויל, און געבליבן פאַרשטומט. זי האָט געמאַכט עטלעכע נערוועזע טריט צוריק, ווי ס'וואָלט זי אַ געהיימע קראַפט אַ שטויס געטאָן און זי וויל אַנטלויפן, נאָר עפּעס לאָזט זי נישט אַנטרינען, שמידט זי צו צום אָרט, ווי ס'וואָלט איר אונטערגעהאַקט די פיס. אירע אויגן האָבן זיך אומנאַטירלעך ברייט צעעפנט, רייסן זיך נישט אָפּ אויף קיין רגע פונעם בילד, קוקן מיט וואַקסנדיקער אַנגסט, מיט צער און ליבשאַפט; זי קוקט און שווייגט, נאָר דאָס שווייגעניש שרייט, פון ערגעץ טיף רייסט זיך אַ שטומער געשריי. זי כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט אין פּנים, גראָבט איין די פינגער אין די אויסגעצערטע באַקן, ווי זי וואָלט געזוכט פאַר זיך עפּעס שרעקלעכעס און צוגלייך דערפרייענדיקס. די איינגעשרומפּענע געזיכט־מוסקולן הייבן אָן אויסטערליש־קאָנוולסיוו צו צוקן, וויברירן, ווי זיי וואָלטן געענטפערט אויף סיגנאַלן — רעמיניסצענצן אין מוח, דאָס מויל האָט זיך מיטאַמאָל ברייט צעעפנט, ווי אַ געשריי צו טאָן, נאָר דער געשריי וויל ווייטער נישט אַרויס פון איר, ער בלייבט שטעקן אין האַלדז, עס קאָן בלויז קאָנוולסיוו ציטערן דאָס אָפענע מויל.

זי האָט נישט געזען און נישט געהערט, ווי עווא איז צוריקגעקומען.

עווא, אַ דערשטוינטע, אַ דערשראָקענע, האָט געוואָלט זיך באַהערשן און האָד אויסגעשריגן:

— אוי וויי! גאָט מיינער! וואָס איז אייך? וואָס קוקט איר דאָרט?

אמנעזטיסעס גוף האָט א ציטער געטאָן, עוואס געשרייען האָבן זי ארויסגעריסן פון דער פארגליווערונג. ס'האָט אויסגעזען, ווי א סטאטוע א פארגליווערטע אין ווייטיק וואָלט א צאפל געטאָן. עוואס אָנווענזנהייט האָט זי א ביסל צו זיך געבראכט, זי האָט אָבער נישט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, די אויגן געווענדט כסדר אין איין פונקט. אויפן בילד; דער רעכטער אָרעם האָט זיך אויסגעשטרעקט, א ציטערנדיקע האנט ווייזט, און פון האלדז קייקלען זיך ארויס אומקלאָרע קלאנגען, ווי ווערטער וואָלטן זיך דאָרט פארפלאָנטערט אין א קנויל, און דער קנויל ברומט מיט א קלאָג און מיט פרייד צוזאמען:

— אָ־אָ־אָ־אָ, דאַ! ד־אַ־!! חד־ד!!

זי האָט אָנגעהויבן ארטיקולירן א וואָרט:

— ד־אַ־ני־ע־ל, ד־אַ־נ־ייעל, ד־דאַ־ני־ע־לע!

זי האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין, א געוויין פון אומגעהויערן צער און פרייד, עס האָט זי געטרייסלט דער ספּאזמאטישער יאמער, ווי א שטורעם טרייסלט מיט א שוואך ביימעלע, איר שוואכער גוף האָט זיך געבראָכן, אָנגעהויבן זיך וואקלען ווי א חרובע געביידע, וואָס מ'האָט אקאָרשט אונטערמינירט און זי האלט זיך ביים צעשיטן. אז אימה האָט ארומגעכאַפּט עוואַן, אָט־אָט פאַלט זי אויף אירע אויגן; זי האָט נאָך באַוויזן זי צו נעמען אין אירע אָרעמס, איז אָבער נישט בכוח געווען אונטערצוהאלטן די נישט שווערע וואָג פון אמנעזטיסעס קערפּער; זי האָט אָנגעהויבן פאלן, ווי א בוים, וואָס איז גענצלעך אונטערגעזעגט געוואָרן. עווא האָט איר געהאָלפן בלויז נישט צו האסטיק אוועקצופאלן און נישט צעקלאפּן זיך. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר און דערזעענדיק איר פּנים, די קאָנוולסיוו ציטערנדיקע ליפּן, האָט זי אָנגעהויבן רופן נאָך הילף: אַדאַם!! אַדאַם!!

אַדאַם האָט שוין פריער געהאט אויפגעמאכט די טיר, צו זיינע אויערן זענען דערגאנגען אומרואיקע קלאנגען און געקליבן זיך אריינגיין טראָץ עוואס פארבאָט. ער איז אריינגעפאלן אין צימער, א קוק געטאָן אויף דער קראנקער און געפּרוווט שטעלן א דיאַגנאָז:

— עפּילעפּסיע־אַטאַק?

עווא האָט געבעטן איר העלפן זי אריינזעצן אין פאָטעל און גלייבציייטיק אינפאָרמירט אים:

— כ׳ווייס נישט וואָס, דאָס ערשטע מאָל אַזוי, געלאָזן זי אַליין און געטראָפֿן, אוי, ווי זי האָט אויסגעזען! מ׳דאַרף אָנקלינגען צום פּראָפֿעסאָר.

זיי האָבן זי אַריינגעזעצט אין טיפֿן, באַקוועמען פֿאָטעל, אָנגעלענט איר קאָפּ, זי האָט אָבער דעם קאָפּ אָפּגעריסן פֿון אָנהאַלט, אָנגעבויגן אים, נישט פֿון אָנמאַכט, נאָר פֿון עפּעס אַן אינערלעכן שטויס. זי איז איצט געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און האַלב אָפֿן מויל. אַדאַם האָט איר אונטערגעטראָגן צום מויל צוויי פּילן און אַ גלאָז וואַסער, עווא איז אַוועק קלינגען, אַריינגערעדט אין טעלעפֿאָן, אַליאַרמירט, געבעטן דער פּראָפֿעסאָר זאָל שוין קומען. אַמנעזטים האָט געהאָרכזאַם אַראָפּגעשלונגען די פּילן, פֿאַרטרונקען, דורשטיק געשלונגען דאָס וואַסער ביזן דנאָ, גלייכצייטיק אָנגעשפּיצט די אויערן, באַלד ווידער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום בילד אויף דער קאָמאָדע. די אויגן האָבן זיך איצט באַצויגן מיט אַ נאַסן נעפּל. זי האָט זיי פֿאַרמאַכט, דורך די אויגן־שפּאַלטן האָבן זיך דורכגעגליטשט טרערן, אַראָפּגעקייקלט זיך אין גראָבע טראָפּנס דורך די אויסגעצערטע באַקן. עווא גלעט איר ווייסן קאָפּ. זי איז רואיקער, עווא, זי האָט שוין צוויסן געגעבן, ס׳וועט נישט לאַנג נעמען און דער פּראָפֿעסאָר וועט דאָ זיין, אָבער אַדאַם האָט שוין כמעט אַ פֿאַרטיקן דיאַגנאָז: עפּילעפּסיע. זאָל נאָר עווא גענוי דערציילן ווי אַזוי ס׳איז פֿאָרגעקומען.

עווא שילדערט מיט פּרטים, זי איז איבערגענומען, אָבער רעדט שטיל:

— געטראָפֿן זי שטיין אינגאַנצן אַ פֿאַרענדערטע, געשטאַנען און אַזוי שרעקלעך געקוקט אויף דיין בילד; די גאַנצע צייט דעם קאָפּ אויסגעדרייט צו דיין בילד; אפֿשר ביסטו ענלעך געווען צו עפּעס אַ קינד. זי האָט אָנגערופֿן אַ נאָמען, כ׳געדענק נישט. כ׳מיין דיין בילד האָט זי אַזוי דערשיטערט, נאָר אויף דיין בילד געקוקט ביז זי איז אַוועקגעפֿאַלן.

אַמנעזטים האָט פּלוצלונג אויפֿגעריסן דעם קאָפּ, ווידער ברייט צעעפֿנט די אויגן, ווי עוואַס ווערטער וואָלטן זי אויפֿסניי אויפֿגעטרייסלט, זי האָט זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט, ווי נישט מיט אירע כוחות, אָנגעשטעלט די פֿאַרטרערטע אויגן אויף אַדאַמען, איבערגעטראָגן זיי צום בילד און ווידער צו אַדאַמען. אַדאַם האָט זיך דערפֿילט אומהיימלעך אונטער אירע צעגליטע בליקן. עווא האָט זיך ווידער דערשראָקן, דערזעענ־

דיק, ווי די אונטערשטע ליפּ שפּרינגט אונטער ביי דער קראַנקער, און זי, די קראַנקע, האָט מיט ציטערנדיקע ליפּן אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— זו=יי=ן? זיי=ן? ע=ר? ד=אָ=ס?

וואָס האָט זי אַוועקגעזעצט, געגלעט אירע הענט און באַרואיקט זי:

— פאַרוואָס שרעקט עס אייך? אַ בילד, זיין בילד — האָט זי געוויזן אויף אַדאַמען — ווען ער איז אַ קינד געווען. צי דערמאָנט עס אייך עמעצן?

אַמנעזיטיס האָט אויסגעשטעלט גרויסע, רונדיקע אויגן אויף אַדאַמען. זיי זענען אַזוי גרויס געוואָרן די אויגן אירע, ווי זיי וואָלטן אָט־אָט צעזעצט די אויגן־לעכער אַרויסצוקריכן פון זיי. זי האָט אַ לענגערע ווײַלע געקוקט אַ געפּלעפּטע. דערנאָך אונטערגעהויבן זיך און צוריקגעפאַלן, ווידער זיך אונטערגעהויבן, קוים געשטעלט זיך אויף די וואַקלענדיקע פיס, געמאַכט עטלעכע טריט, אויסגעצויגן די הענט און אַרויפגעפאַלן אויף אַדאַמס ברוסט. די שטים האָט זיך ביי איר איצט געביטן, אַ קינדערישע שטים האָט געפּלאַפּלט דורך טרערן און פרייד, אַזוי ווי אַ קינד אַ פאַרבלאָנדזשעטס אויף אַ וויסטע וואָלט אָפּגעפונען די פאַרלוירענע מאַמע:

— דא=ניעל, דאַ=ניע=לע, מ=יין זו=נע=לע, זון מיי=נער, זון...

אַדאַם איז בלאַס געוואָרן, אַ פּראָסטיקע קעלט האָט אים דורכגענומען. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אַ צעטומלטער, נישט געוווסט וואָס צו טאָן. די קראַנקע האָט איצט האַלוצינאַציעס, און ער דאַרף זיין דער אָביעקט פון אירע... וואָס איז אים געקומען צו הילף, לייכט אָפּגעריסן די פרוי פון אַדאַמען און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף איר אייגענער ברוסט, געהאַלטן זי אין אירע אָרעמס, גערעדט צו איר מילד:

— באַרואיקט אייך, איר דערשעפּט אייך, מיר וועלן אייך אַוועקלייגן דאָרט אויף דער קאַנאַפּע.

אַמנעזיטיס האָט אָבער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעקלאַמערט זיך מיט די הענט אין וואַזן און אָנגעהויבן פּאָרשן מיט די אויגן, ווידער געפירט זיי גיך פון אַדאַמען צום בילד, ביז זי האָט זיי פאַרהאַלטן, די אויגן, אויף אַדאַמען און אָנגעהויבן האַסטיק ארויסוואַרפן פון זיך ווערטער, ווי זי וואָלט זיך געאיילט נישט צו פאַרשפּעטיקן:

— יאָ, כ'דערמאָן מיך, כ'דערקען, מיין זכרון צוריקגעקומען, די פינצטערניש אָפּגעטראָטן, כ'דערמאָן זיך אַלץ... ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ...

ביי עוואַן האָט אויך אַ לויכט געטאָן אין קאָפּ, אין האַרץ האָט אַזוי אַ צאַפּל געטאָן, ווי עפּעס וואָלט זיך דאָרט אָפּגעריסן. זי האָט ווי אין פיבער געפרעגט:

— וואָס דערמאָנט איר זיך? זאָגט! וואָס?

— אַליין! אַליין!

זי האָט אָפּגעריסן די האַנט פון עוואַן און געוויזן דאָ אויפן בילד, דאָ אויף אַדאַמען:

— מיין יינגעלע, מיין זון!

אַדאַם האָט איצט אויסגעזען, ווי ער גופא וואָלט געווען אויף דער גרענעץ פון האַלוציגאַציעס. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דער פרוי און דעצידירט זיך צו פרעגן:

— איך? אייער זון? איך דערמאַן אייך אייערן אַ זון? ווער זענט איר?

— דיין מאַמע!

ער האָט נישט ווילנדיק געמאַכט אַן אומאָנגענעמע גרימאַסע, באַלד זיך באַפרייט פון איר און מיט אומגלייבן איבערגעפרעגט:

— מיין מאַמע?!

אמנעזטים האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ; איר פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פאָטעל אַ דערשעפּטע, אָנגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע, געזעסן מאַכטלאָז און מיט פאַרנעפּלטע אויגן געקוקט אַרום זיך. ווי גיך אירע בליקן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיטן פּאָרטרעט, האָט זי ברייט צעעפנט די אויגן, איינגעגעסן זיך מיט זיי, באַוועגט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט שטיל געפּליסטערט צו יענעם קינד.

אַדאַם האָט זייטיק אַריינגעשושקעט עוואַן אין אויער: האַלוציגאַציע. עווא האָט אָנגעהויבן זוכן איר בייטל, קוים געפונען די פּילן, וואָס זי האָט גענומען מיט זיך, אדאם האָט ווידער געבראַכט וואַסער, אמנעזטים האָט אָן אַ וואָרט צו זאָגן אַראָפּגעשלונגען, נאָכגעטרונקען; זי האָט דאָס געטאָן מעכאַניש, אַ פאַרטראָגענע ערגעץ ווייט. ס'האָבן זיך דערהערט טריט. דער פּראָפעסאָר איז אַריין אין צימער, געקומען אין אייַלעניש, זיין שטענדיק רואיק פּנים איז איצט אין שפּאַנונג, זיין גלייכע געשטאַלט האָט זיך אָנגעבויגן, ווי ס'וואָלט פּלוצלונג געפאַלן אויף זיין רוקן אַ שווערע משא.

אמנעזטים האָט נישט רעאַגירט אויף זיין אַריינקומען, זי איז איצט מיט זיך אַליין, אין זי זוכט זיך, געפינט זיך אַלעמאָל מער אָפּ, ס׳גייט איר איצט נישט אָן אפילו עווא, וואָס טרעט נישט אָפּ פון איר. אַהאַם האָט אָנגעהויבן איינפּאָרמירן:

— פּאָטער, מיר האָבן איר געגעבן...

איר שטאַרקער הוש-השמיעה, וואָס האָט זי אַמאָל מוזיקאַליש געמאַכט, האָט איר נישט איינמאָל געבראַכט שטאַרקע אויפטרייסלונגען. ביי אַמנעזטים האָט זיך איצט אַרויסגעריסן אַ משונהדיקער קלאַנג פון האַלדז, ווי אַן אויסגעשריי וואָלט אַ פּליוסקע געטאָן אין אַ שלונג וואַסער און זיך פאַרגאַנגען אין אַ גאָרגלעריי. זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געוואַלד אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אַדאַמען, דערנאָך צום פּראָפעסאָר און דערשיטערט געפרעגט:

— פּאָאָ-טער? וועמענס?

אַלע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, געפּלעפּטע, אויפגעטרייסלטע. אַמנעזטים האָט דאָס מאָל איבערגעריסן דאָס שווייגן און אָנגעוויזן אויף אַדאַמען:

— הער פּראָפעסאָר, מיין זון, מיינער! איך דערקען, זעט, דער שראַם אויף דער גאָמבע, אַ קלײנטשיקער געוועזן, געפאַלן, פון דעמלט אָן... איך, איך דערמאַן מיך אַלץ.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער קאָמאָד און געוויזן:

— מיין ייִנגעלע, מיין דאַניעלע, געפונען, מיין זכרון צוריקגעקומען, איך געדענק, איך...

זי האָט זיך פאַרהאַקט, ווי ס׳וואָלט איר פאַרפעלט אָטעם, געמאַכט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געקאָנט באַדייטן, אַז אי זי וויל זיך אויפהייבן, אי זי מאַכט אַן אָנשטרענג נאָך עפּעס צו זאָגן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט ערשט איצט געעפנט דאָס מויל, געווענדט די ערשטע ווערטער צו איר, פּאַמעלעך, געלאַסן:

— פרוי אמנעזטים...

זי האָט אים איבערגעריסן, ווי דער אַרויסגעזאָגטער נאָמען אירער וואָלט זי אַ שטאַרקן שמיץ געטאָן. זי האָט זיך אויפגעריסן און פּראָטעסטירט:

— אמנעזטים, אַמנעזטים, וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען! נישט מיינער, כ׳הייס, כ׳הייס...

זי האָט זיך ווידער פאַרהאַקט, דאָס מאָל, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז דאָס וואָס זי ציט אַרויס פונעם צוריקגעפונענעם זכּרון גאַרט זי נישט אָפּ. נאָך אַ ווײַלע האָט זי מיט אַ שטילערן טאָן מודיע געווען:

— כ'הייס רעבעקאַ...

זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— רעבעקאַ, רעבעקאַ, כ'בין רעבעקאַ זאַקשטיין.

זי האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און פּרעציזירט:

— פּראָפעסאָר זאַקשטיין, דאָקטאָר פילאָזאָפיע, פּראָפעסאָר פון לאָגיק, לאָגיק, לאָגיק, דערנאָך געווען האַרט, געווען אַ... אַ קרוליק, דער־נאָך... כ'ווייס נישט ווי אַזוי...

דרײַ פּאָר צעשראָקענע אויגן האָבן דיסקרעט געקוקט אויף איר. אירע אויגן האָבן איצט אויף קיינעם נישט געקוקט, אין זיך נאָר, ערגעץ טיף אַרײַנגעקוקט, געזוכט און געגנישטערט; זיי האָבן איצט אויסגעזען שגעוודיק, די אויגן אירע. זי האָט זיי מיטאמאָל געווענדט צום פּראָפע־סאָר און מיט דער האַנט געוויזן אויפן פּאָרטרעט:

— מײַן קינד, מײַן ייִנגעלע, אָט דאָרט, ער האָט צוריקגעבראַכט מיר דעם זכּרון.

זי האָט איבערגעטראָגן די אויגן אויף אַדאַמען. איר בלאַס, אויס־געצערט פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ פלאַמיקער ראָזקייט, מיט יענעם קרענקלעכן פלאַם, וואָס ציגדט אָן דאָס געזיכט, ווען דאָס געמיט איז דערשיטערט. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ:

— נישט אײַערער, הער פּראָפעסאָר, מײַן זון, מײַנער.

זי האָט דערזען לעבן זיך דעם פּאָטעל און אַוועקגעפאַלן, ווי אַן אומטערגעשאָסענע. די ווערטער האָבן אויסגעזויגן אירע שוואַכע כּוחות, זי איז געבליבן מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט, אָנמעכטיקע, ווי אָפּגעדאַרטע צווײַגן בײַ אַן אָפּשטאַרבנדיקן בוים. די אָפענע אויגן האָבן איצט אויס־געזען ווי אויגן בײַ אַ גוסס.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געהערט שטיל, אָבער אין זײַן שטים האָט זיך געפילט אַן אײַנגעהאַלטענער ציטער. ער האָט קורץ אויס־געפרעגט עוואַן, דערנאָך זיך געווענדט צו אַדאַמען:

— דערקענסט עמעצן אין דער פרוי?

אַדאַם, נאָך אַלץ אַ בלאַסער, אַ צעטראָגענער, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט: ניין, ער דערמאָנט זיך נישט, זי זאָל ענלעך זיין... ער דערקענט נישט. דער נאָמען? אפשר געהערט אַמאָל אַזאַ נאָמען, ער געדענקט נישט, ס'זאָגט אים גאָרנישט, די פרוי דערמאָנט מיט גאָרנישט זיין מאַמע.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט גענומען דעם פּולס פון דער קראַנקער, דערנאָך אָנגעבויגן זיך איבער איר. עווא האָט אונטערגעטראָגן אַ שטול. איצט זענען זיי פּנים אל פּנים, אירע אויגן זענען געוואָרן לויטערער, זיי האָבן איצט געקוקט מיט געבעט. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט איר געוואָלט געבן זיכערקייט:

— פרוי זאַקשטיין, אייך איז איצט נייטיק רו. מיר וועלן אייך אַריבערפירן אין אַנשטאַלט, אין אייער צימער, דאָקטער שטערן וועט בלייבן מיט אייך. באַלד וועט קומען אַ קאַרעטקע, שפּעטער וועט איר אונדז דערציילן, ווו איר האָט געלאָזן אייער קינד. אייך דוכט זיך, אַז דער יונגער מענטש, דער יונגער דאָקטער איז אייער זון. איר וועט זיך דערמאָנען און אונדז זאָגן ווו, אין וועלכע אומשטענדן, ביי וועמען איר האָט געלאָזן אייער יינגל. איך בין גליקלעך, כ'וועל שפּעטער אַרייננקומען אייך אויסהערן.

זי האָט זיך אונטערגעהויבן, ווי אַ פלעמל פון אַ צאַנקענדיק ליכט גיט זיך ראַפּטעם אַ הייב אין דער הייך, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, די ליפּן האָבן ווידער אָנגעהויבן ציטערן:

— נישט שפּעטער! איצט! איצט!

זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט גרייט געווען צו פאַרטיידיקן עפּעס, וואָס מען וויל ביי איר צוריק אַוועקנעמען. דער האַלדז האָט אויסגעטרוקנט. זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם גלאָז. עווא איז געלאָפן ברענגען צו טרינקען. זי האָט געטרונקען גיריק, געקוקט אין גלאָז, ווי אין פרישן געטראַנק וואָלט זי געזוכט אַן עק פון פאַרפלאָנטערטן קנויל, וואָס האָט אַקאָרשט נאָכגעלאָזן און זי מוז ווייטער אויפפלאָנטערן, אָנהויבן שוין איצט, אויס מורא ס'זאָל זיך ווידער נישט צונויפמענגן, ס'זאָל צוריק נישט אויסוועפּן פון איר זכרון, פון איר דמיון:

— נישט שפּעטער, איצט, כ'וועל דערציילן, באַלד, וואַרט צו, לאָזט מיר, כ'וועל...

זיי האָבן געוואַרט, געשטאַנען אַרום איר און געשוויגן. זי האָט לאַנג אויף זיי געקוקט. אויף יעדערן באַזונדער, ווי זי וואָלט יעדערן פון זיי צום ערשטן מאָל געזען. זי האָט עטלעכע מאָל אָנגעהויבן און אָפּגע־האַקט, לסוף, ווי זי וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אין עפּעס, וואָס האָט זיך כסדר געריסן, איבערגעחזרט פאַרן פּראָפעסאָר דאָס, וואָס זי האָט שוין גע־האַט דערציילט:

— איך געדענק איצט, דערמאָן מיר אַלץ, אין מוח האָט זיך אָנ־געצונדן אַ ליכט, צעטריבן די פינצטערניש, כ׳זע, כ׳זע אַלץ, אַלץ, צו־ריקגעקומען אין קאָפּ, ס׳איז געווען, ס׳איז...

זי האָט געקנייטשט מיטן שטערן, געזוכט, גענישטערט אין מוח, געוואָלט דערציילן גענוי, מיט אַ סדר:

— באַלד, באַלד, ס׳איז געווען, יאָ, איך דערמאָן זיך, אין 1942, אין געטאָ, זומער, יאָ, זומער איז דאָס געווען, מ׳האָט אַרויסגעפירט אויפן בית־עולם אַלע מיינע, דערנאָך, דערנאָך, נאָך אַן אַקציע, נאָך אַן...

זי האָט זיך פּלוצלונג געווענדט צום פּראָפעסאָר:

— איר ווייסט, הער פּראָפעסאָר, וואָס דאָס איז געווען אַן אַקציע? אין געטאָ אַן אַקציע?

ס׳איז געווען אַ רעטאָרישע פראַגע, זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ווער ווייסט, צי זי האָט געזען, צי נישט, ווי דער פּראָפע־סאָר שאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט געווענדט די אויגן צו דער שמאָלער קאָמאָדע, צום בילד, געוויזן מיט דער האַנט:

— אַזוי ווי דאָ איז ער דעמלט געווען, מיין האַניעלע, אַ ביסל גרע־סער, אויסבאַהאַלטן געווען מיט אים אין קעלער, דערנאָך די ניאַניע גע־קומען, זיין ניאַניע. ווי האָט זי געהייסן? וואַרטס, וואַרטס: יאַנ... יאַנינע, קורעק, יאַנינע קורעק, אַן איבערגעגעבענע געווען, ס׳האָט זיך געמאַכט אַ דורכגאַנג, פאַר געלט. יאַנינע האָט געוואַרט, כ׳האָב געוווסט, מיין קינד לעבט, דערנאָך, דערנאָך...

זי האָט זיך געוואָלט צוריקקערן אָנצוגעבן נאָך פּרטים, געפּרוווט אַרויסיאָגן דעם נאָמען פון דאָרף, נאָר די צונג האָט זיך איר אָנגע־הויבן פּלאָנטערן ביז ס׳איז טרוקן געוואָרן אין האַלדז; זי האָט אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם מיט אַ שלוקערץ און שטיל געוואָרן.

דאָס פּלעמל כוח, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין איר, האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט. זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און פאַרמאַכט די

אויגן, די אויגן-שפּאַלטן זענען פּייכט געוואָרן, קיין גראָבע טראָפּנס האָבן זיך איצט פון זיי נישט אַרויסגעקייקלט, זיי האָבן אויסגעטרוקנט.

אַדאַם איז איצט געשטאַנען פונדערווייטנס. ער האָט מעכאַניש, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, הערווייטערט זיך אַ ביסל פון דער קראַנקער און געבליבן שטיין אַ טויט-בלאַסער. דער פּלאָנטער רייד פון דער פרוי איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן, ווי אָפּקלאַנגען פון אַן ערדציטערניש, וואָס האָט אים אַמאָל שיעור נישט איינגעשלונגען. ער האָט געהערט אַ פאַרשטומטער, אַ פאַרגליווערטער, ווי די כאַאָטישע ווערטער וואָלטן ביי אים איבערגעהאַקט דעם אָטעם; בלויז די אויגן, וואָס האָבן זיך איינגעגראָבן טיפער אין די אויגן-לעכער, האָבן געברענט מיט אַן אומהיימלעכן ברען. פּראָפעסאָר אַנדריטש איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו אים, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל און מודיע געווען אַזוי, אַז די אַנדערע זאָלן הערן:

— אַלץ שטימט: דיין מוטער.

עוואַ האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און דיסקרעט אויסגעווישט די אויגן, דערנענטערט זיך צו דער ערשטער פּאַציענטקע אירער און אַרויפגעלייגט אירע ליפּן אויף יענערס ווייסע האָר. אַדאַם איז ווייטער געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט; ער האָט נישט געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן. עוואַ האָט, ווי שטענדיק, אים אַרויסגעהאָלפן, מיט אַ ווונק אים צוגערופן און אַ שעפּטשע אים געטאָן אין אויער. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו די אויסגעטרוקנטע, ביינערדיקע הענט און שווייגנדיק געקושט זיי.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געוואָלט לאָזן זיי אַליין, איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט; אויך ער האָט זיך געניייטיקט צו בלייבן מיט זיך אַליין.

## XVI

נאָטאַן צימערמאַן האָט פֿון לאַנג שוין געקליבן זיך באַזוכן די שוועסטער, נישט אַזוי די שוועסטער, ווי דעם שוואָגער. די אַנדערטהאַלבן שעם זענען די איינציקע משפּחה, וואָס איז אים פֿאַרבליבן. און די עלנטקייט הייבט אָן זויגן דעם מאַרך פֿון די ביינער. זאָגט ער צום שכן: „ציט זיך אַראָפּצוכאַפּן צו דער משפּחה“. פֿון זאָגן ביז טאָן איז אָבער בײַ אים אַ גרויסער מהלך, בפֿרט, אַז דער מהלך צו דער משפּחה איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג.

זעט אָבער דער שכן, אַז דער לייוונט אויף דעם מאָלבערט איז אומגעהרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, דער כאַלאַט, וואָס האָט דעם קאָליר פֿון אַלטקייט און איז שטײַף, ווי אַ בלעך, הענגט אויפֿן גרויסן טשוואָק לעבן פֿענצטער, איז אַ סימן, אַז נאָטאַן קאָן מער דעם פּענדזל אין האַנט נישט האַלטן און קלײַבט זיך צו דער משפּחה. דאָס באַדײַט נאָך נישט, אַז אָט שוין לויפֿט נאָטאַן צימערמאַן צו דער באַן נאָך אַ בילעט און פֿאָרט. אַ באַשלוס, וואָס ער נעמט אָן מיט גרויסע שוועריקייטן און וואַקלענישן, דאַרף זיך אויסשטיין, רײַף ווערן, דערנאָך הייבט ער אָן זיך צו שלאָגן מיט דער דעה: פֿאָרן מיטן בײַנאַכטיקן צוג, צי מיטן אינדערפֿריענדיקן? מאָרגן, צי איבערמאָרגן? אַזוי גייען אָפּטמאָל דורך טעג ביז ער קומט צו אַ שטיקל טאָלק מיט זיך און לאָזט זיך אין וועג, וואָס האַלט אַ וואָסערע 400 קילאָמעטער.

דאָס מאָל זענען אַזעלכע לאַנגע וואַקלענישן נישט געווען, אַ ידיעה האָט צוגעאײַלט די נסיעה.

די אַנדרישעס באַזוכט ער אײנמאָל אין אַ יובל, אָבער אַז ער פֿאָרט שוין, פֿאָרט ער צו זײ גערן, נישט אַזױ צו דער שװעסטער, װי צום שװאָגער — זאָגט ער. פֿאַר קײנעם קאָן ער אַזױ נישט אױפֿדעקן זײנע ספֿקות און דאגות, אַרױסלײגן די טענות צו דער װעלט, װי פֿאַרן שװאָגער. און ער, דער שװאָגער, הערט אים אױס, זאָגט אים קײנמאָל נישט קײן מוסר, װאַרפֿט אים נישט פֿאָר זײנע משוגעדיקע פּירעכצן און גיט נישט, װי די שװעסטער, קײן עצות צו װערן „מיט מענטשן גלײך“. אַפֿילו אין דער עת־צרה, בעת מ'האָט געדאַרפֿט נאַטאַנען ראַטעװען דאָס לעבן, האָט דער שװאָגער קײנמאָל אים נישט אױסגעשטראָפֿט פֿאַר זײנע אומפֿאָרזיכטיקײטן און אומגעלומפּערטקײטן, פֿאַר װעלכע די אַנדרישעס האָבן געקאָנט באַצאָלן מיטן קאָפּ. פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט זיך דעמלט באַצױגן צו אים, װי צו אַ באַדראָט, פֿאַרלױרן קינד, װעלכן מ'דאַרף אונטערדרוקן אַ שפּילצײג, װאָס קאָן עס אַבסאָרבירן אַזױ װײט, ס'זאָל נישט דאַרפֿן צוגײן צום פֿײער, װאָס ברענט דערנעבן. פֿון אונטער דער ערד האָט ער דעמלט אױסגעפֿונען צײכן־מאַטעריאַלן, װאַסערפֿאַרבן, אַז דער צעטראָגענער און אומפֿאָרזיכטיקער שװאָגער זאָל זיצן אין איזאָלירטן, זײטיקן צימערל פֿון דער קלײנער װױנונג, װו די אַנדרישעס האָבן זיך איבערגעטראָגן נאָכן ערשטן יאָר מלחמה.

מיט גרױסע צרות איז דער שװעסטער דעמלט אָנגעקומען אײנצושאַפֿן דעם ברודער אַרישע פּאַפּירן און „אײנקװאַרטירן“ בײ זיך. נישט װײניקער צרות איז זי אױסגעשטאַנען דערנאָך. די אַרישע פּאַפּירן זענען פֿאַר נאַטאַנען געװען אַ קנאַפּע באַװאָרעניש, זײ האָבן זיך נישט געפּאַסט צו זײן ײדיש אױסזען; דער „שלעכטער אױסזען“, די תנועות זײנע האָבן אָנגעהױבן צופֿיל װאַרפֿן זיך אין די אױגן. זאָפֿיע האָט זיך אָפּגעגעסן מיט אים די גאַל, אױסהיטנדיק אים ער זאָל עמעצן נישט אַרײנפֿאַלן אין אױג, אָדער װאַרפֿן אַ חשד אױף זײער הױז. האָט זי אים געכאַפּט, װי ער בױגט אָפּ דעם געדיכטן פֿאָרהאַנג און קוקט אַרױס אין דרױסן, איז זי אַרײנגעפֿאַלן אין גרימצאָרן. דער מאַן איר, דאַקעגן, איז געפֿאַלן אױף אַן אַנדער המצאה: אָן אַ װאָרט צו זאָגן צוגענאָגלט פֿון אַלע זײטן דעם פֿאָרהאַנג מיט שטיפֿטן צו דער װאַנט אַרום פֿענצטער. נאַטאַן איז פֿון דעמלט אָן צום פֿענצטער מער נישט צוגעגאַנגען.

ער האָט אָבער נישט אױפֿגעהערט אַרומצושפּאַנען איבערן צימער, נישט געקאָנט אײנזיצן, ס'האָט אים אונטערגעהױבן, װי ער װאָלט גע־

זעסן אויף הייסע קוילן. און זאָפיען האָט זיך געדוכט, אַז זייַנע טריט, יעדע באַוועגונג זייַנע הילכט אָפּ איבערן גאַנצן הויז. אַז ס'האָבן זיך אָפּגערופן בייַ אים פון אַמאָל די אייטער־מאַנדלען און די האַלדז־אָנצינדונג האָט אים געצוווּנגען צו בלייַבן אין בעט, האָט זי געבעטן גאָט די חלאת זאָל אָנהאַלטן וואָס לענגער. אויף צו להכעיס איז ער גיך געזונט געוואָרן און ווידער געדרייט זיך איבער דער וווינונג, ווי אַ פאַרשפאַרטע חיה אין אַ שטייַג, וואָס זוכט אין פאַרצווייפלונג אַ וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער פרייַ. ער האָט וועגן דער פרייַ נישט געטראַכט, וועגן זיך און דער שטוב, וואָס האָט אים אויפגענומען, בכלל נישט געטראַכט. ער האָט נאָר באַגערט זיך אַרויסצובאַקומען און זיך לאָזן אין וואַלד, דאָרט וווּ מ'קאָן זיך שלאָגן, ווי אַנדערע. ער האָט געפּרוּווט כאָטש אויסדינגען בייַ דער שוועסטער, זי זאָל אים באַשעפטיקן אויף די אומלעגאַלע אוניווערסיטעטן, זאָל ער כאָטש נישט זיצן אינגאַנצן אָפּהענטיק, ער וועט דערווייַל לערנען צייכענען, זי, די שוועסטער, זאָגט האָך, אַז מיט דעם שטעלט מען זיך אויך קעגן דעם שונא.

זאָפיען פלעגט יעדעס מאָל טרוקן ווערן אין האַלדז רעדנדיק צו אים, ביז זי האָט געפונען אַ מיטל אים אָפּצושרעקן: אויב ער וויל, וועט זי אים אויך מאַכן פאַר אַ בלאָנדן, זי וועט אים אָפּפאַרבן די האָר, ווי זי האָט אָפּגעפאַרבט אירע, און מ'וועט זען, צי זייַן „שלעכטער אויסזען" וועט זיך פאַרבעסערן. ער האָט נישט געוואָלט; מילא, אַז אַנדערע הערן צו זיך, וועט ער אָבער אַליין מאַכן פון זיך חוזק!

די שוועסטער איז געווען צופרידן פון ברודערס אָפּזאָג און ווייטער פאַרן אַרויסגיין אים אָנגעזאָגט נישט דערוועגן זיך צו פאַרלאָזן די שטוב, נישט אַרומשפּאַנען איבער דער וווינונג; מ'דאַרף נישט הערן קיין טריט, ווען זיי זענען נישטאָ. נאָך די אַלע אָנזאָגענישן האָט זי זיך יעדעס מאָל צוריקגעקערט מיט אַ האַרצקלאַפּעניש. איז איינמאָל איר האַרצקלאַפּעניש נישט אומזיסט געווען: זי האָט זיך אין אַ זומערדיקן פאַרמיטאָג צוריקגעקערט און געטראָפן די וווינונג ליידיק. ער איז אַוועק, מיטגענומען די אַריישע פאַפּירן מיט אַ ביסל געלט און געלאָזן אַ צעטעלע: זאָל מען אים מוחל זייַן, ער קאָן מער נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, ער גייט אין וואַלד, ער קען דעם וועג, קיין אַנדערער איז פאַר אים נישטאָ.

זאָפיע האָט מיט אַ שוועבעלע אויף גיך דאָס צעטעלע אונטערגעצונדן און אין איר האָבן זיך צעצונדן צאָרן און שרעק. ס'האָט איר גע=

שווינדלט פאַר די אויגן, דאָס ברענענדיקע צעמעלע האָט זיך איר אויסגעמאָלן, ווי די ביימער פון וואַלד וואָלטן געברענט.

צום וואַלד איז באַטאַן נישט דערגאַנגען, כאָטש דער וועג מיט דער באַן איז דורך בשלום און אָפּגעטיילט האָבן אים בלויז עטלעכע דערפער און פעלדער. דער וואַלד האָט פונדערווייטנס צו אים אַפּערגעקוקט. די געגנט, די דאָרפישע וועגן ליגן אים ממש אויף דער הלאָגיע, נישט איינמאָל איז ער אַהער זומער געקומען מאָלן אויף פּלענער. ער האָט אָבער די דאָרפישע וועגן אויסגעמיטן, פאַרנומען זיך מיט די באַקאַנטע סטעזשקעס פון פעלד, וואָס שלענגלען זיך צווישן געדיכטע קוסטעס. אַז ער זאָל דאָ אָנטרעפן אויף א באַנדע פאַסטוכער־יינגלעך איז אים נישט איינגעפאַלן, ס'האָט אים אמאָל דאָ אויסגעזען פוסט און לער; איצט האָבן די געדיכטע הויכע קוסטעס פאַרשטעלט די עטלעכע שיטער־צעוואָרפענע קליינע סטאַדקעס בהמות. צו זייַנע אויערן האָט זיך פלוצלונג דערטראָגן א מעקען פון א קו, ווי די פירפיסיקע באַשעפעניש וואָלטן אים געוואָלט וואָרענען פאַר די צווייפיסיקע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען זיך אַרומגערינגלט, ווי מ'וואָלט אָנגעשטעלט אויף אים א נעץ. ער האָט זיך צוגעגעבן הארץ: ער האָט דאָך אַרישע פּאַפּירן! די פאַסטוכער־יינגלעך האָבן אָבער נישט געוואָלט הערן און געדענקען פון קיין אַרישע פּאַפּירן. פונדעסטוועגן זענען זיי איינגעגאַנגען אויף אן אויסטויש: זיי לאָזן אים דאָס לעבן און ער לאָזט זיי דערפאַר אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט. האָט באַטאַן, נאָכדעם ווי ער האָט צוגענומען פון זיי א היפּש ביסל סטוסאַקעס, אָפּגעגעבן דאָס קליינע ביסל פאַרמעגן. צום געלט האָט ער צוגעלייגט דאָס גאָלדענע זייגערל, די חתונה־מתנה פון זייַנע שוויגער־עלטערן, די שטענדיקע פעדער און די מאַרינאַרקע. די שיך האָט ער אָפּגעדונגען, נאָך דעם לעדערנעם פּאַסעק פון די הויזן — נישט, ס'האָט דעם עלטסטן פון זיי דער פּאַסעק געפעלן.

נאָך עטלעכע טעג איז באַטאַן א דערשלאָגענער, הונגעריקער, אין די בלויזע הויזן, אונטערגעגאַרטלט מיט צוזאַמענגעבונדענע נאָז־טיכלעך, צוריקגעקומען. ס'איז געווען פריער מאָרגן, ווען ער האָט ווי א בעטלער שטיל־שטיל אָנגעקלאַפּט, אַרייַנגעשלייכט זיך ווי א שאָטן און לאַנגע טעג געזעסן איינגענוירעט אין זייַן קאַמער א שווייַגנדיקער, ס'איז שווער געווען א וואָרט פון אים אַרויסצובאַקומען, ערשט שפּעטער האָבן זיך די אַנדריטשעס דערוווּסט עטלעכע אייַנצלהייטן וועגן זייַנע פּעריפּעטיעס, זיי האָבן זיך אָבער

משער געווען, אז אלץ האָט ער נישט דערציילט, כאָטש זאָפיע האָט אים געצויגן פאַר דער צונג. אונטער פיר אויגן מיטן מאַן האָט זי געזאָגט, אַז דער ברודער האָט האָס מאָל געהאַט מער מזל, ווי שכל.

די קאָנפליקטן צווישן דער שוועסטער און ברודער האָבן אָנגעהאַלטן אויך שפּעטער. זאָפיע האָט געוואָלט ער זאָל אָנהייבן „לעבן, ווי אַ מענטש“, קודם זיך צוריק איינאָרדענען. — דאָ וועל איך שוין קיינמאָל זיך נישט איינאָרדענען — האָט נאָטאַן געענטפערט. — ווו דען? — האָט די שוועסטער געפרעגט. — כ'ווייס נישט, כ'וועל אַ טראַכט טאָן, כ'וועל זיך ארומזען.

אזוי טראַכטנדיק און ארומזעענדיק זיך איז ער פארבליבן אין דער פּראָווינץ־שטאָט און פירט אן איינזאַם לעבן. און אז מען לעבט פון טאָג אויף טאָג „לוינט זיך נישט“ אפילו אין אָרדענונג צו ברענגען די וווינונג, וואָס באַשטייט פון אַ גרויס אומגעלומפערט צימער, צוגעפאַסט פאַר אן אַטעליע.

איינגעקוואַרטירט האָט ער זיך דאָ צופעליק, אויף דערווייל, בעת ער איז זומער געקומען צו אַ באַקאַנטן מאָלער, געוואָלט זיך אָפּרוען, אַנט־לויפן ערגעץ. דער באַקאַנטער איז אין צווישנצייט אַוועק, און אויף דערווייל, און דערווייל געלאָזן אים די וווינונג. דאָס האָט אים אַ ביסל פאַרהאַלטן; ער האָט געטרוימט צו האָבן אן אַטעליע, וווּ מען זאָל זיך קאָנען אַ ריר טאָן, מיט אַ גרויס פענצטער אויף צפון. פאַרהאַלטן האָט אים אויך דער שיינער ים־אויסגוס, די פּיטאָרעסקע שיינע געגנט, און דער שכן פון ערשטן שטאָק, וועלכן ער האָט איבערגענומען בירושה צוזאַמען מיט דער אַטעליע. ער, דער שכן, אַ נישט דערגאַנגענער אַר־כיטעקט און אַ פאַרוואַלטער אין אַן אָפּרו־הויז פאַר אויסלענדישע געסט, האָט, זינט נאָטאַן האָט אים געמאָלן זיין פּאָרטרעט, אויסגעפונען אין אים אַ הייגטצייטיקן רעמבראַנדט, געוואָרן זיינער אַ הייסער חסיד און אַ מעצענאַט און געבראַכט פון צייט צו צייט צו שלעפּן צו אים אַ קליענט אויף צו מאַכן אַ פּאָרטרעט, אָדער צו קויפן אַ בילד. קיין סך פּרנסה איז דערפון נישט געווען, נאָר אין נאָטאַנען האָט זיך צו ביסלעך אָפּגערופן דער אַמאָליקער פּאָרטרעטיסט און ער האָט אריינגערעכנט אין דער פּרנסה אויך די אומזיסטע מאָדעלקע.

מיט מאָדעלקעס האָט ער אַמאָל אזוי לאַנג געהאַט צרות, ביז ס'איז אים אונטערגעקומען אַ מאָדעלקע, וואָס איז געוואָרן זיין פרוי און פאָ־

זירט צו אַלע בילדער. אין אַלע זיינע לייוונטן איז געווען די געשטאַלט פון זיין פרוי, וויניקסטנס דער פראָפיל, די אויגן, א באַוועגונג, די שטריכן אירע. אַלע יענע לייוונטן זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט דער מאָדעלקע. אין אים גופא איז אויך עפּעס אומגעקומען, זיין אַמאָליקע מאָלעריי און זיין פּאַסיע צו פּאָרטרעטן.

נאָך איין אומזיסטע מאָדעלקע האָט ער אַמאָל געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע: זיין יינגסטע שוועסטער. זי איז אָבער דערנאָך געוואָרן די פרוי פון יאַנוש אַנדריטש און מער נישט פּאָזירט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געהאַט באַדויערט פון יענער צופעליקער באַקאַנטשאַפט.

געווען איז דאָס מיט איבער 35 יאָר צוריק. נאַטאַן ציטערמאַן איז אין א הייסן, זומערדיקן פאַרנאַכט געשטאַנען אויף דער קליינער אַלט־מאָדישער וועראַנדע פון זיין פאָטערס הינטערשטאָטישער הייזקע ביי א מאָלברעט און געפירט דרייסט מיטן פענדזל איבערן לייוונט. ער איז געווינט געווען צו לייגן די פאַרב מיט ברייטע, ספּאָנטאַנישע באַוועגונגען, ביים סוף איז די באַוועגונג געוואָרן א לייכטע און דעליקאַטע. ער האָט שוין געהאַלטן ביים סאַמע סוף. פון דער דיסקרעטער נאַמע וואַרעמען ברוין, באַלויכטן מיטן ראָזעלעך־גאָלדענעם פלעק פון פנים, האָט זיך אַרויסגעהויבן דער יונג־מיידלשער פּאָרטרעט באַהויכט מיט רוח־ניותדיקייט. פאַר דעם מאָלברעט, זייטיק, איז אויף א טישל געזעסן אַן 18־יעריק מיידל, דעם קאָפּ נאַכלעסיק אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט פון מידקייט, די אויגן געווענדט ערגעץ אין דער ווייט, פאַרקוקט טרוימעריש. ס'איז נישט געווען קיין געמאַכטע פּאָזע. דער ברודער האָט זי שוין געהאַט צו לאַנג געהאַלטן אויפן טישל, און זי, א מידע, א פאַרטראַכטע, האָט זיך איבערגעטראָגן ערגעץ מיט אירע מיידלשע טרוימען. נישט זי, און נישט דער ברודער, דער אייפערדיקער פּאָרטרעטיסט, האָבן באַמערקט, ווי פונדערווייטנס אַנטקעגן הויז, אויפן שמאָלן וועג, וואָס פירט צום וואַלד, האָט זיך פאַרהאַלטן א הויכער, יונגער מענטש.

וואָס האָט דעמלט צוגעצויגן זיין אויג? דאָס יונגע, שיינע מיידל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט זי אויפגעצוווּנגען צו פּאָזירן, אָדער דער מאָלער, וואָס האָט מיט פּאַסיע געמאָלן, פירנדיק די אויגן פון מאָדעל צום לייוונט, דאָ א קוק אויפן מיידל, דאָ א פיר מיטן פענדזל? ס'איז מסתמא קענטיק געווען, אַז דער מאָלער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס,

אוועקגענומען ביי דעם יונגן מיידל אין אזא שיינעם טאָג שיינע עטלעכע שעה. זאָפיע האָט מער נישט אויסגעהאַלטן, צעבונטעוועט זיך און אראָפּ ראַפּטעם פון דער וועראַנדע. דער אייפערדיקער פּאָרטרעטיסט, וואָס האָט פּונקט געהאַלטן אין אויסענדיקן דאָס ארויסבאַקומען פון דער העליער גאָלד-פאַרב די שטריכן פון איר צאַרט און רוחניותדיק געזיכט, האָט אין פאַרצווייפלונג זי אויסגעשטראָפט. ערשט דעמלט, ווען ער האָט אַן אויפגעבראַכטער די שוועסטער צוריקגערופן, האָט ער באַמערקט דעם יונגן דאָקטער אַנדריטש, וואָס האָט שוין געשטמט אין זייער שטאָט. כאָטש ער פלעגט בלויז פון צייט צו צייט קומען באַזוכן זיינע עלטערן. נאַטאַן האָט זיך פאַרלוירן און פונדערווייטנס אַ שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ. דער יונגער דאָקטער האָט זיך פאַרנייגט, זיך דערנעענטערט און באַוווּנדערט דאָס בילד. ער האָט וועגן מאָלער געהאַט געהערט, געזען אייניקע פּאָרטרעטן; זיין מוטער, די קונסט-ליבהאָבערין, שאַצט הויך זיין קונסט, זי וואָלט צופרידן געווען ער זאָל מאָלן אירן אַ פּאָרטרעט.

נאַטאַן האָט אים פאַרבעטן אין הויז, געוויזן אַנדערע בילדער. פאַר דער יידישער שטוב איז דער אומגעריכטער באַזוך געווען אַ גרויסער כבוד. נאַטאַנס מאַמע האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיטן חשובֿן גאַסט, דעם זונס בילדער זענען אויך חשובֿער געוואָרן, און זי האָט אַנדעריש נישט געוואָלט, די מאַמע זיינע, נאָר דער הויכגעשטעלטער גאַסט זאָל זיך באַקענען מיט איר געלערנטער טאָכטער: זאָפיע האָט נאָרוואָס געהאַט געענדיקט די גימנאַזיע, און די מאַמע וואָלט איינגעגאַנגען זי זאָל פאָרן אין דער גרויסער שטאָט שטודירן, נאָר צי ווייסט זי, צי זי וועט אָנגענומען ווערן? צי זי וועט זיך אַן עצה געבן? און ווי לאָזט מען דאָס אַ מיידל אַליין אין דער וועלט, אַז מען האָט דאָרט קיינעם נישט?

זאָפיע האָט זיך שיעור פאַר חרפּה נישט באַגראָבן, געמוזט האַלטן גאַסטפריינדלעכקייט און געשוויגן, דער מאַמען אירער האָט זי דערנאָך נישט געקאָנט מוחל זיין, איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי האָט דערציילט מעשיות אַ פרעמדן מענטשן, וואָס זיי גייען אים אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. וואָס וועט ער טראַכטן וועגן זיי? שטענדיקע וויינערס און קלאָגערס!

דער גאַסט האָט אָבער וועגן זאָפיעס מאַמע שלעכטס נישט געטראַכט. ער האָט איר דעמלט דיסקרעט צוגעזאָגט צו העלפן און דערנאָך געהאַלטן וואָרט.

דערווייל האָט נאַטאַן אין עטלעכע טעג נאָכן באַזוך באַקומען אַן איינלאַדונג. ער איז געגאַנגען מיט האַרציקלאַפּעניש און צוריקגעקומען מיט אַ שׂמחה: דער געלערנטער דאָקטער האָט אין אַנוועזנהייט פון זיין אַלטער מוטער פאָרגעלייגט צו מאַכן איר פאָרטרעט צו איר 60־טן געבוירנטאָג. ער האָט געוווסט, דער זון, אַז דער האַלב־פּאַראַליזירטער בלייבט שוין נישט קיין סך יאָרן צו לעבן.

פונעם פאָרטרעט זענען צופרידן געווען אי די אַנדריטשעס, אי דער מאָלער. נאַטאַן האָט אַריינגעלייגט אין דעם לייוונט זיין גאַנצע יוגנטלעכע פּאַסיע. מיט דער זעלבער פּאַסיע האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דער עלטסטער אין שטוב זיך אָנגענומען פאַר דער ייִנגסטער פון די 5 קינדער, ווען ס'איז מער קיין סוד נישט געווען, אַז זי, זאָפיע, האָט זיך צופיל אַריינגעלאָזט מיט דעם נישט־ייִדישן פּראָפעקטאָר אירן. שפּעטער איז ער אַפילו גרייט געווען צו גיין צו דער פרוי אַנדריטש זיך איינשטעלן, ער האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי איר, האָט ער גערעכנט צו זיין אַ מליץ יושר פאַר זיין שיינער שוועסטער. זי, די מוטער אַנדריטש, האָט זיך נישט ווייניקער קענגעשטעלט דעם שידוך, ווי זיין משפּחה.

פון דעמלט אָן האָט זיך געצויגן די קאָנזיסטיקע סימפּאַטיע צווישן די שוואָגערס. נאָר וואָס מער די שוואָגערס האָבן זיך צווישן זיך דערנעענטערט, אַלץ מער האָט די שוועסטער זיך דערווייטערט פונעם ברודער. נישט זי זאָל, חס־וחלילה, אים נישט ליב האָבן, זיי זאָלן זיך ביידע נישט אָנגיין, פאַרקערט, איינס פאַרן אַנדערן וואָלט דאָס לעבן אָפּגעגעבן און כסדר אויף קינדער־ווידער. פּראָפעסאָר אַנדריטש זאָגט, אַז זיי האָבן זיך ליב ווי טייבעלעך און רייסן זיך אַרום ווי קעץ אין אַ זאַק.

די שוועסטער וואָלט געוואָלט דער ברודער זאָל אויפהערן צו זיין „עקזאָטיק", ער דאַקעגן, בעט זיך ביי איר, זי זאָל אויפהערן אים זאָגן מוסר, ער פאַרטראָגט דאָס נישט, ער איז דאָס, וואָס ער איז — און פאַרטיק. שטייט זי צו צו אים מיט עצות און ווייזט אים אויף, אַז אַ מענטש דאַרף זיך פירן, ווי אַלע מענטשן, און נישט ציען אין אַ באַזונדערער זייט, ענטפערט ער איר שטענדיק מיטן זעלבן מזמור: „אויב אַלע וועלן ציען אין דער זעלבער זייט, וועט נאָך חס־וחלילה, די וועלט זיך איבערקערן". די שוועסטער זאָל לייכטער פאַרדייען דאָס גלייכוואָרטל, צעקייט ער עס איר אַ ביסל: מ'דאַרף לאָזן מענטשן ציען אין פאַרשידענע זייטן, פאַר גלייב־

געווינט, אויב נישט דרייט עס זיך איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף.

זאָפֿיע וואָלט פֿאַרמאַכט די אויגן אויף אַלע זיינע משוגעדיקע פֿירעכצן, ער זאָל נאָר נישט ,,זיצן אויף דער וואַליזקע". דאָס מאַכט א תּל פֿון א מענטש, גיט זי אים צו פֿאַרשטיין. — האָסט געוואָלט אַוועקפֿאָרן, האָסטו געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן, ביסטו געבליבן, לעב ווי א מענטש, נישט אויף דערווייל — מײנט זי צו אים. נאַטאַן קאָן אָבער בשום אופֿן אַנדערש נישט לעבן, ווי אויף דערווייל. ער זוכט אויף דער וועלט־מאַפּע א שטיקל אָרט פֿאַר זיך, האָט שוין דורכגעשטערט דעם גאַנצן ערד־קיילעך און ביז איצט גאָרנישט געפֿונען. צי ער וועט געפֿינען, ווייסט ער נישט, נאָר זוכן זוכט ער ווייטער. דאָס זוכן גופֿא איז געוואָרן א שטיקל אַנהאַלט, ווען קיין אַנהאַלט איז נישטאָ. ער כאַפּט זיך כּסדר אָן אין א שטרוי, און כּסדר רייסט זיך דער שטרוי איבער, יעדעס מאָל פֿאַלט נאַטאַן אַראָפּ און צעקלאַפּט זיך די ביינער. שטילינקערהייט טוט עס זאָפֿיען הנאה, וואָס ער צעקלאַפּט זיך די זייטן, אפֿשר וועט עס אים אָנלערנען? וועט אויפֿהערן זיך יאָגן נאָכן ווינט, אפֿשר וועט דאָס מאָל נעמען א סוף, אן עק? זי שווייגט דעמאָלט, קוקט זיך צו צום ברודערס גייער מפּלה, וואַרט ער זאָל ענדלעך אויפֿהערן צו זוכן, ווי א בלינדער מיט א לאָמטערן אין דער פֿינצטער, און דערוואַרט זיך נישט.

דאָס וואָלט נאָך געווען א האַלבע צרה. ערגער, וואָס דער ברודער איז מיט אַלץ און אַלעמען צעקריגט, צעריסן. קיין שום זאַך געפֿעלט אים נישט, א שטענדיקער אומצופֿרידענער, און ער ווייסט נישט פֿון קיין שום קונצן, ער מוז טראַכטן בקול רם, פּלאַפּלט, רעדט ווו מ'דאַרף און ווו מ'דאַרף נישט: דאָס טויג נישט, יענץ שטייט אויפֿן קאָפּ און נישט אויף די פֿיס, ער וואָלט אַלץ געוואָלט גלייך שטעלן, קאָן בשום אופֿן נישט האַלטן די צונג צווישן די ציין. — טראַכט זיך, וואָס דו ווילסט, קיינער פֿאַרווערט דיר נישט, נאָר האַלט עס פֿאַר זיך — ראָט אים די שוועסטער. — דערצי בעסער דיינע שילער, מיך וועסטו שוין נישט איבערמאַכן — ענטפֿערט איר דערויף דער ברודער.

זאָפֿיע וואָלט אָבער יאָ געוואָלט אים ,,איבערמאַכן", ס'רייסט איר ביים האַרץ פֿאַר אים. א לעבן דאָס? אן אַפּקומעניש! צוליב דעם פּטרט ער אַוועק זיין טאַלאַנט. פֿריער דאָ געלעגן פֿאַרשטעקט און געזוכט א נייע וויזע פֿאַר דעם, וואָס איז געווען און פֿון וואָס מענטשן ווילן אַנט־

לויפן, איצט דאָרט זיך פאַרגראָבן אין אַ לאָך און וואַרט אויף אַ נס. וואָלט ער כאָטש דאָרט געזעסן רויִק, איז גיין, ער מוז זיך אָננעמען גאָטס קריוודע, פאַרטראָגט נישט קיין עוולות, ווי ער אײנער וואָלט נישט פאַרטראָגן קיין עוולות! אַז מען מוז, אַז מען האָט נישט קיין ברירה, שלינגט מען אַראָפּ. ער — נישט! ער מוז זאָגן וואָס ער טראַכט! אַן אמתע קרענק. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט, צי יאָ אויפן אָרט צי נישט אויפן אָרט, ער רעדט, אינטערווענירט, זיין באָבעס דאגה. אויב אַ מענטש זאָל זיך אַזוי נעמען צום האַרץ, וואָלט מען אויס מענטש געוואָרן. און עס העלפט דען? וואָס קומט אַרויס פונעם דרייען מיט דער נאָז? פון די אַלע גערעדרייען? ס'איז ווי אַ הונט וואָלט געבילט אויף דער לבנה.

מיט דעם איז ער מסכים מיט דער שוועסטער. ער ווייסט, אַז מען נעמט זיך ווייניק וואָס איבער מיט זיינע טענות און נאָך ווייניקער מיט זיינע מיינונגען, אָבער זיינס מוז ער טאָן. עמעצער מוז דאָך זיך איינשטעלן! קיין קאַריערע וועט ער שוין סיי ווי נישט מאַכן. ער ווייסט, מען באַטראַכט אים פאַר אַן אָפּגעשלאָגענער הושענה. אפילו זיינע אַמאָליקע חסידים, וואָס מען קאָן ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, האָבן שוין קיין צייט נישט פאַר אים, זענען פאַרהאָרעוועט, פאַריאַכמערט, אַ רענדל אַ מינוט. אויסבאַהאַלטן וואָס ער טראַכט וועגן דעם אַלעמען וועט ער נישט, און זיין עלטער מעג ער זיך כאָטש אויף דעם פאַרגינען, ער קאָן זיך נאָר נישט פאַרגינען אויף דעם לוקסוס און צוליב טאָן איר, דער שוועסטער זיינער. זי וואָלט געוואָלט ער זאָל טאַנצן, ווי מען שפּילט אים אויף, אַלצאײנס צי טאַנצן צום ריטם פון די דרעה־זאָגערס, צי צום ריטם פון דער מאָדע, אבי ער זאָל צוריק אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך. זאָל זי בעסער אויפהערן וועלן אים באַגליקן קעגן זיין ווילן, ער וועט נישט מאַכן פון זיך קיין פּאַיאַץ. דאָס ערגסטע, ווען אַן ערנסטער מענטש, דערצו נאָך אַ קינסטלער, מאַכט פון זיך אַ ליץ.

אַזוי אומגעפער האָט ער מיט חדשים צוריק געהאַט אָנגעשריבן דער שוועסטער זיינער. זי האָט אים פאַרגעלייגט צו העלפן איינאָרדענען אַן אויסשטעלונג. זאָל ער נאָר אַרויסקומען מיט עפּעס אַן אַנדער טעמאַטיק, זאָל ער נישט אויספילן די ווענט מיט שפּינען, מיט די שוואַרצע וואָלקנס רויך, שטיינער, וואָס וויינען. זי פאַרשטייט אים, פילט, אַז דאָס שרייט נאָך אַלץ אַרויס פון אים, אָבער דערמיט וועט ער זיך נישט טאָ-

רעווען קיין וועג, מ'וויל זיך דערצו נישט צוגוויגן, ס'פאַרביטערט דאָס לעבן. און פאַרוואָס זאָל ער מאַכע כסדר שינדן פון זיך לעבעדיקע פאַסן? מענטשן ווילן פאַרגעסן. דאָס אַמאָליקע שטעטל איז אויך נישט קיין גינסטיקע טעמע, ס'איז געווען און פאַרשוווּנדן, קיינעם אינטערעסירט דאָס נישט. ס'אינטערעסירט דאָס איצטיקע, די היינטצייטיקייט. דער היינטצייטיקער מענטש וויל זען זיך גופא, דער מאָלער, אַזוי גוט ווי דער שרייבער מוז קודם שטעקן אין דער היינטצייטיקייט. אַזוי פיל נייע טעמעס פאַראַן, וואַלגערן זיך ממש אין דער בלאָטע, וואַרטן דער קינסטלער זאָל זיי נעמען אויפן וואַרשטאַט; ער מיט זיין טאַלאַנט, זאָל ער זיך אומקערן צו זיין אַמאָליקער קונסט, צו זיינע רייכע פאַרבן, וואָס האָבן געזונגען אויף זיינע לייוונטן, זאָל ער דערווייל לאָזן די גרויע שטיינער און זיך צוריקנעמען צו זיין רייכער פּאַלעטע, און זאָל ער נישט זאָגן, אַז ער וויל נישט גיין מיט דער מאָדע, זי ווייסט, די שטיינער זענען אויך אַ מאָדע און מענטשן וועלן זיכער פון קוריאָזיטעט קומען זען, אָבער איר גייט אין זיין דערפאָלג.

ער האָט איר געגלייבט, נישט געספקט אין איר גוטן ווילן און דאָך נישט געקאָנט איר מוחל זיין. זי האָט אָנגערירט איצט דאָס פילבאַרסטע אָרט: זיינע שטיינער. און אָנגערירט האָט זי אויך אַ קוים פאַרהיילטע וווּנד, וואָס האָט אַזוי לאַנג געטריפט מיט בלוט און אייטער, נישט געוואָלט זיך היילן, אויסגעזויגן פון אים אַלע כוחות, שיעור צום קבר נישט דערפירט.

נאַטאַן האָט לאַנג, לאַנג געזוכט אַ קינסטלערישע וויזיע פאַר דעם, וואָס איז געשען. אין די ערשטע צייטן פלעגט ער אַרומבלאָנקען איבער חורבות און צונויפקלייבן, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט; אין דעם קליינעם אַטעליע־צימער האָט ער צונויפגעזאַמלט גרויסע שטויסן רעליקוויעס: אַלטע, צעפליקטע שמות, שטיקלעך פאַרסמאַליעטע האָלץ, אָפּגעשפּרינגענע פון מעבל, צעדרייטע, צעבויגענע שיסלעך, טעפלעך, אַלטע פאַרפּעצטע מזוזות, אַ פאַרזשאַווערטן שטייסל אָן אַ מעריזשל, אַ צעדרייטן לייכטער, וואָס דאָס פייער האָט אויסגעדרייט, אויסגעקרימט, און אַ סך ענלעכע חפצים. ער פלעגט שעהנווייז זיצן און קוקן, זוכנדיק אין דעם די פאַרשוווּנדענע וועלט, דעם טייוולאָנישן כוח, וואָס האָט זיין וועלט אָפּגעשווענקט. אָט האָט ער עס אָפּגעפונען און געוואָרפן זיך צו דער מאָלבערט, און אָט איז דאָס פון אים אַנטרונען. זיין באַשיידן צימער

איז געוואָרן אַ טאָרטורן־קאַמער. ער האָט, ווי זאָפיע האָט געזאָגט, געריסן שטיקער פון זיין האַרץ און געוואָרפן צו די פיס פון זיין קונסט, און זי, די קונסט זיינע, האָט אָפּגעזאָגט עס אויפצונעמען און געשטאַלטיקן. זיין מאָלעריי, וואָס האָט זיך שטענדיק לייכט אונטערגעגעבן, געדינט אים, ווי אַ געטרייער פריינד און אויסגעדריקט יעדן צאַפּל פון זיין האַרץ, האָט איצט אויסגעזען נישט מסוגל אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען, וואָס קומט פאָר אין אים.

נאָכאַן האָט זיך שטענדיק געפילט מיט זיין מאָלעריי היימיש, געווען מיט איר אויף „דו", זיך אויסגעטענהט מיט איר גוטברודעריש. וועגן חבלי־לידה האָט ער אַ סך געהערט, אָבער ער גופא האָט זי ווייניק געפילט; ביי אים איז אַ בילד געבוירן געוואָרן אָן לאַנגע ווייטיקן, טייל־מאָל אין איין טאָג, ווי דאָס בילד וואָלט אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון שטאַרקע, אינערלעכע אימפּולסן. זיין אופן פון מאָלן איז געווען אַ ספּאָנטאַנער, סטיכישער, דאָס לייגן די פאַרב מיטן פּענדזל אַ דרייסטער, מיט ברייטער באַוועגונג; אים איז נישט נייטיק געווען קיין פולע צייכענונג, האָט אָנגעוואָרפן בלויז קאַרגע ליניעס. דער הויפּט־עלעמענט איז פאַר אים שטענדיק געווען די מאָלערישע מאַטעריע, פון וועלכער ער האָט געשטאַלטיקט זיין קינסטלערישע וועלט, און ווי זעלטן וועמען איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען די מאַטעריע פון קאָליר. מיט זיינע קאָלירן האָט ער איינגענומען די אומענדלעכקייטן, ביינגעקומען אַלע האַרטנעקיקייטן און שטרויכלונגען. ביי מאָלן אַ בילד האָט ער זיך באַנוצט מיט עטלעכע צענדליק פּענדזלען, יעדער צו אַן אַנדער ניואַנס; זיינע פאַרבן האָבן פאַרמאָגט אָן אַ שיעור טאָנען און וואַריאַציעס. ער האָט זיך געפאָרעט מיט זיי ווי אַ מכשף, געמישט און אָנגעזעטיקט מיט ליכט, די טאָנען פון גרוי און דער טונקל־בלוי האָבן זיך געמישט מיט רויז, אָראַנזש, געל און געשאַפן אַ צויבער־סימפאָניע פון קאָלירן און ליכט. זיין געל איז צומאָל אַרויס זיגרייך, מיטן בלוי, מיט וועלכן ער שלאָגט זיך געווינלעך. ביי זיינע פּאָרטרעטן האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ ברייטער גאַמע ברוינע טאָנען, טיפע און דיסקרעטע. יעדער פּאָרטרעט זיינער איז געווען אַ סטודיע פון די פּסיכישע אייגנשאַפטן פונם מאָדעל.

עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה האָט נאָכאַן זיך גענומען מאָלן פּייזאַזשן און פערד. אין פּייזאַזשן האָט ער געקאָנט שטודירן און אויפסניי אויסברייטערן זיין פאַרבן־גאַמע. ער האָט איינגעשטעלט און געמישט

די פאַרבן ממש מיט מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג, אַרויסבאַקומען פון זיי אָן אַ שיעור נייע וואַריאַציעס, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט נישט באַנוצט. אין די פערד דאַקעגן האָט ער געזוכט באַוועגונג, ריטם פון לעבן; ס׳האָט אים אויך צוגעצויגן די פּערפעקטקייט און קראַפט פון זייער געבוי. האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער דעם גאַנצן זומער פאַרבראַכט אויף פּלענער אין יענער געגנט, דורך וועלכער ער האָט שפּעטער געוואָלט זיך דורכהאַקן צום וואַלד, און שטודירט דאָ זיינע נייע קאָלירן, נייע ליניעס — די באַוועגונג. זיין שעפערישער כוח ההמיון האָט אים דעמאָלט געטראָגן איבער פעלדער און וועלדער, זיין קינסטלערישע פאַסיע האָט נישט גערוט, געמאַכט דרייסטער און זיכערער זיין פּענדזל.

דערנאָך איז אַלץ געוואָרן אַ ווייטער חלום, אַ מיראַזש. נאָך די ערשטע הדשים דערשלאָגנקייט, אָפּהענטיקייט, האָט ער דערפילט אין זיך אַ יוירונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אים צעזעצן. אַ שטורעם האָט זיך אין אים איינגעריסן און געטרייסלט זיין גאַנץ וועזן. אַזוי ווי אַ דורשטיקער, וואָס מוז טרינקען, כדי צו שטילן זיין דורשט, אַזוי האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש צו מאָלן, כדי צו שטילן זיין ווייטיק. מאָלן! מאָלן! אָבער ווי אַזוי אויסגיסן דאָס אַלץ אויפן לייוונט? מיט וואָסערע מיטלען? דער אַמאָליקער קינסטלער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די זייניקע, צוזאַמען מיט זיינע בילדער. ער האָט אַליין געוואָלט דערשטיקן אין זיך דאָס, וואָס איז געבליבן פון אַמאָל, ס׳האָט אים אויסגעזען בלאַס, אומרעאַל, אַ פּילפאַרביקער מיראַזש, נאָך וועלכן ער האָט זיך אַמאָל געיאָגט. דער גאַנצער אַרום, וואָס האָט זיך אַמאָל געטובלט אין אַזוי פיל קאָלירן, האָט זיך איינגעטונקען אין גרוי-שוואַרץ. אַמאָל איז אַלץ געווען קאָליר, פּילפאַרביק, רעגנבויגנדיק, איצט איז צומאָל דער רעגנבויגן איינטאָניק, בלוט-רויט, פייערדיק-רויט, די גרינע ערד איז פאַרברענט, פאַרשאָטן מיט שוואַרץ-גרויען אַש.

ס׳האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, אינערלעך האָט געברענט אַ פייער, וואָס האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען זיך אין דרויסן; ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שיכורער. אָט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ווי גיך ער וועט אויסציען די האַנט צום לייוונט, וועט פון אונטערן פּענדזל אויפלעבן דאָס, וואָס ריזלט אין אים און צעזעצט אים. ביינאַכט האָט ער אין חלום געזען וויזיעס און פון שלאָף געריסן זיך צום פּענדזל. ער פלעגט איינשלאָפן שפּעט און זיך אויפכאַפּן אינדערפרי אַ באַגאָסענער מיט

שוויים, ווי ער וואָלט די נאַכט דורכגעמאַכט אין פיבער. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט א נייעם פיבער, ס'האָט אים געטריבן פון צימער צו די בערג אַש, צו די חורבות, און פון די חורבות צום לייוונט, צום פּענדזל. די ערשטע צייט האָט ער אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, ער האָט געדאַרפט זיך פריער, איידער ער טרעט צו צו דער עבודה הקדושה זיך טובלען און לייטערן אינעם אייגענעם פייער. דערנאָך האָט ער זיך גענומען מיט עקשנות, געאַרבעט פיבערדיק, מיט א פאַרפלאַמט פּנים און פאַרביסענע ליפּן, ווי ער וואָלט מיטן פּענדזל געדאַרפט זיין לייב אויפשניידן אַרויסצובאַקומען די יוירונג, וואָס האָט אינעווייניק געיוירט, צעריסן אים.

ער האָט דאָס נישט אַרויסבאַקומען. אַלץ וואָס ער האָט געמאָלן, געצייכנט האָט אים נישט באַפרייט פון דעם אינערלעכן ברענענדיקן ווייטיק, ס'האָט אים אויסגעזען נישט דאָס, וואָס ער באַגערט, וואָס ער דאַרף, מוז אויסדריקן. די מאַטעריע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, נישט געלאָזט זיך קנעטן און פורעמען. ער האָט געמאַכט אָן א שיעור עטיודן, סקיצן, ס'זענען געבליבן געוואָרן פראַגמענטן פון א בילד, אָבער דאָס גרויסע, מאָנומענטאַלע בילד גופא האָט נישט געוואָלט געבוירן ווערן, די באַזונדערע פראַגמענטן האָבן נישט געוואָלט זיך באַהעפטן, צוזאַמענשליסן זיך. טיילמאָל האָט אים א פראַגמענט גופא אויסגעזען, ווי א פּראָפּאַגאַציע, נישט אַנדערש, נאָר די שכינה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ס'האָט אים צייטנווייז געדוכט, אז נישט נאָר זיין אַמאָליקע קונסט האָט זיך פון אים אָפּגעקערט, נאָר דער געטלעכער פונק גופא האָט זיך אויסגעלאָשן. צי האָט יענער פונק בלויז אָנגעצונדן און געלאָזן א פייער, וואָס ברענט און פאַרברענט אים?!

זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעריסן פון מאָלבערט, געבלאָנקעט אין דער ווייט, זיי האָבן געזוכט און דערזען אַלעמאָל מער און דייטלעכער. דאָס גרויזאַמע האָט געשטראָמט פון אַלע זייטן, ס'קומט צו אים נענטער און נענטער, ס'פּאַראַליזירט אים, אָבער זיינע הענט קאָנען דאָס נישט פורעמען, זיינע פינגער ווילן אים נישט דינען, זיי זענען נישט זיינע, נאָר די יוירונג, דער בלינדער כוח, וואָס צערייסט אים, איז זיינער, ס'איז אינעווייניק, טיף אין אים, ס'לעבט דאָרט, ס'שטורעמט און ס'קאָן נישט, ס'וויל נישט אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך.

די באַדערפעניש צו שאַפן, צו געשטאַלטיקן האָט זיך כסדר געשטאַרקט, נאָר דער פּענדזל אין זיינע הענט איז נישט נאָכגעקומען. די ווי=

זיעם האָבן זיך געמערט, געיאָגט דעם כוח הדמיון. ער האָט אָנגעהויבן איין אַרבעט נאָך דער אַנדערער, אָפּטמאָל עטלעכע אַרבעטן מיטאַמאָל, שקיצירנדיק אַן אַרבעט, האָט ער שוין פֿאַרטראַכט אַ צווייטע, דאָס נישט אָנגעהויבענע בילד האָט אים אויסגעזען דערלייזערישער, ווי דאָס שוין געמאָלענע, די נייע וויזיע האָט געלאָקט, געשטויסן, נישט געלאָזט רוען. ער האָט געאַרבעט ווי אַ באַנומענער, די אויגן האָבן געברענט ביי אים, אין האַלדז איז געווען טרוקן, טיילמאָל האָט ער געפֿילט אין די אײַנגעווייַדן קראַמפּן, ווי דאָס אײַנערלעכע פֿייער וואָלט אים געבריט און אויסגעדרייט די געדערים. שעהנלאַנג איז ער אָפּגעשטאַנען ביי דעם מאָלברעט, ביז די קניען האָבן אָנגעהויבן זיך אונטערברעכן. איינדערפֿרי האָט ער זיך גענומען מיט פֿלייס, מיט עקשנות צו דער אַרבעט, פֿאַרנאַכט, באַקוקנדיק די אָפּגעטוענע אַרבעט, איז ער אַרייַנגעפֿאַלן אין יאוש. אָפּטמאָל פֿלעגט ער אַן עטיוד, אַ סקיצע צערייסן, עטלעכע גרויסע בילדער אויף טעקסטור און לייוונטן האָבן פֿאַרזוכט דעם שאַרף פֿון מעסער, ער האָט זיי דורכגעשניטן אין דער גאַנצער לענג, צעפּאַלמעסט, זאָל ער נישט האַרפֿן קוקן אויף זיי! ווען ער האָט זיי צעשניטן האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳טריפֿט פֿון זיי פֿריש בלוט, זיין בלוט, וואָס זיי האָבן אים אויסגעזויגן. אָפּטמאָל האָט ער אין אָוונט אָפּגעקראַצט פֿון לייוונט מיטן מעסער די פֿאַרב, וואָס ער האָט ביי טאָג מיטן פּענדזל אַרויפֿגעלייגט. סיזיף! סיזיף! — האָט ער איינמאָל געמורמלט צו זיך. צי בין איך ווי דו פֿאַרמשפּעט אָנצוהויבן יעדן טאָג פֿון אויפֿסניי? צי דערפֿאַר, וואָס כ׳בין נישט געבליבן מיט זיי ביזן סוף?

אין זיין נישט גרויסן צימער איז געוואָרן אַן אַנוואַלגערניש פֿון עטיודן, סקיצן, נישט אויסגעענדיקטע אָדער אומגעבראַכטע אַרבעטן, בילדער גרעסערע און קלענערע, אומגעדרייטע מיטן פּנים צו דער וואַנט. דאָס אַלץ האָט געגעסטעט בשכנות מיט די שטויסן צונויפֿגעזאַמלטע הרובע כלים און חפצים. דאָס צימער איז אים צו קליין געוואָרן, ס׳האָט אים געדוכט, אַז מ׳האָט פֿון דאַנען די לופֿט אויסגעפּאָמפּעט, ווי אין די טאָרטורן־קאַמערן. נאָך עטלעכע שעה שטיין אָדער זיצן ביים מאָלברעט האָט אים אָנגעהויבן שטיקן, די נערוון האָבן זיך אָנגעצויגן ווי סטרונעס אויף אַ פֿידל, אָט פּלאַצן זיי. ער מוז אַוועק, אַנטלויפֿן פֿון זיין טאָרטורן־קאַמער. ער איז דרעמלט געלאָפֿן צו די חורבות.

ער האָט אָפּטמאָל פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז נאָך געבליבן אַ לעבעדיקע וועלט. דאָס אָפּגעשוואַנקטע לעבן האָט פֿאַרשטעלט די אַרומיקע לעבעדי־

קע וועלט, און ער, נאַטאַן, בלאָנקעט ארום צווישן די צוויי וועלטן ווי אַ גלגול. ער האָט זיך פאַרלוירן, ער זוכט זיך גופא און קאָן זיך נישט אָפּגעפינען, ער זוכט אין זיך ראשית דעם קינסטלער, נישט דעם אמאָליקן, און איצטיקן קינסטלער, ער פילט דאָך די קראַפט פון יצירה, יענע קראַפט, וואָס האָט שטענדיק געשפּרודלט אין אים און געבוירן ווערק, זי לעבט דאָך אין אים א סך שטאַרקער ווי אמאָל, האלט אים מיט אייזערנע צוואַנגען; ווען ער וויל אנטלויפן, כאַפּט זי אים אָן ביים גאָרגל, לאָזט אים נישט אָפּ, נאָר זי איז בלויז אינעווייניק, טיף אין אים, זי וויל זיך נישט אנטפּלעקן צו אים צו שטאַרקן זיינע הענט, דאָס געגאַרטע ווערק קאָן נישט געבוירן ווערן, ער מוז אויפשניידן זיין לייב, רייסן לעבעדיקע פאַסן.

יאוש און שרעק האָבן אים ארומגעכאַפּט. צי וועט ער בכוח זיין? צי האָט ער גענומען דעם ריכטיקן וועג? צי האָט זיין איצטיק לעבן נישט גורם געווען די שעפערישע אָנמעכטיקייט? ער האָט געוואָלט ענדערן דאָס צימער, די סביבה, אנטלויפן פון דער שטאָט, אנטלויפן פון זיך גופא, פון זיינע ארבעטן, וואָס האָבן אים אויסגעזען נישט ראוי צו זיין צו דער שליחות. וואָס האלט אים דאָ צו? ער מוז אנטלויפן, וואָס שנעלער אנטרינען! ער מוז אוועק פון האנען!

ער איז נישט אוועק, פונקט ווי א געהיימע האנט וואָלט אים צוגעהאלטן, צוגעשמידט צו זיין טאָרטורן־קאַמער, צום אָרום, צו די חורבות ארום אים. ביינאַכט האָט זיך דאָס צימער אָנגעפילט מיט שאָטנס, צווישן די שאָטנס זיין צאַרטע פרוי, די איינציקע פרוי, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געליבט מיט אלע פיבערן פון זיין הארץ. זי איז געקומען יעדעס מאָל אנדערש פאַרשלייערט, אוועקגעזעצט זיך פאַר אים אין אן אנדער פּאָזע; ער האָט זי אמאָל אין די אלע פּאָזעס געמאָלן. פּלוצלונג באַווייזט זי זיך אין א נייער פּאָזע, מיטן יונגערן טעכטערל אין די אָרעמס, מיט ברענענדיקע האָר אויפן קאָפּ, מיט ארויסגעזעצטע אויגן פון שרעק. אָט איז זי לעבן אים און באַלד פאַרשווינדט זי. ס'בלייבן די אנדערע, זיי רעדן צו אים, בעטן, פאָדערן, ער זאָל זיי נישט לאָזן אריינפאַלן אין דער שוואַרצער אייביקייט פון פאַרגעסונג. ער זעט זיי, הערט זיי אזוי דייטלעך. ער וואַרט אויפן אינדערפרי, ער זעט זיי איצט אַלע, אַלע. ער האָט דאָך געזען, ער פילט דאָך די קאָנוווּלסיעס פון זייער גסיסה. די הענט רייסן זיך צום פּענדזל, די באַוועגונג מיטן פּענדזל איבערן לייוונט איז א געשיקטע, פּרעציזע, א פלעק נאָך א פלעק, א רעטוש און נאָך א רעטוש. אָט־אָט שוין!

נאָך עטלעכע טעג קוקט ער זיך איין און ס'זעט אים ווידער אויס, ווי ער וואָלט דאָס געמאכט מיט פאַרשטייפטע פינגער, מיט נישט זיינע הענט. די כּוחות פאַרלאָזן אים, זיי רינען אויס פון זיינע אבֿרים, א נישט-גוטער האָט זיך באַזעצט אין אים און צאַפּט אויס טראָפּן נאָך טראָפּן דאָס לעבן פון אים, פאַראַליזירט זיינע הענט, ס'קומט נישט ארויס דאָס, וואָס ער זעט, וואָס ער פילט, וואָס ער באַגערט ס'זאָל ארויסקומען.

די שאָטנס האָבן אים אָבער נישט געלאָזט רעזיגנירן, דער שגעון צו מאָלן האָט אים געהאלטן אין קלעם, ער האָט געלעבט ווי א לונאַטיקער, ווי א קראַנקער, וואָס האָט א גרויסן פיבער. ביסט קראַנק? — האָט מען אים געהאַט געפרעגט. — יאָ, קראַנק. — אויף וואָס? — די נשמה איז קראַנק, זי איז געבונדן, געפּענטעט, וואַרט אויף אן אויסלייזונג.

א טיילווייזע אויסלייזונג איז געקומען נאָכן ענדיקן א גרויסן לייוונט, א נייע קאָמפּאָזיציע: א צוזאמענדרענגעניש פון מענטשלעכע גלידער, פון צעריסענע לייבער אין קאָנוולסיווע יסורים, זיי זענען צוזאמענגעפּלאָכטן אין א קאָנפוזיע פון שוואַרץ-גרויע פלעקן, זיי באַוועגן זיך, רייסן זיך די מענטשלעכע גלידער, ווילן זיך ארויסבאַקומען פון דער צוזאמענדרענגעניש, וואָס איז אָנגעוואַלגערט אין גרויסן, פלאַכן מאַסן-קבֿר.

נאַטאַן איז לאַנג געשטאַנען פארן לייוונט, געקוקט אויף דעם, ווי ס'וואָלט נישט זיינס געווען, זיינס און נישט זיינס. איינקוקנדיק זיך אין בילד, האָבן זיך זיינע אויגן אזוי צעעפנט, ווי ער וואָלט איבעם ווערק זווייטער זיך געזוכט, געפונען זיך טיילווייז, אויף א ווייַלע, אָבער ער בלאָנקעט נאָך ווייטער צווישן צוויי וועלטן, צווישן נעכטן און היינט. ניין, נאָך נישט דאָס! — האָט ער מיט פאַרביסענע ליפּן געשטאַמלט צו זיך.

נאָך עטלעכע יאָר זענען געבוירן געוואָרן א סעריע קויל-צייכענונגען און גרויסע אייל-בילדער. די שוואַרצע קויל, וואָס ער האָט כמעט קיינמאָל נישט באַנוצט, האָט אים איצט אנטשפּראָכן. זיינע פאַרבן אויף די לייוונטן האָבן אויפגעהערט צו זינגען, זיי האָבן געשריען. דער אַמאָליק ליכטיק-באַלויכטענער גרוי איז פינצטער געוואָרן, א געדעמפטער גרוי-שוואַרץ; זיין רויטע פאַרב, וואָס האָט אַמאָל, ווי סוטינס רויט, פאַרמאָגט אָן א שיעור ניואַנסן, איז געוואָרן אייגנטאָניק, געדעמפט, ווי פאַרגליווערט בלוט, דער אָראַנזש האָט אויפגעהערט זוניק צו זיין, ער איז געוואָרן פלאַם-פייערדיק, די ליניעס און באַוועגונגען האָבן פאַרלוירן זייער האַרמאָנישקייט, געוואָרן כאַאָטיש, שנעלנדיק. פון הינטער דעם כאַאָס פון אייגנטאָניקייט,

פון הינטער געדיכטע גרוי־שווארצע נעפלען קוקן אפער אויסגעלאָשענע, טויטע אויגן, קינדערשע צעקלאַפּטע קעפּלעך, און אָפּגעריסענער פּוס, אַן אויסגעשטרעקטע, אויסגעטרוקנטע, בעטנדיקע האַנט פון אַ פאַרשטעלטן דורכן נעפּל גוף, דאָ און האָרט אַ רוצחדיק פאַרזעעניש, אַ גוף פון אַ מענטש און קאָפּ פון אַ חיה, שטשירעט מיט די ציין; דאָ אַ שאָטן פון אַ קינד בלאָנקעט דורך אַ פוסטן כאַאָס, דאָרט אַ צאַרטע פרוי מיט ברענענדיקע האָר און מיט אַ קינד, וואָס זי דריקט אין די אָרעמס צום האַרץ, שפּרינגט פון אַ ברענענדיק הויז דורך די פלאַמען, ביי דער זייט אַ פיגור, ווי פון ליים אויסגעקנאָטן, קוקט אָן אויגן, דאָס פּנים האָט נאָר אַ מויל און דאָס מויל צעשפּרייט זיך אין אַ חוזק־גרימאַסע, די פיגור פּלאַצט פון געלעכטער. רויך און שוואַרצער, געדיכטער נעפּל, וואָס דרייט זיך אין אַ כאַאָס און פאַרשטעלט, צוימט אָפּ די געשאָכטענע און געברענטע גופים פון דער וועלט.

— נאָר אַלץ נישט דאָס!! — האָט ער געשטאַמלט.

נאַטאַן האָט אויפגעהערט שלאָפן. די הויט אויפן פּנים איז פאַר דער צייט געראָנצלט געוואָרן פון שלאָפלאָזיקייט. ער פלעגט איינשלאָפן מיט אַזאַ שלאָף, וואָס גייט נישט אַוועק ווייט פון דער שטענדיקער וואָר, דער דינער שלאָף האָט זיך באַלד אָנגעהויבן רייסן, נאַטאַן האָט אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן אין דער לעדיקייט און זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט דעמלט אַליין נישט געוווּסט, צי ער איז געשלאָפן, צי ס'האָט זיך אים בלויז אויסגעדוכט. ער האָט באַגערט אַריינצופאַלן אין אַ טיפן, לאַנגן שלאָף. אים האָט זיך געדוכט, אַז ווי גיך ער וועט זיך באַפרייען פון דעם, וואָס ריזלט אין אים, ווי גיך ער וועט עס אַרויסברענגען אויף זיינע לייוונטן און קאַרטאָנען, וועט ער איינשלאָפן און אָפּנעמען זיך פאַר אַלע שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט ווייטער געאַרבעט, ווי אַ באַנומענער, ביז ס'זענען געקומען זיינע קויל־צייכענונגען „שפּינען־אינוואַזיע", אַ סעריע נאָך אַ סעריע. זיין שוועסטער גוטאַ איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע פאַר אַ גרויס בילד פון דער סעריע: אַ פינצטער־שוואַרצע, גראָבע ראַם, אינדערמיטן אַ פאַרהוישכט אויסגעבערנט פעלד, אַ פאַרמאַכטס, פאַרצוימטס. איבערן הרובן, הערמעטיש פאַרצוימטן פעלד הייבט זיך אויף אַ ריזיקע, העסלעכע שפּין, אַן אָנגעפרעסענע ביז צום פּלאַצן, זי ציט נאָך זיך אַ גרויסע שפּינען־נעץ און אין דער נעץ טראָגט זי מיט זיך מיט האַלב־דערשטיקטע, צאַפּלדיקע נאָך גופים.

— איצט מעגסטו זיך שוין אָפּרוען פון דעם, דאָ האָסטו שוין אַלץ
— האָט אים די שוועסטער געהאַט און גלייכצייטיק געריממט.

— ניין, נאָך נישט, נאָך נישט אַלץ!!

נאַטאַן האָט זיך איבערגעוואָרפן צו אַן אַנדער טעכניק. ער האָט דערווייל פאַרלאָזט די אייל־פּאַרב, האָט געמישט זאַמד מיט פאַרשידענע כעמישע סובסטאַנצן, מיט אַנדערע שטויב־מינעראַלן, געמישט סאַדזשעס, קרייד מיט פאַרבן און פאַרשידענע פליסיקייטן, ער האָט אויסגעפּרוווט פיל מאָל די נייע מאַטעריע אויף קאַרטאָן, אויף האָלץ־פּליטן, ביז ס'איז אַנטשטאַנען דאָס ערשטע גרויסע בילד: אומענדלעכע, לאַנגע רייען סקעלעטן, זיי ציען זיך אָן א סוף, נאַקעטע סקעלעטן, נאָר זיי לעבן, זיי שטייען, זיי גייען, צוזאַמענגעדרענגטע, אָנגעשפּאַרטע איינער אויף די אַנדערע, אַלטע און יונגע, אָט־אָט ברעכן זיי זיך פאַנאַנדער, פאַלן צו דער ערד. פאַר זיי אָבער א צווייפיסיקער ריז מיט א בייטש אין דער האַנט און מיט א פּיסק פון א מאָנסטער, די בייטש קנאַקט אין דער לופטן מיט א געפייף, דער מאָנסטער־פּיסק באַפעלט די סקעלעטן: זינגען!! זינגען!!

*     *
*

יאָרן זענען אַדורך און נאַטאַן האָט נאָך אַלץ קיין רו נישט געפונען. ער האָט אָנגעהויבן זוכן א סינטעז פון דעם אַלעמען און האָט זי געפונען אין זיינע „שטיינער“: זיי ליגן, די גרויע שטיינער, אויף אַ ווּסט פעלד, אַ מדבר־דיקס, אַ ווייס־געלס, ס'איז דער קאָליר פון טויט, נאָר זיי, די שטיינער, לעבן, זיי האָבן מיילער, זיי שרייען, וויינען, יאָמערן אין א שטיינערנעם, שטומען יאָמער, דאָס שטיינערנע האַרץ זייערס איז געריכט געוואָרן, ס'גייט אויס פון רחמנות, ס'הייבט זיך אויף פון די שטיינער א שטומע קלאָג פון צער און צאָרן.

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס? שטרויסענע אייער, צי מדבר־שטיינער? — האָט געפרעגט א חשובער גאַסט, אַן איינגעלאַדענער צו דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג. — מסתמא אייער, שטרויסן לייגן דאָך אין זאַמד זייערע אייער, גרויסע ווי שטיינער — האָט ער א בליץ געטאָן מיט זיינע קענטעניש.

נאַטאַן האָט נישט בדעה געהאַט אויסצושטעלן זיינע „שטיינער“, דער שכן, דער מעצענאַט זיינער, איז אָבער צוגעשטאַנען צו אים, איינגערעדט

צו שיקן איין בילד צו דער דערעפענונג פון דער נייער, גרויסער גאַלעריע. זאָפיע איז געגאַנגען זען און אונטערגעהערט די מבֿינות פון הויכגעשטעלטן באַזוכער. — אָן אַ ברעקל עמפּינדלעכקייט — האָט זי זיך געטראַכט. — אָרעמער נאַטאַן, ווו וועסטו דערגיין מיט דעם אַלעמען?

דעמלט טאַקע איז געקומען דער געדאַנק זיך נאָכאַמאָל דורכצורעדן מיטן ברודער, אָנגעשריבן א לאַנגן בריוו און פֿאָרגעלייגט ער זאָל צוגרייטן אַן אייגענע אויסשטעלונג, נאָך דורכאויס פון אַנדערע בילדער.

זינט יענעם בריוו־אויסטויש זענען דורך חדשים. נאַטאַן האָט זיך מער נישט אָפּגערופן, כאָטש געצויגן האָט אים צו דער משפּחה, נישט אַזוי צו דער שוועסטער, ווי צום שוואָגער. ער האָט זיך צוגעזאָגט צו פֿאָרן, ווען אַהאַם וועט צוריקקומען; ער וועט שיסן צוויי האָזן מיטאַמאָל: ראשית, לויגט זיך א קוק צו טאָן, ווי אַזוי דער בחור זעט היינט אויס. מען זאָגט, אַז ער רעדט שוין א וואָרט, איז אינטערעסאַנט צו הערן וואָס אַזא שווייגער רעדט, והשנית, וועט ער כאַפּן א שמועס מיטן שוואָגער. נאָר ברענען ברענט נישט, מ׳קאָן אַ ביסל צוּוואַרטן, ער, נאַטאַן, האָט נישט ליב צו קומען, ווען ס׳קאָכט זיך. ער שטעלט זיך פֿאָר, אַז ס׳וועט זיך טאָן אויף טיש און אויף בענק, דער אַדאָפּטירטער זון איז זייער שיינדל, און ער קען זיין שוועסטער, זי וועט מסתמא יעדן אָוונט צונויפשלעפּן ווייניקסטנס א מנין מענטשן צו פֿאַרווײלן אַהאַמען, איינצושאַפֿן אים געזעלשאַפֿט. זי האָט איינגעלייגט וועלטן אים „איבערצומאַכן“, פּונקט ווי זי וויל אים, נאַטאַנען, איבערמאַכן. פון אים האָט זי בלויז צרות, האָט זי דערפֿאַר נחת פון זון, ס׳האָט זיך איר איינגעגעבן. אַז ס׳גייט, לויפֿט עס, איר גייט זיך שטענדיק אַלץ איין, פּונקט ווי אים גייט שטענדיק מיט דער פּוטער אַראָפּ, ער איז צופֿרידן, וואָס כאָטש איינער פון דער משפּחה האָט דאָס מזל צוגעשפּילט. זאָל זי זיך איצט פֿרייען מיטן געראָטענעם זון, ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן, ווען דער רעש וועט דורך.

אַז נאַטאַן האָט זיך אָבער דערוווּסט וועגן דער געשעעניש אין שוואָגערס אַנשטאַלט, האָט עס אים א נעם געטאָן. דערוווּסט האָט ער זיך פון זיין שכן. ער, דער שכן זייגער, ברענגט אים אַלע נייעסן פון דער וועלט, בפֿרט אַזא נייעס. ער איז אַריין מיט דער צייטונג אין האַנט, נישט געפֿרעגט, צי ער וויל הערן צי נישט און איבערגעלייענט א קליינע צייטונגס־ידיעה פון דער ערשטער זייט. פּונקט האָט נאַטאַן געהאַט פֿאַר זיך א גוט „באַצאָלטע מאָדעלקע“, וואָס ער האָט אויסגעקוקט דעם גאַנצן זומער.

אויסגעהערט די ידיעה, האָט ער אָפּגעלייגט דעם פּענדזל, צוויסן געגעבן דער קליענטקע, אַז אַט שוין מוז ער איבעררייסן און ווייסט נישט, ווען ער וועט קאָנען פּאָרזעצן. זי האָט פּראָטעסטירט. ער האָט זי מער ווי אַ שעה אויסגעמאַטערט, געמאַכט פון איר אויסצודרייען, ביז ער האָט זי אַוועקגעזעצט, ווי אים געפעלט. זי וועט מער נישט קומען!

אַ גרונט זיך אויפצוקאָכן האָט זי געהאַט. געפּינט זיך אַמאָל אַ בעלן אויף זיך צו מאַכן אַ פּאָרטרעט און פאַלט אַריין אין נאַטאַנס הענט, קומט ער נישקשהדיק אָפּ. נאַטאַן האָט אַמאָל, נאָך פאַר דער מלחמה, ווען עס פלעגט זיך אָפטער מאַכן אַ באַשטעלונג, געהאַט דערציילט דער שוועסטער:

— ביי מיר איז זיי נישט לייכט. וואָלסט געהאַפט זען, וואָס ס'טוט זיך. אַז זיי קומען צו מיר, ווי צו אַ פאָטאָגראַף, די סנאָבן, זעצן זיך אַוועק אייגע מיט אַ פאַלש שמייכעלע, אַן אַנדערע מיט פאַרגלאָצטע, פרומע אויגן. ערגער, ווען אַזאַ איינע זעצט זיך אַוועק מיט אַ בוך, פאַרטיפט אין לייענען, אָדער ברענגט מיט אַ קוישל בלומען, כ'זאָג דיר אַ פאָטאָגראַפיע צו מאַכן. איך בין אָבער נישט קיין פאָטאָגראַף, איך מוז זען נישט נאָר דאָס פּנים, נאָר אויך די נשמה, און זיי פאַרשטעלן זיך ווי פּורים־שפּילער, מאַך זיי אַ שיין פּאָרטרעטל. נאָר נישקשה, כ'גיב זיך אַן עצה, כ'צווינג זיי צו זיין נאַטירלעך.

— ווי אַזוי? — האָט דעמלט זאָפיע געפרעגט איראָניש — אפשר פאַרשטעלסטו זיך פאַר אַ פּורים־שפּילער און מאַכסט זיי לאַכן? האָסט דאָך געזאָגט, אַז אַ מענטש לאַכט איז ער נאַטירלעכער.

— ניין, איך בין קיינמאָל נישט קיין פּורים־שפּילער, כ'האָב אַן אַנדער מיטל.

— וואָסער? — האָט זאָפיע דעמלט ווידער געפרעגט.

— וואָסער מיטל? קודם כל זעץ איך זיי נישט אַריין אין קיין פאָטעל, נאָר צום גרעסטן טייל אויף אַ טאַבורעט, ווי דיך אַמאָל אויף אַ טישל, און איך מושטיר מיט זיי אַזוי לאַנג — דעם קאָפּ רעכטס, לינקס, אָנגעבויגן, זייטיק, אויפהייבן אַ ביסל דעם קאָפּ, אַראָפּלאָזן, און אַזוי כסדר, ביז זיי ווערן גוט פאַרמאַטערט, דעמלט זענען זיי דאָס וואָס זיי זענען, אַ פאַרמאַטערטער מענטש איז אויך נאַטירלעך.

— און זיי באַשטייען זאָלסט מיט זיי אַזוי מושטירן?

— אַז זיי באַשטייען נישט, איז נישט. מיין קונסט איז נישט קיין האַנדל־וואַנדל, מאַכן ווי דעם קונה געפעלט. אָט הער, וואָס כ'האָב געהאַט

מיט איינעם א סגאָב: א רעגנדיקער זומער געווען, ביים ים, דעמאָלט האָבן זיי נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. קומט צו מיר צו גיין אין אזא רעגנדיקן פרימאָרגן א מיטליעריקער, עלעגאַנטער פארשוין, אויסגעצירט, ווי זונטיק אין קלויסטער צו גיין. ער וויל א פּאָרטרעט. גוט. א צייכענונג? ניין, אייל, דורכאויס אייל. זיי האָבן אלע ליב אייל. גיי פארשטיי פארוואָס אזא איינער האָט ליבערשט אַן אייל-פּאָרטרעט ווי א צייכענונג. צי קאָן איך אָט באַלד אָנהייבן? קיין סך צייט צו פאַרלירן האָט ער נישט. זאָג איך, אז אזעלכע שנעלע באַשטעלונגען מאַך איך נישט, א צייכענונג לאָזט זיך גיכער. גייט ער לסוף איין, זאָל זיין אַ צייכענונג, אַבי שנעל, און ער פרעגט אַ פּרייז. האָט זיך מיר פונקט אַרויסגעכאַפּט א קליינער פּרייז. כ'זע, ער איז צופרידן, מסתמא א טאָפּלטע מציאה: אי ער וועט האָבן א פּאָרטרעטל אויפצוהענגען איבערן בעט, אי ער וועט אוועקהענגען די רעגנדיקע צייט. כ'הייב אָן גרייטן דאָס פּאַפּיר, ער איז אָבער פריער פאַר מיר פארטיק: זעצט זיך אַריין אין פאָטעל באַקוועם, פארלייגט א פוס אויף א פוס, פאָרזיכטיק, די קאַנטן פון די זונטיקדיקע הויזן זאָלן זיך, חס-וחלילה, נישט צעקנייטשן, שפּאַרט אונטער א האַנט אונטערן אָנגעבויגענעם קאָפּ אויף א זייט און פאַלט אַריין אין מחשבות, ער האָט מסתמא פריער געמאַכט א פּראָבע פארן שפּיגל. הכלל, איך הייס אים אויסדרייען דעם קאָפּ צו מיר, דרייען אהער, אַהין, אויפהייבן דעם קאָפּ, קוק אים אַריין אין די אויגן און קאָן אים נישט צעקייען. לייג איך אים פאָר, ער זאָל מיר עפּעס דערציילן וועגן זיך. וואָס? — זאָגט ער — אפשר די ביאָגראַפיע מיינע? זאָג איך: צומבעסטן וואָלט ארויסגעקומען דער פּאָרטרעט, ווען ער וואָלט מיר טאַקע דערציילט זיין ביאָגראַפיע. ער האָט זיך אויפגערויסן, א בליצל געטאָן מיט די קאַלטע אויגן און סאַרקאַסטיש געפרעגט: וואָס האָט דאָ צו טאָן מיין ביאָגראַפיע? אָנגעבלאָזן זיך און אוועק. זעסטו, דעמאָלט וואָלט איך אים שוין יאָ געקאָנט מאַכן זיין פּאָרטרעט.

— פארוואָס אָבער בעסטו שטענדיק אזעלכע נידעריקע פּרייזן? א קינסטלער שאַצט מען אַפּ לויטן פּרייז פון זיינס א בילד. ווייסט וואָס מען זאָגט? אז מען צאָלט געלט, איז ווערט געלט.

— ס'איז פאַלש! פאַלש געשאַצט!

— זאָל זיין, אז פאַלש געשאַצט, אָבער אזוי איז דאָס, דער אָנזען פון קינסטלער איז לויטן פּרייז פון זיינע בילדער, ווייסט דאָס אליין.

— דאָס איז דאָס אומגליק. מ'האָט געמאַכט פֿון דער קונסט א סחורה, און פֿון קינסטלער א סוחר. דער גרעסטער טייל שאַפֿט געפֿעלן צו ווערן, לויט דער מאָדע, דאָס באַגראָבט די קונסט, און דאָס געלט באַגראָבט דעם קינסטלער. איך בין אויך טיילמאָל געצוווּנגען צו מאַכן עפּעס, כ'ווייס, א פֿאָרטרעט פֿון א סנאָב, נאָר דעמולט פֿיל איך, אַז איך בין נישט איך, און מייד דאָס אויס ווי ווייט מעגלעך.

דאָס מאָל איז ער טאַקע געצוווּנגען געווען. ער האָט שוין א לענגערע צייט נישט געהאַט פֿאַרקויפֿט קיין שום בילד, ס'האָט שוין געהאַלטן נאָר שמאָל, ווען דער שכן־מעצענאַט האָט אים געבראַכט צו פֿירן א פֿאַרשפּעטיקטן גאַסט. ער האָט איר איינגערעדט, דער באַוואָרטער דאַמע, אַז זי וועט האָבן א פֿאָרטרעט געמאַכט פֿון א היגן רעמבראַנדט. צום ערשטן מאָל האָט נאַטאַן געבעטן אַזאַ הויכן פּרייז.

אַז דער שכן האָט אים אונטערגעטראָגן די ידיעה פֿון דער צייטונג, וואָס ער האָט שוין א וואָך צייט נישט געהאַט געלייענט, האָט ער פֿאַרגעסן אין הויכן האָנאָראַר, געבעטן ביים שכן א הלוואה און אָנגעהויבן זיך גרייטן צו פֿאָרן דעם זעלבן טאָג.

געלאָזט האָט זיך נאַטאַן אין וועג אַזוי אייליק, ווי ס'וואָלט אים עפּעס א שטויס געטאָן. וואָס? נישט נאָר דער נייגיר. ער האָט אליין קלאָר נישט געוווּסט, וואָס ס'יאָגט אים. ער האָט זיך קוים א חשבון אָפּגעגעבן. אַז אויסבאַהאַלטענער פֿונק האָפֿענונג האָט אויפֿגעטליִעט: אויב ס'קאָן אַזעלכעס געשען, אפֿשר וועט זיך נאָך עמעצער פֿון די זייניקע אָפּרופֿן. ער האָט וועגן דער אומגליקלעכער פֿרוי נישט איינמאָל געהאַט געהערט רעדן ביי די אַנדריטשעס אין שטוב, באַלד פֿון אָנהייב. ער שטעלט זיך פֿאָר די שמחה פֿון זיין שוואָגער, די שוועסטער וועט זיך אויך פֿרייען, דעם מאַנס גרויסער דערפֿאָלג, און ער וועט זיך איצט קאָנען באַפֿרייען פֿון אַזאַ עול. זי, זאָפֿיע, זאָרגט זיך שטענדיק צוליב זיינע פֿיל באַשעפֿטיקונגען און דאגות, היינט דער זיג זיינער, ס'קלינגט דאָרט מסתמא מיט אים, נאָך אַזויפֿיל יאָרן געראַטעוועט א מענטש. ס'איז זיכער א שמחה נאָך א שמחה, פֿריער דער זון, דערנאָך די געשיכטע מיט דער פֿרוי. ער שטעלט זיך פֿאָר ווי אין שטוב ביי זיי איז פֿריילעך. די שוועסטער וועט דאָס מאָל קיין צייט נישט האָבן צו געבן אים עצות, צו וועלן אים איבערמאַכן; ער האָט זי צומערסטן ליב דעמלט, ווען זי רעדט נישט מיט אים וועגן תכלית־זאַכן.

## XVII

נאַטאַן האָט געטראָפֿן דאָס פֿאַרקערטע וואָס ער האָט דערוואַרט. די היימלעכע, וואַרעמע שטוב פֿון די אַנדריטשעס האָט געהאַט אַן אומהיימלעכן, טריבן אויסזען, ווי אַ שטורעם וואָלט דאָ דורכגעגאַנגען און געלאָזן נאָך זיך אַ ווייסטע שטילקייט. אַפֿילו מאַריאַ האָט געהערט שטיל און געהיימניספֿול, אָנשטעלנדיק דאָס מויל אין אַ שנאָבעלע. אַז זי האָט געעפֿנט די טיר און אים דערזען, האָט זי מיט איר געוויינלעכער אָפֿנהאַרציקייט אַ זאָג געטאָן:

— נאָר איר פֿעלט איצט צום רימל.

זי האָט מיט איר שטענדיקער היימישקייט און באַרעדעוודיקייט באַלד אין קאָרידאָר אינפֿאָרמירט, זיך געאײַלט צו מאַכן בקיצור און פֿאָרט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פֿילאָזאָפֿישע סענטענץ: „בײַ אַ פֿרעמדן פֿײַער קאָן מען נישט שטענדיק זיך וואַרעמען“.

געזאָגט האָט זי דאָס שטיל, כמעט אויפֿן אויער. נאַטאַן האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר פֿרעגנדיקע אויגן, ער האָט אין פֿלוג גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. נאָך דער ערשטער איבעראַשונג האָט ער איבערגעפֿרעגט, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט, אָדער נישט דערהערט, וואָס מאַריאַ האָט אים אַרײַנגערעדט. די אַלטע איז צופֿרידן געווען, וואָס זי דאַרף איבערחזרן נאָכאַמאָל און צוגעגעבן עטלעכע פּרטים, דערבײַ אַרויפֿגעלייגט אַ פֿינגער אויפֿן מויל און געוויזן מיטן קאָפּ צו דער טיר, וואָס האָט באַדײַט, אַז האָרט איז די מאַדאַם, מ'טאָר דערוועגן הויך נישט רעדן. דערנאָך האָט זי אים באַגלייט אין אויפֿנאַם־צימער.

די שוועסטער האָט נאָכאַן געטראָפן, ווי עפּעס וואָלט זיך אין איר אויסגעלאָשן. זי האָט זיך באַוועגט ווי אַן אויטאָמאַט. נאָכאַנען האָט זיך געדוכט, אַז אויך איר שטים האָט זיך געענדערט, אַז אין איר זייבערער, קלינגענדיקער שפּראַך האָט זיך אַריינגעזאַפּט א הייזעריקייט. זי האָט אים אויפגענומען פריינדלעך, פריינדלעכער ווי געוויינלעך, געפרייט זיך מיט אים, אָבער ער האָט געפילט, אַז אַזוי פרייט מען זיך מיט א נאָענטן, ווען עמעצער פון דער משפּחה דערווייטערט זיך.

זאָפיע האָט צום גרעסטן טייל איצט פאַרבראַכט מיט זיך אַליין. ווי גיך זי איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי זיך צוריק גענומען צו אַן אַרבעט, צו אירע העפטן, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זיי, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסבאַהאַלטן איר פּנים. הערנאָך האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, ווי זי וואָלט נישט ביי זיך אין שטוב געווען. זי איז געוואָרן שווייגנדיק, נאָר דאָס שווייגן האָט גערעדט, געפרעגט. זי האָט געוואָלט שוין וויסן, וואָס ס׳וועט שפּעטער זיין און אייגנטייטיק מורא געהאַט צו וויסן, אָפּגעטריבן פון זיך די ענטפערס, וואָס זי האָט זיך אַליין געקאָנט געבן. ווען זי איז אַליין געבליבן, איז איר שטענדיק שמייכלענדיק פּנים געווען אויסטערליש ערנסט. שוין האָט זי געקאָנט זיצן ביים פענצטער און קוקן; צום ערשטן מאָל האָט זיך איר פלייציע איינגעבויגן. זי איז געזעסן איינגעהויקערט. אַנדריטשן האָט זיך געדוכט, אַז זיין ווייב איז פּלוצלונג קלענער געוואָרן. ער האָט געוואָלט פאַרפירן מיט איר א שמועס. זי האָט עס אויסגעמיטן, אויס מורא, זי זאָל נישט דערהערן דאָס, וואָס זי ווייסט שוין אַליין: זי ווייסט איצט, אַז דער זון איז מער נישט אירער, ער געהערט אַן אַנדער מאַמען. איצט פילט זי נאָך מער, ווי פריער, ווי אַהאַם איז איר איינגעבאַקן אין האַרץ, ווי נאָענט ער איז איר, פּונקט ווי ער וואָלט פון איר אייגן לייב געווען. צי אויך דערפאַר, וואָס ער האָט זי ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַר זיין אמתער מאַמע? „מאַמע“. ווי דאָס וואָרט האָט געמאַכט צאַפּלען איר האַרץ! וועט ער זי ווייטער אַזוי רופן? זי האָט אַמאָל געמיינט, אַז מ׳קאָן האָבן מער ווי איין מאַמע, מער ווי איין טאַטע. פאַרוואָס גלייבט זי איצט נישט? פאַרוואָס מאַטערט עס זי אַזוי? פאַרוואָס איז דאָס אַלץ געקומען פּונקט איצט, ווען זי האָט זיך דערפילט א גליקלעכע מאַמע? פאַרוואָס מוז מען אומגעוואָרפן זיין אַזאַ בלינדן גורל?

זאָפֿיע האָט זיך געשעמט מיט אירע געדאַנקען, זי וועט זיי נישט אַרויסזאָגן פֿאַר מאַן, זי וועט אים אויך נישט פֿרעגן וואָס ער טראַכט דערוועגן, דערצו איז ער אַזוי פֿאַרנומען מיט דעם אַלעמען, אַזוי צע־טראָגן. זי האָט מורא אים צו קוקן אין די אויגן, פֿילט זיינע בעטנדיקע בליקן און מיידט זיי אויס, ווי זי וואָלט זיך געפֿילט שולדיק. פֿאַרוואָס שולדיק? צוליב די טראַכטענישן? יאָ, צוליב אירע טראַכטענישן, צוליב אירע געפֿילן. ס'דוכט זיך איר: מען באַפֿאַלט איר הויז, מען נעמט איר אַוועק דעם זון אירן! דעם, וואָס זי האָט אַזוי אויסגעבענקט, מיט אַזויפֿיל מי דערצויגן און אַזוי לאַנג געוואַרט, ער זאָל זי באַטראַכטן פֿאַר זיין אמתער מאַמע.

און יענע מאַמע? זי האָט זי קיינמאָל נישט געזען, נאָר זי שטייט איר כסדר פֿאַר די אויגן. זי וואָלט אפֿשר געדאַרפֿט צוגיין צו איר, נאָר ווי אַזוי זאָל זי זיך איר פֿאָרשטעלן? אַדאַמס מאַמע? וואָס דען אַדאַמס? וואָס? וועט יענע דען נישט דערפֿילן...?

טאָג־איין, טאָג־אויס זענען צוריקגעקומען די זעלבע געדאַנקען. זאָפֿיע האָט זיי געוואָלט אויסבאַהאַלטן. ס'האָט איר געדוכט, אַז מ'קאָן זיי אַראָפּלייענען פֿון איר פּנים; זי האָט נישט געוואָלט דער עיקר דער ברודער זאָל אירע געדאַנקען לייענען, ער זאָל זיך נאָר נישט אָנשטויסן וואָס אין איר קומט פֿאָר.

ער האָט זיך יאָ אָנגעשטויסן. די שוועסטער איז אים צומאָל נעענטער געוואָרן, ער האָט איצט דערפֿילט אין איר אַ קרובהשע נשמה. צי דערנענטערט נישט אַמאָל אַ געמיינזאַמער שווערער גורל מער, ווי משפּחה־פֿעדים? — האָט זיך נאָטאַן געפֿרעגט. איר, דער שוועסטער, איז שטענדיק געגאַנגען ווי געשמירט, אים... אויף אַלע זיינע שונאים געזאָגט! ער און די שוועסטער זענען צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן, ס'האָט אים אָבער אויסגעזען, אַז יענץ האָט זיי דער עיקר אָפּגעטיילט. איצט וואָלט ער גערן מיט איר אַ רעד געטאָן וועגן וואָס ס'זאָל נישט זיין. ראשית, ער זאָל נישט דאַרפֿן זיך אַרומדרייען אין שטוב, ווי מען וואָלט פֿון דאַנען אַ מת אַרויסגעטראָגן, והשנית, סתם אַזוי אַ רעד טאָן, ווי מיט אַ שוועסטער... ער, נאָטאַן, איז צומאָל גרייט צו רעדן מיט איר וועגן אַן אויסשטעלונג, דערציילן איר וועגן זיינע אַרבעטן. נאָר ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ער פֿילט — זי מיידט אויס. אים נאָך מער ווי די אַנדערע, כלומרשט שטאַרק פֿאַרנומען, זי מוז עפּעס צוגרייטן פֿאַר דער שול.

ער איז האָ איצט אַן איבעריקער; מאַריאַ איז געוואָרן גערעכט — געפעלט צום רימל. צוזאַמענבעטן וואָלט געווען צו נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס. ווי פּאַסט דאָס אָבער? מיטן שוואָגער זיך נאָך כמעט נישט געזען. פֿאַר אויג אויף אויג מיטן שוואָגער האָט ער קיין מורא נישט, וועגן וואָס צו רעדן געפֿינען זיי אויך שטענדיק, כאָטש ער ווייסט וואָס אַדאַם איז פֿאַר אים... אָבער דער שוואָגער איז אַ מענטש מיט ביינער, ער לאָזט זיך זיכער נישט, נאָר די שוועסטער, די שוועסטער! ס'רייסט אים ביים האַרץ פֿאַר איר. ער דערמאָנט זיך נישט זי זאָל ווען עס איז האָבן אַזוי אויסגעזען, אַזוי שווייגנדיק און צעטראָגן זיין.

נישט ווייניקער צעטראָגן האָט נאָטאַן געפֿונען אַדאַמען. ס'האָט זיך אים אַמאָל געהאַט געדוכט, אַז דאָס יינגל איז אויסגעוואַקסן פֿון איין גוס, פֿון איין פֿאַרגליווערטער מאַטעריע. אויך פֿון שפּעטער האָט ער אים פֿאַרגעדענקט אַ שטענדיק פֿלעגמאַטישן, פֿאַרטראַכטן, גלייכגילטיקן, ווי קיין שום זאַך וואָלט אים נישט געקאָנט רירן. איצט איז זיין פּנים באַוועגלעך, עס ענדערט זיך. שווייגנדיק איז ער אויך איצט, נאָר ס'איז אַן אַנדער מין שווייגן נאָטאַן וואָלט גערן אַזעלכע פּנימער געצייכנט, געמאָלן, עס זאָגט דאָס פּנים, אַז עפּעס טוט זיך אינעווייניק. נאָר איין זאַך לייגט זיך אים נישט אויפֿן שכל: ווי בהפֿוך איז ער פּליצלונג אַ פֿעטער געוואָרן!

דער שוועסטער זיינער איז אַמאָל געגאַנגען אין לעבן, אַז דאָס יינגל זאָל אים רופֿן פֿעטער. אַז זי פֿלעגט צושטיין צו אים, איז אים, נאַטאַנען, געווען איבער דער טבע. מיט וואָס האָט ער זיך פֿאַרדינט צו זיין אַ פֿעטער? פֿאַרוואָס קומט אים דער כבוד? צי האָט יינגל האָט אויך אַזוי געטראַכט, צי נישט, אָבער פֿעטער האָט ער אים קיין איין מאָל נישט גערופֿן, און זאָפֿיע האָט זיך דערנאָך געמאַכט פֿאַרגעסן, מער נישט דערמאָנט. איצט, אַז אַדאַם איז אַהיימגעקומען און געטראָפֿן אים מיט זאָפֿיען אין שטוב, האָט ער צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט און צעטראָגנערהייט געפֿרעגט: „וואָס מאַכט איר פֿעטער?“ נאָטאַן האָט קוים זיינע אייגענע אויערן געגלייבט. און צי האָט זיך אים אַמאָל נישט געדוכט, אַז ער האָט צו איר, צו זיין שוועסטער, געזאָגט „מאַמע“? ער האָט פֿאַרט געהערט! ניין, ער באַנעמט נישט, וואָס דאָ קומט איצט פֿאָר.

צו באַנעמען, וואָס ס'קומט מיט אים פֿאָר, איז אַדאַמען גופֿא שווער געווען. זינט די פֿרעמדע, קראַנקע פֿרוי, וואָס האָט געזאָלט זיין

אַז אָביעקט פאַר זיינע פאָרשונגען, האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר זיין אמטער מאמע, זענען די אַנהרייטשעס נאָך מער ווי פריער געוואָרן אים איינגעזאָגט. ס'האָט אים געצויגן צו פאַרקערן מיט די עלטערן, מיט דער מאַמען, ווי ער וואָלט א לאַנגן חוב שולדיק געווען און באַגערט איצט אָפּצוגעבן. ער האָט היינט געטראָפן זאָפיען אליין, זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן. זאָפיע האָט די אויגן גיך אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט, וואָס זי וויל אַוועקנעמען און אַנדער מאמען איר זון. אדאם האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, ער האָט אָבער בלויז שטיל געזאָגט „מאַמע“ און אַנטשוויגן געוואָרן.

זאָפיע האָט אויפן וואָרט „מאַמע“ אויפגעהויבן די אויגן, זיי האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט זיי צוריק אַראָפּגעלאָזט, געוואַרט א רגע און גענומען זיך צו אירע העפטן. אדאם איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געווענדט די אויגן אין דער ווייט. ער, אַדאַם, ווייסט, האָט שטענדיק געוווסט, ווי זאָפיע האָט נישט ליב, מ'זאָל אין שטוב רעדן וועגן יענע צייטן: איצט ווייסט ער, אַז ער גופא האָט נישט געוואָלט און וויל נישט זיך אומקערן אהין. די קראַנקע, פאַרעלטערטע פרוי, וואָס ער קען נישט און דערקענט נישט, די אַקאָרשט אָפּגעפונענע מאַמע איז יענער אמאָל, וואָס איז פאַרבליבן אין דמיון, ווי א קאָשמאַרער, ווייטער חלום. די „נייע“ מאַמע דערמאַנט אלץ מער יענעם בייזן חלום. וואָס איז זי פאַר אים, די וואָס ברענגט צוריק דעם אמאָל? ער איז איר געבוירן־זון. וואָס באַדייט דאָס? צי נאָר א זאַך פון באַוווסטזיין...? צי וועט עס, צי מוז עס ענדערן זיין אַרט לעבן, די באַציונגען מיט...? אזוי פיל פראַגן דרייען זיך אין קאָפּ און ער קאָן קיין ענטפער נישט געפינען; ער גיט זיך נאָר אָפּ א רעכענונג, אַז צייטנווייז איז זייער שווער מיט עמעצן צו לעבן צוזאַמען און נאָך שווערער מיט דעם עמעצן נישט צו זיין צוזאַמען.

נאָכן טאָגן האָט די שטוביקע אַטמאָספער זיך געלייגט ווי בליי אויף דער נשמה. ער האָט זיך ארומגעדרייט ביי די אַנהרייטשעס אין שטוב, ווי אויפן עולם הדמיון. וועלכער שוואַרץ־יאָר האָט אים איצט אָנגעטראָגן אהער? אלץ צוליבן שכן! ער באַגליקט אים מיט אלע נייעס. ווען נישט ענער, וואָלט ער אזוי גיך קיין צייטונג אין האַנט נישט גענומען. געלאָזט זיך הענדום־פענדום אויף א שמחה, אויף זיינע שונאים אַזעלכע שמ=

חות! און ער איז דאָ, ווי אַ פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן. פֿאַרברענגט מער מיט מאַריאַן אין קיך, ווי מיט דער משפּחה.

מאַריאַן האָט דער פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן נישט געשטערט, פֿאַרקערט, זי האָט פֿאַר וועמען אויסצושיטן עטלעכע טויזנט מעשיות מיט ווערטלעך, און סתם איז איר אַראָפּגעפֿאַלן אַ שטיין פֿון האַרץ. זי, מאַריאַ, איז אויך אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווער געמיט, די הענט האָבן זיך איר נישט געלייגט צו דער באַלעבאַטישקייט, זי פֿאַרטראָגט נישט, אַז מענטשן זאָלן אַרומגיין, ווי אָן אַ קאָפּ און מיט שטילע טריט, ווי איינער וואָלט זיך געהיט פֿאַרן אַנדערן. זי פֿילט זיך, ווי אין אַ העלן, וואַרעמען טאָג וואָלט פּלוצלונג אָנגעהויבן גיין אַ זשמוטנער רעגן, וואָס פֿאַרנעמט זיך אויף לאַנג, די ביינער ברעכן איר דעמלט נישט אויסצוהאַלטן. מיטן מאָלער, כאָטש ער איז אַ הושיוואַק, איז פֿאָרט היימלעכער, ס'איז דאָ צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. זי האָט זיך נישט געקאַרגט, געגעבן אים צומאָל אָנצוגעהערן מיט אַ שפּריכוואָרט, אַז „ס'איז בעסער צו האָבן אַ וואָראָבייטשיק אין האַנט, איידער אַ נאַכטיגאַל אויפֿן בוים“. דעם נמשל פֿון משל האָט זי געלאָזן פֿאַר אים.

נאַטאַנען האָבן זיך שוין מאַריאַס מעשיות אויך צוגעגעסן. געוויינלעך, אַז ער קלייבט זיך שוין אויס צו דער משפּחה, בלייבט ער אַ וואָך־צייט און מער. איצט האָט ער אויפֿצומאָרגנס נאָכמיטאָג, ווען די משפּחה איז געווען אין שטוב, מודיע געווען: ער פֿאָרט צוריק, ער האָט נישט קיין צייט, אַ סך אַרבעט, געקומען נאָר אַ קוק טאָן אויף זיי...

פּראָפֿעסאָר אַנדרימיש האָט זיך ערשט איצט אַרומגעזען, אַז די שטובּיקע שטימונגען האָבן זיך דעם שוואָגער אויך אָנגעשטעקט. ווי לאָזט מען אים אַוועק אָט אַזוי־אָ? דער קומט איין מאָל אין אַ יובֿל אַראָפּרעדן זיך פֿאַר אים דאָס האַרץ. אים גופֿא וועט איצט אויך צונוץ קומען זיך אָפּצורייסן אַ ביסל פֿון דעם גאַנצן טאַראַראַם, איינשפּאַנען דעם מוח אין עפּעס אַן אַנדער עניין, צוזיצן זאַלבע־צווייט ביי אים אין קאַבינעט. ער האָט אים פֿאַרבעטן, ווי אַ לאַנג דערוואַרטן גאַסט; זאָל ער אים דערציילן, וואָס ס'הערט זיך אין די עולמות עליונים, אין די טעמפּלען פֿון קונסט, און זיין, נאַטאַנס, אייגן וועלטל, צו וואָסערע געטער איז ער איצט מתפּלל?

נאַטאַן האָט קוים באַמערקט דעם אויפֿגעצוווּנגענעם הומאָר פֿון שוואָגער. ער האָט זיך דערפֿילט אין זיין אייגענער הויט. דער שוואָגער

האָט אים באַלד פון אָנהייב אַרויסגעזעצט אויפן פעחל, אויף וועלכן ער, נאַטאַן, רייט צומבעסטן. און מיט וועמען נאָך קאָן ער אזוי פריי רעדן וועגן קונסט? דאָרט איז א מדבר, נישטאָ אפילו מיט וועמען זיך צו קריגן, כאָטש נעם רעד צו דער וואַנט. לעבן שוואָגער לעבט ער אויף, ער קאָן אפילו אַריינזאָגן אין דער לעבער וועמען ער וויל, ס׳פרישט אים שטענדיק אָפּ, ווי ער וואָלט גענומען א ים־באָד נאָך א סקוואַרנעם, זומערדיקן טאָג. דער שוואָגער האָט נאָר וואָס אָנגערירט אן אָנגעצויגענע סטרונע, ס׳איז גענוג געווען עטלעכע ווערטער נאַטאַן זאָל אין אַלין פאַרגעסן און זיך לאָזן שווימען אויף זיינע אייגענע, ברייטע וואַסערן:

— איך זאָג דיר, ס׳איז אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער, היינטצייטיקע קונסט! א רעש, א טומל מען מאַכט דאָס! נישט ווייניק מיספאַרשטייעניש אין דער גאַנצער מעשה מיט דער היינטצייטיקער קונסט, מיר שאָקירט צומאָל דער טערמין, ס׳זעט מיר אויס דאָס זעלבע, ווי מען וואָלט געזאָגט אַלטצייטיקע, און קונסט איז אין תוך נישט אַלטצייטיק און נישט היינטצייטיק. איז דאָס קונסט, איז דאָס שטענדיק צייטיק; איז דאָס נישט, העלפט נישט וואָס ס׳איז היינטצייטיק. אָט זעסטו, מאָדערנע קונסט, מאָדערנע, דאָס פאַסט זיך יאָ. נאָר גלייב מיר, ס׳איז צייטנווייז מער מאָדע, ווי קונסט. אז מען קוקט זיך צו צו די, וואָס רייסן זיך צו זיין אין דער מאָדע, א שטייגער די יונגע גענעראַציע. ס׳העלפן זיי אפילו נישט די אַקאַדעמיעס! פאָרען זיך מיט נייער טעכניק, נאָר איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד: זיי קענען אפילו נישט ווי געהעריק צייכענען. אַז זיי דאַרפן דאָס נישט! נו, גוט, נייע טעכניק, כ׳ווייס מ׳קאָן לייגן די פלעקן אזוי און אזוי; יאָ, יאָ, פון פלעקן מאַכט מען א בילד, אָבער בלויז פלעקן זענען נאָך נישט קיין בילד.

ער האָט געקוקט דעם שוואָגער אין פנים, געוואָלט דאָרט עפעס אַרויסלייענען, זאָל ער אים נאָר שלעכט נישט פאַרשטיין:

— מיינסטו ס׳גייט אין אַ ריכטונג? נישטאָ קיין שלעכטע און גוטע ריכטונגען, ס׳זענען דאָ שלעכטע און גוטע בילדער, נישט נייע ריכטונגען. נאָר דאָס לעבן, דראַמעס, מענטשלעכע טראַגעדיעס ענדערן די קונסט, טראָגן אריין אין איר נייע, עסטעטישע, עטישע עלעמענטן; פאַרהאַלטן די נאַטירלעכע שטורעם־קרעפטן, אָנהייבן דיריגירן, פירן דעם קינסטלער פאַר אַ הענטעלע — אָ, דעמלט, ניין איילן אין דער ערד ליגט זי דעמלט, די קונסט. נאָר מען קאָן זי נאָך אַנדערש באַגראָבן, די מאָדע דערגייט איר

אויך נישט ווייניק די יאָרן, ווען מען וויל דורכאויס זיין אין דער מאָדע. טעכניק אַהער, טעכניק אַהין, אָבער ווען ס'איז ווייניק קונסט אין דעם? קוקסט און קוקסט אַמאָל אויף אַזאַ בילד און ס'ווערט דיר פון דעם נישט קאַלט און נישט וואַרעם.

פּראָפעסאָר אַנדריטש קאָן לאַנג הערן נאָטאַגעו, ס'איז שטענדיק פאַר אים אַן אָנטשפּאַנונג. ער האָט אָבער געוואָלט א ביסל צעשטרייען דעם שוואָגערס ערנסטקייט און מיט אַ לייכטן טאָן און מידן שמייכל שפּאַסיק צוגעוואָרפן:

— און דו ווילסט דורכאויס ס'זאָל מענטשן ביי יעדער געלעגנהייט ווערן קאַלט און וואַרעם?

אַז נאַטאַן רעדט אָבער וועגן קונסט איז נישט לייכט אים צו צעשטרייען, בפרט איצט, אַזוי לאַנג נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אויסצורעדן, ס'האָט זיך אַזוי פיל אָנגעקליבן, אַז ס'דריקט אויפן האַרץ, ער מוז עס אַרויסוואַרפן פון זיך. האָט ער געלאָזן הינטער זיך דעם שוואָגערס שפּאַס און ווייטער זיך געגאַנגען זיין וועג:

— דאָס אומגליק פון דער הייַנטיקער קונסט, וואָס זי פאַרלירט אָפטמאָל איר אויטענטישקייט, דעם „איך“, די אייגענע פּערזענלעכקייט. מען שפּילט זיך אין אַ רעטעניש: וואָס איז דאָס קונסט? אומרו! אויפטרייסלונג! דערלייזונג! און נאָך און נאָך! קאָן מען נישט גייז אָט אַזוי, ווי ס'לאָזט זיך און וו ס'לאָזט זיך. צו טרעפן צו א מענטשלעך האַרץ מוז מען רייסן שטיקער פון אייגן האַרץ, די גרענעצן פון אומטעגלעכקייט פאַרווישן זיך, מ'מוז פאַרבינדן דאָס מענטשלעכע מיטן אוממענטשלעכן, טיף־טיף אַריינדרינגען, ווייט גרייכן, דאָ מוז מען אויסמיידן יעדן לייכטן וועג, אָט וואָס!

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם, ווי דאָס אַליין וואָלט אים געמאַטערט און ער איילט זיך האָס אַרויסצוואַרפן פון זיך. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, פון מאָל צו מאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. נאַטאַן האָט זיך איבערגערוקט אין פאָטעל און פאַרגעזעצט געלאַסענער:

— מ'זאָגט „ריינע מאָלעריי“, נו, דאַרף עס נישט האָבן קיין נשמה? דאַרף דאָס נישט אַ ריר טאָן? און ווייסטו וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן? דו ווייסט עס בעסער פאַרשטיין; ווי די גרויסע קענערס און מבינים — קונסט איז ראשית כל זכרון, די אַלטע גריכן האָבן די מוזעס גערופן „די טעכטער פון זכרון“. זיי זענען גערעכט געווען, דער

זכרון איז דער ערשטער באַדינג פֿאַר יעדער קונסט, פֿאַר יעדערער אויף אַן אַנדער אופֿן, אַ באַדינג פֿאַר אַ לעבעדיקער, אויטענטישער קונסט, פּונקט ווי פֿאַר אַ מענטש, וואָס... נעם, אַ שטייגער, די... די קראַנקע דיינע, געהערט זאָגן זי איז אַ געלערנטע, צי אַ קינסטלערין. וואָס איז זי געווען ווען דער זכרון...?

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער שוואָגער וויל וועגן דעם נישט רעדן, דערפֿילט זיך ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַן אומטאַקט, און סתם זיך פֿאַרגאַלאָפּירט, דער פֿאַרגלייך נישט אויפֿן אָרט. ער האָט געוואָלט זיך אינגאַנצן אָפּקערן דערפֿון און איז שנעל אַרויף אויף אַנדערע רעלסן:

— גאָוואַטאָרישקייט, גאָוואַטאָרישקייט, אַזויפֿיל רעדט מען דערוועגן, אָבער אַז דו קוקסט זיך צו דערצו נאָענט! אָנשלאָגן כאַאָטיש טשוועקעס אויף אַ ברעט, אויך גאָוואַטאָרישקייט; אַ קייקעלע אויף אַן איינטאָניקער פֿלאַך — קינסטלערישע זוכענישן. אַן איינפֿאַל איז דאָס, אָבער נישט יעדער איינפֿאַל איז קונסט. כ'האָב נישט לאַנג צוריק געזען, ווי אַ יונגער חברה־מאַן, אַ סקולפּטאָר, געענדיקט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַן אַקאַדעמיע, איז ער געקומען צו אונדז אויף פּלענער; פֿאַרוואָס זיי רופֿן דאָס, וואָס זיי מאַכן היינט, פּלענער, פֿאַרשטיי איך נישט. שטעל זיך פֿאָר, ער האָט זיך געפּאָרעט ביי אַן אייזערנעם שטאַנג, אַרויפֿגעשטעלט אים אויף אַ פּאָסטומענט, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, איבערגעבויגן איבער אים אַ קלענערן אייזערנעם שטאַנג, פֿונדערווייטנס האָב איך געמיינט, ס'איז אַ שאַר־אייזן, כ'זאָג דיר אַ סטראַד אויף וואָראָבייען אין פֿעלד האָט אַ סך מער עקספּרעסיע; אַן אַנדערער האָט אַן אָפּגעשניטענעם שטאַם פֿון אַ בוים, אַ קלאָץ, אַרומגערינגלט מיט קליינע קלעצלעך האָלץ, אויסגעשטעלט אויף אַן אויסשטעלונג און אונטערגעשריבן „מוטערשאַפֿט“; אַ פֿאַרזשאַווערט, אויסגעבויגן שטיק בלעך, אויך אויף אַ פּאָסטומענט, אונטערגעשריבן: „מוזיק“. פֿאַרשטייסט, מוזיק, וואָס גיט אונדז אַזויפֿיל עמאָציעס; אַ שטיק נישט מאָדעלירטער קאַלך־שטיין, פֿאַרגליווערט, טויט — „אַ פֿיש“, אַ צענדליק אייזערנע רערלעך אויפֿגעצויגן אויף אַ שטאַנג — „אַ בוים אין פֿרילינג“. נו, וואָס זאָגסטו דערצו?

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט זיך צעשמייכלט:

— ביסטו דאָך איצט אויף אַ גלייכן וועג, מ'וועט צופֿרידן זיין פֿון דיר, מ'וויל דאָך, אַז אַ פֿיש זאָל ענלעך זיין צו אַ פֿיש, אַ בוים צו אַ בוים, לויט אַ פּאַרטיקער טעזע.

— ניין, ניין, האָסט אַ טעות. איך מאָל אַזוי, ווי איך זע די זאַך, און נישט זי זאָל ענלעך זיין צו זיך. קונסט הייסט נישט נאָכמאַכן די נאַטור, נישט קיין קאָפּיע, נאָר די נשמה אירע, דאָס אינערלעכע לעבן, די שטימונג, אַטמאָספער; קונסט האָט איר אייגן לעבן, איר אייגענעם אמת. דעם אמת פון מענטשלעכע געפילן, די קונסט קאָמוניקירט זיי פון מענטש צו מענטש. נעמט מען אַוועק דאָס אַלץ, ליידיקט מען זי אויס, די קונסט פון... פון...

ס'האָט אים אויסגעפעלט אַ וואָרט, און זוכנדיק, איבערגעשפּרונגען צו אַן אַנדער זאַך, ווי ער וואָלט זיך אין דער הייסער רגע דערמאָנט, אַז דער שוואָגער קאָן אים שלעכט פאַרשטיין:

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך, זוכעניש, עקספּערימענטן, דאָס יאָ, אָן דעם איז נישט שייך, קונסט אָן איגוועניע, אָבער דו האָסט גע־האַרפט זען די איגוועניע!

— כ'האָב געזען, זאָפּיע האָט מיך געהאַט מיטגענומען.

— נו, וואָס זאָגסטו דערצו?

— כ'בין נישט קיין מבין, כ'האָב מורא צו פסקענען צו שטרענג. די יוגנט איז שטענדיק איבערקערעריש, בונטאַריש, זי איז אַנדערש עמפּינד־לעך, אנדערע זוכענישן, מ'דאַרף זי לאָזן, ס'וועט זיך מסתמא עפּעס אויסקאָכן פון דער בונטאַרישקייט.

— בונטאַרישקייט מיינסטו? כ'מיין גיכער ברוטאַלקייט. דער רויער, האַרטער מעטאַל, דאָס אייזן, וואָס צעלייגט זיך אַזוי ברייט אין דער קונסט, גיכער אַן אויסדרוק פון די ברוטאַליטעטן, ס'פּלייצט פון אַלע זייטן. יאָ, יאָ, האָסט גוט געזאָגט: אַן אַנדער עמפּינדלעכקייט, אַנדערע זוכענישן, מיין דור, פאַרשטייסט; אָט נעם מיך, מיינס גלייכן..

דער פלאַם האָט זיך אָנגעהויבן אויסלעשן, ס'איז אים שווערער גע־וואָרן צו רעדן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און צוגעשטאַנען:

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט אַרויסקומען מיט דיינע זוכענישן, דו האָסט דאָך יאָ וואָס צו ווייזן: קונסט, זאָגסטו דאָך מיר שטענדיק, דאַרף האָבן קאָנפראָנטאַציע. מ'דאַרף זיך שלאָגן פאַרן אייגענעם אמת, קיינעם קומט נישט אָן גרינג.

נאַטאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— לאָז געמאַך, איך בין שוין צו אַלט זיך צו שלאָגן, און סתם בין איך שוין צו אַלט, צו אַלץ! אַז אַזעלכער ווי איך האָט אויפן קאַרק

64 יאָר. היינט שאַצט מען דעם מענטש לויט די יאָרן: וואָס מער יאָרן, אַלץ ווייניקער רעכנט מען זיך מיט אים. וואָלט איך כאָטש אַ ביסל יינגער געווען. אַזוי, אי מיין מאָלעריי נישט קיין גאַנגבאַרע סחורה, אי איך בין שוין אַלט. יעדער שנעק היינט, ער האַרף זיך מיט גאָרנישט אויסצייכענען, ער האַרף נאָר האָבן פליגן אין נאָז, נישט קיין פליגל, נאָר פליגן, אַ ביסל חוצפּה. ס'העלפט מער, ווי טאַלאַנט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געמאַכט אַן אומצופרידענע באַוועגונג. נאַטאַן האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט, האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרענטפערן:

— מיינסט, איך בין קעגן שטויסן די יונגע? חס וחלילה! פאַרקערט, מ'האַרף, מ'דאַרף, נאָר נישט אויפן חשבון פון די עלטערע, ס'קאָן סטייען „לעבנס־רוים" פאַר אַלע. מיינסט נאָר איך, דער פאַרגעסענער, אַלטער מאָלער רעדט אַזוי? אַנדערע נישט? טאָ הער: ס'קומט אַריין צו מיין שכן אַן אינזשיניער, מ'זאָגט אַ פעיקער מענטש, אין מיין עלטער, פאַרשטייסט, אַ לאַנגע פּראַקטיק אין זיין פּראָפעסיע, און געזונט איז ער, ווי אַ פיש. ער האָט נאָך אַנדערע מעלות: האָט ליב אַ סך צו עסן, אַ סך צו אַרבעטן און כאַפּן פיש. זונטיק, יום־טוב, כאַפּט ער פיש אויף אַ ווענדקע, אַ ספּאָרט אַזאַ ביי אים, ווינטער גייט ער אויף יאַגד, קיין שום צוואַנציקיעריקער וועט זיך מיט אים נישט פאַרמעסטן אין לאַנגע מאַרשרוטן. נו, שיקט מען אים אויף רענטע. ער לייגט איין וועלטן, מ'זאָל אים נישט אַוועקשיקן פון דער אַרבעט, אָבער אויף זיין אָרט וואַרטן עטלעכע שנעקעס, אינזשיניערן נאָרוואָס פון דער נאָדל אַראָפּ, אַזש דריי קאַנדידאַטן פאַראַן, ער קאָן זיי אַלע דריי אין וועסטל־קעשענע אַריינלייגן, נאָר ער איינער האָט כמעט אַזויפיל יאָרן, ווי זיי אַלע דריי צוזאַמען, נו, איז ער דריי מאָל ווייניקער ווערט. ער איז מיך מקנא, הערסט, מיך מקנא. מיך, זאָגט ער, וועט קיינער נישט צווינגען אַוועקצוואַרפן מיין מאָלעריי; ער וועט איצט מוזן אַוועקוואַרפן די אַרבעט, וואָס ער האָט ליב. מען הייסט גיין אויף „אָפּרו", און ער זאָגט, ער וויל נישט גיין פון אָפּרו אויף אייביקן אָפּרו. געטרוימט, זאָגט ער, צו אַרבעטן ווי לאַנג ער וועט לעבן. אַ לייכטערע אַרבעט יאָ, נאָר נישט קיין געצוווּנגענער אָפּרו. ס'איז, זאָגט ער, ווי אַ פאַרהויז צו דעם אייביקן אָפּרו. איז גיי גיב יענע צו פאַרשטיין, אַז ס'איז פאַר אים אַן אומגליק, און מ'וויל דורכאויס איינרעדן דאָס פאַרקערטע, פאַר זיין גוטס, פאַר זיין טובה ווענן, מען באַגליקט דאָך אים מיט אַ רענטע. ווער ווייסט מיט וואָס נאָך מען וועט אָנהייבן באַגליקן

עלטערע מענטשן? מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ערגעץ אין אַ לאַנד האָט מען צוגעטראַכט צו שיקן אויף דאַטשע, ווען מען שיקט אויף רענטע. ווייסט ווי אַזוי? איבערקוואַרטירן די עלטערע מענטשן. אין שטאָט איז האָך שטענדיק אַ קריזיס אין וווינונגען — זאָלן זיי לאָזן זייערע וווינונגען פאַר די יונגע, פונקט ווי זיי לאָזן די אַרבעט, מ׳וועט זיי איבערפירן אויפן דאָרף, אין די קליינע פּראָווינץ־שטעט. איי, דו ביסט דאָ אַרייַנגעוואַקסן, נישקשה, וועסט דאָרט אָנהייבן אויפסניי אַרייַנוואַקסן. אַ פיינער איינפאַל, האַ? וואָס נאָך וועט מען צוטראַכטן פאַרן גוטס פון מענטש? צו מיר האָט עס אפילו נישט קיין שייכות, קיינער קאָן מיך נישט שיקן אויף אָפּרו, קיינער, גאָט צו דאַנקען, זאָרגט זיך נישט פאַר מיר, פונקט, ווי קיינער דאַרף מיך נישט.

ער האָט גערעדט, ווי אַלע שליוזן פון האַרץ וואָלטן זיך מיטאַמאָל אויפסניי צעעפנט. ס׳איז געפלאָסן אַ שטראָם, און ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דעם שטראָם צו פאַרהאַלטן, געוואָלט פאַרענדיקן, און נישט געוווּסט מיט וואָס. אַ רגע האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ ביטערער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פנים, ס׳איז געווען מער ביטערניש, ווי שמייכל, די ווערטער זענען אַרויסגעקומען, ווי זיי וואָלטן זיך דורכגעזיפּט דורך די ציין:

— אַמאָל, זעסטו, האָט כאָטש דער באַוועלטער, אַלטער קינסטלער געקאָנט האָפן אויפן יושר פון די קומענדיקע דורות. הייַנט, הייַנט קאָן מען זיך אפילו דערמיט נישט טרייסטן, אַז מען דאַרף דיך נישט, איז געלייגט אַ שטעמפּל און צוגעחתמעט.

— טרייבסט איבער, ביסט צופיל פאַרביטערט. ווייסט, פאַרביטערטקייט איז נישט קיין גוטע זאַך, נישט סטימולירנדיק. פאַרגעסט, ביסט אַ קינסטלער, און וואָס פאַר אַ קינסטלער, מיט אַן אייגענעם נוסח, מיט אַן אייגן פנים.

— גאָר דאָס פנים געפעלט נישט.

— האָסט דאָך מיר אַליין געהאַט געזאָגט, אַז אַ קינסטלער טאָר נישט שאַפן געפעלן צו ווערן, זעסטו, ווי דו ביסט זיך אַליין סותר? גאָר דאָס מאַכט נישט אויס, אַלע זענען מיר זיך אָפּט סותר. זאָל מען בעסער רעדן וועגן אַן אויסשטעלונג; אַז ביסט שוין יאָ געקומען, דאַרף מען אויסנוצן. צייט זאָלסט אַרויסקריכן פון דיין באַהעלטעניש, דאַרפסט קומען צו אונדז מיט אַן אויסשטעלונג, אַ רעטראָספּעקטיווע.

— אַ רעטראָספּעקטיווע? — האָט נאַטאַן געפרעגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — גיי שוין, גיי. עטלעכע צענדליק יאָר אַרבעט איז אַוועק מיטן רויך, גאָרנישט אָפּגעפונען, זיך גופא נישט געקאָנט אָפּגעפונען, און אַז שוין צוריק אַ ביסל געפונען זיך, איז זעסטו דאָך, ווי ס'זעט אויס, אַן איבעריקער מענטש אויף דער וועלט, מ'דאַרף מיך נישט.

— נאַרישקייטן, יעדערן קריכן צייטנווייז אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ. מ'דאַרף זיי פאַריאָגן. דו האָפסט איצט צוגרייטן אַן אויסשטעלונג, וועט אַלץ אַנדערש אויסזען. נעם זיך דערצו, זאָפיע וועט העלפן.

נאַטאַן האָט זיך פאַרטראַכט. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך דערוויטערט פון דעם, וואָס האָט אָקאָרשט אַרויסגערעדט פון אים, ווי ער וואָלט זיך איבערגעטראָגן מיט די טראַכטענישן אין אַן אַנדער ספערע. פלוצלונג האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אויפן שוואָגער. זיין בליק איז געוואָרן מילד, די פאַרביטערטקייט צווישן די מויל־ווינקלען איז פאַרשוונדן. ער האָט געלאַסן און ווי נישט דרייסט געפרעגט:

— אפשר וואָלסטו מיר בעסער אין אַן אַנדער זאַך געהאָלפן?

— אַ שטייגער?

— ס'איז מיר גאָר־וואָס איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָלט איך געוואָלט דיך בעטן. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט: אַ קינסטלער דאַרף עדות זאָגן וועגן זיין צייט, בפרט וועגן אַזאַ צייט. געפרווט אַזוי פיל מאָל מאָלן. כ'מיין, ס'איז נאָך קיינעם נישט געלונגען. קיינער האָט נאָך נישט... יענע אַפּאָקאַליפּסע רוקט זיך אָפּ פון המיון. וואָס קאָן נאָך אַזוי דערמאָנען די אַפּאָקאַליפּסע ווי זי? כ'וואָלט נישט צוגענומען קיין סך צייט...

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, געווענדט די אויגן צום פענצטער, געקוקט אַהין מיט אַ טריבער פאַרטראַכטקייט. דער האַרבסטיקער בוים פאַרן פענצטער איז אים אויסגעקומען, ווי אַ ריזיקער פראַגע־צייכן, אין באַלד צעשפּריצט ער זיך אין אָן אַ שיעור אַזעלכע צייכנס. אין קאָפּ האָט אַ שפּרונג געטאָן אַ פראַגע: „צי זעט אַמאָל נישט יעדער איינער די מענטשלעכע גורלות דורך זיין אייגענעם גורל?“

נאַטאַן האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ער האָט זיך אויסגעזידלט: נאָך אַן אומטאַקטישקייט! נישט אויף דער צייט. ער האָט קיינמאָל נישט קיין געדולד, ווי גאָר ס'פּליט עפּעס אַריין אין קאָפּ; אַ נס, וואָס די שוועסטער איז נישט דערביי. איצט האָט ער זיך נישט געאיילט, געוואַרט דער שוואָגער זאָל זיך אָפּרופן.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויך נישט געאײַלט מיט קיין ענטפער. ער האָט געזוכט ווי אַזוי ווייטער אָנצוקניפּן דעם שמועס, און אויסצומיידן דאָס, וועגן וואָס ער וויל נישט רעדן. מאַריאַ האָט זיי ביידע באַפרייט פון דער אומבאַקוועמער סיטואַציע, זי איז געקומען אָנזאָגן, אַז דער אָנבייסן איז אויפן טיש. זיי ווייסן ביידע, אַז ווען דער טיש איז געדעקט, פאַרלאַנגט מאַריאַ מ׳זאָל זיך זעצן צום טיש.

## XVIII

ניין, כ'קאָן נישט קוקן אויף דעם. כ'קאָן זיך נישט צוגעוווינען צו מיין פּנים, בשום אופן נישט, נישט מיינס דאָס פּנים, אַ פרעמדס, אַ העסלעכס, אַ מאַסקע נישט קיין פּנים, אַרויפגעלייגט אויף מיר אַ משונהדיקע מאַסקע, און איך מוז זי טראָגן! ווי אַזוי זי אַראָפּרייסן? ווי אַזוי פּטור ווערן פון דעם־אָ? ווי אַזוי? מ'זאָגט מ'געוווינט זיך צו אַלץ צו, מ'זאָגט... אַזוי פיל זאַכן האָט מען געזאָגט, וואָס האָבן שפּעטער נישט געהאַט קיין האַפט און קיין זין. און אפשר? שלום מאַכן? זאָגן זיך: — אַזוי איז דאָס געשען און פאַרטיק? אַזוי געשען, איך אַ מומיע, געוווין זיך צו צו דיין... ניין, כ'קאָן נישט!

רעבעקאַ זאַקשטיין איז אויפגעשטאַנען. זי איז אַנטלאָפן פון שפּיגל, וואָס אויף איר טישל. זי האָט צוזאַמענגעפלאָכטן די הענט און אָנגעהויבן לאַנגזאַם גיין איבערן צימער, ווי אַמאָל. ווי אַמאָל, און פאָרט אַנדערש. איר גרויסער איינצל־קאַמער איז אינגאַנצן געענדערט: היימלעכער, פרייליכער, און כאָטש די זון האָט זיך הייגט א ביסל אָנגעכמורעט, קאַרגט זי נישט אַריינצושיקן אירע בלאַסע שטראַלן אין דעם געענדערטן צימער, ווי איר טייל צו דער נייער אויסשטאַטונג: בלומען, אַ סך בלומען, בלומען אין וואַזעס, קוישן בלומען, און בלומען אין טעפּלעך ערד, ווי זיי וואָלטן דורך דער קורצער צייט פּלוצלונג דאָ אויסגעוואַקסן. אויף ביינאַכט טראָגט זיי די באַדינערין אַרויס, אינדערפרי שטעלט זי זיי ווידער פאַנאַנדער אין די ווינקלען, אויף די פּאַראַפּעטן פון די צוויי פענצטער. אַזוי האָט מען איר געהייסן, אַזוי לאַנג ווי די קראַנקע וועט דאָ בלייבן, דאַרף דאָס צימער נישט דערמאָנען זיין אַמאָליקן

אויסזען. אויך די איבערדעק אויפֿן בעט איז געענדערט, און אויפֿן טישל אַ געבלומטער טישטער, וועגן דעם האָט עווע געזאָרגט.

רעבעקאַ זאַקשטיין זעט אויך אויס פֿאַר דער לעצטער וואָך אין־גאַנצן אַנדערש; אַנדערש אָנגעטאָן, אַנדערש פֿאַרקעמט. די נייע מלבושים זענען, ווי אַ נייע הויט, אַ פֿרישע, עלאַסטישע, זי זעט אין זיי אויס אַ ביסל ייִנגער, געמיטלעכער, מונטערער, זי פֿילט דאָס אַליין, אָבער אַזוי לאַנג נאָר, ווי זי קוקט נישט אַריין אין שפּיגל. זי האָט געבעטן אַ שפּיגל און אַלע אירע בקשות קומט מען אַנטקעגן. אַ שפּיגל און צייטונגען; אין שפּיגל זוכט זי איר אַמאָליקע צורה, אין די צייטונגען, די איצטיקע, נייע וועלט. זי איז פֿאַר איר אומבאַקאַנט און פֿרעמד, האָט אַזוי לאַנג נישט עקזיסטירט פֿאַר איר די דרויסנדיקע, אַרומיקע וועלט. איצט לאָזט איר דאָס אומבאַקאַנטע נישט רוען, אַ באַדערפֿעניש זיך צו דערוויסן, אַ נייגיר יאָגט, טרייבט, לאָזט נישט איינזיצן. זי מוז נאָך אָבער דערווייל דאָ זיצן, דער צעשעדיקטער מוח־מעכאַניזם האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל פֿונקציאָנירן, דער צעשעדיקטער קערפּער איז נאָך נישט אימשטאַנד אויפֿצונעמען נאָרמאַלע פֿונקציעס, די קראַנקע מוז אָפּהיטן אַ רעגולאַמין, בכלל טאָר דער איבערגאַנג צו אַן אַנדער אַרט לעבן נישט זיין קיין צו האַסטיקער, אַזאַ אָרגאַניזם פֿאַרטראָגט נישט קיין שטאַרקן שפּרונג. די ערשטע צוויי־דריי טעג איז געווען באַרוישונג, ווי אַ חלום אויף דער וואָר. דער חלום איז געוואָרן רעאַליטעט, אַלץ אַרום ממשותדיק, זאַכלעך, ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס זאַכלעכע באַטראַכטן דעם אַרום, באַטראַכטן זיך גופֿא, דעם אייגענעם גוף, ראשית דאָס פּנים.

רעבעקאַ זאַקשטיין האַלט לאַנג נישט אויס, האָט זיך ווידער אַוועק־געזעצט ביים טישל. זי האַלט דעם גרויסן טואַלעט־שפּיגל אין האַנט, קוקט אַריין אין אים מיט אַנגסט. וואָס זעט זי דאָרט? איר פּנים? זי דריייט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן, הייבט אין פֿאַרצווייפֿלונג מיט די אַקסלען, זי קאָן נישט שלום מאַכן מיט איר אויסזען, מיט איר גוף, מיט זיך אינגאַנצן. דאָס בין איך? איך? רעבעקאַ זאַקשטיין? די שיינע רעבעקאַ? ווי נאָך האָט מען מיך גערופֿן...? זיי האָבן געזאָגט, אַז אפֿילו דאָס געטאָ האָט איבער מיר קיין שליטה נישט. אין צוריקגעפֿונענעם זכרון איז פֿאַרבליבן דאָס אַמאָליקע: אַ שיין, יונג פּנים, אַ נאָרמאַלע געזונטע פֿרוי, אַ גראַציעזע, אַ פֿאַנאַנדערגעבליטע.

זי לייגט אָפּ דעם שפּיגל און לענט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט, מעכאַניש, פֿון געוווינהייט. אַזוי פֿיל יאָרן האָט זי אַזוי אַ באַהעלטעניש

געזוכט אין זיך גופא; אַזוי ווי אַ פעלד־שנעקע קריכט אַריין אין איר פאַנצער אויס אינסטינקטיווער מורא פאַר אַ פיינטלעכן צוזאַמענשטויס, אַזוי פלעגט זי איינגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט. דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס רינגלט אַרום, דאָרט, ווייט, אויסער דער פאַרצוימונג, האָט גע־שראָקן, און אַז אינסטינקט האָט געוואַכט, געוואָרנט.

איצט איז אין מוח קלאָר, ער באַנעמט, דער זכרון פונקציאָנירט. זי האָט אַמאָל געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַ גרויסע פאַרשטעלונג־קראַפט, אַ לעבהאַפטע פאַנטאַזיע. „האָסט געדאַרפט אויסקלייבן דעם וועג פון אַ קינסטלער, און נישט פון קיין וויסנשאַפטלער, דאַרפסט נאָך פּרווון מאָלן" — האָט איר מאַן איר געהאַט געזאָגט. זי האָט געטראַכט מיט בילדער, באַנומען פּלאַסטיש, אַ מענטשן פלעגט זי געדענקען לויט זיין אויסזען, זי האָט געקאָנט פאַרגעסן זיין נאָמען, אָבער נישט זיין נאָז, זיינע אויגן, אַ מאָדנער זע־זכרון, אַ פּנים פון אַן אומבאַקאַנטן פלעגט זי דערקענען נאָך יאָרן.

און איר פּנים? איר מאַן, אירע עלטערן האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם. זי זעט זיך אין דמיון, זי איז אַמאָל צופרידן געווען פון זיך. „צו אַזאַ פּנים איז יעדעס קלייד שיין" — אַזוי פלעגן איר זאָגן אירע פריינ־דינס.

זי וואָלט געוואָלט אַפּטרייבן די דערינערונגען, זי יאָגט זיי פון זיך און זיי קומען צוריק, דרייען זיך, קנוילן זיך, ווירבלען אין קאָפּ. דאָס אַמאָליקע פּנים אויך, עס באַווייזט זיך אומאויפהערלעך אין איר דמיון, אַלעמאָל אַן אַנדערס, און שטענדיק דאָס זעלבע יונגע, שיינע פּנים, ס'פאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט. מ'טאָר אַזוי נישט זיצן, מ'דאַרף אָפּ־רייסן דעם קאָפּ פון טיש, פאַריאָגן אַזעלכע דערינערונגען. קעגן איר ווילן האָט זי ווידער גענומען דעם שפּיגל אין האַנט, ווי דער שפּיגל וואָלט איר באַפוילן, געפאָדערט: נאַ, קוק! זי האָט ווידער געקוקט מיט נייגיר, געזוכט, געפאָרשט. קיין שום ענלעכקייט, קיין סימן, גאָרנישט פון דעם, וואָס האָט אויפגעטויכט אין דמיון, אַן אַנדער פּנים, אַ משונהדיקער פּרצוף. איך בין דאָס ? איך, רעבעקאַ זאַקשטיין? פריער האָבן זיי נישט געגלייבט אין מיין אויטענטישקייט, איצט הייב איך אַליין אָן נישט צו גלייבן, אַז איך בין איך. גאָט מיינער, וואָס פון אַ מענטש קאָן מען... וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיר? כ'האָב דאָרטן מיין פּנים קיינמאָל נישט געזען, געזען פּנימער פון אַנדערע און נישט געטראַכט, אַז מיינס

קאָן אויך אַזוי אויסזען. ניין, דאָרט האָט מען נישט געטראַכט וועגן פּנים, קיינער נישט. דאָרט אַלע געווען יונג... איצט צו 48 יאָר אַ זקנה, אַנשטאָט טויט — זיקנה. וויפל מאָל געטויט געווען? וויפל מאָל גע־שטאָרבן? כ'בין פאָרט נישט געשטאָרבן, נישט איינגעגעבן זיך זיי מיך צו דערהרגענען, און דאָך איינגעגעבן... וואָס האָבן זיי דערהרגעט אין מיר? דערווייל זע איך די צעקאַליעטשעטע פּיס, און דאָס פּנים, מיין אייגן פּנים אויסגעשניטן. פּראָפעסאָר פרידריך זיגפריד האָט אויסגע־שניטן מיין פּנים, ווי ער האָט אויסגעשניטן אַנדערע שטיקער לייב, און איבערגעפלאַנצט אויף מיר אַ העסלעכע מאַסקע.

זי האָט ווידער אַנגעלענט דעם קאָפּ אויף די הענט, זי גיט זיך שוין אפילו נישט אָפּ קיין רעכענונג, אַזוי איז דאָס אַריין אין בלוט. די הענט פאַרלייגן זיך פון זיך אַליין אויפן טיש, און דער קאָפּ פאַלט אַראָפּ אויף זיי; פריער איז דאָס אויך געווען אַ נייטיקער אָנשפּאַר פאַרן קראַנקן, שווערן קאָפּ, אין וועלכן ס'רוישט ווי אין אַ מיל. זי האָט בייז אָפּגערוקט פון זיך דעם שפּיגל: זי וועט מער נישט קוקן אויף דער אַלטער, פרעמ־דער פרוי! און וואָס, אז אַן אַלטע? אפשר טאַקע אויך... זאָל דאָס זיין די עלטער? די יאָרן שטייען נישט אויף קיין אָרט, ביי קיינעם נישט, אין נאָרמאַלע באַדינגונגען אויך נישט.

ס'האָט איר אַ ברי געטאָן ערגעץ אין לייב. זי האָט זיצנדיק אין דער זעלבער פּאָזיציע שווער אויסגעצויגן דעם רעכטן פוס, געמאַכט עט־לעכע פּאַמעלעכע איבונגען, אַזוי ווי מ'האָט איר דאָס געהאָט אויסגע־לערנט; יעדער ברי, יעדער שטאָך האָט איצט דערמאָנט, דער גאַנג פון די געדאַנקען האָט זיך צוריקגעקערט: ניין, דאָס עלטער־ווערן זיבער־איינגאַנצן אַנדערש. אַז אַ מענטש פילט, ווי די יאָרן קומען צו, זעט, ווי זיין פּנים ענדערט זיך, די האָר הייבן אָן גרוי ווערן, איז דאָס, ווי אַזוי איז דאָס? מ'נעמט דאָס מסתמא אָן פאַר אַ נאָרמאַלע זאַך, אָבער מיט איינמאָל זיך דערזען אין אַ מאַסקע פון אַן אַלטן מענטש! אַ זקנה! אויפכאַפּן זיך פון שלאָף אַ זקנה! אין געדאַנק, אין המיון ביסטו פאַר־בליבן... ס'איז געווען ערשט נעכטן, די יאָרן נישט געפילט, נישט גע־לעבט. ווו זענען זיי, די יאָרן? אַן אָפּגרונט האָט זיי איינגעשלונגען, אָפּ־געריסן פון מיר אַ שטיק לעבן, דאָס צעריסענע, אָפּגעראַטעוועטע לעבן איז אַ פאַרזעעניש. גאָט מיינער, ווי אַזוי איצט? דער פּראָפעסאָר זאָגט: נאָרמאַל. מסתמא יאָ, אַלץ לעבט צוריק אויף, דאָס האַרץ באַגערט, פאַרלאַנגט, רעוואָלטירט, מאָנט, דער מוח, דוכט זיך, קלאָר; נאָר דאָס

לייב, נישט מיינס, דאָס פּנים, נישט מיינס — אַן אַלט, קראַנק לייב, אַן אָפּגעוועלקט, פרעמד פּנים. ווי אַזוי איצט לעבן? אויפגעוועקט זיך אַ פרעמדע פאַר זיך אַליין, אין אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער וועלט. וואָסערע איז זי איצט, די וועלט?

זי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט, אויך לויט אַ פריערדיקער געוווינהייט, דערנאָך אויפגעהויבן זיך און מיט פּאַמעלעכע טריט אָנגעהויבן טרעטן, אַזוי פּאַמעלעך, ווי אויך די טריט וואָלטן נאָכגעטראַכט, געפּאָרשט דעם נייעם באָדן. זי האָט צוזאַמענגעשלאָסן די דלאָניעס אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט. דאָס גרויסע אויסגעצירטע צימער קומט איצט אויס פרעמד, אומבאַקאַנט. הממ... אַמאָל האָב איך געוואָלט אַריינקריכן אין דער הויט פון אַ דערטרונקענעם, ווען מען קערט אים צוריק אום דאָס לעבן, געוואָלט דערגיין וואָס ער פילט.

אַן איראָנישער, בלאַסער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט:

פאַרנומען זיך אַמאָל מיט פּסיכאָלאָגיע, פּסי-כאָ-לאָ-גיע, געוואָלט וויסן וואָס עס טראַכט אַ שטייגער אַן אַרויסגעוואָרפענער ערגעץ אויף אומבאַקאַנטע ברעגן: די שיף צעשמעטערט, אַלץ אונטערגעגאַנגען, אַלע איינגעשלונגען דורך די צעווילדעוועטע כוואַליעס, אַליין אַרויסגעשלייַדערט געוואָרן, אַ צעשלאָגענער, פאַרוווּנדעטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף אַן אומבאַקאַנטער ערד.

זי האָט געמאַכט אַן אומגעלומפּערטע באַוועגונג מיט די הענט, אַ מוסקול אין פּנים האָט אַ צוק געטאָן, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, די אויגן האָבן געקוקט אויף זיך גופא, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריינקוקן ערגעץ טיף אין זיך. זי זעט נאָך נישט קלאָר זיך גופא. אַליין דען געבליבן? און מיין קינד? מיין דערוואַקסענער זון?

זי זעט אים איצט אַ קליין ייִנגעלע, מ'קאָן אים נאָך אַריינלייגן אין אַ זעקל, געזאָלט אים איינשלעפערן מיט אַ שלאָף-ליד, אַריינלייגן אין אַ זאַק, מ'זאָל אים אַרויסשמוגלען. איצט איז ער... צי וועט ער זי פאַרשטיין? צווישן איר און אַנדערע מענטשן שטייט... וואָס שטייט? כ'האָב אַזוי לאַנג געלעבט אין אַ... ניין, נישט געלעבט, וועגעטירט, עקזיסטירט אויסער צייט, אויסער רוים, די יאָרן אַוועק אָן שום, אָן... זיי זענען אויסגערונען, אפילו די רשעות, די רציחות זענען אויסגערונען, ערשט מיטן זכרון צוריקגעקומען. ווי אַ חלום אין אַ חלום.

אויפגעכאַפּט זיך אַז אַלטער, צעקאַליעטשעטער מענטש, אַז אַרויס־געוואָרפענער אויף אומבאַקאַנטע ברעגן. ווי אַזוי דאָ אָנהייבן אויפסניי? ווי אַזוי? וווּ געפינען אַ זין און אַ צוועק? מיט וואָס אויספילן דאָס צוריקגעפונענע שטיקל לעבן? אַז אַרויסגעוואָרפענע איינע אַליין דורך די ים־כוואַליעס...

אין צימער איז אַריין די קראַנקנשוועסטער מיט אַ צייטונג אין האַנט:

— גוט מאָרגן, פרוי אמנעז... אַ גוט מאָרגן אייך!

אויף רעבעקאַס געזיכט האָט זיך פאַרצויגן אַ טונקל שפינוועבס, אַ שוואַרצס, אַן אומעטיקס. זי האָט גענומען די צייטונג און אנשטאָט, ווי געוויינלעך, אַ דאַנק, האָט זי געזאָגט:

— כ׳בעט אייך, פאַרגעסט דעם פרעמדן נאָמען, כ׳האָב דאָך מיין אייגענעם, רעבעקאַ זאַקשטיין.

די שוועסטער האָט זיך אַנטשולדיקט, פאַרענטפערט: אַזוי פיל יאָרן, מ׳געוווינט זיך גיך נישט אָפּ, ס׳כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס, זאָל זי איר מוחל זיין. זי האָט נאָר וואָס באַקומען פאַר איר די צייטונג, גלייך געלאָפן אַהער איבערגעבן; נישטאָ וואָס צו זוכן אין די צייטונגען אַלע טעג דאָס זעלבע, און מען שרייבט, וואָס ס׳לוינט, דעם אמת זאָגט מען סיי ווי נישט. זי האָט נישט ליב צו לייענען די צייטונגען, ס׳דענער־ווירט זי, ס׳גייט אַמאָל דורך וואָכן און זי קוקט נישט אַריין. ס׳וועט דורכגיין אַ שטיקל צייט, וועט זי, רעבעקאַ זאַקשטיין, אויך אָוועקוואַרפן די צייטונגען. דער מאַסאַזש וועט היינט זיין פאַרנאַכט, די איינשפּרי־צונג אויך שפּעטער, דאָס לעצטע מאָל. היינט וועט אַלץ פאַרענדיקט זיין. זי פרייט זיך, וואָס זי פאַרלאָזט דעם אַנשטאַלט, נאָר זי וועט בענקען, אַלע וועלן בענקען נאָך איר. אָ, זי האָט גאָר פאַרגעסן, דער יונגער אַנדריטש, ד״ר אַנדריטש האָט געקלונגען, געבעטן איבערגעבן ער וועט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקן. דאָס איז אַלץ. אויב זי דאַרף נאָך עפּעס, וועט זי דערליידיקן.

ניין, זי האָט נישט געדאַרפט, געוועזן צופרידן, וואָס זי ווערט פון איר פּטור, אַ פלאַפּלערקע אַזאַ; זי האָט זי קיינמאָל נישט געגרן גע־האַט, אפשר נישט קיין שלעכטע, נאָר אַ נאַרישער, פאַרריסענער קאָפּ. זי איז איר אַלץ מוחל, פאַרט געדענקט צווישן צו געבן, אַז אַדאַם האָט זיך פאַרשפּעטיקט, געזאָלט שוין לאַנג זיין, זעט אויס פאַרנומען געווען. ער האָט נישט וויניק דאגות מיט איר. צי נאָר געוויינלעכע דאגות,

צי אויך...? זי טאָר נישט צולאָזן אַזעלכע געדאַנקען, נישט אַרויסברענגען פאַרן מויל, בעסער לייענען די צייטונגען. איידער ער קומט, וועט זי כאַפּן אַ קוק אין דער היינטיקער צייטונג.

זי האָט זיך צו דער צייטונג באַלד נישט גענומען, פריער אָפּגעזוכט דאָס קעמל און צוגעקעמט די האָר, פּאָפּראַוועט דאָס קלייד. אָ, זי האָט נעכטן באַקומען אַ בראָש, זי איז אין שופלאָד. די בראָש האָט באַלד אַראָפּגעשיינט פון קלייד. איצט מוז מען פאָרט אַ קוק כאַפּן אין שפּיגל. זי האָט גיך דעם שפּיגל צוריק אַוועקגעלייגט מיט אַ זיפץ. איצט די צייטונג, וווּ איז זי? אָט דאָ אויפן שטול, זי וועט נאָך באַווייזן אַ ביסל דורכצולייענען, פאַראַן זאַכן, וואָס זי מוז פרעגן. אַדאַם וועט באַלד זיין, ער וועט איר אויפקלערן. ניין, זי איז נישט אַליין, דער זון, עוואַ, זיי וועלן איר העלפן, מ'דאַרף אָנהויבן ווי אַ קינד, באַקענען זיך מיטן אַרום.

זי האָט אויסגעשפּרייט די צייטונג אויפן טיש, אָנגעטאָן די ברילן און אָנגעהויבן פירן מיט די אויגן: „די קאָסמישע שיף ב-4 קרייזט דעם צווייטן טאָג אַרום דער ערד, די קאָסמאָנאַוטן...“

זי האָט אָפּגעריסן די אויגן, דאָס מויל האָט איבערגעחזרט אויפן קול: „קאָסמישע שיף, קאָסמישע, אַ שיף...?“

זי האָט זיך ווידער איבערגעבויגן איבער דער צייטונג. אַ וואָרט האָט אָנגעהויבן שפּרינגען פאַר די אויגן: „קאָסמאָנאַוטן“, וואָס באַדייט דאָס? קיינמאָל נישט געהערט, צי האָב איך פאַרגעסן? אפשר אַ נייע זאַך? זי וועט פאַרצייכענען און פרעגן. לייענען וועט זי איצט נאָר די קעפּלעך, אַנדערש וועט זי צו גאָרנישט דערגיין, נעכטן אויך נישט געקאָנט זיך פאַנאַנדערקלייבן. דערווייל די קעפּלעך.

די באַברילטע אויגן עסן זיך איין אין די פעטע אותיות: „דיזשומעעפּידעמיע אין האָנגקאָנג, 100 קרבנות אין איין וואָך“. דזשומע! דאָס וואָרט געדענקט זי גוט, פאַראַן נאָך דזשומע, אין האָנגקאָנג. ווו איז דאָס?

„דער נייער מאָדעל אַטאָמישער רעאַקטאָר הייבט היינט אָן פונקציאָנירן...“ רעאַקטאָר? אַטאָמישער? וואָס מיינט דאָס? מ'דאַרף פאַרנאָטירן און פרעגן...

„איין קאָסמישע ראַקעטע פון טיפּ ד וועט קאָנען צעשטערן...“ קאָסמישע ראַקעטע? וואָס קאָן דאָס זיין? אפשר אויך אַ נייע זאַך? נישט פאַר מיין קאָפּ נאָך.

זי האָט איבערגעבלעטערט די צייטונג, געזוכט ווייטער מיט די אויגן אין די פעטע קעפלעך: „200 קוילנגרעבער פאַרשאָטן, רעטונגס-אַקציע באַשווערט“.

זי האָט דורכגעלייענט די ידיעה ביזן סוף, געשאָקלט מיטן קאָפּ אין שווייגעניש. ס'וואָלט שוין געווען גענוג אויף איינמאָל, נאָר דאָס אויג האָט זיך אָנגעשטויסן אויף פעטע אותיות און זיי האָבן משוגעדיק אויפגעשוואָלן. זי האָט זיי געלייענט און געשטיקט זיך, ווי זי וואָלט אַראָפגעשלונגען אַ ביין, וואָס איז געבליבן שטעקן אין האַלדז: „די דייטשן פאָדערן אַטאָם-געווער, די דייטשישע בונדעסווער באַוואָפנט מיט די נייעסטע ראַקעטן“. זי האָט אַ ציטער געטאָן, אָפגעריסן דעם קאָפּ פון דער צייטונג, די ווערטער זענען געשפרונגען פאַר די אויגן, די ליפּן האָבן אָנגעהויבן שטאַמלען: „דייטשן? פאָדערן? דייטשער בונד... געווער... דייטשן...“

זי האָט נישט געהערט דעם קלאַפּ אין טיר. אַדאַם האָט זי געטראָפן איבער דער צייטונג אַ צעטראָגענע, מיט אַ צעקרימט פּנים, ווי זי וואָלט פון עמעצן באַקומען מיט עפּעס אַ שווערן קלאַפּ איבערן קאָפּ. דעם זונס אָנוועזנהייט האָט פאַרטריבן די רעמיניסצענצן. אַדאַם, אַ באַאומרואיקטער, האָט זיך אָנגענומען מיט כוח:

— די מאַמע שטודירט די צייטונגען, און מיט אַ בלייפעדער אין האַנט. אַזוי פאַרטאָן אין די צייטונגען!

זי איז צו זיך געקומען, אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ:

— מיין זון, איך פאַרשטיי גאָרנישט, כ'ווייס נישט וואָס ס'קומט פאָר אויף דער וועלט, באַנעם גאָרנישט, כ'פאַרצייכן צו פרעגן, כ'בין ווי אַ קינד, וואָס הייבט אָן צו שטעלן די ערשטע טריט, לערנט זיך גיין אויף אַ נישט זיכערן, אומבאַקאַנטן באָדן, טרייסלט זיך אויף די פּיסלער, טאַפּט מיט די הענטלעך, אַליץ צו אַנטדעקן. כ'בין דאָך נאָר וואָס... איצט געבוירן געוואָרן, און אַלט, געבוירן אַן אַלטער מענטש, כ'ווייס נישט פון וואָס אָנצוהייבן, ווי אַזוי אָנהייבן לעבן. זון מיינער, דו, דו... כ'וואַרט דו זאָלסט...

ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז אַוועק צו ווייט. זי נייטיקט זיך אַזוי אין זיין הילף, ער זאָל איר זאָגן ווי אַזוי צוריקקערן זיך צום לעבן, נאָר זי טאָר צו אים אַזוי נישט צושטיין. זי האָט אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן:

— כ'ווייס נישט, וואָס אַרום מיר טוט זיך, לייען די צייטונג און פֿאַרשטיי נישט, כ'ווייס נישט אויף וואָסער וועלט כ'בין.

אַדאַם האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, געזוכט פּאַסיקע ווערטער זי צו טרייסטן. צומבעסטן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, זאָל זי וואָס ווייניקער אַריינטראַכטן:

— וואָס איז דאָ צו פֿאַרשטיין? מ'דאַרף נישט טראַכטן וועגן דער וועלט, וועגן זיך דאַרף מען טראַכטן, וועגן געזונט דאָס ערשטע...

זי האָט אים נישט געלאָזט פֿאַרענדיקן:

— וועגן זיך? מער גאָרנישט? זונעלע, אַמאָל געטראַכט גאָר וועגן זיך, וועגן דיר, צוממיינסטן וועגן דיר, וועגן אונדז... וואָס איז דערפֿון אַרויסגעקומען? וואָס?

זי האָט נישט באַקומען קיין ענטפֿער, נישט דערוואַרט אויך. זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט פֿאַרן מויל געבראַכט די פֿראַגן, געוואָלט פֿון זיי אַוועק און צוריקגעקערט זיך צו דער פֿריערדיקער טעמע:

— אַז איך ווייס נישט צו וואָס פֿריער זיך צו נעמען, פֿון וואָס אָנצוהייבן, אין די עטלעכע טעג, כ'ווייס נישט, צי טעג, צי וואָכן, איך באַנעם נאָך גאָרנישט. מיר דוכט זיך דאָס זעלבע, ווי אַמאָל, און אינגאַנצן אַנדערש ווי אַמאָל, נישט זיך פֿאַנאַנדערצוקלייבן. מוזסט מיר העלפֿן, מיין קינד, זיך פֿאַנאַנדערצוקלייבן. דער קאָפּ דרייט זיך פֿון דעם אַלעמען, כ'האַלט אין איין אַריינטראַכטן, כ'וויל ווּיסן אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין איצט.

אַדאַם האָט אומגעשיקט, אָבער אויפֿריכטיק ווידער אַ זאָג געטאָן:

— מ'דאַרף זיך נישט פֿאַרנעמען מיט דער וועלט. די וועלט פֿרעגט אונדז נישט קיין עצה, גייט זיך מיט איר וועג.

ס'איז געווען איבער אירע כוחות נישט צו פֿרעגן:

— מיט וואָסער וועג? וווּ פֿירט איצט דער וועג? איינמאָל האָט ער געפֿירט דאָרט, וווּ איך בין געווען, זון מיינער, אַהין געפֿירט מיך, און אַ סך אַנדערע.

אַדאַם האָט זיך געצווונגען צו זיין היימיש מיט איר. ער ווייסט, ער דאַרף רעדן צו איר ווי אַ דערוואַקסענער זון צו אַ מאַמען, און נישט ווי אַ דאָקטער צו אַ קראַנקער, ער וואָלט געוואָלט, די צונג לייגט זיך אָבער נישט, ס'קומט אים נאָך אָן שווער זיך צו ווענדן צו איר דירעקט:

— די מאַמע דאַרף נישט... דו דאַרפֿסט, די מאַמע דאַרף קודם געזונט ווערן, צוליב דעם טאַקע אַזוי פֿאַרנומען געווען, איצט וויל איך וועגן דעם; איך און מײַן פֿאָטער... אַנטשולדיק, מוטער, איך און דער פּראָפֿעסאָר האָבן באַשלאָסן זאָלסט פֿאָרן זיך היילן, אַלץ שוין דערלײדיקט; אַ קורצע קוראַציע. ביז איצט נישט מעגלעך געווען, איצט דאַרף מען נישט אָפּלייגן, אַלע גייען אונדז אויף דער האַנט, זייער גוט דערלײדיקט. מ'דאַרף זיך צוגרייטן.

ער האָט די לעצטע זאַצן אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם. רעבעקאַ האָט געקוקט אויפֿן זון, ווי ער וואָלט איר אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה, וואָס דראָט מיט אַ נײַער געפֿאַר. זי האָט אויסגעהערט און מיט אַנגסט געפֿרעגט:

— פֿאָרן? אַוועקפֿאָרן? ווידער אַליין? שיידן זיך מיט דיר?

אַהאַם איז געווען צוגעגרייט. ס'האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז צומבעסטן וועט זײַן דער זון זאָל זיך מיט איר דורכרעדן, טאַקע נישט ווי אַ דאָקטער, נאָר ווי אַ זון. ס'איז אים אָבער אָנגעקומען שווערער, ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי די אַנדערע האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט. ווי אַזוי איר געבן צו פֿאַרשטיין? ווי אַזוי איר געבן זיכערקייט, אַז זיי שיידן זיך איצט נישט?

ער האָט פּאַמעלעך רעציטירט, ווי אַן אויסגעלערנטע לעקציע: זאָל זי וויסן, אַז נישט ער און נישט זי זענען איצט אויף הפקר, נאָר ס'גייט נישט אין אים, אין איר גייט, ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איר געזונט. זאָל זי פֿאַרשטיין — די קוראַציע איז אומבאַדינגט נייטיק, זי קאָן גיך אינגאַנצן געזונט ווערן; מ'האַרף נישט אָפּלייגן, ער וועט זי באַגלייטן, דערנאָך צוהיטן פֿונדערווײַטנס. עטלעכע חדשים לויפֿן שנעל דורך.

רעבעקאַ האָט געהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זי האָט זיך דערפֿילט ווי אַן אומבאַהאָלפֿן קינד, וועלכן מ'וויל צו עפּעס צווינגען. זי מוז בעטן, אויספֿועלן מ'זאָל זי נישט אַוועקפֿירן ערגעץ, נישט לאָזן אַליין:

— פֿאַרשטיי, מײַן זון, כ'בין נישט אימשטאַנד איצט, צו שווער.

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט, געזוכט נײַע אַרגומענטן:

— ווידער פֿאַרלירן אַ שטיק לעבן. וויפֿל בלײַבט מיר נאָך? איצט צוריקגעפֿונען דאָס לעבן און שוין ווידער אַנטרינען, פֿאַרגראָבן זיך ער־

געין. ניין, מיין זון, פֿאָדער דאָס נישט פֿון מיר. אויף לאַנגע חדשים, ס'לוינט אפֿשר אײַנגאַנצן נישט...

אַדאַם האָט זיך אויך געפֿילט אומבאַהאָלפֿן, געזוכט ווי אַזוי זי איבערצוצייגן, געוואָלט זיך אויסהיטן פֿון באַנאַלע ווערטער און פּאָרט אַרויסגעשאָסן:

— וואָס איז עטלעכע חדשים? דערנאָך האָט די מאַמע דאָס גאַנצע לעבן פֿאַר זיך.

רעבעקאַ האָט זיך מאָדנע צעלאַכט, ס'איז געווען מער אַ שלוקערץ, ווי אַ געלעכטער, זי האָט דאָס אַליין געפֿילט. וויפֿל יאָרן האָט זי שוין נישט געלאַכט? ס'האָט איר פֿאַרדראָסן אויף זיך. פֿאַרן זון דאַרף זי אַזוי נישט לאַכן, פֿאַר קיינעם נישט, דאָס דאַרף מען אויך זיך איצט צוריק אויסלערנען. זי דאַרף זיך אויסהיטן נישט אָפּצושרעקן, נישט אָפּצושטויסן, זי מוז אים קודם צוגעווינען צו זיך. זי האָט אַדאַמען אָנגענומען מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ, אַרויפֿגעלייגט אַ קוש אויף זיין שטערן, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פֿייכטע אויגן און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. וואָס ווייסט ער, דער דערוואַקסענער זון, וועגן איר? איצט אַ געלעגנהייט זיך אַ ביסל אויסצורעדן פֿאַר אים:

— מיין טייער קינד, דער מענטש טראַכט שטענדיק: ער וועט נאָך טאָן דאָס און יענץ, ער וועט נאָך אויפֿטאָן, ער וועט נאָך, און פּלוצלונג! ס'איז אַזוי, ווי דער מענטש ווייסט קיינמאָל נישט ווען און ווו ער וועט שטאַרבן. מיט די טרוימען דאָס זעלבע. כ'האָב אַמאָל געטרוימט וועגן אַ סך זאַכן, געהאַט אָנגעהויבן שרייבן אַ בוך, וועגן מיין געביט; לאַנג געגרייט זיך, געזאַמלט מאַטעריאַלן, געטראַכט צו מאַכן עפּעס אַזוינס! געווען יונג, ווי דו. מ'האָט מיר פֿאָרויסגעזאָגט אַ סך, זעסטו, געהאַט דאָס גאַנצע לעבן פֿאַר זיך. דורכגעטראַכט צענדליקער מאָל, נישט געאיילט זיך. צו וואָס? דאָס גאַנצע לעבן פֿאַר זיך. הייַנט ווייס איך, כ'האָב זיך שוין צוגעוווינט, אַז יעדער טאָג קאָן זיין דער לעצטער טאָג, כ'האָב דאָך געלעבט נישט פֿון טאָג אויף טאָג, נאָר פֿון מינוט אויף מינוט, פֿון סעקונדע אויף סעקונדע; כ'ווייס אויך, אַז דער סאַמע אויסגערעכנטער און לאָגישער לעבנס־פּלאַן קאָן פּלוצלונג מיט איינמאָל צעפֿאַלן ווערן.

זי האָט נישט געוווסט וואָס ווייטער צו דערציילן. זי איז איצט געווען אויסערסט רואיק, באַזאַכט, אָבער באַגערט דער זון זאָל וואָס מער ווּיסן וועגן איר; זי גאַרט איר דערוואַקסן קינד זאָל זיך פֿאַראינטערע־

סירן נישט נאָר מיט דער איצטיקער, קראַנקער, צעבראָכענער מאַמע, נאָר אויך מיט דער פריערדיקער, מיט דער אַמאָליקער, וואָס איז געווען דינאַמיש, אונטערנעמעריש, שעפעריש; מיט יענער רעבעקאַ, אויף וועלכער מ'האָט געקוקט מיט פאַרערונג. זי האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט, געוואָלט זיך אומקערן צום וויטן אַמאָל, און נישט ווילנדיק אומגעקערט זיך צו דעם, וואָס ביידע האָבן געוואָלט אויסמיידן:

— זעסטו, מיין זון, עטלעכע חדשים פאַר דיר, פאַר אַנדערע, און עטלעכע חדשים פאַר מיר — נישט דאָס זעלבע. צייט איז אַזאַ זאַך... פאַר מיר איז אַ מינוט, אַ סעקונדע געווען אַן אייביקייט. עטלעכע חדשים איצט, צי ווייס איך, ווי לאַנג דאָס איז? כ'האָב געהאַט אויף לאַנג פאַרלוירן דעם באַגריף פון צייט, ערשט איצט אָנגעהויבן פילן זי. ווייסט ווי אַזוי? עפּעס יאָגט, טרייבט: אָפּנעמען זיך! דאָרט איז די צייט פאַרהאַלטן געוואָרן, יענע גסיסה איז געווען אומענדלעכקייט. דער טויט עקזיסטירט אויסער צייט, דאָס לעבן יאָגט זיך, לויפט. אַזעלכע ווי איך פילן דאָס מיט יעדן אבר. אויסגעשפּילט אויף דער לאָטעריע אַ שטיקל לעבן, אַ קליינטשיקן טייל, און גלייך פאַרלירן צייט, חדשים פון מיין געווונען און צעריסן שטיקל לעבן.

אַהאַם האָט געמוזט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויסצובאַהאַלטן זיין פאַרלוירנקייט. ער האָט איצט אויף אמת דערפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט: ס'זיצט פאַר אים אַ פאַרעלטערטע, פריצייטיק אָפּגעוועלקטע, אומגליקלעכע פרוי; זי איז זיין מוטער, די־אָ פרוי, ער דאַרף איצט זיין איר גאַנצער אָנשפאַר, איר ווייטערדיקער גורל איז אין זיינע הענט. ווי אַזוי ווערן נאָענט מיט איר? ווי אַזוי צו איר רעדן? איבערצייגן? ער געפינט נישט קיין פאַסיקן לשון, ס'פעלן אים אויס ווערטער, צום ערשטן מאָל וויל ער אַרויסקריכן פון זיין אייגענער הויט, פון זיין שווייגעוודיקייט, ער וואָלט אויך געוואָלט אַרויס פון אַ דאָקטערס הויט, אַריינקריכן אין דער הויט פון אַ זון, אַן איבערגעגעבענעם, וואָס ווייסט, ווי אַזוי אַרויסצוווייזן פאַרשטענדעניש, ליבשאַפט. ער האָט זיך אויפסניי אָנגענומען מיט כוח און אויפסניי איז אַרויסגעקומען נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, בלויז אַ פּלאַפּלעריי:

— כ'פאַרשטיי, אָבער די דאָקטוירים האַלטן... פאַרן געזונט, ס'איז אומבאַדינגט נייטיק, מ'דאַרף נישט אָפּלייגן. פריער האָט מען נישט געקאָנט. איצט, איצט... איך קאָן נישט איינגיין די מאַמע זאָל, כ'וויל נישט זאָלסט...

וואָס ווייטער אַלץ מערער האָט ער זיך געקרעקט מיט די ווערטער, געוואָלט שוין אָנהייבן פון אַ אַנדער זייט, ווען ס'איז פּונקט אונטערגעקומען עוואַ. זי האָט פאַרויסגעזען, ווי שווער ס'וועט אַדאַמען אָנקומען; זי קען גוט דעם זון און קען אויך די מאַמע. מיט אַדאַמען האָט זי דערוועגן נישט גערעדט, זאָל ער טאָן זיינס, אַזעלכע זאַכן געהערן קודם צום זון, זי וועט אַריין אומגעריכטערהייט.

פאַר אַדאַמען איז זי ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַ גוטער מלאך איז אים צוגעשיקט געוואָרן. ער האָט איינגעהאַלטענערהייט אָפּגעעטעמט.

אין ווייסן כאַלאַט זעט טאַקע עוואַ אויס ווי אַ מלאך. אַזוי פיל קינסטלער האָבן געמאָלן אַ מלאך אין אַ פרויען־געשטאַלט. צו וועלכן איז זי איצט ענלעך? ס'פעלן איר גאָר פליגל, ניין, זי האָט זיי: זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די לאַנגע, גאָלדענע האָר־בויגנס, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ פלי, צוגעגאַנגען צו דער איינגעקאָרטשעטער, צעווייטיקטער פרוי, איבערגעבויגן זיך איבער איר און אַ קוש געטאָן, דערנאָך אַ טרייסל געטאָן נאָכאַמאָל מיטן בלאָנדן קאָפּ צו באַפרייען דאָס פּנים פון די האָר־פליגלען און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר. רעבעקאַ האָט אויפגעטאַיעט, דער פאַנצער, וואָס האָט צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ, האָט נאָכגעלאָזט. זי האָט אַדאַמען אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף עוואַן:

— דאָקטער שטערן, מיין געטרייע טאָכטער.

עוואַ אין ווייסן כאַלאַט האָט איצט לחלוטין נישט דערמאָנט קיין דאָקטער: אַ שטיפעריש מיידל האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ כאַלאַט אַ שפּיל צו טאָן זיך. אַז זי האָט זיך היימיש אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, האָט זי קאָקעטיש פאַנאַנדערגענומען די ווייסע פאָלעס צו ווייזן אַ פריש צוגעפּראַסוועטע טואַלעטע, דאָס פּנים האָט זיך דערביי איינגעטונקען אין אַ צעגאָסענעם שמייכל, וואָס האָט אָפּגעדעקט צוויי שורות ווייסע ציין. די אָנגעלאָדענע אַטמאָספער האָט זיך אויסגעלייטערט.

אַדאַם האָט זיך דערפילט היימישער, די שטייפקייט האָט אָנגעהויבן אויסוועפּן; ער האָט אונטערגעכאַפּט דער מוטערס ווערטער. אַ ביסל נישט דרייסט, פונדעסטוועגן האַלב־אָפּנהאַרציק, האַלב־שפּאַסיק:

— די מאַמע וואָלט געוואָלט, וואָלסט געוואָלט זי האָבן פאַר אַ טאָכטער?

עווא האָט זיך פאַררוקט. רעבעקאַ איז געוואָרן אויפגעלייגטער, דערפילט אַ וואַרעמען שטראָם דורכריזלען אין איר און אָנגעהויבן פּלאַפּ־לען מיט אַ סטערעאָטיפּיש מאַמעש לשון:

— עווא האָט מיר שוין געזאָגט. פריער ווי דו, מיין זון, גאָר זי איז שוין פון לאַנג מיין טאָכטער; וועט דער מוח האָט נישט באַנומען, האָט דאָס האַרץ געפילט, אַ מאַמעס האַרץ פילט, אַזוי זאָגט מען, ס'איז מסתמא אמת.

אַהאַם האָט איצט געקאָנט שווימען מיטן שטראָם. פריער נישט געוווּסט אין וואָסער ריכטונג זיך קערן און ווענדן, ווי אַזוי צושווימען צום ברעג. אַז עווא האָט שוין דערציילט, האָט זי אים אויס־געטראָטן אַ וועג:

— טאָ זאָל די מאַמע אונדז ביידע צוליב טאָן: עווא און איך ווילן זאָלסט פאָרן זיך היילן, בלויז עטלעכע חדשים. מיר בעטן דיך.

עווא האָט אויסגעשטעלט צוויי קינדערשע, פאַרוואונדערטע אויגן:

— וואָס? די מאַמע גייט נישט איין? האָסט געדאַרפט זאָגן דעם אמת.

זי האָט זיך געווענדט צו רעבעקאַן דאָ ווי אַ קינד, דאָ ווי אַ דאָק־טער:

— מיר בעטן אייך, זאָגט אונדז נישט אָפּ, ס'איז אומבאַדינגט נייטיק, מ'דאַרף נישט אָפּלייגן. אַ גליק, וואָס מען קאָן דאָס שוין, ס'איז אַ קלייניקייט, און מיר האָבן אַזוי געוואַרט אויפן טאָג מ'זאָל דאָס קאָנען דורכפירן. איר קאָנט אינגאַנצן געזונט ווערן, עטלעכע חדשים נאָר, ס'לויפט גיך דורך.

רעבעקאַ האָט אַ רעזיגנירטע געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ס'לויפט גיך דורך, שוין באַלד גאָרנישט געבליבן, כ'ווייס וויפל ס'בלייבט מיר נאָך צו לעבן? און איך דאַרף ערשט אָנהייבן זיך לער־נען גיין, שטעלן די ערשטע טריט, מיט אַזאַ משא אויף די פּלייצעס. אויב דאָס פעלט מיר צום חשבון — טאָ זאָל זיין.

XIX

פּראָפעסאָר אַנדריטש עטעמט איצט אָפּ. ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט נאָך מיט אַלע הושים אַריינגעטאָן געווען אין דעם אַלעמען, ווען נישט יאַקוב זיינוויל. דער יוגנט-פריינד זיינער איז אים אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל. אַדאַנק אים קומט ער איצט נאָכן גרויסן טומל צו זיך.

ערשט איצט זעט ער זיך אַרום, ווי שטאַרק די געשעעניש האָט דעזאָרגאַניזירט דעם סדר פון זיין לעבן, פון זיינע באַשעפטיקונגען, און ווי שטאַרק ס'האָט צעטרייסלט זיין רואיקע שטוב.

אין אַנשטאַלט האָט זיך די ערשטע טעג געקאָכט, נישט אויסצוהאַלטן געווען. די טיר פון זיין קאַבינעט האָט זיך נישט פאַרמאַכט, דער טעלעפאָן האָט כסדר געקלונגען, דאָקטוירים, קאָלעגן האָבן אים גראַטולירט, מ'האָט געמאַכט מער טומל אַרום אים, ווי אַרום דעם אָפּגעראַטעוועטן מענטש. דער דירעקטאָר האָט אַריינגעשיקט צו אים אַ קויש בלומען, ער האָט אַלע בלומען איבערגעשיקט אין רעבעקאַס צימער. צייטונגס-רעפּאָרטערן האָבן געבעטן ביי אים אינטערוויוען, ער האָט אָפּגעשיקט צום דירעקטאָר. דאָקטער גילינסקי האָט אים איצט גוט פאַרטראָטן. ס'האָבן זיך כסדר געיאַוועט פאָטאָ-רעפּאָרטערן, איינגעלייגט וועלטן אַראָפּצוכאַפּן אַ פאָטאָגראַפיע פון דער פרוי מיטן צוריקגעפונענעם זכרון. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט פאַראָרדנט זיי נישט צוצולאָזן צו איר, מ'האָט נישט געטאָרט שטערן איר רו, וואָס איז איר אַזוי נייטיק געווען. דער אַלטער וועכטער יוזעף האָט זיך קוים אָפּגעטריבן פון אַ חוצפּהדיקן קליינעם יונגמאַן מיט אַ גרויסן פאָטאָ-אַפּאַראַט אויפן אַקסל, ער האָט זיך

יעדן טאָג אַריינגעגנבעט אין פּאַרק און געדרייט לעבן פּאַווילאָן, געזוכט אַ געלעגנהייט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט דורכאויס געוואָלט פּאַרהיטן די קראַנקע פון אומאָנגענעמלעכקייטן, איר עמפּפינדלעכקייט וואָלט שלעכט פאַרטראָגן צו זיין אַן אָביעקט פון רעקלאַמע און סענסאַציע. ער האָט טיף באַגערט די זאַך גופא זאָל אויפרודערן מענטשן, אָבער זיך נישט געוווּנטשן, ס'זאָל ווערן אַ טאָג־סענסאַציע, בפרט סיי אים, סיי איר, דער קראַנקער, איז גאָר אַ סך פאָרגעשטאַנען. דער ווייטערדיקער גורל פון זיין פּאַציענטקע האָט אים ווייטער באַזאָרגט.

איצט האָט ער אָקאָרשט דערמאָנט זיינע זאָרגן פאַר זיין לאַנג־דערוואַרטן גאַסט, פּראָפעסאָר יאַקוב זייגוויל. יאַקוב... אַזוי רופט ער אים ווייטער, אַזוי האָט מען אים אַמאָל גערופן אין שול. אין שטוב האָט מען אים גערופן יאַנקעלע. ער גופא פלעגט אַ שטיקל צייט זיך פאָרשטעלן, אָדער אונטערשרייבן יעקב, היינט איז ער באַקאַנט אונטערן נאָמען: פּראָפעסאָר דזשייקאָב זייגוויל.

נישט ער, אַנדריטש, האָט איצט אויפסניי אויפגעמישט דאָס אַלטע, טרויעריקע בלעטל, נאָר זיין קאָלעגע האָט ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל אויסגעפרעגט. ער, אַנדריטש, האָט שוין נישט קיין כוח זיך אומצוקערן דערצו, ער וואָלט ליבערשט וועגן דעם מער אינגאַנצן נישט גערעדט. מאַכט ער דאָס בקיצור, ווי נאָר מעגלעך, וויל אָפּפטרן. פּראָפעסאָר דזשייקאָב זייגוויל הערט אָבער יעדעס מאָל אין שפּאַנונג: דאָ צינדט זיך אין זיינע אויגן אָן אַ הייסער גלי, דאָ פאַרנעפּלען זיי זיך מיט אומעט, און באַלד ווערן זיי ווידער שפּילעוודיק, אַרויסרופעריש. ווען ער פילט, אַז ער האָט שוין נישט אויף וואָס 'צו וואַרטן, רייסט ער זיך אויף:

— ווייסט, איך באַוווּנדער דיך צו קאָנען דערציילן אַזעלכע זאַכן אַזוי לאַקאָניש, קורץ. זעסטו, ביי מיר ציט זיך אַזאַ געשיכטע אויס, וואָס זאָג איך? ס'באַקומט אַ סך דימענסיעס, ס'ציט זיך אין דער לענג, אין דער ברייט, ס'גראָבט טיף; איך זע דאָס אין אַ לאַנגער פּערספּעקטיוו, ס'פירט מיך ווייט, ווייט, און פון דער ווייט דערזע איך רייען שייטער־הויפנס; ס'טראָגט מיך נישט נאָר איבערן נאָענטן עבר, נאָר אויך איבערן ווייטן. און דו פרעגסט פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו אַזעלכער אַזאַ כוח? אַזאַ אינערלעכער ווידערשטאַנד? זוך נישט אין דער מעדיצין, נאָר אין דעם גייסטיקן כוח פון אַן אויסגעפּרווט פאָלק, אין דער געשיכטע פון מיין אַלט פאָלק, וואָס איז געברענט געוואָרן אויף אַלע פייערן, ווערט

פֿאַרברענט און שטייט אויף פֿון אַש, ווי יענער לעגענדאַרער פֿויגל. קענסט די געשיכטע אונדזערע? דו האָסט דאָך ליב געהאַט אַ סך צו לייענען. ס'פֿאַרגעסט זיך, זאָגסטו, מ'דאַרף אָבער געוויסע זאַכן דורכאויס געדענקען.

פּראָפֿעסאָר אַנדרישש האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פֿאַרזיכערט:

—איך געדענק אָבער גוט די צען געבאָטן, און צומשטאַרקסטן האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון דער געבאָט: זאָלסט נישט הרגענען!

— נו, וואָס האָבן דעמלט געטאָן די ריטער פֿון הערן־פֿאָלק? די, וואָס האָבן פֿון דיין נאָבעלער דאַמע געמאַכט אַ קרוליק צו עקספּערימענטן? כ'וויים נישט, צי זיי זענען דעמלט געקראָכן ווי מאַלפּעס אויף די ביימער, צי זיי האָבן געלעבט אין היילן? וועגן די שפּעטערדיקע קריגערישע גערמאַנען וויים איך אויך נישט קיין סך. זיי האָבן קיינמאָל נישט גערעגט מיין פֿאַנטאַזיע. אפֿשר ווייסטו וואָס זיי האָבן דעמלט געטאָן, האָסט דאָך אַמאָל ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין אַזעלכע זאַכן?

— ס'איז גענוג פֿאַר אונדז צו וויסן וואָס זיי האָבן שפּעטער געטאָן. זיי האָבן געמאַכט געשיכטע, און דו האָסט דאָך מיר געזאָגט וואָס דאָס באַדייט מאַכן געשיכטע.

— יאָ, יאָ, ביסט גערעכט, זיי האָבן געמאַכט געשיכטע, די היינטצייטיקע גערמאַנישע ריטער. צו שרייבן געשיכטע מוז מען ווייניקסטנס זיין אַ קלוגער מענטש, צו מאַכן געשיכטע קאָן מען זיין אַ רוצח, אַ וואַנזיניקער, אפֿילו אַ טיפּש. האָסט אַמאָל געהאַט זיך פֿאַררופֿן אויף די אַנאָמאַליעס פֿון קאַליגולאַ. דוכט מיר, ער האָט געטרוימט אַלע מענטשן זאָלן האָבן איין קאָפּ, ער זאָל מיט איינמאָל אים קאָנען אַראָפּהאַקן. נאָך דער משוגענער קאַליגולאַ האָט געמאַכט געשיכטע מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, מיר לעבן צוויי טויזנט יאָר נאָך קאַליגולאַ, נישט אמת? דאַטעס האָסטו שטענדיק געדענקט בעסער, ווי איך. איך געדענק שוין נישט וואָסערע אַנאָמאַליעס האָסט געהאַט אויסגעפֿונען ביי קאַליגולאַ, נאָר מיר דוכט זיך, אַז רציחה גייט שטענדיק געפּאָרט מיט טיפּשות, רציחה אין זיך גופֿא איז דאָך טיפּשות, און איך פֿרעג מיך וואָס דאָ קומט פֿאָר? אויף רציחה זענען מענטשן נאָך ווייניק עמפּינדלעך, אויף טיפּשות אַ סך מער. אַ געלערנטע וועלט געוואָרן, מענטשן פֿאַרשטייען אַלעמאָל מערער, ווערן קליגער, נאָר אַז רציחה איז אויסער רציחה אויך טיפּשות, דאָס באַנעמט מען נאָך שוואַך. הממם... האָסט געזאָגט, זיי האָבן געמאַכט געשיכטע. ווי קומט עס, וואָס זיי קאָנען ווייטער מאַכן געשיכטע?

פּראָפֿעסאָר דזשייקאָב זיינוויל האָט די פֿראַגע געווענדט צו זיך אַליין, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער און ווייטער געשפּאַנט אין דער לענג פֿון צימער. ער רעדט שטענדיק שפּאַנענדיק מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן. אויסגעהערט האָט ער זיין שול=חבר און פֿריינד פֿון די סטודענטישע יאָרן זיצנדיק, מיט אַ צוגעבויגט אויער, דערביי געטרונקען לאַנגזאַם די קאַווע. אַז ס׳איז געקומען זיין ריי, האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק. ער זיצט נאָר דעמלט, ווען ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק, איצט איז ער זיך אָנגעזעסן שיינע עטלעכע טעג אויפֿן קאָנגרעס, געמוזט אָפּזיצן זיינס; ער האַלט, אַז אַ מענטש מוז האָבן באַוועגונג, בפֿרט אַ מענטש אין זיין עלטער, און סתם איז יעקב זיינווילן לייכטער צו רעדן גייענדיק, ווי זיצנדיק. ער שטעלט זיך אָפּ בלויז, ווען ער ווענדט זיך דירעקט צו זיין מיטשמועסער. אַזוי אויך מיט זיינע סטודענטן. איצט האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן אַנטקעגן פּראָפֿעסאָר אַנדריטש און געפֿרעגט זיין שול=פֿריינד:

— זאָג מיר, ווי לאַנג וועט עס נאָך נעמען, אַז די געשיכטע=מאַכער זאָלן קאָנען אויסשטעלן אויף דעם שאַך=ברעט פֿון דער געשיכטע לעבעדיקע פֿיגורן און זיי איבעררוקן, ווי זיי גלוסט? ס׳האָט דאָך אויך אַ שייכות צו דיין נאָבעלער דאַמע. און צי האָסטו דיך ווען אַריינגעטראַכט אין דער פּסיכיק פֿון די כלערליי געשיכטע=מאַכערס? פּסיכאָלאָגיש, דוכט מיר, זייער אינטערעסאַנט. פּאַס גוט אויף, וועסטו זען, ווי אַ פֿאַרריסענער פּאָליטיקער, וואָס איז גרייט מענטשן צו צעמאָלן צווישן די רעדער פֿון זיין פּאָליטיק, ווערט אַ מילד שעפּעלע, ווען מ׳זעצט אים אַראָפּ פֿון טראָן. און פֿאַרקערט, אַ פּרעדיקער פֿון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט, אַזעלכער וואָס קעמפֿט קעגן דעספּאָטיזם און טיראַניע, ווערט דערנאָך, ווען ער נעמט דעם רודער אין זיינע הענט, אַליין אַ דעספּאָט, אַ טיראַן. אַן אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג, אַ שאָד, וואָס גרויסע פּסיכאָלאָגן און פּסיכיאַטרען אינטערעסירן זיך נישט דערמיט.

אַ קליינוווקסיקער, אַ דינער, באַוועגט זיך יעקב זיינוויל שטענדיק, ווי קוועקזילבער. דער גרויסער אויפֿנאַם=צימער ביי די אַנדריטשעס איז פֿאַר אים צו קליין צו שפּאַנען הין און צוריק. לעבן פּראָפֿעסאָר אַנדריטש זעט ער אויס, ווי אַ יינגל מיט אַ פֿאַרעלטערט פּנים. אין די יינגלשע יאָרן האָט ער אים שטענדיק קוים דערגרייכט ביז די אַקסלען, כאָטש ער איז מיט צוויי יאָר עלטער פֿון אים. דער יינגערער קאָלעגע האָט זיך אָבער שטענדיק אויפֿגעפֿירט ווי ער וואָלט עלטער געווען. יעקב פֿלעגט פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז ער דער עלטערער, נישט אַזוי צוליבן קאָלעגעס וווקס,

ווי צוליב זײַנע פעסטע הענט, וואָס האָבן נישט איינמאָל פאַרטיידיקט דאָס יידישע יינגל אויפן ספאָרט־פלאַץ, אָדער אויפן הויף פון דער פראָווינצער שול. דערנאָך האָט דער יונגער אַנדריטש אָפטמאָל אויפן אוניווערסיטעט אין שוץ גענומען זײַן יידישן קאָלעגע. צוליב אים, זײַנווילן, האָט ער אַליין נישט איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שטעקן. זיי זענען זעלטן ווען איינער צום אַנדערן אין שטוב געקומען. ביידע האָבן אַמאָל חשק געהאַט זיך צו גרייטן צוזאַמען צו די לעצטע שול־עקזאַמענס, ס'איז דערצו נישט דערגאַנגען. צווישן ביידע היימען איז געלעגן אַזאַ תהום, אַז אפילו מיטן כוח פון זייער פרײַנדשאַפט האָבן זיי איבער אים נישט געקאָנט אַריבערשפּרינגען.

יאַנקעלע זײַנווילן, זינט ער האָט אין זײַן פראָווינץ־שטאָט אַרײַנגעשטעלט אַ פוס אין דער מיטלשול, האָט פאַרפאָלגט זײַן יידישער אַקצענט. ער האָט זיך אים נאָכגעשלעפט פון זײַן פרומער שטוב. דאָס גאַנצע לעבן נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון אים. אַז ער האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער זיך צוגעאייגנט די ענגלישע שפּראַך און אָנגעהויבן לייענען לעקציעס אויפן אוניווערסיטעט, האָט אים דאָס ווייניק וואָס געאַרט. ער האָט געוווסט, אַז ער רעדט אַלע שפּראַכן מיטן זעלבן אַקצענט און זיך קיין שום מי נישט געגעבן צו ענדערן. ס'איז געווען פאַר אים אַזאַ נאַטירלעכע זאַך, ווי נאַטירלעך ס'איז פאַר אים זײַן קליינער וווקס, מיט וועלכן נישט ער פרייט זיך, נישט ער קלעמט זיך צוליב דעם. אַמאָל אָבער, אין דער קינדהייט, אין דער יוגנט, איז דער אַקצענט אויסגעוואָקסן צו אַ גרויסער דראַמע: מ'האָט זיך געוויילט אויף זײַן חשבון, נאָכגעשפּעט, נאָכגעמאַכט אים, ווי ער רעדט אַרום די ווייכע קאָנסאָנאַנטן, ווי האַרטע, און די האַרטע, ווי ווייכע, אָדער ווי דער האַרטער „אי" קומט בײַ אים אַרוים ווייך, און דער ווייכער — האַרט. אַלע שפּראַך־איבונגען, וואָס ער האָט געהאַט אונטערגענומען, האָבן ווייניק וואָס פאַרבעסערט זײַן אויסשפּראַך. אויסער דער שול איז דאָס נאָך ווי נישט איז געגאַנגען, צום ערגסטן איז אַרויסגעקומען זײַן אויסשפּראַך אין קלאַס, ווען עטלעכע צענדליק פאָר אויגן און אויערן האָבן געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אויפצונעמען דעם נישט „ריינעם" קלאַנג. דער לערער האָט אים געגעבן עצות, געהייסן לייענען אין שטוב הויך אויפן קול, געוויזן פיל מאָל, ווי אַזוי אַרויסצורעדן צווישן די ציין, אָדער צווישן די ליפן. ס'האָט געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס, ס'האָט אים נאָך מער אויסגעשטעלט אויפן געלעכטער פון די קלאַס־קאָלעגן.

אַנדריטש פלעגט אים דעמלט פאַרטיידיקן: „וואָס איז ער שולדיק, אַז

ער איז געבוירן געוואָרן מיט אַזאַ אַקצענט?" מיט אַ סך יאָרן שפּעטער פּלעגט ער לאַכן פון זיין פאַרטיידיקונג. ער האָט שוין געוווּסט, אַז אַ מענטש ווערט נישט געבוירן נישט מיט קיין אַקצענט און נישט מיט קיין שפּראַך. יענע דערינערונגען האָבן זיי אויף שטענדיק פאַרבונדן, כאָטש עס טיילן זיי אָפּ ווייטע מרחקים. ערשט נאָך איבער 40 יאָר האָט פּראָפעסאָר זיינוויל דורכגעשפּרייזט די מרחקים — דער קאָנגרעס פון וויסנשאַפטלער האָט אים דאָ אַהער געבראַכט און ווידער צונויפגעפירט מיט זיין אַמאָליקן שול-פריינד. זיינוויל האָט אַנדריטשן קוים דערקענט, אַנדריטש אים — פון ערשטן אויגנבליק, ער האָט זיך נישט געעלטערט אַזוי ווי ער, זעט אויס מיט אַ צען יאָר יינגער פון אים.

זיי האָבן ביידע געוואַרט אויף דער באַגעגעניש, פון לאַנג געטרוימט זיך נאָך אַמאָל צו טרעפן, זי פירט זיי איצט צוריק צו דער ערשטער יוגנט, צו דעם, וואָס איז אַוועק און וועט שוין קיינמאָל צוריק נישט קומען. פּראָפעסאָר זיינוויל האָט ראשית כל געוואָלט אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין זיין געבוירן-שטאָט, צוליב דעם איז ער געקומען מיט אַ צוויי טעג פריער. ער האָט זיך געאיילט, ווי דאָרט אין דער געבוירן-שטאָט וואָלט נאָך עמעצער געוואַרט אויף אים; אין זיין געדעכעניש איז אַלץ פריש און לעבעדיק, ווי ס'וואָלט אָט נעכטן געווען. ער האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין אָפּרוען זיך פון דער רייזע, פון אָפּלייגן. ער דאַרף נישט קיין שום באַגלייטער, ער קען דעם וועג, און ער קען דאָרט יעדן שטיין.

ער איז צוריקגעקומען אַ פאַרענדערטער. אַ צוויי טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אָבער ס'איז קענטיק געווען, אַז ער טענהט איין מיט זיך אַליין. אויף אַלע פראַגן פון פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „בעסער נישט רעדן דערוועגן". איינמאָל נאָר האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ווייסט, ס'האָט געשטיקט אין האַלדז, אַזוי געשטיקט, ווי מען האָט מיך אַמאָל איינעם אַליין, אַ קליין יינגל, באַפאַלן ערגעץ אויפן וועג". ער האָט צוגעגעבן: „כ'האָב נישט געוווּסט, אַז ס'קאָן אַזוי פאַרשווינדן אַ לעבעדיק לעבן, ס'זאָלן קיין שפּורן נישט פאַרבלייבן". מער האָבן זיי זיך צו דער טעמע נישט אומגעקערט, כאָטש ס'איז זיי ביידע ליב געווען צו דערמאָנען די אַמאָליקע צייטן; וועגן דער געבוירן-שטאָט האָבן זיי ביידע אויסגעמיטן צו רעדן.

צו גאַסט ביי די אַנדריטשעס אין שטוב איז ער שוין צום צווייטן מאָל. זאָפיע האָט דאָס ערשטע מאָל געמאַכט אים אַ שיינע אויפנאַמע. אין אַנשטאַלט, אין אינסטיטוט האָט ער אים שוין אויך אָפּגעשטאַט

וויזיטן, געוואָלט דורכאויס זען פון דער נאָענט, וואָס ער האָט געהערט פון דער ווייט וועגן זיין אַמאָליקן שול־פריינד, וועגן דעם „פיינעם שייגעץ מיט די לאַנגע פיס“. — אַזוי האָט אים אַמאָל זיין מאַמע, עליה השלום, געהאַט אָפּגעמשלט, איידער זי האָט געהאַט פאַרגעדענקט זיין נאָמען.

איצט זענען ביידע פּראָפעסאָרן זיך ווידער צונויפגעקומען, ווער ווייסט, אפשר צום לעצטן מאָל. זאָפיע האָט זיך דאָס מאָל אַנטשולדיקט, צי ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון אירע באַשעפטיקונגען, צי ווייל דאָס געמיט איז ביי איר אַ שווערס. אָבער זאָפיעס אָפּוועזנהייט אַרט זיי ביידן נישט, זיי פילן זיך אפילו בעסער אונטער פיר אויגן. ס׳פעלט נישט וועגן וואָס זיך דורכצורעדן. רעדן רעדט זיינגוויל, אַנדריטש רעגט אָן, באַרירט אַן ענין, שטעלט אַוועק אַ האַרבע פראַגע און דאַרף נישט לאַנג וואַרטן זיינגוויל זאָל עס אַ צעגלידער טאָן, פאַנאַנדערנעמען, ווי אַ געניטער מעכאַניקער נעמט פאַנאַנדער אַ מעכאַניזם אַריינצוקוקן אינעווייניק אין די אינגעווייד, צו זען פון וואַנען עס שטאַמט דאָס גרילצעניש, דאָס צעדרייעניש און עס בעסער צוזאַמענצושטעלן.

פּראָפעסאָר אַנדריטש פאָלגט אים נאָך מיט די אויגן. אַז ער שטייט, אָדער זיצט פאַר אים, קוקט ער אים אין מויל, אַ נחת רוח אים צו הערן, ער שלינגט ממש דעם קאָלעגעס יעדעס וואָרט, פון מאָל צו מאָל שיסט ער אויס מיט אַ געלעכטער, אַזוי ווי אין די יונגע יאָרן, ווען יאַקוב פלעגט אים דערציילן יידישע וויצן. איצט זענען דאָס נישט קיין וויצן, זיינגוויל טייטשט אויס די שווערע מענטשלעכע פּראָבלעמען אויף זיין אייגענעם יידיש־פילאָזאָפישן שטייגער. דער אַמאָליקער אַקצענט האָט זיך פאַרשאַרפט, ס׳גנבעט זיך צומאָל אַריין אין פּראָפעסאָרישן לשון אַ שפּראַכפעלער, נאָר דאָס גייט זיי ביידע נישט אָן, דער עיקר, די צונג דרייט זיך נאַטירלעך, נישט געצוואונגען, און נאָך עיקרדיקער וואָס מ׳האָט אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

פּראָפעסאָר דזשייקאָב זיינגוויל, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסרעדן, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעקליבן פאַר די פערציק יאָר, שפּרינגט איבער פון איין טעמע צו אַן אַנדערער:

— איך טראַכט כסדר, ווי קומט, וואָס מענטשן מיט גרויס וויסן און געוויסן, ווי דו האָסט געשריבן, האָבן אַזוי ווייניק צו זאָגן אויף דעם קאָכעדיקן וועלט־יאַריד? אַלץ די פאַטענטירטע געשיכטע־מאַכער. נאָכמער פאַרדריסט מיך, וואָס מענטשן מיט טאַלאַנט און האַרץ לאָזן

אַראָפּ די הענט און ווערן אין בעסטן פֿאַל קלאָג־מוטערס. קוק זיך צו צו אַ סך פֿון זיי. אָט נעם אַזעלכע שרייבער, וואָס...

— היינטצייטיקע איובס.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט זיך צוגעאײַלט, געוואָלט אים צוטרעפֿן, אָבער זיינוויל האָט זיך אָפּגעשטעלט און פּראָטעסטירט:

— אָ, זײַ־זשע מוחל, באַליידיק נישט מיין אַלטן איוב, ער איז נישט געווען קיין סתם קלאָג־מוטער. אמת איז, אַז אַ סך היינטיקע פֿילאָזאָפֿן און שרייבער נאַשן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים פֿון איובס פֿילאָזאָפֿיע שטילינקערהייט, היינט זענען דאָך אַלע אָריגינעל, אַלץ איז געבוירן געוואָרן אין זייערע קעפּ: די פֿילאָזאָפֿישע שיטות, די סאָציאַליסטישע אידעאַלן. ס'הייבט זיך נישט אָן — דאָס אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן, גאָר, גאָר לאַנג שוין. וואָס שייך דעם אַלטן איוב, איז ער געווען אַ גרויסער בונטאַר און נישט קיין קלאָג־מוטער. יאָ, אַ פֿילאָזאָף, געוואָלט דערגיין דעם זין פֿון מענטשלעכן לעבן, דעם זין פֿון מענטשלעכע ליידן, אָבער נישט נאָר געקלאָגט דערויף, נאָר גלייכצייטיק זיך קעגנגעשטעלט דעם שלעכטן גורל. אָט וואָס ס'איז איוב, און נישט ס'זיצט זיך אַ מענטש אויף אַ בערגל מיסט, קראַצט זיך מיט אַ שערבל דאָס לייב, וויינט און שילט גאָט, וויל ס'בייסט. איוב האָט רעוואָלטירט, געפֿאָדערט אַן ענטפֿער: פֿאַרוואָס קומט דאָס מיר? פֿאַרוואָס? פֿאַרוועמען? וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס? — האָט ער געפֿרעגט. אָרעמער איוב, געפֿין אַ זין, אַז די גאַנצע מעשה האָט אָנגעמאַכט דער שטן.

— וואָס פֿאַר אַ מעשה מיטן שטן? — האָט אַנדריטש געפֿרעגט מיט אַזאַ טאָן, וואָס בעט צו דערציילן.

זיינוויל האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט:

— ווילסט איך זאָל דיר איצט איבערדערציילן די מעשה? נו, גוט, זאָל זיין. ס'איז געווען אַזוי: גאָט דער אַלמעכטיקער האָט געמאַכט אַן אויפֿנאַמע, פֿאַרבעטן געסט, ווי להבֿדיל אויף אונדזער זינדיקער ערד היינט הויכגעשטעלטע פֿאַרשוינען מאַכן אויפֿנאַמעס. איז וועמען פֿאַרבעט גאָט? זיין געזינדל אַדיוטאַנטן, די מלאכים. און דעם שטן אויך. אַזוי פֿירט זיך, אויף דער עולם דער אויך. ער, דער שטן, האָט נאָר געוואַרט אויף דעם. אַריינגעשטעלט זיך פֿריער, ווי די מלאכים, מיט אַ זיס שמייכעלע, אונטערטעניק. זאָל ער נאָר קאָנען כאַפּן אַ שמועס מיט גאָט, נושא חן זיין, וועט ער אָפּטאָן דעם מענטשן אַ שפּיצל, עפּעס אַ געלעגנהייט וועט זיך מאַכן. און ס'האָט זיך געמאַכט. גאָט דער אַלמעכטיקער איז טשעקאַווע געווען

צו וויסן, וואָס ס'הערט זיך דאָרט אויף דער ערד און אַ פֿרעג געטאָן דעם שטן: האָסט געהערט דאָרט וועגן מיין קנעכט איוב? אַ פֿרומער, ערלעכער מאַן, האַ? נישטאָ אַ צווייטער אַזאַ, וואָס? דער שטן האָט קיין פּינטל נישט געטאָן מיטן אויג. אויב אַזוי, טראַכט ער זיך, אויב דער אַלמעכטיקער פֿרעגט מיך וועגן זיינע קנעכט, דאַרף ער מיך. און ווידער מיט אַ שמייכעלע, אונטערטעניק: צי ווייסטו כאָטש, דו אַלמעכטיקער, פֿאַרוואָס איוב איז אַזוי פֿרום און ערלעך? ווייל ס'לוינט אים! ער האָט אַ יידישן, סוחרישן קאָפּ, דיין איוב, אוי, אַ דריי־קאָפּ! אפֿילו דעם אַלמעכטיקן נאַרט ער אַריין אין זאַק. גאָטספֿאָרכטיק! אַלץ מיט אַן אויסרעכענונג! ווייל צאָלסט אים אָפּ מיט פּראָצענטער: האָסט אים געגעבן זין און טעכטער און רינדער און שעפּסן און קעמלען און אייזלען און היטסט אים אויס פֿון אַלדאָס בייז, מאַכט מיטן אַלמעכטיקן אַ גוט געשעפֿט. אַגו, פּרוּוו נאָר אים אַוועקנעמען דאָס אַלץ! גלייבסט נישט? טאָ לאָז מיך אים אויספּרוּוון און וועסט זען, צי ער וועט דיר אויך דעמלט דינען געטריי, צו ווידערשפּעניקן. און גאָט האָט געלאָזט, אדרבא, זאָל דער שטן אויספּרוּוון, זאָל ער נעמען איובן אויפֿן צימבל און זיך אַ שפּיל טאָן מיט אים. וואָס אַרט עס אים? רחמנות וועט ער האָבן אויף אים? ווי פּאַסט דאָס רחמנות פֿאַר אַן אַלמעכטיקן? האָט דער שטן לאַנג נישט געטראַכט און זיך גענומען צו דער אַרבעט. געדענקסט ווי אַזוי? ניין, נישט אינגאַנצן? פֿריער די קינדער, די פֿי, דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, געפּליקט, אַרומגעצופּט איובן, געריסן שטיקער ביז ער איז געבליבן אדם־נאַקעט. אונדזער איוב איז אָבער אייזן־שטאַרק אין זיין גלויבן, זאָגט גם זה לטובה און דינט ווייטער גאָט בלב ונפש. האָט דער שטן אים דערלאַנגט אַ פֿאָרציע קרעץ, און אויב ס'איז ווייניק, איז נאַדיר אַ צולאָג רימלעך ווערים, זאָלן זיי טאָטשען דאָס לייב זיינס. אָ, דעמלט האָט דער שטן געוווּנען, איוב איז אַרויס מיט טענות צו גאָט, ווידערשפּעניקט און געפֿאָדערט חשבון: אויב דער אַלמעכטיקער האָט נישט קיין ברעקל רחמנות, פֿאַרלאַנגט ער גערעכטיקייט. און דער אַלמעכטיקער הערט און מאַכט זיך נישט הערנדיק, קוקט אויף איובס גרויסע יסורים און מאַכט זיך נישט זעענדיק. שטעלסט זיך פֿאָר, ווי דער שטן האָט געקייכט פֿון געלעכטער? ער האָט געוווּסט פֿאָרויס, אַז די שפּיל וועט זיך אים איינגעבן. דאָ אַ ווונק צו גאָט: האַ, זעסט? דאָ נאָך אַ פֿאָרציע קרעץ מיט ווערים איובן, זאָל ער קריצן מיט די ציין און ביילן מיט די פֿויסטן. אַז איובס דריי פֿריינד זענען געקומען אים טרייסטן, זענען זיי שטום געוואָרן, קוקנדיק אויף זיינע ענויים. זיבן

טעג און זיבן נעכט זענען זיי געזעסן לעבן אים און נישט געקאָנט קײן וואָרט אַרויסברענגען פֿון מויל, און אַז זיי האָבן דערנאָך שוין יאָ געעפֿנט דאָס מויל, איז ווייסטו וואָס זיי האָבן אים געזאָגט? אַנו, זאָל ער זיך מודה זיין, זאָל ער נאָר נישט ווידערשפּעניקן, ער האָט מסתמא פֿאָרט געזינדיקט, זאָל ער זיך נאָר דערמאָנען, וואָס האָט עפּעס גאָט פּונקט אים פּײַנט געקריגן? נײַן! — שרײַט איוב, ווײסן זאָלט איר, אַז כ'בין אומשולדיק, געשלאָגן אָן פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרוועו. אָרעמער איוב! ער האָט זיך דאָך קעגנגעשטעלט נישט נאָר קעגן זײַן אײגענעם אומגליק, קעגן דעם בייז, וואָס האָט אים געשלאָגן און צעדריקט, נאָר קעגן דעם בייז, וואָס צעדריקט דעם מענטש, דעם בן־אדם, וואָס איז בצלם אלהים. און פֿאַראַן איובס אין פֿאַרשידענע אויפֿלאַגעס. דײַן אײדעלע דאַמע איז גאָר אַ ספּעציעלע, מאָדערנע איוב־אויפֿלאַגע, און דער שטן לויערט ווײַטער, קוקט אויס אַרײַנצוכאַפּן זיך צום אַלמעכטיקן, וואָס אין זײַן רשות איז דער סדר פֿון דער וועלט, און פֿאַרלייגן צו לאָזן זיך אַ שפּיל טאָן מיט עמעצן. ער ווייסט, דער שטן, אַז דער אַלמעכטיקער איז פֿאַרבליבן, ווי געווען, אָן רחמנות און אָן גערעכטיקייט, און צי ס'האָט יאָ אַ זין, צי נישט, איז אסור אויב ס'אַרט אים.

— אַז דו ביסט אַ פֿילאָזאָף, האָב איך געוווסט, אָבער די פּעסימיסטישע גאָטע אין דײַן מויל, ווי פּאָרט זיך דאָס מיט דײַן שטענדיקן אָפּטימיזם?

— זעסטו, איך גלייב נישט אין קיין אײנזײַטיקייטן. פּעסימיזם און אָפּטימיזם, פּונקט אַזוי ווי גוטס און שלעכטס, טראַגעדיע און קאָמעדיע, וואַקסן אָפּטמאָל אַרויס פֿון דעם זעלבן שטאַם, ס'טרעפֿט אפֿילו, אַז אײנס קריכט אַרײַן אין דער הויט פֿון צווייטן.

— כ'זע, כ'האָב זיך אַמאָל נישט טועה געווען. געדענקסט, וואָס כ'האָב דיר געהאַט געראַטן בעת מיר האָבן געדאַרפֿט אויסוויילן אַ וועג? כ'האָב געהאַלטן, אַז דײַן באַרוף איז דער פֿילאָזאָפֿישער געדאַנק. אַ פֿילאָזאָף פֿון באַרוף ביסטו.

— כ'בין צופֿרידן, וואָס כ'האָב דיך דעמאָלט נישט געפֿאָלגט. אַ פֿילאָזאָף פֿון באַרוף! זאָל מיך גאָט אָפּהיטן! באַנק־קוועטשערס די פֿילאָזאָפֿן פֿון באַרוף. מיר, אין אונדזער באַשעפֿטיקונג, דו, איך, אַזעלכע ווי מיר, זענען די אמתע פֿילאָזאָפֿן, מיר האָבן צו טאָן דירעקט מיטן מענטש, מיטן לעבן. פֿילאָזאָפֿיע דאַרף זיך אָנהייבן פֿון מענטש, זײַן באַשטאַנד אין אוניווער, צו דעם דאַרף מען זײַן אויסגעקאָכט מיטן לעבעדיקן לעבן,

אַזוי קענען דאָס לעבן, מ'זאָל באַגרייפן וואָס פאַראַ אומדערוואַרטע שפיצלעך ס'קאָן אָפטאָן דער מענטש. פילאָזאָפן פון באַרוף האָבן אָפטמאָל אַ טבע זיך צו פאַרמאַכן, שטאָפן זיך אָן פון ביכער מיט אַ סך קליגשאַפטן און שרייבן אַליין אויך אַ סך קלוגע ביכער, אָבער וועגן לעבעדיקן מענטש גופא ווייסן זיי אַזויפיל, וויפל אויפן שפיץ מעסער. אָט קומט מיר אויפן זינען אַ גרויסער פילאָיאָף, אַ דענקער, אַ מענטש מיט אַ געניאַלן יידישן קאָפ, וואָס ער האָט געירשנט פון עטלעכע דורות זיידעס זיינע, הוילע לומדים און רבנים. האָט דער געניאַלער פילאָזאָף אָנגעשריבן אַ סך געניאַלע ווערק, צוגעטראַכט אַ געניאַלע טעאָריע, נאָר אין דעם אַלעמען פעלט איין קלייניקייט — טיפע קענטעניש פונעם מענטש, פון צווישנמענטשלעכע באַציונגען. הערעזיע, וואָס? נו, זיי-זשע מוחל, כ'בין שטענדיק געווען אַ הערעטיקער, מיין פרומע באָבע האָט מיך גערופן אפיקורס, אומגעפער דאָס זעלבע וואָס הערעטיקער. און ווייסטו ווי נאָך זי האָט מיך גערופן? „פילאָזאָף“. זעסטו, מיין באָבע האָט שוין אַסאָציאירט אפיקורסות מיט פילאָזאָפיע, אפנים, האָרט, וו מען איז צו פרום, קאָן נישט זיין קיין אמתע פילאָזאָפיע.

— באַשטעטיקסט ווידער מיין מיינונג וועגן דיר.

ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָס מאָל נישט דערהערט, געכאַפט זיך פאַרן זייגער, באַדויערט וואָס די צייט לויפט אַזוי שנעל, און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך שוין ערגעץ געאיילט. פראָפעסאָר אַנדריטש האָט אים דערמאָנט, אַז ס'בלייבט נאָך זיי גענוג צייט ביז דער פאַראַדנער אויפנאַמע, דער היינטיקער נאָכמיטאָג געהערט זיי ביידע, זיי וועלן זיך אַזוי גיך ווידער נישט זען, זאָל ער אים איצט דערציילן וועגן זיינע פאָרשונגען, ער האָט זיך שוין קוים דערוואַרט אויף אים.

פראָפעסאָר זייגוויל האָט זיך ערשט איצט אַרומגעזען, אַז זייער שמועס איז אַוועק אויף זייטיקע וועגן, נאָר איצט האָט ער שוין נישט קיין גרוים חשק אָנצוהייבן מיט זיינע וואָכעדיקע פאַראינטערעסירונגען. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— כ'בין פאַרקראָכן, האַ? דו האָסט געוואַרט איך זאָל דיר היינט ברענגען די יונגיטשקע פריילין געראָנטאָלאָגיע און איך האָב דאָ אַרויסגעשלעפט דעם אַלטן איוב. דעם אמת געזאָגט, איז די יונגיטשקע פריילין נאָך גאָר אַ קינד, נאָר ס'וואַקסט, ס'וואַקסט דאָס קינד.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. פראָפעסאָר אַנדריטש האָט אים אָנגעגאָסן פון טערמאָס-קריגל קאַווע, אונטערגערוקט דאָס צובייסעכץ, וואָס

מאַריאַ האָט אָנגעשטעלט אויפן טיש. ער געדענקט נאָך גוט פון אַמאָל, וואָס קאַווע איז געווען פאַר זייגווילן. מיט אַ צוויי טעפּלעך קאַווע האָט ער דורכגעמאַכט אין די אָוונטן אַ צווייטן אַרבעטס־טאָג. מעדיצין האָט ער אָנגעהויבן שטודירן נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט ביאָלאָגיע; אַן עקשנות אַזאַ געווען ביי אים, איז ער פון פאַקולטעט געלאָפן צו דער אַרבעט, וואָס האָט אים קוים געשפּייזט, אין די אָוונטן געזעסן איבער ביכער און העפטן ביז נאָך האַלבער נאַכט. געזאָגט האָט מען וועגן אים, אַז ס'העלפן אים אויסהאַלטן צוויי זאַכן: דאָס בוידעם־שטיבל, וואָס פאַרמאַכט זיך איבער אים, ווי אַ קאַסטן, און די קאַווע, וואָס לאָזט אים ביים טיש נישט איינשלאָפן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אים דאָס דערמאָנט. יאָ, ער געדענקט יענע יאָרן, זיי ליגן אים נאָך גוט אין טעם. און נאָך עפּעס ליגט אים נאָך אין טעם: ער האָט דערנאָך געבענקט אַהיים. צי ער, אַנדריטש, וועט גלייבן, צי נישט, נאָר אַזוי איז דאָס געווען, לאַנגע יאָרן געבענקט. נאָך וואָס? מיטן שכל נישט צו באַנעמען נאָך וואָס אַ מענטש קאָן אַלץ בענקען און וואָסערע געוווינהייטן מ'קאָן איינהיטן אין גאָר אַנדערע אומשטענדן, נאָר פון אַרבעטן 16—18 שעה אין מעת־לעת האָט ער זיך גיך אָפּגעוווינט, דאַקעגן פון טרינקען קאַווע ביי דער אַרבעט — נישט, האָט שוין מקריב געווען פאַר איר די פּאַפּיראָסן, איינגיכן וועט ער מקריב זיין די קאַווע פאַר עפּעס אַנדערש, ער האָט שוין פאַרטראַכט ווי אַזוי...

דערווייל האַלט אים צו דאָס טעפּל קאַווע צו דער שטול. דאָס טרינקען קאַווע איז ביי אים אַ גאַנצע צערעמאָניע: ער טרינקט קאַווע ווי אַ שטאַרקן וויין, נישט מיט איינמאָל, אַ קליין שלונגעלע און אָפּגעשטעלט, אַמאָל האָט דאָס געהאָלפן נישט איינצושלאָפן, היינט — אַריינצוטראַכטן אין אַ הארבן פּראָבלעם, ער מוז אפילו נישט אויסטרינקען ביזן דנאָ, פון מאָל צו מאָל אַ שלונג, ביז ער בייסט זיך אַריין אין דער אַרבעט. ווי גיך דער מוח שפּאַנט זיך איין, און ס'הייבט אָן צו גיין גלאַטיקער, רוקט ער אָפּ דאָס טעפּל. די קאַווע איז פאַר אים, ווי אייל צו אַ ראָד, וואָס אַז מ'שמירט אָן, הייבט זיך אָן דרייען אָן גרילצעניש.

— דאַרף איך דיר איצט דערציילן וועגן מיינע פאַראינטערעסירונגען?

ער האָט זיך געלאָזן אַ פויזע, ווי ס'וואָלט אים שווער געווען ווידער איבערצושפּרינגען צו אַזאַ אַנדערשדיקער טעמע, האָט אָנגעהויבן נישט ווי זיין שטייגער, אַ ביסל פלעגמאַטיש, ציענדיק די ווערטער:

—גראָסאָ מאָדאָ איז דאָס דער מענטש. מיך אינטערעסירט קודם

דער מענטש גופא, אין אַלע זיינע סיטואַציעס: אַריינדרינגען אין זיינע אינעווייניקסטע וועלטן, אַריינקוקן אינעם מעכאַניזם פון זיין גוף, דערגיין די סודות, און פאַראַן נאָך סך סודות אַ סך אינעם מענטש. אַוודאי אינטערעסירט מיך דער אוניווער, די אויסערלעכע נאַטור, אָבער שטענדיק אין צוזאַמענהאַנג מיטן מענטש. ס'רירט מיך מער עפּעס אַ פאַרוואָרפענע געגנט, ווו עס שטייט אַ פאַרלאָזענע הייזקע, ווו איך געפין מענטשלעכע שפּורן, ווי ווען איך וואָלט דערזען די שענסטע קאָמעטע מיטן לענגסטן עק. אָט דאָרט האָט געטראָטן אַ מענטשלעכער פוס, דאָרט איז געווען לעבן, און דאָ איז מיט זיין גאַנצער אויסערגעוויינלעכקייט טויטקייט. איך נעגיר דאָס נישט, גאָט באַהיט, כ'האָב דיר געזאָגט, כ'האָב נישט ליב קיין אייגנזייטיקייטן, נאָר מיר פערזענלעך פאַסצינירט דעם מענטשנס לעבן, דער פּראָצעס, דער סוד פון לעבן. פאַרשטייסט איצט וואָס ס'האָט מיך געשטויסן צו מיינע פאָרשונגען? געדענקסט, ווען מ'האָט געדאַרפט מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אויסוויילן? מיינע ערלעכע עלטערן האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ חסר דעה: ביאָלאָגיע! זיי האָבן נישט געוווסט מיט וואָס מ'עסט דאָס. מיין מאַמע, עליה השלום, האָט דאָס וואָרט קוים געקאָנט נאָכזאָגן, און איך האָב נישט געוווסט, ווי אַזוי איך זאָל זיי דאָס צעקייען, זיי זאָלן עס קאָנען פאַרדייען. דו האָסט מיר געראַטן פילאָזאָפיע, איך געדענק, געדענק. מיינע עלטערן האָבן זיך געבעטן ביי מיר, איך זאָל ווערן אַ דאָקטער, אַזאַ וואָס קאָן אויסהיילן פון אַ פאַרקילעכץ, געבן אַ גוטע רפואה צו אַ שלעכטער מכה; קיין שענערע און בעסערע קאַריערע, ווי אַ דאָקטער, איז פאַר מיין גוטער מאַמען נישט געווען. זי איז גרייט געווען פאַר אַזאַ קאַריערע מיינער מקריב צו זיין אירע ירושה־פּערל, וואָס זי האָט געהאַט באַקומען נאָך פון אַן עלטער־באָבען. כ'האָב דער מאַמען מיינער אָנגעמאַכט אַ סך האַרצקלעמעניש און אָנגעהויבן שטודירן ביאָלאָגיע. דערנאָך האָבן מיינע קאָלעגן געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ משוגענעם: קוים איינגעביסן די ביאָלאָגיע און כאַפּט זיך פלוצלונג צו מעדיצין. געדענקסט, ווי ס'איז מיר אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים? צו וואָס דעמלט די אַלע משוגעתן? מיינער אַן איצטיקער קאָלעגע, אויך אַ מעדיקער, האָט מיך צומבעסטן פאַרשטאַנען, ער האָט מיך געהאַט פאַרגליכן צו אַ זייגערמאַכער: זיצט זיך מיט אַ שפּאַקטיוו און קוקט אַריין אין צומיינסטן קאָמפּליצירטן זייגער, אין מענטשנס אָרגאַניזם, וויל דורכאויס דאָרט עפּעס פאַרריכטן.

— נו, האָסט שוין עפּעס פאַרריכט?

— אָ, ס'גייט ביי דיר שנעל, נאָר פאָרט, פאָרט.

— דער פאָרט אינטערעסירט מיך.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, ס'איז נאָך אַ קינד אין די וויקעלעך. כ'האָב מורא, כ'וועל דיר גאָרנישט מחדש זיין. וועגן די סיבות פון אַלט ווערן איז פאַראַן אָן אַ שיעור טעאָריעס, נאָר קיינער פון די פאָרשער האָט נאָך דעם עליקסיר אויף אומשטערבלעכקייט נישט געפונען, כאָטש מען זוכט אים שוין פון זייער, זייער לאַנג.

פּראָפעסאָר יעקב זייגוויל האָט זיך איצט לענגער פאַרהאַלטן ביים שלונג קאַווע. געווייגלעך איז אים נישט שווער איבערצוגיין פון איין טעמע צו אַ צווייטער, פאַרקערט, אַ טבע אַזאַ ביי אים, אַז ס'פלעכט זיך אַריין איין טעמע אין דער אַנדערער. ביי יעטוועדער אַרבעט דאָס זעלבע. אַז ער דאַרף אין זיין לאַבאָראַטאָריע אַריינגיין אין אַ צווייטער קאַמער בלויז אַריינצוקוקן אין אַ מיקראָסקאָפּ און צופעליק פאַלט אים אַריין אין אויג אַ צווייטער אָביעקט, הייבט ער זיך אָן פאָרען אַרום צווייטן אויך. אַז ער גייט צו ביי זיך אין שטוב צו דער ביבליאָטעק אַרויסציען אַ בוך, וואָס איז אים אָט שוין נייטיק און דערזעט אַ באַנד מיט אַן אָפּגעריסענעם רוקן, ציט ער אים אַרויס און דערלייזיקט דער־ווייל מ'זאָל דאָס בוך לאָזן איינבינדן. — צי פאַרלירסטו נישט אַזוי אַרום דעם פאָדים? — האָט אים אַ קאָלעגע געהאַט געפרעגט. — ניין, כ'האַלט שטענדיק דעם פאָדים, ווי מ'האַלט אַ הונט אויף דער קייט — האָט ער געענטפערט.

איצט איז דער פאָדים נאָכגעלאָזן. ס'איז קענטיק, אַז ער דערציילט אָן ענטוזיאַזם, אַ ראיה — ער זיצט, ווי צוגעשמידט צו דער שטול, די צונג בינדט זיך דעמלט ביי אים נישט איינגאַנצן אויף. זיין קאָלעגע קוקט אויף אים מיט פרעגנדיקע אויגן, נאָר זייגוויל שטעקט נאָך אין פריער־דיקן שמועס, ער וואָלט גערן געלאָזן די אַנדערשדיקע טעמע אויף אַ צווייט מאָל און פרוווט געבן אָנצוגעהערן:

— דאַרפסט אומבאַדינגט קומען באַזוכן מיין לאַבאָראַטאָריע.

— ביז איך וועל זיך אויסקלייבן קומען צו דיר, דערווייל וויל איך שוין פון דיר זיך עפּעס דערוויסן.

— און אפשר קאָן איך זיך פון דיר עפּעס דערוויסן? דו ווייסט, געוויסע פאָרשער אונדזערע באַטראַכטן דעם פיזיאָלאָגישן טויט, ווי דעם טויט פון מוח. און די גרעסטע צרות האָבן מיר טאַקע ביים פאָרשן די

מוח־קעמערלעך. ס'איז דאָך דיין געביט. וואָס וואָלסטו אונדז זאָגן דערוועגן?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך ווידער צעלאַכט. ער האָט שוין גאָר לאַנג אַזוי נישט געלאַכט, ווי אין די עטלעכע טעג בעת די צוזאַמענטרעפן מיט זיין אַלטן פריינד. עס דערמאָנט כסדר די יוגנט־יאָרן, ווען יאַקוב פלעגט אים דערציילן, אַלצאיינס צי דאָס זענען געווען וויצן, צי זייער ערנסטע געשעענישן. דער יידישער קאָלעגע האָט אַזוי דערציילט, אַז ער האָט זיך געשאָטן פון געלעכטער. פּראָפעסאָר זייגוויל קוקנדיק איצט אויף זיין פריינד, האָט אָנגעהויבן אים פאַרזיכערן:

— וואַרט, וואַרט, ס'האַלט נישט אַזוי שמאָל, אָפּטימיסטן גלייבן אפילו, אַז מ'קאָן דערגרייכן אומשטערבלעכקייט, נאָר מען דאַרף אַזוי פאַר איר שטרייטן, ווי פאַרן איינגעמען דעם קאָסמאָס. „אין וויטראָ“ האָבן מיר שוין לאַנג דערגרייכט אומשטערבלעכקייט, האָסט זיכער געהערט דערוועגן. טאָ הער־זשע נאָך אַמאָל: ווען כ'בין אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מיין לאַבאָראַטאָריע, נאָך איינגאַנצן דעמלט אַ גרינער געווען, האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר דושיימס געהאַלטן אונטער אָבסערוואַציע אַ פענעץ פון אַ לעבעדיקער, יונגער הון, דער פראַגמענט־געוועב האָט געלעבט 30 יאָר, אין דער צייט, ווען אַ הון קאָן העכסטנס לעבן 10 יאָר. ענלעכע עקספּערימענטן האָבן מיר מיט דערפאָלג איבערגעחזרט. וואָלטן, פאַרשטייט זיך, פּראָפעסאָרן פון הערן־פאָלק געהאַט דאָס גליק צו פאַרנעמען מיין לאַבאָראַטאָריע, וואָלטן זיי זיך נישט איינגעשמירט די איידעלע הענט מיט קיין הון. אַ יונג יידיש מיידל וואָלט זיי בעסער אַנטשפּראָכן, מיין אַלט יידיש לייב גופא וואָלט זיי מסתמא אויך צוגוץ געקומען צו עפּעס אַ „ווייסנשאַפטלעכן“ עקספּערימענט. נאָר לאָמיר זיי איצט לאָזן יענע דייטשישע פּראָפעסאָרן, זיי נעמען זיך סייווי ווייניק וואָס איבער מיט דעם, וואָס מיר טראַכטן וועגן זיי, און ס'זעט נישט אויס, זיי זאָלן חרטה האָבן אויף דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן. דיך, זע איך, אינטערעסירט איצט מער צו וואָס מיר דאָרט אין די לאַבאָראַטאָריעס זענען דערגאַנגען מיט די אַלע אונדזערע עקספּערימענטן. אָט, זעסטו, מיר האָבן איצט די איבערצייגונג, אַז אויב מיר וואָלטן ביי אַ שטאַרבנדיקן מענטשן, אפילו ביי אַזעלכן, וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעהויכט די נשמה, אויסגעשניטן אַ פראַגמענט געוועב, געהאַלטן אים אין אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען, וואָלט דער פראַגמענט געלעבט אומענדלעך, די קעמערלעך וואָלטן זיך רעגענערירט, פונקט ווי זיי וואָלטן נישט

אָפּגעטײלט געװאָרן פֿון אָרגאַניזם; נאָכמער, זײ װאָלטן זיך געשיצט קעגן אַלט װערן. אָט אײביק לעבן, גאָר דערװײל — „אין װיטראָ“.

— האָסט אָנגעהויבן מיט אַ נידעריקן טאָן און גײסט גלײך איבער צו גאָר אַ הויכן. איך זוך עפּעס אַ גאָלדענעם מיטן.

— איך אויך, אַלע זוכן מיר עפּעס אַ גאָלדענעם מיטן. אונדזער אַלטן איוב איז אויך געגאַנגען אין דעם װאָס אונדז. געדענקסט אויף װאָס ער האָט געקלאָגט, טראָץ זײַנע גרויסע יסורים? אדם ילוד אשה קצר ימים... זײַ־זשע מוחל, ס'איז בינעזיש פֿאַר דיר, װאָס? דער טײַטש דערפֿון איז: דער מענטש געבוירן פֿון אַ פֿרוי, האָט װײניק טעג... יאָ, שױן פֿאַר איובס צײַטן האָט דער מענטש זיך באַקלאָגט אויף זײַן קורץ לעבן, װאָס לויפֿט דורך, װי אַ שאָטן. די שטרעבונג צו פֿאַרלענגערן דאָס לעבן, װער װײסט, צי דאָס איז נישט אײנע פֿון די עלטסטע מענטשלעכע שטרעבונגען. און די אַלטקײט, װען און װער האָט דערויף נישט געקלאָגט? װאָס מיר, פֿאָרשער, ביאָלאָגן, געראָנטאָלאָגן האָבן דערויף צו זאָגן, פֿרעגסטו? הממממ... צו זאָגן האָבן מיר אַ סך, װײסט דאָך: צו זאָגן איז שטענדיק לײַכטער, װי אויפֿצוטאָן.

— גײסט װידער איבער צו אַ נידעריקן טאָן.

זײַנװײל האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קנײטש געטאָן מיטן הויכן שטערן:

— לויט מײַן טיפֿער איבערצײַגונג איז אַלטקײט אַ קרענק, װאָס מ'װעט הײלן. פֿאַראַן פֿאַרשידענע השערות װעגן די סיבות, און אַזױ לאַנג װי מען האַלט בײַ השערות... האָסט געהערט װעגן פּראָפֿעסאָר מינאָס? יאָ? נו, זעסטו, לויט אים הײבט זיך אָן די אַלטקײט נאָך אײדער דער מענטש װערט געבוירן, אין עמבריאָן. בײַם קינד, שרײַבט ער, פֿאַרהאַלט זיך דער פּראָצעס פֿון אַלט װערן, אין דער יוגנט קומט ער צוריק. צי ער איז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס גערעכט דערעלטער געלערנטער, דאַרף מען די קראַנקהײט אָנהײבן הײלן פֿרי. װי ס'זאָל נישט זײַן, האָט גאָט דער אַלמעכטיקער אָפּגעטאָן דעם מענטש אַ מיאוס שפּיצל, חוזק געמאַכט פֿון אים, דאָס באַשעפֿעניש בצלם אלהים איז פֿול מיט שװערע דעפֿעקטן, אי קורצע טעג, אי די קורצע טעג הײבן אָן פֿרי פֿאַרװעלקט צו װערן.

ער האָט אויפֿגעכאַפּט די פֿאַרװונדערטע אויגן פֿון זײַן קאָלעגע און אָנגעהויבן אים באַרויִקן:

— װאַרט, װאַרט, שרעק דיך נישט, כ'האָב דיר געזאָגט, כ'האָב

נישט ליב קיין איינזייטיקייטן, מ'דאַרף זען ביידע זייטן פֿון דער מטבע. אַ פּשוטער מענטש היינט ווייסט שוין, אַז מ'קאָן דעם גזר־דין מיט די אייגענע הענט צו ביסלעך מבטל מאַכן. אָט נעם באַלזאַקס 30־יאָריקע פֿרוי, און קוק זיך צו צו אַ היינטיקער 30־יאָריקער דאַמע, ווי זי לאַכט אָפּ פֿון יענער. און אונדזער אַלטער פֿריינד איוב. היינט וואָלט ער געגאַנגען צום ערשטן בעסטן דערמאַטאָלאָג און וואָלט פּטור געוואָרן כאָטש פֿון די קרעץ. כ'ווייס, נישט נאָר די מעדיצין, די באַדינגונגען, אַלץ צוזאַמען, די עלטער ווערט כּסדר אָפּגערוקט.

— אָבער וואָס טוט איר אין אייערע לאַבאָראַטאָריעס דעם גזר־דין, וועגן וועלכן דו רעדסט, מבטל צו מאַכן? — האָט זיך שוין פּראָפֿעסאָר אַנדריטש נישט געקאָנט דערוואַרטן און צוגעשטאַנען.

פּראָפֿעסאָר זיינוויל האָט זיך איבערגערוקט אַ ביסל מיט דער שטול, פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס, אַרויסגעשטעלט די ברוסט און אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. ער זעט דעמלט אויס יינגער. אַ שפּילעוודיקער שמייכל הייבט אָן צו שלענגלען זיך צווישן די ליפּן, אַ סימן ער וועט באַלד דערציילן אַ מעשה:

— פֿאַראַן צוויי האַרבע פּראָבלעמען: ראשית, ווי ווייט קאָן מען שוין היינט אויסברייטערן די גרענעצן פֿון לעבן, והשנית, ווי אַזוי מאַכן, אַז די פֿאַרלענגערטע יאָרן זאָלן נישט ווערן קיין אָפּקומעניש. צי געדענקסטו די געשיכטע מיט טיטאָנאָס? ער איז געווען דער ברודער פֿון קעניג פּריאַם און, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַזאַ יחוס, האָט ער געטאָן אַ געטלעכן שידוך, חתונה געהאַט מיט דער יונגער, שיינער געטין עאָס, און זי, עאָס, האָט פֿאַר איר באַשערטן אויסגעבעטן ביי זעוסן אומשטערבלעכקייט. האָט אָבער די זעלבע עאָס געהאַט אַ קורצן זכרון און פֿאַרגעסן צו בעטן מ'זאָל איר צורעכענען צום נדן שטענדיקע יוגנט פֿאַר איר געמאַל. נו, האָט טיטאָנאָס לאַנג געלעבט און גלייכצייטיק שטאַרק זיך געעלטערט, געוואָרן אַלעמאָל מער איינגעבויגן, איינגעהויקערט, די אויגן רויט, די הענט ציטערן, געוואָרן אַן אַלטע צעבראָכענע כּלי; די עלטער איז געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך פֿאַר דעם אומשטערבלעכן טיטאָנאָס, אַז ס'איז געווען אַ ביטערער רחמנות צו קוקן אויף אים. זיין ווייב האָט געמוזט נאָכאַמאָל זיך משתדל זיין ביי די געטער פֿאַר איר אומגליקלעכן מאַן און מיט זייער הילף אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ גריל. אַ סברה, אַז עאָס האָט געוווסט וואָס זי טוט, זי האָט זיך גוט צוגעקוקט וואָס ס'באַדייט אַזאַ עלטער. אָט דאָס פּראָבלעם פֿון דער געראָנטאָ־

לאָגיע! נישט דערלאָזן צו אַזאַ אַלטקייט, היילן זי, ווי אַ קרענק. היינט איז זי אַ פאַרשלעפּטע קרענק. כ'בין ביי דער איבערצייגונג, אַז מ'וועט אין דער צוקונפט היילן די אַלטקייט, ווי מען היילט היינט ציין, אָנהייבן באַצייטנס. אַמאָל איז מען געגאַנגען צום דאָקטער, ווען די ציין האָבן אָנגעהויבן פוילן און ווי טאָן, היינט זוכט מען אונטער די ציין ביי יעדן קינד אין שול און אַ סך פריער, ווי אין שול-עלטער. מיט היילן די עלטער האַלט מען נאָך נישט דערביי, מעגסט מיר גלייבן. אויף דעם וועג ווילן מיר אָבער גיין. דער אַלטער פּראָפעסאָר פאַוסט האָט געמוזט אָפּגעבן פאַר אַזאַ זאַך די נשמה מעפיסטאָן, ס'איז דאָך אויך געווען אַ פּרייז אים יונג צו מאַכן; היינט, אַז מען באַצאָלט אַ פּרייז, איז לכל הפּחות נישט אַזאַ טייערן. איך האָף, אַז די געראָנטאָלאָגיע וועט זיין צו פאַרפינונג, ווי יעדע אַנדערע צווייג פון דער מעדיצין. ביסט מסכים?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אַ שווייגנדיקער געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַזאַ מינע, אַז ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי ער איז צופרידן פון זיין קאָלעגעס אויספירן, צי נישט. זייגוויל האָט געוואָלט הערן וואָס ער וועט איצט זאָגן און קורץ און שאַרף געפרעגט:

— נו?

— גוט, דער מענטש וועט לעבן לענגער, זיין אָרגאַניזם וועט זיין שטאַרקער. און זיינע נערוון? וועלן זיי אויך שטאַרקער ווערן? וועט דער מענטש גליקלעכער זיין?

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און פאָרגעזעצט:

— דער מענטש לעבט היינט אַ סך לענגער, ווי מיט 50 יאָר צו־ריק, זיין קערפּער איז שענער, בעסער געבויט, נאָר זיין נערוון־סיסטעם אַלעמאָל מער צעטרייסלט, נאָך קיינמאָל האָבן מענטשן נישט געליטן פון אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקע נעוראָזן, ווי היינט.

פּראָפעסאָר זייגוויל האָט זיך קוים דערהאַלטן ער זאָל פאַרענדיקן די געלאַסענע עטלעכע זאַצן. די איינגעזשמורעטע אויגן האָבן אָנגעהויבן בליצלען, ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָרן קוועקזילבערדיק, ווי ער וואָלט אים אַרויסגעפירט אויפן וועג פון דער ריכטיקער טעמע:

— האָסט געטראָפן אין סאַמע פינטל! די משונהדיקע סתירות פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע. ניין, זי איז לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו דעם מענטשנס סטרוקטור, נישט צו זיין פיזישער און נישט צו זיין פּסיכישער סטרוקטור. ס'איז ווי מען וואָלט אונדז אָנגעטאָן אין קאָסטבאַרע מלבושים נישט צוגעשניטן אויף אונדזער מאָס, ס'איז ענג,

ס׳שטיקט, די גאָלדענע שיכלעך קוועטשן די פּיס, די גאַנצע קאָסטבאַרע הלבשה דערגייט די יאָרן. ווייסט וואָס זי דערמאָנט מיר, די היינטיקע ציוויליזאַציע אונדזערע? אַ קאַרוזעלע, אַן עלעגאַנטע, שיין אויסגעשטאַטע, רייך אויסגעצירטע, אויסגעבעטע פּאָטעלן. מ׳זעצט זיך אַריין אין אַזאַ פּאָטעל, מ׳דריקט אָן אויף אַן עלעקטריש קנעפּל און ס׳הייבט זיך אָן אַ ווילדער קאַראַהאָד, מ׳קאָן נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, די יאָגעניש, די טרייבעניש, ס׳פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. טייל געשאַנקען פון דער ציוויליזאַציע אונדזערער זעען מיר אויס, ווי די נקבות ביי געוויסע אינזעקטן. פאַראַן אַזעלכע שפּינען, היישעריקן, אַנדערע אַזעלכע ברואים־לעך, וווּ די „זי״ פרעסט אויף דעם „ער״ נאָכדעם, ווי זי באַשענקט אים מיט ליבע. זי פרעסט אונדז אויף, די ציוויליזאַציע, מיט אירע געשאַנקען.

— ווי איך זע ביסטו צעקריגט נישט נאָר מיט דער געשיכטע, נאָר אויך מיט דער ציוויליזאַציע.

— פאָרסט גוט צונויף. ביידע מאַכן זיי שאַכער־מאַכער מיט אונדזער גורל, ביידע זונות, טוען אָפּ שפּיצלעך, שטעלן אונטער אַ פּיסל; מ׳דאַרף גוט קענען זייערע אַלע גענג און גענגעלעך, זיי זאָלן אונדז נישט אַרייננאַרן מיט זייערע שיינע צוזאָגעכצן.

— מיינסט, מ׳קאָן זיך נישט לאָזן אַריינגאַרן?

— יעדנפאַלס דאַרף מען פּרווון זיך נישט לאָזן, פּונקט ווי מיר פּרווון אין אונדזערע לאַבאָראַטאָריעס דערגיין ווי אַזוי זיך קעגנשטעלן די ביאָלאָגישע דעפעקטן אינעם מענטש.

— האָסט מיר אָבער ווייניק וואָס דערציילט וועגן דעם.

— אַז איך וועל דיר דאָ דערציילן, וועסטו נישט האָבן נאָך וואָס זיך מטריח זיין צו מיר; דאַרפסט קומען זען. נאָר טו מיר נישט אָפּ אויף טערקיש און לאָז מיך נישט וואַרטן קיין 40 יאָר, ווי איך האָב דיך געלאָזט וואַרטן. אמת, אַז אין 40 יאָר אַרום, אָהאָ, וואָס כ׳וועל האָבן צו ווייזן! נאָר, נישקשה, היינט אויך פאַראַן וואָס צו זען אין מיין לאַבאָראַטאָריע. זעסט, איך בין עלטער פון דיר און פאַרמעסט מיך נאָך אויף אַ סך, און דו ביסט זייער נייטיק צו אַזעלכע פאַרמעסטן.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. דאָס פּנים האָט זיך איצט פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון פאַרטראַכטקייט, ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער ספערע פון

גערדאַנקען און אַנונגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט אָקאָרשט עפּעס דורכגעטראַכט, דער ביז איצטיקער וויציקער טאָן איז פאַרשוואונדן:

— קאָמיש, ווייניקסטנס קאָמיש. מיר זיצן אין אונדזערע לאַבאָראַטאָריעס, אינסטיטוטן, קליניקעס און ברעכן זיך דעם קאָפּ, זוכן ווי אַזוי אויסצוברייטערן די גרענעצן פון לעבן, און אין אַנדערע לאַבאָראַטאָריעס איז אַלץ גרייט דאָס לעבן צו פאַרטיליקן. בכלל זענען מיר — פאָרשער, גראָנטאָלאָגן, מעדיקער און ענלעכע צו אונדז — אומקאָנסעקווענטע מענטשן: מיר פאָרען זיך אַרום צו פאַרהיטן דאָס לעבן, אָפּצורוקן דעם טויט און קוקן זיך פּאַסיוו צו, ווי מ'נעמט ביי מענטשן אומזיסט אומגישט אַוועק דאָס לעבן, אומזיניק, אַזוי נאָך ווי פאַר איובס צייטן!

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

— ווי פאַר איובס צייטן, זאָגסטו? און די צען געבאָטן אויף ווען פאַלן אויס? דוכט מיר פריער. ווייסט דאָך, איך האָב צומבעסטן פאַרגעדענקט יענעם געבאָט, איך געדענק נישט וועלכער דאָס איז לויט דער ריי; דער זעקסטער זאָגסטו?

— יאָ, ביסט גערעכט, צום זעקסטן געבאָט דאַרפן מיר היינט זיך אומקערן, מאַכן פון אים אַ שטרענגן, אַלוועלטלעכן קאָדעקס, לאָזן אויפסניי אויפשאַלן: לא תרצח! זאָלסט נישט הרגענען!

פּראָפעסאָר אַנדריטש איז געוואָרן אויפגעלייגט:

— גיב אַ טראַכט ווי אַזוי אָנצוהייבן שאַלן, און פאַרגעס נישט מיך אַריינצונעמען אין כאָר.

## XX

דער פרילינג איז דאָס יאָר געקומען פרי, אומגעריכטערהייט. געריכט האָט מען זיך גיכער ער זאָל זיין אַ פאַרשפּעטיקטער, צוליב דעם קאַפּריזנעם ווינטער.

דער ווינטער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, דערנאָך זיך נישט איינגעשטעלט, וואָס אַ טאָג, אַן אַנדער וועטער, נישט דאָס און נישט יענץ. וועט ער נאָך מסתמא זיינס זיך אָפּנעמען, וועט זיך נאָך יאַווען, ווען מען באַדאַרף אים נישט.

האָט דער ווינטער, דער צו־להכעסניק, געטאָן להיפּוך די מענטשלעכע פּעסימיסטישע פאָרויסזעונגען, אָפּגעטראָגן זיך גאָר באַצייטנס און איבערגעגעבן די וועלט אין רשות פון אַ פריען פרילינג, און ער, דער פרילינג, אַז מען טרעט אים אָפּ דאָס אָרט, איז אדרבא ואדרבא. אַליין אַרויסשטופּן דעם צד שכנגד, איז נישט פאַר זיינע צאַרטע כוחות און נישט פאַר זיין מילדער טבע. איז יענער חוצפהניק אַוועק, נעמט ער זיך צו דער אַרבעט און ווייזט וואָס ער קאָן.

שוין אין מערץ איז דאָס גרויע, געדיכטע שפּינוועבס, וואָס האָט דעם גאַנצן ווינטער שווער־בלייעדיק פאַרהאָנגען דעם הימל, זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערדרייסן, צעפליקן, צערונען געוואָרן. אַ באַפרייטער, אַן אויפגעריכטער האָט ער, דער הימל, פאַרבעטן צו זיך די זון, און אַז מען לאָזט פון אויבן, גייט אויך גוט אונטן. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און ס'האָט אָנגעהויבן צו גרינען.

דאָרפס־מענטשן האָבן דערנאָך געקוקט אויף די צעבליטע ביימער מיט זאָרג. אויב ס'זאָל ביינאַכט כאַפּן אַ פרעסטל, איז דאָס ערשטע

ספרה־הינדל דאָס בליעכיץ פון די פרוכטן־ביימער. מ׳זאָגט אפילו מ׳קאָן דאָס בליעכיץ באַוואָרענען, נאָר דאָס זענען אַלץ בבא־מעשיות, מען בראַיעט און בראַיעט וועגן אַזוי פיל זאַכן, און אַז ס׳קומען אונטער קעלטן, היצן אָדער אַ טריקעניש קאָנען אַלע געלערנטע קעפּ נישט מאַכן קיין גערעטעניש.

דערווייל האָט דער פרילינג זיך געשטאַרקט, איינגעקוואַרטירט זיך פעסט אויף די פעלדער און וועלדער. דער ווינטער האָט פון אָנהייב פון מאָל צו מאָל פאַרשלאָפענערהייט זיך אַ ריין געטאָן און צוריק איינגעשלאָפן, אָפּגעטראָטן אינגאַנצן.

אין דעם פרי־געקומענעם פרילינג איז פּראָפעסאָר יאַנוש אַנדריטש אַ שטאַרק פאַרשפעטיקטער. פאַרשפעטיקט מיט אַן אַרבעט, ער האָט געהאַט אויסגערעכנט זיך צו נעמען מיט אַ סך חדשים צוריק, געווען אָבער אַזוי פיל שטערונגען. די אַרבעט איז פאַרטראַכט געווען נאָך מיט צוויי יאָר צוריק, במשך פון לעצטן האַרבסט און ווינטער האָט זי געזאָלט פאַרטיק ווערן. איז אונטערגעקומען די מעשה מיט איר, דערנאָך דער קאָנגרעס, און וויפל נאָך זאַכן! קוים באַפרייט פון דעם אַלעמען דעם מוח און איינגעשפּאַנט אים אין דער טעמע — „מעכאַניזאַציע און נעוראָזן“. דער טיטל זאָגט נישט אינגאַנצן אויס די ברייטקייט און וואָגיקייט פון דעם פּראָבלעם. אפשר וועט ער דעם טיטל ענדערן, אָדער צוגעבן אַן אונטערטיטל.

איצט זיצט פּראָפעסאָר אַנדריטש אין קליינעם קאַבינעט ביים גרויסן ביוראָ־טיש. דער צעבליטער פרילינג קוקט אַריין דורכן אָפּגעדעקטן, האַלב־אָפענעם פענצטער. די וואָראָביישיקעס אויף דער איינזאַמער, צעצווייגטער ווערבע, וואָס האָט ווי על פּי טעות פאַרבלאָנדזשעט אַהער פאַרן הויז, האָבן זיך צעלאָזט אין אַ צוויטשעריי. אַ דרייסטן וואָראָביי, אַן אַלטן ווינטערדיקן תושב אונטערן דאַך, פאַרגלוסט זיך אָפּשטאַטן אַ וויזיט, אפשר ווייסט ער נישט, דער פּראָפעסאָר, אַז ס׳איז פרילינג, וועט ער אים אָנזאָגן די גוטע בשורה. ער פּיקט מיטן שנאָבל איינמאָל און אַ צווייט מאָל אין שויב, נאָר פּראָפעסאָר אַנדריטש זעט גאָרנישט און הערט גאָרנישט. ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַרום, איבערגעטראָגן זיך אין אַנדערע ספערן, ווו ער זעט און הערט בלויז מאָטאָרן, אַגרעגאַטן, מעכאַניזמען, רעדער, וואָס דרייען זיך מיט אַ טייוולאָנישער גיכקייט, מעטאַלענע ציינער קריצן, גרילצן; מאָטאָרן פון פאַרשידענע

מינים, קליינע און גרויסע, שטאָלענע מאָנסטרען, אָנזעעוודיקע און פאַרשטעקטע, זיי האַלטן אָפּן די פּיסקעס, רוישן, שרייען, כאָרכלען, כראַפּען, פייפן, ברומען, ריטשען, קלאַפּן, סאַפּען. אין הרויסן, אויף דער גאַס, אין געביידעס — אומעטום וואַרפט אַריין די מאָדערנע טעכניק דעם מענטש אין אַ טייוולאָנישן טומל, אין אַ צעווילדעטן, רוישיקן ים; דער רויש און דער טומל צעשרויפט די נערוון, דרינגט אַריין אין די הייזער, אין די פאַרמאַכטע קאַמערן, גנבעט זיך אַריין אין שלאָף, לאָזט דעם מוח נישט אָפּרוען. וואָס מער מעכאַניזאַציע און מאַטאָריזאַציע, וואָס גראָבער און גרילצנדיקער עס ריטשען מאָטאָרן און רעדער, אַלץ דינער בויט מען די ווענט פון די הייזער. וואָלטן די אַמאָליקע בויער פון קבר אויפגעשטאַנען און אַ קוק געטאָן ווי אַזוי מען בויט היינט, וואָלטן זיי פון אונדז דאָס גרעסטע געלעכטער געמאַכט. מיט פּרימיטיווע מיטלען, מיט די הוילע הענט האָבן זיי אויפגעשטעלט געביידעס, ווו דער מענטש איז פאַרהיט, אָפּגעטיילט געווען פון אַזאַ געפּאַר פון דרויסן. היינט איז געפלאָגט דער מענטש אויך צווישן זיינע פיר ווענט, דער טומל דעריאָגט אים אין זיינע דלד אמות, פרעמדט אים אָפּ פון זיין אינטימסטער סביבה, פאַרפאָלגט אויך ווען ער שלאָפט. נעוראָזן, שלאָפלאָזיקייט — די פּלאָג פון אונדזער צייט. באַרואיקונגס=מיטלען, שלאָף=מיטלען, אַ ריזיקע אינדוסטריע, שלינגט איין ריזיקע פאָנדן. די פּילן פאַרטרייבן נישט די נעוראָזן, ברענגען נישט צוריק דעם געזונטן שלאָף, פאַרשיכורן דעם מוח, פאַרסמען שטופנווייז דעם אָרגאַניזם, ווי פאַרהיטן דעם מענטש פון די רעזולטאַטן פון דער מאָטאָריזאַציע און מעכאַניזאַציע? נישט אָפּשטעלן דעם טעכנישן פאָרשריט, אים אומשעדלעך מאכן, פארטויבן דעם רויש פון מאָטאָר, די גרילצענישן און קריצענישן. ווי אַזוי? מיטן זעלבן טעכנישן פאָרשריט. גרויסע פאָנדן? ס'וועט נישט קאָסטן טייערער ווי די הייל=מיטלען... סוף פון ערשטן קאַפּיטל.

— הער פּראָפעסאָר...

צווייט קאַפּיטל: די מעדיצין און...

— הער פּראָפעסאָר!

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איבער די נאָטיצן. אַזאַ טבע ביי אים: פריער וואַרפט ער אָן אויספירלעכע נאָטיצן. אַז די הויפּט=געדאַנקען זענען אויפן פאַפיר, שרייבט זיך שוין דערנאָך גלאַטיק. מאַריאַ האָט

אים איבערגעריסן די מחשבות. זי איז געשטאַנען אַ נישט דרייסטע אויף דער צווייטער זייט טיר, נישט געוואַגט אַריינצוגיין.

— הער פּראָפעסאָר, אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר.

— הממממ?

— עמעצער דאַרט צום פּראָפעסאָר.

— וואָס?

— עפּעס דאַרף מען נייטיק צום פּראָפעסאָר.

ער איז געווען נישט צופרידן, געבייזערט זיך:

— מאַריאַ ווייסט, ווען איך אַרבעט, זאָל מען מיר נישט שטערן.

זי ווייסט, האָט זיך פאַרענטפערט:

— נישט איך, עמעצער דאַרט, נישט אַנדערש נאָר מוז צום פּראָפעסאָר; זי האָט פריער געקלונגען אין שפּיטאָל, מ'האָט איר געזאָגט, דער פּראָפעסאָר איז אין שטוב, זי זאָגט אַ נייטיקע זאַך, איך ווייס, צי אַ נייטיקע, צי נישט.

ס'האָט אים נאָך מער פאַרדראָסן:

— מאַריאַ ווייסט, אַז איך אַרבעט, בין איך נישט אין שטוב.

— כ'האָב געזאָגט, אַז דער פּראָפעסאָר איז נישטאָ אין שטוב.

— איז גוט, פאַרמאַכט די טיר!

— אַז זי וויל נישט אָפּטרעטן, זיצט מיר אויפן קאַרק, אַוועקגעזעצט זיך אין קאָרידאָר אויף אַ שטול און זיצט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך געוווּנדערט:

— ווער זי?

— נו, די פרוי.

— וואָס פאַר אַ פרוי?!

— נו, די, וואָס וואַרט.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איך בין נישטאָ.

— אַז ס'העלפט נישט. זי ווייסט, אַז דער פּראָפעסאָר איז אין שטוב, מ'האָט איר געזאָגט. איך מיינס, און זי אירס — „כ'מוז, כ'מוז!“ נאָר כ'זאָל זי אָנמעלדן, אַזוי איידל, דעליקאַט, כ'קאָן זיך פון איר נישט אָפּטשעפּען, זי דאַרף נייטיק, שוין איצט.

— מאַריאַ האָט נישט געפרעגט ווי זי הייסט?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט פרעגן? נאָר איך מיינס, און זי אירס, פאַררעדט מיר די ציין: „זייט אַזוי גוט, אַ נייטיקע זאַך“. אַ קלעק, נישט זיך אָפּצוטשעפּען, אויף מיין ערן וואָרט.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אָפּגעלייגט די פעדער. קיינער האָט צו אים נישט געקלונגען, נישט געבעטן אויפגענומען צו ווערן. אפשר ווער פון זיינע סטודענטן? א קאָלעגין? אָן אָנקלינגען פריער?!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פרוי?

— איך זאָל וויסן, וואָלט איך דעם פּראָפעסאָר באַלד געזאָגט.

— ווי זעט זי אויס, אַ יונגע, אַן אַלטע?

— אַזוי זיך, אין די מיטעלע יאָרן; זעט אויס אויף אַ רייכע, אַ דאַמע. ווען נישט, וואָלט איך זיך גלייך אָפּגעטשעפּעט פון איר. נאָר אויב דער פּראָפעסאָר הייסט, וועל איך זי אַרויספּטרן און פּטור אַן עסק.

— שיקט זי אַריין! — האָט פּראָפעסאָר אַנדריטש אין זיין ערגער־ניש אויסגערופן מיט עמפּערונג.

מאַריאַ איז אַוועק מיט דראָבנע, שנעלע טריט. אין דער אמתן האָט זי זיך געפילט, ווי זי וואָלט דורכגעפירט אַ גוטע שליחות. אַז יענע שטייט אַזוי צו, דאַרף זי זיכער נייט׳ק האָבן צום פּראָפעסאָר. ווער קאָן האָס וויסן מיט וואָס אַלץ מען מוז אָנקומען צו אים?

פּראָפעסאָר אַנדריטש איז ווייניקער צופרידן געווען, איבערגעריסן אים באַלד ביים אָנהייב. פונקט היינט, ווען ס׳בלייבט אים אַזוי ווייניק צייט, און ער געדענקט נישט, ס׳זאָל ווער האָבן זיך צו אים געווענדט. ער וואָלט אויף היינט אָפּגעזאָגט, נאָר אַז ער וועט זען די פּערזאָן, וועט ער זיך זי־כער דערמאָנען.

ניין, ער דערמאָנט זיך נישט. די עלעגאַנט־געקליידעטע פרוי מיט די טונקל קאַשטאַן־האָר זעט ער צום ערשטן מאָל; זי זעט אים אויס, ווי זי וואָלט זיך באַוועגט נישט נאַטירלעך, עפּעס אַזוי געהיימניספול.

זי איז אַריין אין קאַבינעט, געמאַכט עטלעכע טריט, אָפּגעשטעלט זיך און געקוקט צום פּראָפעסאָר מיט אַן אומעטיקן, דיסקרעטן שמייכל. איר ווייכע שטימע האָט אַ ביסל געציטערט:

— גוט מאָרגן, הער פּראָפעסאָר.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט פאָרשע־ריש אויף דער אַריינגעקומענער און געענטפערט טרוקן, מיט רעזערוו:

— גוט מאָרגן, ביטע, איך הער אייך, וואָס ברענגט אייך צו מיר? זעצט אייך, ביטע — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

זי האָט זיך נישט געאיילט צו זעצן, געמאַכט בלויז אַ צוויי טריט פאָרויס און ווידער שטיין געבליבן, די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַן

אויסטערלישן גלאַנץ. די פרוי האָט געמאָסטן די ווערטער, ווי זי וואָלט זיי שווערלעך צוגעקליבן:

— ס'פרייט מיך, הער פּראָפעסאָר, אייך צו זען; אַנטשולדיקט. הער פּראָפעסאָר, וואָס כ'האָב אייך געשטערט, אריינגעריסן זיך צו אייך. ניין, איר דערקענט מיך נישט, אין דעם געוואָלט זיך איבערצייגן, אין דעם איז מיר געגאַנגען.

פּראָפעסאָר אַנדריטש איז אַרויס פון הינטער דעם ביוראָ־טיש, דערנעענטערט זיך צו דער פרוי, איינגעקוקט זיך אין איר מיט נייגיר און מיט דערשטוינונג אויסגערופן:

— אַמנעזטיס?! אָ, אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, צי בין איך זיך נישט טועה? דאַכט מיר פרוי זאַקשטיין? צי זענט איר דאָס?

— יאָ, הער פּראָפעסאָר, דאָס בין איך, אַמנעזטיס, דער מענטש אָן אַ זכרון, דער לעבעדיקער מת, וועמען איר האָט אומגעקערט דאָס לעבן און דעם זכרון.

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. ער האָט זי צוגעטראָגן צו די ליפּן, קוים זי באַרירט און ווידער געקוקט אויף איר מיט דערשטוינונג און פרייד: דאָס איז זי? זיין פּאַציענטקע? און פון וואַנען נעמט זי זיך דאָ? האָט מען עפּעס אויסבאַהאַלטן פאַר אים? ער האָט געוואָלט דער־גיין וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר בלויז זיך אָפּגערופן:

— אַזאַ סורפּריז!

זי האָט געשוויגן, ווי דאָס לשון וואָלט איר איצט פאַרהאַקט גע־וואָרן, אירע אויגן האָבן גערעדט פאַר איר, דער גלאַנץ אין זיי האָט זיך אויף אַ ווײַלע אויסגעלאָשן, אַ פייכטקייט האָט אים פאַרנעפּלט, ער האָט זיך באַלד ווידער אָנגעצונדן; ס'איז געווען דער אַמאָליקער, אומ־רואיקער פלאַם אין די אויגן. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זי נישט געלאָזן אין קיין פאַרלעגנהייט, געוואָלט אויך דערגיין דעם סוד: פאַרוואָס אַזוי אומגעריכט דאָ? אַדאַם האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט אַליין פאַרלענ־גערט אויף צוויי וואָכן, געגרייט זיך פאָרן צו איר אין אַ צען—צוועלף טעג אַרום. צי ווייסט אַדאַם? צי פאַר אים אויך אומגעריכט?

יאָ, זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אויסטערליש ס'וועט אויסזען און פאָרט זיך דעצידירט. זי איז בכיוון געקומען אומגעריכט, מיט אַ ציל. זי האָט אַ סך מאָל דורכגעטראַכט, צי ס'וועט פאַר איר זון נישט זיין קיין אומאָנגענעמער סורפּריז, אויב אויך פאַרן פּראָפעסאָר... זי ווייסט, מען האַנדלט נישט אַזוי, זי בעט אנטשולדיקן.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, אָבער פאַרזיכערט זי:

— אָ, ניין, פאַרקערט, ס'פרייט מיך זייער אייך צו זען, זען אייך אַזאַ, ווי איר זענט איצט, און איר נעמט שוין אונטער אַליין אַ רייזע. ס'פרייט מיך זייער, פאַרקערט, אַן אָנגענעמער סורפּריז, נאָר איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס האָט איר נישט צוויסן געגעבן?

— איך בעט אַנטשולדיקן, הער פּראָפעסאָר, ס'קאָן אויסזען נאַריש, אומנאָרמאַל, אָבער פאַר מיר...

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך פאַרנויגט, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער רעבעקאַ האָט ווייטער שטיל געצויגן:

— נישט לייכט זיך דעצידירט דערויף, כ'האָב אָבער דורכאויס געוואָלט, איר, הער פּראָפעסאָר, זאָלט מיך זען אינגאַנצן אומגעריכט, איר, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן פאַרנומען זיך מיט אַ... נו, אַזוי פיל יאָרן געהאַט פאַר זיך אַן אַמנעזטים, אַ פרוי אָן אַ זכרון, אָן אַ ביאָגראַפיע און מיט אַזאַ משונהדיקן אויסזען, געוואָלט דורכאויס זיך איבערצייגן, צי איר וועט מיך דערקענען, אָט אַזוי פון ערשטן קוק, געוואָלט וויסן, צי איך בין נאָך ענלעך צו יענער, ס'איז מיר פשוט געגאַנגען אין לעבן צו דערשיינען פאַר אייך אָט אַזוי ווי איצט.

— ניין, נישט דערקענט, אויסגעשלאָסן, איך וואָלט אייך ווייטער נישט דערקענט, אין ערשטן אויגנבליק איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס קאָנט איר זיין, ערשט דערנאָך, ווען איר האָט מיר אַליין אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אפילו דעמלט נישט דערקענט, בלויז אין די אויגן. ווי אַ פסיכיאַטאָר האָב איך אַ טבע אַריינצוקוקן אַ מענטשן אין די אויגן, אַנדערש וואָלט איך איצט אויך נישט, אפילו די שטים אַן אַנדערע, איר זענט אינגאַנצן אַן אַנדערע, פרוי זאַקשטיין, כ'בין גליקלעך אייך צו זען אַזאַ.

און אויפגעלייגטער, אַ ביסל אַ צעשטרייטער, האָט ער איר אונטערגערוקט אַ שטול, זאָל זי זיך פילן היימיש. אָט גייט ער שוין בעטן, מאַריאַ זאָל ברענגען טיי. זי האָט געדאַנקט, אָפּגעהאַלטן אים: נישט נייטיק, איר איז ליבערשט, מ'זאָל זיי איצט נישט שטערן, זי מוז אים אויפקלערן ביזן סוף איר משונהדיקע האַנדלונג:

— געוואָלט זיך איבערצייגן, צי כ'האָב זיך באַפרייט פון יענער שרעקלעכער מאַסקע; יענער אויסזען האָט מיך פאַרפאָלגט, אויך איצט, אין שלאָף הערזע איך עפּעס אַ משונהדיק פּנים, מ'וויל עם מיט געוואַל־

אַרויפזעצן, צוקלעפּן צו מיין גוף. איר פאַרשטייט, הער פּראָפעסאָר, ווען דער זכרון האָט זיך אומגעקערט, און כ'האָב צום ערשטן מאָל זיך דערזען אין שפּיגל — אַך, גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ צורה איך האָב דערזען! געוואָלט אַנטלויפן, נאָר פון זיך אַליין קאָן מען דאָך נישט אַנטלויפן. די משונהדיקע צורה איז נאָך אין מיין המיון, אַ קאָשמאַר וועקט מיך אויף פון שלאָף, כ'כאַפּ דעם שפּיגל, וואָס ליגט שטענדיק פאַר מיר, וויל זיך פאַרזיכערן...

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ רגע. אויף איר פאַרייניגערט פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אומעטיקער שמייכל. ער האָט עפּעס פאָרויסגעזאָגט, דער שמייכל, פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט עס באַשיינפּערלעך געפילט, ס'וועט איצט עפּעס קומען.

— איר האָט געזאָגט, הער פּראָפעסאָר, לויט די אויגן דערקענט, די זעלבע אויגן? ווי אַזוי האָבן זיי דעמלט געקוקט אויף דער וועלט, מיינע אויגן? ווי הייגט?

זי האָט עס געזאָגט שטיל, אירע אויגן זענען אָבער געווען ברייט צעעפנט, זיי האָבן געקיקט און געפרעגט, געבעטן, געמאָנט. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך איצט דערפילט אַ ביסל שולדיק, אַרויסגעלאָזט פון מויל עטלעכע אומנייטיקע ווערטער. ער האָט געוואָלט פאַרריכטן, פאַרזיכערן זי. ער האָט גערעדט מיט איבערצייגונג, אַקצענטירט די ווערטער:

— איר זענט אַן אַנדערע, פרוי זאַקשטיין, אינגאַנצן נישט צו דערקענען. פאַר מיר איז דאָס אַ גרויסער נצחון, וואָס זאָג איך? אַ גרויסע פרייד, איך בין גליקלעך אייך צו זען אַזאַ. כ'מוז מודה זיין: איך האָב נישט געגלייבט, ס'זאָל אַזוי גיך פאָרקומען אַזאַ ענדערונג; איך קוק אויף אייך, פרוי רעבעקאַ, און ס'ווילט זיך מיר פּשוט נישט גלייבן, נישט די זעלבע, אינגאַנצן אַן אַנדערע.

ס'האָט זיך געפילט אַ טאָן פון נצחון. ס'איז דאָך נישט בלויז איר נצחון, נאָר אויך זיינער, ער איז איצט באַלוינט פאַר אַזוי פיל יאָרן מאַטערנישן. ער האָט געקוקט אויף איר, און אין מוח זענען אויפגעקומען דערינערונגען, ספקות, בילדער האָבן דורכגעצויגן פאַר די אויגן: דאָס שחיטה־הויז, דער שטום פרויען־מתים, ווי אַ שטוים אַלטע, דורכגעפוילטע שמאַטעס, איינע פון זיי אין אַ שפּיטאָל־בעטל, אָן אַ נאָמען, אָן אַן עלטער, דערנאָך אַן „אַמנעזטים“. דערפירט זי ביז דאַנען, וועט ער דאָ מוזן בלייבן שטיין? בלייבן אין האַלבן וועג? ביי אַן „אַמנעזטים“? איצט קוקט ער מיט זיגערישע אויגן אויף דער עלעגאַנטער פרוי, די

סימנים פון דער אַמאָליקער שיינקייט זענען איצט גאָר בולטע, איר צאַרט פאַרוועלקט פנים איז אָפּגעפרישט, די קנייטשן אויסגעגלעט, זי זעט איצט טיילווייז אויס ייִנגער, ווי אויף איר עלטער. ער וויל אין איר פנים אויך געפינען נצחון, זיין נצחון. ער זוכט אומזיסט. דאָס געענדערטע געזיכט איז טריב־טרוימעריש, באַצויגן מיט אַ געהיימניספולן אומעט. זי האָט צו שטאַרק געפילט זייגע בליקן אויף זיך, אָפּגעדרייט אַ ביסל דעם קאָפּ און שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— אויסערלעך אינגאַנצן אַן אַנדערע, כאָטש דאָס. באַפרייט זיך כאָטש פון דער פאַרשאָלטענער מאַסקע.

זי האָט זיך געווענדט צום פּראָפעסאָר מיט אַ טאָן פון צוטרוי און דאַנקבאַרקייט:

— פון אייך, הער פּראָפעסאָר, געוואָלט דאָס הערן, געוואָלט זיך פאַרזיכערן, דער באַוווסטזיין, אַז כ'בין שוין נישט ענלעך צו יענער, כאָטש אויסערלעך...

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט צוגעצויגט דאָס אויער צו יעדן וואָרט אירן, נאָכגעפאָלגט יעדע אירע באַוועגונג; נאָך דער ערשטער פרייד־קער איבערראַשונג און געפיל פון נצחון, האָט אין מוח אַ פּיק געטאָן אַן אומרו:

— אויסערלעך?! איך פאַרשטיי נישט, איר זענט דאָך אינגאַנצן געענדערט, פרוי רעבעקאַ, נישט נאָר אויסערלעך, בכלל, ווי זאָל איך דאָס אייך זאָגן?

רעבעקאַ האָט נישט געוואַרט, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן. זי האָט נערוועז אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, אָבער איר שטימע איז ווייטער געווען רואיק, כמעט פלעגמאַטיש:

— כ'גלויב, יאָ, כ'ווייס, כ'האָב זיך שטאַרק געענדערט, אָבער נישט אינערלעך, אָט־דאָ נישט.

זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ, געוויזן:

— דאָ־אָ שטילט זיך נישט איין, פאַרקערט, פאַרקערט.

נאָכן פריידיקן סורפּריז איז דאָס געווען אַן אומאָנגענעמער. אויף ביידע האָט ער זיך נישט גערעכנט: פריער איבערראַשט געווען פון איר געענ־דערטן אויסזען, איצט געקלעמט פון אירע ווערטער. ער האָט גערעדט צו איר, ווי אַן אַלטער פריינד:

— פרוי רעבעקאַ, וואָס רעדט איר? איצט איז נישטאָ קיין שום גרונט. כ'האָב דערוואַרט פון אייך אַנדערע רייד, די גאַנצע צייט נאָכגע־

פֿאָלגט די קוראַציע, ביידע, איך מיט אַדאַמען, עוואַ אויך. כ׳האָב געמיינט, וואָס זאָג איך? געווען זיכער, אַז דאָס פֿריערדיקע איז פֿאַרביי. אייער דאָקטער האָט אונדז גענוג אינפֿאָרמירט, אַלץ אין בעסטן אָרדענונג, איר קאָנט זיך שוין אײַנגאַנצן פֿריי באַוועגן, דער עיקר — איר לייענט, שרייבט, אינגיכן וועט איר קאָנען זיך אומקערן צו אייער אַמאָליקער באַשעפֿטיקונג. איך בין דורכאויס פֿאַר דעם. מען דאַרף זיין באַשעפֿטיקט, אין אייער איצטיקן צושטאַנד, אַ נאָרמאַלער צושטאַנד. די אָפּעראַציע איז זייער געלונגען, אַ גאָר גרויסע פֿאַרבעסערונג אין די וווּנדן; מ׳האָט אַזוי פֿיל נישט געקאָנט דערוואַרטן. לויט די ידיעות פֿון דאָקטער, די וווּנדן כמעט פֿאַרהיילט, און מ׳וועט ווייטער זען.

— די וווּנדן אויפֿן לייב פֿאַרהיילט, נאָר נישט אין האַרץ, פֿאַרקערט, הער פּראָפֿעסאָר, ס׳עפֿענען זיך כסדר נייע וווּנדן. פֿריער זענען...

זי איז געבליבן מיט אַן אָפֿן מויל, מיט די געדאַנקען איבערגעטראָגן ערגעץ אין אַ תהום, געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן קאָנען איבערגעבן אירע געפֿילן, פֿריערדיקע, הייניטיקע; ס׳זענען דערנאָך אַרויסגעקומען אָפּגעהאַקטע זאַצן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט זיי צוזאַמענצובינדן:

— דעמאָלט, דאָרטן, ס׳איז געווען אַזוי ווי... איך דערמאָן זיך אַלעמאָל מער. איר ווייסט, הער פּראָפֿעסאָר, צו וואָס מ׳קאָן דאָס פֿאַרגלייכן? אַ מבול האָט פֿאַרפֿלייצט, אַלעמאָל שטאַרקער, געטרונקען זיך געטרונקען, און דעמאָלט האָט מען מיט די לעצטע פֿונקען פֿון באַוווסטזיין געהאָפֿט. יאָ, דאָרטן געהאָפֿט, דער מבול וועט דאָך אָפּטרעטן, די וועלט וועט זיך דערוויסן, מען ווייסט נישט, נישט מעגלעך, מ׳זאָל וויסן! מיט די לעצטע כוחות, אין נישט געאַנטע אומשטענדן, געטאָן אַלץ, מ׳זאָל זיך דערוויסן; ס׳האָט פֿאַרלייכטערט צו לעבן, צו שטאַרבן: מיר וועלן נישט זיין, אָבער אַנדערע וועלן, אַך, וואָס ס׳וועט זיך טאָן, אַז מ׳וועט זיך דערוויסן! איצט טרעט איך איבער דער ערד נאָכן מבול מיט אַ געפֿיל פֿון חרפּה, זי פֿלאַמט אין מיר די חרפּה, און די שרעק, ווידער שרעק. אָ, הער פּראָפֿעסאָר, נאָך דעם אַלעמען! צוקוקן זיך איצט!

— פֿרוי זאַקשטיין, איר זענט דאָך אַ קלוגער מענטש, מען מוז קאָנען איבערברעכן אין זיך. דאָס לעבן איז זייער אַ קאָמפּליצירטע זאַך, מיר מוזן קאָנען עס נעמען אַזוי ווי ס׳איז. שלעכט געמאַכט די וועלט, און שלעכט געפֿירט, און אַזעלכער ווי זי איז מוזן מיר לעבן, נישטאָ קיין אַנדערע אויסוועג פֿון לעבן ווי צו לעבן, בפֿרט איר האָט איצט קיין

שום גרונט נישט, פֿאַרקערט, איר דאַרפֿט דאָך זיין גליקלעך: געפֿונען דעם זון, אַזאַ זון, אַ גרויס גליק פֿאַר אַ מוטער.

— יאָ, אַ גרויס גליק, דאָס איינציקע גליק פֿאַרגיטיקט דען אַלע אומגליקן?

נישט דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן. ס׳ליגט איר אַ שטיין אויפֿן האַרץ, אַ נייער שטיין, ער דריקט דיסקרעט, געהיים, זי שעמט זיך מיט אַזאַ ווייטיק. ער, הער פּראָפֿעסאָר, האָט איצט אָנגערירט דאָס ווייטיקריקע אָרט. זאָל זי אויסזאָגן, אַז ס׳טוט איר דאָ וויי? ניין, זי דאַרף נישט, זי טאָר נישט. אַזוי שווער צו רעדן דערוועגן און שווער צו שווייגן, בעסער אפֿשר דערוועגן נישט צו דערמאָנען, ס׳קאָן אַרויסקומען ווי אומדאַנקבאַרקייט, בעסער שוין דריקן אין זיך, פֿאַרבייסן די ליפּן און שווייגן. זי האָט דאָך קעגן איר ווילן אַרויסגעפּלאַצט:

— מיין איינציק שטיקל גליק איז אויך אַ צעריסנס. מיין זון, אָ, נעמט מיר נישט פֿאַר אומגוט, הער פּראָפֿעסאָר, מיין זון געהערט מער אייך, ווי מיר, הער פּראָפֿעסאָר.

זי האָט באַלד באַדויערט און אָנגעהויבן זיך פֿאַרענטפֿערן:

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפֿעסאָר, פֿאַרשטייט מיך נישט שלעכט, כ׳ווייס, איך דאַרף נישט אַזוי, כ׳טאָר נישט, כ׳טראָג אין מיין האַרץ אַזויפֿיל דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פֿאַר אייך. אָבער דאָס פֿאַרפֿליכטעט צו אָפֿנהאַרציקייט. פֿאַר אייך, הער פּראָפֿעסאָר, פֿאַר אייך מוז דאָס האַרץ זיין אָפֿן. אַ נייער אומרו אין האַרץ. כ׳ווייס, אַדאָס איז מיר אַ געטרייער זון, נאָר דאָס איז אפֿשר מער פֿון...

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, נישט געוווסט, צי דאַרף זי פֿאַרענדיקן איר מיין. צי וועט דאָס נישט זיין צו ברוטאַל? זי האָט אָבער שוין אָנגעהויבן, איצט מוז זי, זי קאָן מער נישט אויסבאַהאַלטן:

— דוכט מיר גיכער פֿון פֿליכט, צייטנווייז איז דאָס אומדערטרעגלעך, צוליב דער פֿליכט, צוליב זיין אויפֿגעצוווּנגענער פֿליכט.

ווי שלעכט ס׳איז אַוועק! מאַכט זי דען דעם זון שולדיק פֿאַר דעם? נישט פֿון דעם האָט זי געדאַרפֿט אָנהייבן! זי האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס גיט זיך אַ גליטש און קאָן זיך נישט פֿאַרהאַלטן, ער מוז זיך ווייטער גליטשן, איצט מוז זי דערזאָגן ביזן סוף, כאָטש טיילווייז:

— הער פּראָפֿעסאָר, מיין זון איז מסתמא פֿון מבול אויך נישט אַרויס אָן אַ פּגימה, ס׳האָט געלאָזן אין אים, איך פֿיל דאָס, עפּעס אַזאַ רעזערווירטקייט, מיר דוכט, ער מוז זיך כסדר אויפֿצווינגען, און אַזאַ

צערייסנקייט, צעשפּאָלטנקייט, כ'האָב דאָס אויך אַרויסגעלייענט פון די קורצע בריוו זיינע, געלייענט דאָס פון צווישן די שורות. איר, הער פּראָפעסאָר, קאָנט דאָס פאַרשטיין, איך פאַרשטיי אים אויך: געפונען אַ מאַמע, אַזאַ... אַן אַלטע, קראַנקע פרוי, כמעט אַן אומגאָרמאַלע, און אַ פרעמדע פאַר אים; מ'האָט אים געזאָגט, ס'איז זיין מאַמע, זיין פליכט זיך מיט איר צו פאַרנעמען. ער פילט אויס זיין פליכט, אָבער פאַר מיר... אָ, אַנטשולדיקט מיר, הער פּראָפעסאָר, כ'טאָר אפשר נישט אַזוי, כ'ווייס, מיין זון איז אַ וווּנדערפולער מענטש, ס'מוז נעמען צייט, אפשר וועט די צייט אים... אפשר וועט ער ביסלעכווייז, איך האָף, איך באַגער דאָס אַזוי שטאַרק, פאַר אים, פאַר אים געוואָלט ווערן יונג, אַ מאַמע, וואָס זאָל קאָנען געפעלן. אָ, אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס איך רעד.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט אומגעדולדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויף אַ צייכן, אַז ער איז נישט מסכים מיט איר. ער האָט זיך געהאַט אָנגעשטויסן פון לאַנג, פאַרשטאַנען, נישט פאַרגעשטעלט זיך אָבער, ס'זאָל שוין האָבן זי אַזוי טיף אָנגערירט. גוט, וואָס זי האָט זיך אויסגערעדט, וואָס ס'איז דאָ אַ געלעגנהייט, דאָס קאָן ווערן אַ נייע געפאַר פאַר איר, דערצו טאָר מען נישט דערלאָזן:

— איר זענט מגזם, פרוי זאַקשטיין, היפּשלעך מגזם, ס'איז צוליב דער עמפּינדלעכקייט אייערער. ס'איז פאַרשטענדלעך, נאָר ס'וועט אַוועק, ס'וועט זיך אויסהיילן, ווי אַלץ היילט זיך ביי אייך אויס.

ער האָט געפילט, אַז ס'איז נישט איבערצייגנדיק; ער האָט איצט געמאָסטן די ווערטער, ער דאַרף נישט זאָגן קיין איבעריק וואָרט, זי דאַרף מער וויסן וועגן אַדאַמען, אָבער נאָר אַזוי פיל וויפל ס'איז איצט נייטיק:

— אַדאַם איז טאַקע אַ רעזערווירטער, זייער אַ פאַרמאַכטער, איר האָט דאָס גוט באַמערקט, אָבער נישט נאָר מיט אייך. יעדער מענטש האָט זיין כאַראַקטער, יעדער מענטש — אַ וועלט פאַר זיך. אַדאַם איז אַזאַ, ווי ער איז, אַזעלכן האָט מען אים ליב, מען אַכטעט אים, איר אויך, פרוי רעבעקאַ, נאָר כ'וויל איצט וועגן אַדאַמען נישט רעדן, ס'גייט אין אייך, איר זענט איצט דאָס וויכטיקסטע, איר קערט זיך צוריק אום צום לעבן, אייך פאַרפאָלגן נאָך בייזע רוחות, איר וועט זיך ביסלעכווייז באַפרייען, איר דאַרפט אַליין צוהעלפן דערצו. דאָס לעבן האָט זיינע געזעצן, איר דאַרפט נאָר דערפילן אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס, קודם

זיך איינאָרדענען, אָנהייבן אַרבעטן, אַלץ וועט רעמלט אויסזען אַנדערש, כ'בין זיכער.

זי האָט זיך צוגעהערט און טרויעריק געשמייכלט:

— פֿון אָנהייב אויך אַזוי געמיינט, אויך געווען זיכער, נאָר געטראַכט וואָס גיכער זיך צוריקצוקערן צום לעבן, געלעכצט נאָך אַ נאָרמאַל, נאָך אַן אַקטיוו לעבן, אָפּנעמען זיך! אָפּנעמען זיך מיט פּראָצענטער! געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון נעכטן, לעבן מיטן היינט, אַריינרייסן זיך מיט אַלע כוחות אין היינט. איז ער דען, הער פּראָפֿעסאָר, אָפּגעשלאָסן, דער היינט פֿון נעכטן? וואָס מער איך דערנענטער זיך... ניין, הער פּראָפֿעסאָר, ערשט איצט אויפֿסניי אַן אויסגעוואָרצלטע. ווו געפֿינען אַן אָרט אין אָט דעם נייעם לעבן? ווי אַזוי זיך אַריינגלידערן? ס'שרעקט פֿונדערווייטנס, די קלאַנגען וואָס דערגייען; כ'קוק וואָס ס'טוט זיך און פֿרעג זיך: איך צווישן דעם אַלעמען? ווי אַזוי לעבן אין אַזאַ וועלט? וואָס האָט זיך נישט אָפּגערייניקט, וואָס זוכט נישט זיך אָפּצורייניקן פֿון די, די...? וואָס בלייבט מיר צו טאָן? וואָס טאָן מיט זיך?

ער האָט זיך אַ ווײַלע געיִשובֿט צו ענטפֿערן אַזוי פּשוט, און פּאָרט געענטפֿערט:

— קודם זיך אומקערן וואָס שנעלער צו אײַער באַשעפֿטיקונג. דערנאָך, דערנאָך, פֿרוי רעבעקאַ, וועט איר אַליין אײַנזען; קודם זײַן באַשעפֿטיקט, אַ שעפֿערישע אַרבעט אַבסאָרבירט, גיט באַפֿרידיקונג. איר האָט זיך געקליבן צו שרײַבן אַ ווערק. טראַכט איצט דורך ווי אַזוי, וואָס; אָבער איך חזר איבער: קודם צו אײַער אַמאָליקער באַשעפֿטיקונג, איר האָט דאָך אַן אינטערעסאַנטע פּראָפֿעסיע.

איר אומעטיקער, דיסקרעטער שמייכל איז איבערגעגאַנגען אין אַן איראָנישן, ער איז ענלעך געוואָרן, דער שמייכל, צו דער אַמאָליקער גרימאַסע. זי האָט געפֿילט, ווי די גרימאַסע צעשפּרייט זיך איבערן פּנים, געוואָלט אויסבאַהאַלטן, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, געגערדט שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— אַן אינטערעסאַנטע פּראָפֿעסיע: לאָגיק. איך האָב אַמאָל זי געלערנט מיט מײַנע שילער.

זי האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום פּראָפֿעסאָר:

— הער פּראָפֿעסאָר, מײַן לאָגיק איז היינט אַן אַנדערע, זי האָט זיך פּאַרטיפֿט, אַרויסגעגאַנגען פֿון די ראַמען פֿון שול, פֿון בוך. איך באַנעם היינט לאָגיק מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענץ. לויט מײַן עלעמענטאַר־

לאָגישער פּאָרמול קומט אויס אַזוי: אויב געבילדעטע מענטשן, וויסנשאַפטלער האָבן געקאָנט איבער אַנדערע מענטשן... דערלויבט, דערלויבט, הער פּראָפעסאָר, כ'וועל אַנדערש פאָרמולירן, צו דעם דאַרף מען אפילו קיין לאָגישע פאָרמול נישט, אַ ריין מאַטעמאַטישע אויסרעכענונג: אויב מיטן פּרימיטיוון גאַז ציקלאָן האָט מען געקאָנט... וועט מען מיט סופּער־מאָדערנע מיטלען קאָנען... וואָס? הער פּראָפעסאָר, ס'האָט זיך זינט דעמלט אַזוי פיל געענדערט און אַזוי ווייניק געענדערט. צי זעט מען נישט ווי ווייניק ס'האָט זיך געענדערט?

די פראַגע איז געווען געווענדט נישט דירעקט צו אים, גיכער צו זיך אַליין. זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און איצט געווענדט אירע רייד צו אים:

— זינט כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט פון דעם לעטאַרגישן שלאָף, זוך איך כסדר, פריער זיך גופא, דערנאָך אַ זין אין דעם אַלעמען, כ'זוך טאַקע לאָגיק, אין דעם, וואָס ס'איז געכטן געווען, אין דעם, וואָס היינט. ווו איז זי, די לאָגיק? און איר, הער פּראָפעסאָר, ראַט מיר צוריק זיך פאַרנעמען מיט לאָגיק.

ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט. ס'האָט אויסגעזען, ווי אירע ווערטער וואָלטן אים עפעס דערמאָנט:

— אַ זין! אַ זין! אַ סך זענען מיר, וואָס זוכן אַ זין אין דעם אַלעמען, איר זענט נישט די איינציקע, פרוי זאַקשטיין, וואָס געפינט נישט. אויך פאַר אַ סך מענטשן איז זייער שווער זיך צוצוגעוווינען, נאָר מען געוווינט זיך צו אַפילו צו דעם, אַז מען קאָן זיך נישט צוגעוווינען. בײַם לעבעדיקן ווערט עס נאָרמאַל, נאַטירלעך, צומאָל דאָס, אַז ס'איז שווער צו געפינען פאַר זיך אַ שטיקל אָרט אויף דער וועלט. אָן דער־אָט לעבנס־פילאָזאָפיע וואָלט קיינער נישט געקאָנט לעבן. איר זענט דאָך, פרוי רעבעקאַ, אַ פילאָזאָף פון אויסבילדונג, זייט־זשע אויך אַ פילאָזאָף אין לעבן.

ער האָט אויפגעכאַפּט אירע שאַרפע בליקן, זיי האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן אויף אים, האָבן אַרומגעבלאָנקעט דאָ און דאָרט. די אויגן, טיפע, גלאַנציקע, זענען געלאָפן אין די אויגן־לעכער, ער האָט זיי אַ סך מאָל געזען אַזעלכע, די אויגן אירע. ער איז ערנסטער געוואָרן, דער טאָן איז אָבער פאַרבליבן אַ היימישער, אַ נאָענטער. ער האָט איצט געפּרוווט זיין זאַכלעכער, אפשר וועלן אויף אַן אַנדער אופן זיינע ווערטער טרעפן צו איר:

— פרוי רעבעקאַ, איר זענט אַרויס פון אַ שווערן צושטאַנד. אַ

זעלטן גליק. לויטן שכל וואָלט אַ מענטש אין אַזאַ פֿאַל געדאַרפֿט זיך פֿילן גליקלעך. פֿאַראַן אָבער די מענטשלעכע עמפֿינדלעכקייט, ביי יעדן מענטש אַן אַנדערע. אייגנטלעך איז נאָך דעם אַלעמען נאָרמאַל אַזאַ עמפֿינדלעכקייט, אָבער פֿון מענטש גופֿא איז אַ סך אָפּהענגיק. איר זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ פֿרוי מיט ערודיציע, איר מוזט קאָנען אַליין זיך איבערצייגן, זיך אָנוואַרפֿן אַן איבערצייגונג. אין שווערע באַדינגונגען האָט איר אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן ווילן, ס'האָט אייך געהאָלפֿן, דאָס האָט אייך צומייסטן געהאָלפֿן. איר פֿאַרשטייט אין וואָס ס'גייט מיר? איך בין זיכער, פֿרוי רעבעקאַ, אַז איר פֿאַרשטייט, אייך איז נאָך שווער, איך האָב אָבער צוטרוי צו אייך. איך ווייס, איר זענט אַ קלוגער מענטש, איר פֿאַרשטייט, אַז מען מוז זיך גופֿא איבערצייגן.

זי האָט געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט נישט באַנומען וואָס ער איז אויסן. איר פּנים האָט זיך ביסלעכווייז באַצויגן מיט אַ וואָלקן ווי אַמאָל, אין די אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַן אומהיימלעכער פֿלאַם; זי האָט געהאַט מעכאַניש צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּן. אַז זי האָט געעפֿנט דאָס מויל, האָט די אונטערשטע ליפּ אונטערגעציטערט, די שטימע אירע אַ פֿאַרטויבטע, ווי זי וואָלט זי מיט אַלע כּוחות געצווימט, זי זאָל זיך צו הילכיק נישט אַרויסרייסן פֿון ערגעץ טיף:

— ניין, הער פּראָפֿעסאָר, איך פֿאַרשטיי גאָרנישט! איך קוק אַרום זיך, הער זיך צו, און פֿאַרשטיי נישט! און איך האָב מורא, ס'שרעקט מיך, יענע שרעק הענגט ווידער איבער מיר, זי שפּינט זיך אַלעמאָל מער אויס. אַנדערע האָבן זיך מסתמא צוגעוווינט, איך קאָן נישט. נישט לאַנג זיך אויפֿגעוועקט, כ'קאָן זיך בשום אופֿן דערצו נישט צוגעוווינען. און איך וויל נישט!

זי האָט דעם לעצטן זאַץ כמעט אויסגעשריגן און צוזאַמענגעדרענגט זיך, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן און איינגענורעט אין זיך גופֿא. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט זייטיק, די ווײַלע האָט זיך געצויגן. פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט אויך געשוויגן, בעסער נישט אָנרעגן זי איצט צו רעדן, זי וועט זיך אָפּקילן נאָכן אויסברוך. דאָס פֿייער אין איר האָט זיך נישט אָפּגעקילט. זי האָט פּלוצלונג אויסגעדרייט דעם קאָפּ. איר פּנים האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט זי באַפֿאַלן אַ נײַע אַנגסט:

— זיי זענען אויף לאַנגע יאָרן געהאַט פֿאַרשוווּנדן פֿון מײַן זכרון, יענע פֿון דאָרטן, איצט וואַקסט אויס פֿאַר מײַנע אויגן אַלעמאָל אַן אַנדער פּרצוף, מיט רויטע, וועלפֿישע אויגן, דער וועלפֿישער פּיסק חוזקט

פון מיר, שפייט מיר אין פנים; ביינאַכט, אין שלאָף ציען זיך צו מיין לייב קויטיקע הענט מיט וועלפישע נעגל. זיי קומען יעדע נאַכט צו לויפן, די משחיתים, די פון דאָרטן, און די פון דאָ; זיי האָבן דעם זעלבן וועלפישן פרצוף, זיי שטעלן זיך אַרום מיר אין אַ קאַראָהאָד, שפּרינגען און טאַנצן ווילד, טריומפירן, לאַכן אָפּ, רייצן זיך מיט מיר. אָ, הער פּראָפעסאָר... אומדערטרעגלעך! זיי זענען דאָך נישט נאָר אין מיינע קאָשמאַרנע חלומות, זיי זענען אויך אויף דער וואַר. זיי זענען אומעטום. איר ווייסט דאָס, הער פּראָפעסאָר, אַלע ווייסן. דער באַוווסטזיין, אַז יענע זענען היינט צווישן אונדז! טיילמאָל דוכט זיך מיר, איך גיי צווישן מענטשן און אָט שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ אַ וואָלף, ער וואַרפט זיך מיט די ציין צום האַלדז, איך פיל די שאַרפע ציין איינבייסן זיך אין מיין פלייש. דאָ, דאָ פיל איך די ציין זיינע! פאַר וועמען זאָל איך דאָס דערציילן, אויב נישט פאַר אייך, הער פּראָפעסאָר?

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אויפגעהויבן זיך פון שטול און געזוכט עפּעס מיט די אויגן, דערזען דאָס אָפענע פענצטער און לאַנגזאַם צוגעגאַנגען, ווי ס'וואָלט איר לופט פאַרפעלט. פּראָפעסאָר אַנדריטש איז געזעסן אַ שווייגנדיקער, איינגעהערט זיך אין איר האַסטיקן עטעמען. באַלד זענען צו זיינע אויערן ווידער דערגאַנגען אירע ווערטער, שטילע און ציטערנדיקע, ווי געווענדט צום דרויסן, צו דער וועלט:

— גאָט האָט אַמאָל געוואָלט אַראָפּשווענקען דאָס רשעות פון דער וועלט און געבראַכט אַ מבול, דערנאָך געלאָזן אַ צייכן אויפן הימל, אַז ער וועט מער קיינמאָל קיין מבול נישט ברענגען. אויף אונדז האָט אַ מבול געבראַכט דער משחית, כדי אַראָפּצושווענקען דאָס גוטע פון דער ערד. דער מבול איז אָפּגעטראָטן, און קיין צייכן איז נישטאָ, אַז דעם מענטש וועט מען מער נישט שינדן און ברענען. אַלע האָבן זיך צוגעווינט, וועל איך זיך אויך צוגעווינען? איך אויך? איך, וואָס בין איצט תחית המתים אויפגעשטאַנען און הייב אָן צו טרעטן איבער דער ערד נאָכן מבול? זאָל איך?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויפגעשטעלט. צו וועמען האָט זי געווענדט איר פראַגע? וואָס האָט זי געפרעגט? ער האָט נישט איבערגעפרעגט; ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר. איר פנים איז פאַ־אים איצט געווען פאַרהוילן, זיין אייגן פנים איז איצט בלאַסער געווען, ווי געווינלעך, זיין הויכע געשטאַלט האָט איצט אויסגעזען, ווי זי וואָלט קלענער געוואָרן, איינגעבויגן זיך, ווי געווינלעך אין שווערע מינוטן,

עפּעס האָט אים געגאָגט ביים האַרץ, געטריקנט אין האַלדז. זיין נצחון! דאָס אָנגענעמע געפיל האָט איצט אַ גאָר ביטערן טעם. נצחון! טריומף פון מענטש! ער האָט עס געהאַט געהערט. נאָר וואָס האָבן דאָ אַזעלכע פאַרשולדיקט? און אפשר טראָגט יעדער מענטש, יעדער פון אונדז אַ שולדיקייט? יעדער אויף זיין אופן? ניין, נישטאָ איצט קיין צייט דערויף.

ער האָט זיך באַמיט אָפּצוטרייסלען פון זייטיקע געדאַנקען, ער מוז איצט ווידער געפינען אַ וועג צו איר. זיין לאַנגע שטרייט זי אומצוקערן צום לעבן האָט זיך נישט פאַרענדיקט. ער האָט זיך געלאָזן אָפּגערופן:

—— פרוי רעבעקאַ, איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, איך וויל איר זאָלט אויך פאַרשטיין. אַזוי טאָר אַ מענטש נישט! אַ מענטש! איר ווייסט דאָך וואָס דאָס איז? אַ מענטש בלוטיקט, ליידט, בענקט, ברעכט זיך, זוכט אין דער פינצטער, צייטנווייז ברעכט ער זיך אָט-אָט פאַנאַנדער, און ער איז שטאַרקער פון אייזן, ווייל ער גיט זיך נישט אונטער. אין דעם באַשטייט דער תמצית פון עם מענטש. מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן, און זיך נישט אונטערצוגעבן מוזט איר באַפרייען אייער מוח פון דעם אַלעמען, צי הערט איר מיך?

זי האָט געהערט, אויסגעדרייט זיך צו אים, געפרעגט שטיל, אָבער אירע אויגן האָבן געשריגן:

— באַפרייען דעם מוח פון דעם אַלעמען? ווי אַזוי? הער פּראָפעסאָר, זאָגט מיר, ווי אַזוי? ווי גיך איך דערוויס זיך, איך הער וועגן יענע, זיי זענען דאָ, דאָרט, דערזע איך פאַרבלוטיקטע גלידער, אַרויסגעריסענע פון לעבעדיקע לייבער, איך דערזע וואַנזיניקע, אויסגעלאָשענע אויגן, פאַרברענטע מיילער מורמלען, רופן, שרייען שטומערהייט. איך הער ווידער די גסיסה-כאָרכלען, און אַזוי פיל אויגן קוקן אויף מיר, שרעקלעכע אויגן! דער ריח פון פאַרברענטע, פאַרסמאַליעטע לייבער, ער גייט מיר ערשט איצט נאָך יענער ריח, און איך שעם זיך פאַר יענע לייבער, איך שעם זיך פאַר מיין אייגן צעקאַליעטשעט לייב, פאַר אַלץ, פאַר דער זון און ליכטיקן טאָג, פאַרן גריגעם בוים און פאַרן פייגעלע, וואָס זינגט אויף דער פריי, און איך שעם זיך צוליב די מענטשן, וואָס שעמען זיך נישט. פאַרוואָס שעמט מען זיך נישט צו קוקן אונדז אין די אויגן? איר, הער פּראָפעסאָר, פאַרשטייט מיך, איר הערט מיך אויס. די וועלט וויל מער נישט הערן, מענטשן ווילן מער נישט הערן

און נישט וויסן וועגן דעם, מען וויל פאַרגעסן, און איך קאָן בשום אופן נישט פאַרגעסן.

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זיך צוריקגעזעצט און איר אָנגעוויזן אויף אַ פאָטעל, זאָל זי זיך זעצן, ער הערט זי. זי האָט געפאָלגט, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און ווייטער געצויגן, שטיל, געלאַסן, ווי זי וואָלט רעציטירט אַ תפילה:

— גאָט האָט דערהערט די שטים פון הבלס בלוט, קין האָט דערהרגעט זיין ברודער באַהאַלטענערהייט, און דאָס געשריי פון זיין בלוט איז דערהרגעט געוואָרן. אונדז האָט מען געשאָכטן, געשונדן, געברענט אויף די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, און דאָס געשריי פון די געשאָכטענע... און די קינס גייען אַרום איבער דער וועלט מיט אויפגעהויבענע שטערנס; אין קינס צייטן האָבן מענטשן געלעבט אין היילן, היינט...

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. רעבעקאַ איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל, מיט די נישט אַרויסגעזאָגטע ווערטער אין האַלדז. מאַריאַ האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און געעפנט די טיר. זי האָט זיך געאײַלט, געקומען דערמאָנען, אין אַ פערטל שעה דאַרף דער פּראָפעסאָר זיין אין אינסטיטוט. ער האָט געדאַנקט פאַרן דערמאָנען, ער האָט נישט פאַרגעסן. מאַריאַ האָט זיך נישט באַגנוגנט, געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי איר מיסיע וואָלט נאָך נישט געווען פאַרענדיקט.

רעבעקאַ איז צו זיך געקומען, אויפגעשטאַנען, דערמאָנט זיך, זי האָט מיסגעברויכט מיט זיין צייט, מיט זיין גוטסקייט; געקומען איז זי דאָך נאָר צוליב איין זאַך, זיך פאַרגעסן און נאָכגעלאָזט די לייצעס פון איר געמיט. זי האָט געוואָלט זיך געזעגענען. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט זי פאַרהאַלטן. מאַריאַ האָט געקוקט בייזלעך און ווידער דערמאָנט:

— הער פּראָפעסאָר, דער זייגער רוקט זיך, זייער שפּעט.

— מאַריאַ האָט שוין דערמאָנט!

זי האָט בייז א קוק געטאָן אויף רעבעקאַן און אויסגעשאָסן:

— אַמאָל דאַרף מען דערמאָנען עטלעכע מאָל.

אָפּגעזאָגט און אַוועק. רעבעקאַ האָט ווידער אויסגעצויגן די האַנט און אָנגעהויבן זיך אַנטשולדיקן, פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט איר האַנט נישט אָנגענומען: ניין, זי וועט איצט נישט אַוועקגיין, זי איז זיין גאַסט. קודם זאָל זי זיך זעצן. צו זייער מאַריאַ דאַרף מען זיין געוווינט, אַ ספּעציעלער עקזעמפּליאַר, אַ גוטער מענטש, איבערגעגעבן מיט לייב און

לעבן, טראָגט אַלץ אויפֿן קאָפּ, נאָר איין גרויסער חסרון, אַ ווילדע אויפֿריכטיקייט, לייגט אַלץ אַרויס, וואָס זי טראַכט.

רעבעקאַ האָט זיך אַנטשפּאַנט. זי האָט איצט אויסגעזען, ווי זי וואָלט פּלוצלונג זיך אויסגעטאָן פֿון דער קלעם, וואָס האָט זי ביז איצט געהאַלטן, מיט איינמאָל אָפּגעטרייסלט זיך. דאָס, וואָס זי האָט אָקאָרשט אויסדערציילט, האָט איר געפּרעסט דאָס האַרץ און איצט איז איר לייכטער געוואָרן. זי האָט בלאַס אַ שמייכל געטאָן און אונטערגעכאַפּט דעם פּראָפֿעסאָרס ווערטער:

— אַ חסרון צו זאָגן וואָס מען טראַכט? הלוואַי וואָלטן אַלע מענטשן געהאַט אַזאַ חסרון.

פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט זיך אויך אַנטשפּאַנט, גלייך איר אָפּגעענטפֿערט:

— אָ, ניין, פֿרוי רעבעקאַ, אַ טעות. ווען מענטשן וואָלטן ביי יעדער געלעגנהייט געזאָגט אַלץ וואָס זיי טראַכטן, און וואָס זיי טראַכטן איינע וועגן די אַנדערע, וואָלטן זיי אויף שטענדיק געווען געשלאָגענע מענטשן.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט: ער מוז קלינגען, צווישן געבן, אַז ער וועט נישט קומען.

ווען פּראָפֿעסאָר אַנדריטש האָט געקלונגען, איז ערשט רעבעקאַ אויף רעכט צו זיך געקומען. וואָס האָט זי דאָ אָפּגעטאָן? אַריינגעריסן זיך, געזאָלט בלייבן קורץ, און פֿאַרנומען אַזוי פֿיל צייט. און ווי איז דאָס געשען, וואָס זי האָט זיך אַזוי צעשרויפֿט? אָפּגעלאָזט אַלע צוגלען, נישט איינגעהאַלטן די צוימען, דאָס האַרץ האָט זיך צעפּראַלט, ס'האָט אַרויסגעשטראָמט, אַ סימן ס'איז נאָך נישט אין אָרדענונג מיט איר. „פֿון קראַנקן איז אַ סך אָפּהענגיק". ער איז מסתמא גערעכט. די גאַנצע צייט זיך געצוימט, אויסגעהיטן זיך צו דערמאָנען אין די בריוו, פֿאַרקערט, געשריבן... דעריבער דאָ אַזוי אַרויסגעפּלאַצט. צי ווייל ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט, אָדער צוליב דער געוווינהייט מיט אים? ער האָט שטענדיק אַזוי גענוי אויסגעפֿרעגט, זי האָט אַזוי לאַנג געוואָלט עפֿענען דאָס האַרץ, נאָר ס'איז פֿאַרשלאָסן געווען אויף זיבן שלעסער. איצט עפֿנט זיך עס פֿון זיך אַליין, קען איר ווילן, פֿאַר אים דעם ערשטן אַזוי. ס'האָט געוואַרט, זי האָט זיך אַליין קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן. אַ סימן, זי האָט נאָך נישט אינגאַנצן די קאָנטראָל איבער זיך. ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ פֿאַרדרוס אויף זיך, האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר אים, זי באַדויערט, איר ציל איז געווען נאָר זיך צו איבערצייגן, קען איר ווילן גע=

לאָזט פאַלן אַזוי פיל ווערטער, דערצו נאָך מצער געווען, זי וועט איצט מער נישט שטערן.

ער האָט זי ווידער אָפּגעהאַלטן:

— ניין, ניין, איר שטערט נישט, איצט שוין נישט. זעט איר, אַ מענטש האָט אַ סך באַשעפטיקונגען, אַלץ קאָן מען בשום אופן נישט, מוז מען מאַכן אַן אויסוואַל, וואָס וויכטיקער. אין אינסטיטוט קומען זיך איצט צונויף מענטשן און מען וועט רעדן, מער גאָרנישט, כ'בין דערצו נישט אומבאַדינגט נייטיק דאָרט. דאָ בין איך איצט נייטיק, כ'האָב אייך אויסגעהערט און דאַרף אייך ענטפערן: איר האָט מיר געמאַכט היינט אַ סך סורפריזן, זייער גוטע, און אויך, ווי זאָל איך זאָגן?

זי האָט דערזאָגט פאַר אים:

— אומאָנגענעמע. נישט ווילנדיק, זייט מיר מוחל, הער פראָפעסאָר.

— נישט אין דעם גייט, פאַרקערט, כ'בין אייך דאַנקבאַר פאַר דער אָפנהאַרציקייט, פאַרן צוטרוי. איר זענט זיכער געקומען צו מיר נישט נאָר ווי צו אייער דאָקטער, נאָר אויך ווי צו אייערן אַ פריינד. וויל איך איצט רעדן צו אייך נישט ווי אַ דאָקטער צו זיין פאַציענט, נאָר ווי אַ מענטש צו אַ מענטש, מיר זענען מענטשן פון זעלבן שניט, נישט אמת? יעדער פון אונדז האָט זיין זמאָרע, וואָס פאַרפאָלגט אים, שפּייט אים אין פנים, קריצט מיט די ציין; כ'ווייס, אייערע זמאָרעס זענען נישט די זעלבע. נאָר ווייסט איר ווען זיי וואַרפן זיך צום האַלדז? ווען מע לאָזט זיך, ווען מען גיט זיך אונטער, יעדערן שפּרינגען זיי דעמלט צום גאָרגל. איר, פרוי רעבעקאַ, געהערט נישט צו די, וואָס גיבן זיך אונטער, אַלע וואָס קענען אייך, באַוווּנדערן אייך, איר דאַרפט קאָנען...

ער האָט באַמערקט אַ צוק פון די געזיכט-מוסקולן, ווי אַמאָל, און איבערגעריסן. זי איז געזעסן ווי מיט יאָרן צוריק און געהערט מיט דערוואַרטונג זיך עפּעס צו דערוויסן; זי האָט איצט דערמאָנט די אַמאָליקע אַמנעזטיס. ער האָט געוואָלט גלייך איבערגיין צו אַן אַנדער טעמע, ער וועט איר דערציילן וועגן אַדאַמען, וועגן עוואַן. זי איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, שטיל געפרעגט:

— וואָס דאַרף איך קאָנען? איר זאָגט, הער פראָפעסאָר, איך דאַרף... וואָס?

— איר דאַרפט קאָנען זיך פרייען מיט זיך, אַ מענטש דאַרף קאָנען זיך פרייען מיט יעדן טאָג. דער היינטיקער טאָג, וואָס גייט אַוועק, וועט

שוין נישט צוריקקומען, און איר, איר, פרוי רעבעקאַ, אַ געוואונען לעבן, צוריקגעוואונען דעם זכרון.

אַמאָל דאַרף מען אויך אַזוי. ער האָט עס אָבער געזאָגט מיט איבער־צייגונג. זי האָט ווייטער געקוקט אויף אים שווייגנדיק מיט בעטנדיקע אויגן, ווי זי וואָלט ווייטער געזוכט ביי אים אי אַ באַשייד, אי אַן אָנשפּאַר; אָן אַ שיעור פראַגן, וואָס עקבערן איר דעם מוח, שטופּן זיך אויף דער צונג. זי האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איך, איך, הער פּראָפעסאָר, כ'ווייס נישט ווי אַזוי, באַנעם נישט. אַ מענטש, וואָס איז דאָס אַ מענטש? איר האָט אָקאָרשט גערעדט דער־וועגן. און יענע? יענע אויך...?

זי האָט געפילט ווי די צונג פּלאָנטערט זיך איר; אַלעמאָל אַזוי, ווען עס עקבערן די־אָ פראַגן. זי מוז זיך אָנשטרענגען אויסצודריקן זיך קלאָרער. זי האָט צונויפגענומען די כוחות און רואיק געפרעגט:

— הער פּראָפעסאָר, איר, איר קענט אַזוי גוט די פאַרבאָרגענישן פון מענטשלעכן מוח. פאַרוואָס איצט? נאָך יענעם מבול...?

פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט גוטמוטיק געשמייכלט. ער וואָלט איצט געוואָלט האָבן אַזויפיל הומאָר ווי זיין יידישער קאָלעגע; יענער וואָלט מסתמא געוווסט וואָס איר צו ענטפערן. ער האָט בלויז געזאָגט:

— פרוי רעבעקאַ, איר פאָדערט צופיל פון דעם אַלטן פּראָפעסאָר. אפשר וועלן מיינע סטודענטן אין מיין עלטער בעסער ווייסן, אפשר וועט די פּסיכיאַטריע אַמאָל דינען דערצו. מענטשן, אין וועמענס הענט עס ליגט דער גורל פון אַנדערע מענטשן, דער גורל פון דער וועלט, וועלן מוזן לאָזן זיך אונטערזוכן פון אַ גוטן פּסיכיאַטער, אַזוי ווי מען אונטער־זוכט היינט דעם אָרגאַניזם פון אַ קומענדיקן פּילאָט, אַ קאָסמאָנאַוט; דערווייל, דערווייל מוזן מיר לעבן אין אַזאַ וועלט, און מיט אַ פול, נאָר־מאָל לעבן.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר:

— פון אייך, פרוי רעבעקאַ, דערוואַרט איך אַ סך, נאָר קודם מוזט איר זיך אָפּגעפינען, צוריקקערן צום לעבן. אויסערן לעבן, אויף זיין ראַנד זיין, קאָן מען גאָרנישט. אַ מענטש דאַרף קאָנען פאַרזוכן פון זיין גליק. איר האָט צוריקגעוואונען אייער זון, אייער זכרון!

— כ'בין איצט אינגאַנצן דער זכרון פון דאָרטן...

— ביטע!

איר לעצטן זאַץ האָט ער נישט געהערט, אַזוי שטיל האָט זי דאָס געזאָגט. פּראָפעסאָר אַנדריטש האָט געענטפערט אויפן קלאַפּ אין טיר. זי האָט זיך אומגעדרייט און אַ צאַפּל געטאָן. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַדאַם, אַן איבערראַשטער, ווי ס'וואָלט אים דעם אָטעם פאַרהאַקט. רעבעקאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון שטול, דער דאָרטן איז פאַרשוונדן פון דמיון, זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום זון:

— דאַניעל!